STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10118

AN OYSGETRAKHTER EMES

Saul Raskin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַן אויסגעטראַכטער אמת

אַן אויסגעשטראָפטער גאָט

אַ מיסטישער ראָמאַן

פון

שאול ראַסקין

ניו־יאָרק — 1956

A FANCIED TRUTH

Mystic Novel

by

SAUL RASKIN

Copyright 1956 *by*
SAUL RASKIN
New York, N. Y.

Printed in the U. S. A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East 4th Street, New York 3, N. Y.
253

צו מיינע לייענער

אַ דערקלערונג, אַ וואָרענונג און אַ בקשה

איך וויל דאָ קלאָר מאַכן דעם שטייגער שרייבן פון מיין בוך. איך האָב זיך פאַרנומען צו דערציילן אַ מעשה, וואָס איז רעאַליסטיש אין פרטים און איז ניט רעאַליסטיש אין דעם צוזאַמענשטעל פון די דאָזיקע איינצלהייטן. דאָס, האָב איך מורא, קען אַרויסרופן אַ ווידערשטאַנד פון מיינע לייענער צו מיר, אפשר גאָר אַן אומגעדולד, ווי צו איינעם, וואָס וויל דערציילן עפּעס, וואָס לאָזט זיך ניט גלויבן. און זיי קענען, חלילה, אויפהערן לייענען אין אָנהויב, אָדער אין דערמיטן, וואָס דאָס וואָלט געווען אַן עוולה. גרעסערע ווערק פון מיינעם זיינען אַזוי געבויט געוואָרן, אפשר די גאָר גרויסע, און מען הערט זיי ניט אויף צו לייענען צוליב דעם. אין דער מאָלעריי איז אָפט צו טרעפן אַזאַ שטייגער, זייער רעאַליסטישע דעטאַלן און אַ פאַנטאַסטישער צונויפשטעל פון זיי. אַזעלכע קינסטלער ווערן גערופן סור־רעאַליסטן. אייניקע פון זיי האָבן זיך דער־דינט גערופן צו ווערן מאָלער־מעטאַפיזיקער, וואָס הויבן אָן זייער מאָלן מיט ד אָ און ענדיקן מיט נ י ט ־ ד אָ.

מיין וואָרנונג צו מיינע לייענער איז — זיי זאָלן מיין מעשה ניט אָננעמען פאַר אַן אויטאָביאָגראַפיע, אַן אָפענע, אָדער פאַרשטעלטע. ס'איז עס ניט. ס'איז אויטאָביאָגראַפיש, אָבער ס'איז ניט קיין אויטאָ־ביאָגראַפיע. דאָס הייסט, אַז עס זיינען דאָ שטריכן, פיגורן און עפּיזאָדן, וואָס קענען דוכטן צו זיין באַקאַנט, ענלעך צו דערקענען, אָבער ס'רוב פערזאָנען און פּאַסירונגען זיינען צוגעטראַכטע, ווי עס איז דער שטייגער פון בעלעטריסטישע ווערק. ס'איז ניט קיין אויטאָביאָגראַפיע, אָפילו נישט קיין מאַטעריאַל פאַר אַ ביאָגראַפיע. ניט דאָס בין איך אויסן געווען.

וואָס זשע בין איך יאָ אויסן געווען?

מיין באַגער איז געווען איבערצוגעבן אַ צאָל געדאַנקען וועגן לעבן און טויט, טויט און לעבן, אומשטערבלעכקייט, גאָט און נשמה, געדאַנקען מיט וועלכע איך טראָג זיך שוין אַרום יאָרן לאַנג.

קען דאָך דער לייענער מיך פרעגן: איז דען נויטיק געווען פאַר געדאַנקען און געדאַנקלעכקייטן דער בעלעטריסטישער באַלאַסט?

בין איך זיך מודה און מתוודה, אַז אַ גאָר קלאָרן פאַרענטפער קען איך ניט געבן. ס'קען זיין, אַז איך האָב געמיינט, אַז די געדאַנקען, אָפט

צו אַבסטראַקטע און קאָמפּליצירטע וועלן אפשר גרינגער אויפגענומען ווערן, ווען איך וועל זיך באַנוצן מיט אַ דערציילערישן מעטאָד. און אפשר אויך, ווייל מיר האָט זיך געוואָלט ניט נאָר עפּעס זאָגן, נאָר אויך עפּעס דערציילן. ס׳איז אַ זאַך וואָס טרעפט אָפט מיט מאָלערס, אַז זיי האָבן מער זאַכן צו דערציילן, ווי זייער קונסט פון מאָלן דערלויבט עס זיי. נעמען זיי זיך אָפט פאַר אַ צווייטן מעדיום, וואָס ליגט ביי דער האַנט, אויף זייער טיש, ביי דער זייט פון זייער פּינדזל — די פען.

איך האָף אַז דאָס, וואָס איך דערצייל דאָ, די מענטשן און זייערע מעשים, וועלן געפינען אינטערעס און חן ביי מיינע לייענער.

מיין בקשה צו מיינע לייענער, נישט צו דערלויבן די אלע ספקות און שאַלות, זיי זאָלן שטערן איבערצולייענען מיין בוך ביז די לעצטע שורות.

איך רוף אָן מיין בוך „אַן אויסגעטראַכטער אמת”. איז דער א ו י ס ג ע ט ר אַ כ ט ע ר טייל אין אָנהויב, און דער א מ ת, דענק איך, געפינט זיך ביים סאָמען סוף.

ש. ר.

ערשטער טייל

פּראָלאָג

ס׳איז געווען אַ געדיכט־טומעלדיק און שווערער טאָג פֿאַר לעאָן קאַסטינס אין זיין סטודיאָ. ער איז געווען באַלאַגערט פֿון באַזוכער צופֿיל פֿאַר זיינע עטלעכע מאָרגן־און נאָכמיטאָג־שעה׳ן. אַ יונגער ראַביי איז געקומען פֿון אַ מיד־אַמעריקאַנער שטעטל, באַגלייט פֿון זייער אַ באַרעדעוודיקער פֿרוי, בעטן דעם מאָלער פֿאַר־צולייגן צייכענונגען פֿאַר זעקס־פֿאַרביקע פֿענסטער אין אַ טעמפּל, וואָס זיין קהילה וויל בויען. אַ זייער פֿאַרטרויערטע מוטער, וואָס האָט פֿאַרלוירן איר טייערינקן אינגעלע, האָט געבראַכט עטליכע בלאַסע פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון וועלכע דער מאַלער זאָל מאַכן אַ פּאָרטרעט אין אויל־פֿאַרבן, אַזוי, אַז דאָס קינד זאָל שטיין ווי לעבעדיק פֿאַר אירע אויגן, אים קיינמאָל נישט צו פֿאַרגעסן.

אַ פֿאַרצווייפֿלטער יונגער מאַלער איז געקומען מיט אַלע זיינע פּראָבלעמען אין דער האָפֿענונג צו קריגן הילף און עצות. אַ קאָמיטעט האָט פֿאָרגעלייגט צו אַראַנזשירן אַן אויסשטעלונג פֿון זיינע בילדער און אַ לעקציע מיט אים אין אַ קאָמיוניטי־צענטער פֿון אַ דערבייאיק שטעטל. און אינצווישן טעלעפֿאָן־און גלעקלעך־געקלאַנג... נישט־ריכ־טיקע נומערן, נישט נויטיקע געשעפֿטן... אַ טעלעגראַם איז אויך אָנ־געקומען פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער קונסט־געזעלשאַפֿט, אַ דערמאָנונג וועגן אַ באַנקעט דעם אָוונט, זיבן אַזייגער גענוי, אויף וועלכן ער איז באַשטימט צו האַלטן אַ דרשה.

דאָס אַלץ איז געווען צופֿיל פֿאַר לעאָן קאַסטינס. ער האָט נאָך געליטן פֿון אַ פֿאַרקילונג וואָס איז אים באַפֿאַלן עטליכע טעג צוריק. זיין קאָפּ האָט אים נאָך ווײ געטאָן, זיינע ביינער האָבן אים געבראָכן, און די מוסקלען זיינען געווען שטייף. ער איז דאָך שוין ווייט אין די יאָרן אַריין. צו זעקס אַ זייגער, ווען ער האָט זיך איבערגעטאָן פֿאַר דער אָוונט־איינלאַדונג, איז ער געווען גרינטלעך מיד, מער פּאַסיק פֿאַר זיין געלעגער ווי פֿאַר אַ באַנקעט.

אַרויסגייענדיק פֿון הויז האָט ער געוואָלט נעמען אַ טעקסי, אָבער

ס׳איז גראָד נישט געווען עס צו געפינען, אַזוי אַז נאָך אַ ווײַלע וואַרטן האָט ער זיך געלאָזט גיין.

ער איז קוים אָפּגעגאַנגען אַ גאַס־ווייט פון סטודיאָ, ווען אַ יונגערמאַן, שטייענדיק ביי דער טיר פון אַ קליין שולכעל, האָט אים אָפּגעשטעלט און זייער העפלעך פאַרבעטן אים צו זיין אַ צענטער אין אַ מנין אידן, וואָס וואַרטן אינעווייניק. ער דאַרף זאָגן קדיש נאָך זיין פאָטער. עס וועט נישט נעמען לאַנג, אַ קורצע פערטל שעה, נישט מער, זייט אַזוי גוט... לעאָן קאַסטינס האָט שוין געוואָלט אָפּזאָגן, אָבער דער בעטנדיקער טאָן פון אַ געטרייען זון האָט גערירט זיין האַרץ און ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג.

דאָס שולכל איז באמת געווען קליין און שאָטנדיק. די בענק ווייט צערוקט, אויסמאַכנדיק איזאָלירטע ערטער און נישט באַלויכטענע ווינק־לען. לעאָן קאַסטינס האָט פאַרנומען אַזאַ פּלאַץ, האָט אויפגעמישט דעם סידור וואָס מען האָט אים דערלאַנגט, און האָט זיך אָנגעשלאָסן מיט זיין שטים אָן דעם מנין וואָס האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן דאַווענען. ווען מען איז אויפגעשטאַנען צו דער שמונה־עשרה האָט ער דערהערט מיט אַלע זיינע חושים די ווערטער:

„ונאמן אתה להחיות מתים: ברוך אתה יי מחיה המתים:״ — „באַ־גלויבט ביסטו אויפצולעבן די טויטע, געבענטשט זיי, גאָט, דער וואָס איז מחיה המתים״.

לעאָן קאַסטינס האָט דערפילט אַז זיינע קני קענען אים מער נישט אויפהאַלטן, אַז ער שטייט נישט מער, נאָר זיצט פלאַך אויף זיין באַנק, מיט אויגן צוגעמאַכטע, און אַז אַ זיסער דרימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אים, אים געדיכט אַרומגעוויקלט ווי קיינמאָל פריער, געדיכט און דורכזיכטיק, שוואַרץ און ליכטיק.

טויט און לעבן

לעאָן קאַסטינס האָט זיך אַוועקגעזעצט און באַקוועם אַריינגעפּאַסט אינעם גרויסן, אַלטן רו־שטול, צו לייענען זיין מאָרגן־צייטונג, צו וועל־כער ער האָט זיך צוגעוואוינט דורך אַ סך יאָרן, געקענט יעדן ווינקל און זי ליב געקראָגן. לייענען די צייטונג אין דער פרי איז ביי אים געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון טאָג׳ס אָרדנונג. ווי געדיכט און וויכטיק דעם טאָג׳ס געשעפטן זאָלן נישט זיין — לייענען די צייטונג אין דער פרי האָט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלט, אָדער אָפּגעטאָן אין איילעניש. דאָס לייענען האָט שוין ביי אים אָנגענומען אַ באַשטימטן סדר און שטייגער. צוערשט אַ בליק געוואָרפן אויף די הויפּט־קעפּלעך פון די נייעסן, דערנאָך אויך אויף דער ליסטע ענינים וואָס דאַרפן דעם טאָג פאָרקומען אין שטאָט, מיט דעם געדאַנק אומצוקערן זיך צו זיי אַביסל שפּעטער. איידער ער פלעגט אָנהויבן באריכות לייענען, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרפעלט אויף אַ רגע אַריינצובליקן אין דער זייט פון דער צייטונג, וואו ס׳ווערן געמאָלדן טויטן־פאַלן פון לעצטן מעת־לעת און די צייט פון זייערע לוויות.

די דאָזיקע זייט אין זיין צייטונג האָט פאַר אים געהאַט עפּעס אַ באַ־זונדערן אינטערעס. די פּאָרטרעט־בילדער פון די פאַרשטאָרבענע, זייערע נעמען, עלטער, ביאָגראַפיעס, און ווען זיי לאָזן נאָך זיך איבער, האָבן פאַר לעאָן קאַסטינס געהאַט אַ טיפן אינטערעס, וואָס האָט זיך קוים געקענט דערקלערן מיט זיין אייגענעם עלטער, געזונט־צושטאַנד, פּלאַץ און ראָלע אין לעבן. די פּנימער פון די נאָר־וואָס אָפּגעשיידטע האָבן עפּעס זעלטן אין זיינע אויגן געשטימט מיט די נאָכריכטען וועגן זייער טויט, עלטער און פּראָפעסיע. און עס פלעגט אים שטענדיק וואונדערן, ווי אַזוי דער רעדאַקטאָר פון דעם בלאַט האָט אַזוי גיך און אַזוי גוט זיך דערוואוסט די ביאָגראַפיע פון דעם נפטר, זיין בילד געקראָגן, און ווי אַזוי דאָס אַלץ האָט אים דערגרייכט אַזוי שנעל. נישט אַנדערש אַז דער מלאך המות אַליין איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס רעפּאָרטער, אָדער ער רעדאַקטירט די טויטן־זייט פון דעם בלאַט.

אויך היינטיקן פרימאָרגן האָט לעאָן קאָסטינס געעפנט זיין דיקע צייטונג צו דער טויטן־זייט און איז מיט זיין געוויינליכע נייגיריקייט אַדורכגעלאָפן די טויטן־ליסטע. ער האָט שוין געוואָלט גיין ווייטער. עס זיינען אויבנאָן געווען בלויז צוויי פּאָרטרעט־בילדער. איין בילד פון אַ פרוי, און איין בילד פון אַ מאַן. די פרוי איז געווען אַן עלטערע דאַמע, אַ פּראָמינענטע פיגור אין דעם פעלד פון פילאַנטראָפּיע. זי האָט געהאַט אַ דין פּנים מיט גרויסע ליידנדיקע און דורכדרינגנדיקע אויגן. זי איז אַלט געווען זעקס און זיבעציק יאָר.

דאָס צווייט בילד פון אַ מאַן איז... אָבער וואַרט אויס... ס׳איז דאָך עפּעס מאָדנע... דעם מאַנ׳ס נאָמען איז לעאָן קאָסטינס... עלטער — צוויי און זיבעציק... געשטאָרבן פּלוצלינג אין דער צייט ווען ער איז געווען אין אַ שול... ביים מנחה דאַוונען...

אָבער וואָס באַדייט דאָס אַלץ?! ס׳איז דאָך זיין אייגענער נאָמען! ל ע אָ ן ק אָ ס ט י נ ס! עפּעס שטימט דאָ ניט! ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעקוקט דעם פּאָרטרעט. יאָ, ס׳איז זיין פּנים, זיין אייגן פּנים! אָבער, ווי אַזוי? וואָס האָט דאָ געטראָפן?

ער האָט אָוועקגעלייגט די צייטונג אָן אַ זייט, האָט אַרונטערגענומען זיינע ברילן, האָט זיי אָנגעהויבן רייניקן לאַנגזאַם און גרינדלעך און ווען ער איז זיכער געוואָרן אין זייער גאָלער קלאָרקייט, האָט ער אַרויסגענומען די באַזונדערע זייט פון דער צייטונג און האָט גענומען באַטראַכטן זיין בילד מיט אַ קלאָרן בליק, דעם פּנים, די אויפשריפט און אונטער־שריפטן.

„יאָ, אָן צוייפל, דאָס מיינט מען מיך", האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט. „און ס׳איז אַ גוטע פאָטאָגראַפיע, אַ היפּש גרויסע, איינס פון די, וואָס כ׳האָב לעצטנס געלאָזט פון זיך נעמען. ווי אַזוי האָבן זיי עס געקראָגן? און אָפּגעדרוקט איז עס אויך נישט שלעכט, קלאָרער ווי געוויינלעך... אויף דער שוויביקער צייטונגס־פּאַפּיר... קען גאָר בעסער נישט זיין... לאָמיר זען וואָס זאָגן זיי דאָרט וועגן מיר, דעם לעאָן קאָסטינס, אין דעם גאַנץ גרויסן שטיק זאַך? ער איז, ווי ס׳זעט אויס, אַ וויכטיקער פּאַרשוין געווען".

און ער האָט זיך גענומען צום לייענען:

„לעאָן קאָסטינס, באַקאַנטער מאָלער און שרייבער איז טויט. פאַר דריי און דרייסיק יאָר איז ער געווען פאַרבונדן מיט אַ צאָל גאַלעריען און פאַרלאַגן... געשטאָרבן מיטוואָך אָוונט פון אַ האַרץ־שלאָג... זיין

עלטער איז געווען צוויי און זיבעציק... געבוירן אין רוסלאַנד, שטו־דירט אין אייראָפּע, פיל געררייזט איידער ער איז אָנגעקומען אין די ,שטאַטן׳, זיך באַזעצט אין ניו יאָרק וואו ער איז פאַרבליבן כמעט זיין גאַנץ לעבן... ער לאָזט איבער נאָך זיך זיין פרוי זינאַ, אַ זון פיליפּ, צוויי אייניקלעך, שוועסטער און ברידער...״

עס איז אים איצט קלאָר געוואָרן, אַז דאָ מיינט מען טאַקע אים, אַז דאָס איז ער, וועמעס טויט לעצטע נאַכט עס ווערט געמאָלדן. ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעקוקט זיין פּאָרטרעט — אַ מאַן מיט אַ קאָפּ ווייסע האָר, אַ לענגלעך פּנים, אַ דינער שמייכל אויף זיין קלאָר געצייכנט מויל, און אַ שפּריץ ליכט אין די אויגן־ווינקלען. ער האָט אַרויסגעלאָזט די צייטונג פון זיינע אַראָפּהענגענדיקע אָרעמס, איז צוריקגעפאַלן צום רוקן פון זיין שטול און מיט צוגעמאַכטע אויגן גענומען טראַכטן:

„הייסט עס, האָט עס מיך אויך געטראָפן!... ענדלעך, ענדלעך מיך אויך! און איך האָב געמיינט, אַז אפשר... אפשר וועט עס מיך אויס־מיידן... כ׳האָב געהאָפט... ניין, געהאָפט איז ניט דאָס ריכטיק וואָרט פאַר דעם קנויל פון פּחד, צווייפלען, פאַרגעפּיל, וויסן פון אומפאַרמייד־לעכן, און צו דערזעלבער צייט מיסטישן, אומלאָגישן געדאַנק, אַז אפשר וועט מיט מיר געמאַכט ווערן אַן אויסנאַם, ווייל ווי קען דאָס די וועלט האָבן אַ קיום אָן מיר?...״

„אָבער ניין, ס׳איז מיט מיר קענטיק, קיין אויסנאַם נישט געשען. ס׳האָט מיך געטראָפן, כ׳בין געשטאָרבן... ווען? ווי אַזוי? לאָמיך דורכגיין אין מיין זכרון די ריי געשעענישן פון לעצטער נאַכט... ס׳איז געווען, געדענק איך, אַזוי: כ׳האָב זיך געגרייט צום אָוונט פון די ,פּראָ־פעסיאָנאַלן׳, און בין שוין געווען אויפן וועג צו זיי... כ׳האָב קלאָר גע־וואוסט וואָס דאָרט וועט זיין: נאָך אַ רייכן מאָלצייט וועט מען מיך פאַר־שטעלן אַלס איינעם, וואָס נויטיקט זיך נישט מען זאָל אים פאַרשטעלן, דאָס הייסט, דעם באַרימטן, דעם גרויסן, דעם זעלטן־איינציקן... ער וועט ברענגען אַ וויכטיק וואָרט... אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער... און אַזוי ווייטער... דאַן וועל איך אימפּראָוויזירן מיין ,וויכטיק וואָרט׳... מייסטע קאָלעגן מיינע וועלן מיך אויסהערן מיט דינע, שטייפע ליפּן, קאָלט און אַנטאַגאָניסטיש, זיי וועלן זיין דאַקעגן נאָך איידער זיי וועלן וויסן וואָס איך וויל זאָגן... בלויז צוויי טונקל־בלויע אויגן וועלן פריינט־לעך קוקן צו מיר פון דער לעצטער ריי בענקלעך, און וועלן שמייכלען ווי אַ צושטימונג צו מיינע רייד... אַזוי האָב איך געטראַכט וועט עס

זיין, אויב עס וואָלט טאַקע אַזוי געווען... אָבער אויפן וועג האָט מיך אַ יונגערמאַן אָפּגעשטעלט, פאַרבעטן צו אַ מנין... מנחה... תפילות, גרויסע ווערטער, ליכטיק־טונקעלע שאָטנס, אַ מאָמענט פון שאַרפן ווייטיק, גרויסן פחד, דערנאָך אַ זיסע קילקייט און ליידיקייט, ענלעך צו אַ צוג־ווינטל איבער מיין שטערן... דערנאָך אַ ברייטע פולקייט... דערנאָך אַ טיף־טונקעלע צווישן־צייט, אָדער צווישן־רוים... ביז היינט פרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון עפּעס אַ געלעגער און אויפגעהויבן די מאָרגן־צייטונג ביי מיין טיר... — אַזוי איז דאָס געווען, אַזוי איז דאָס געקומען".

לעאָן קאָסטינס האָט באַרירט זיין שטערן מיט די שפּיץ־פינגער זיינע, דערנאָך זיי דורכגעפירט איבער די באַקן, ביז דעם מויל, ליפּן, האַלדז... ס'איז נישט געווען קאַלט, נישט הייס. ס'האָט זיך גאָר קיין טעמפּעראַטור נישט געפילט.

האָט ער ווייטער צו זיך גערעדט טראַכטנדיק:

„עס פאַרשטייט זיך, אַז, נאָך אַלעמען, האָב איך געדאַרפט וויסן, אַז אַ טאָג וועט קומען ווען איך וועל שטאַרבן. איך האָב בלויז געוואָלט טרעפן ווי אַזוי דאָס וועט געשען. אויב איך בין איצט טאַקע געשטאָרבן, וואָלט איך וועלן וויסן צי דאָס איז געווען אַן עקסידענט, אָדער אַ נאַטירלע־כער טויט? בין איך געשטאָרבן נאַטירלעך, דאָס הייסט ווייל כ'האָב פאַרנוצט מיין גאַנצע לעבנסקראַפט אויף צו לעבן, אָדער איך בין גע־שטאָרבן פאַר מיין צייט, פון אַ פאַרקילונג, וואָס איך האָב פאַרנאַכ־לעסיקט, וואָס דאָס וואָלט געהייסן אַן עקסידענט? וואָס איז דאָס געווען? וואָלט איך וועלן וויסן."

מיט אַ טיפן זיפץ האָט זיך לעאָן קאָסטינס אויפגעהויבן פון זיין שטול, ברייט געעפנט זיינע אויגן און ווי אַליין דערשטוינט זיך געפרעגט אין אַ האַלב־שטילן קול:

„וואָס אייגנטלעך איז דער חילוק... געשטאָרבן בין איך, טויט דאַרף איך זיין... אָבער איך פיל זיך דאָך נישט טויט! וואָס זשע איז דאָס וואָס איך בין איצט?..."

ער איז מיט לאַנגזאַמע טריט דורכגעגאַנגען זיין סטודיאָ צו זיין קליינעם וואַש־צימערל, איז נאָענט צוגעטראָטן צום שפּיגל און גענומען זיך באַקוקן און באַטראַכטן. ער האָט נאָר געזען אַ נישט קלאָרן סילועט פון אַ געשטאַלט, מער אַן אויסשטראַלונג ווי פאָרמען. ער האָט ווידער געפּרואווט זיינע ברילן ריינער מאַכן, ער האָט אויך די גלאָז פון שפּיגל

געגומען ווישן, אָבער זיין רעפלעקסיע האָט אין קלאָרקייט נישט גע־וואונען.

„וואָס זשע בין איך פּאָרט?

„אויב איך בין געשטאָרבן, און אויב טויט, — בין איך דען טויט אינגאַנצן? און אויב ניט אינגאַנצן — ווי גרויס איז דער חלק טויט אין מיר? און אויב איך לעב נאָך — ווי גרויס איז דער חלק לעבן אין מיר? און מיט וואָס לעב איך? און וואָס איז די וועלט אין וועלכער איך לעב? צי לעב איך נאָך אין דערזעלבער וועלט געשטאָרבענערהייט?"

ער האָט אויפגעהויבן פון דער ערד די צייטונג, האָט געפונען אין אַן אַנדער אָפּטייל פון בלאַט די מעלדונגען פון לוויות, זייער פּלאַץ און צייט, האָט אָנגעהויבן זוכן זיין נאָמען און געפונען. נאָך עטלעכע שורות פון טרויער וועגן דעם שווערן פאַרלוסט פון אַ טייערן מאַן, באַליבטן פאָטער, זיידע, ברודער, פריינט... קומט די צייט פון דער לוויה...

לעאָן קאָסטינס האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט צו גיין צו לוויות. ער פלעגט אין שפּאַס זאָגן, אַז ער האָט אַזוי שטאַרק פיינט לויות אַז אַפילו צו זיין אייגענער לויה וועט ער נישט גיין. „אָבער", — זאָגט ער צו זיך, — „איצט וועל איך גיין, וואו איז עס?"

ער האָט ווידער געעפנט די צייטונג און געפונען דעם אַדרעס: „אויפן גרויסן טרייב־וועג, אין דעם פּאַראַדיס־טשאַפּעל, איינס נאָכמיטאָג."

***

לעאָן האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן טשאַפּעל. פיל מאָל איז אים אויסגעקומען דאָרט צו באַגלייטן צו „אייביקער רו", און לעצטן כבוד אָפּצוגעבן צו נאָענטע און טייערע; ער פלעגט נישט זעלטן גערופן ווערן צו זאָגן „עטליכע ווערטער" און, ווי עס שיינט, זיינען זיי געווען אַרויסגערעדט מיט געפיל און ווירדע. עס האָט אָפט אַרויסגערופן טרערן ביי די וואָס זיינען דאָרט געווען... אמת, בלויז אויף אַ קורצער ווייל... מחמת באַלד פלעגן זיך די ווייגענדיקע אומקערן צו זייערע קליינלעכע געשעפטן און מילדן לשון־הרע פון וועלכען אַפילו דער פנים פון טויט האָט זיי נישט געקענט צוריקהאַלטן.

לעאָן קאָסטינס האָט געוואָלט נעמען זיין הוט און מאַנטל, אָבער זיך באַטראַכט, אַז דאַכט־זיך נישט נויטיק... און זאָגנדיק צו זיך נאָכאַמאָל: כ'וואָלט בעסער געוואָלט נישט גיין, האָט ער דאָך געעפנט

די טיר און זיך געלאָזן אַרונטערגיין די טרעפּ. עמיצער האָט געשטיגן אַרויפצו, אים אַנטקעגן. ס'איז געווען אַ דיקער, שוואַרץ־לייביקער באַ־וואוינער פון אַ סטודיאָ, אַ שטאָק העכער. זיי האָבן זיך געקענט, שטענ־דיק זיך געטראָפן אין דער פרי ביים בריוו־קאַסטן און זיך באַגעגנט אין די קאָרידאָרן. לעאָן האָט אים באַגריסט מיט אַ גוט־מאָרגן... דער דיקער מאַן האָט אים ניט געענטפערט, און אָן צערעמאָניעס אים אַדורכ־געגאַנגען. לעאָן האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז עפּעס אַ גרויסע ענדערונג איז אין אים פאָרגעקומען, עפּעס גרינדלעכעס האָט מיט אים געטראָפן. — „דאָס מוז איך גוט דורכטראַכטן, מוז עס גוט פאַרשטיין... איך וועל עס טאָן, אָט ווען כ'וועל צוריקקומען און וועל בלייבן אַליין".

**
*

אין דרויסן האָט אים באַגעגנט אַ קלאָרע זוניקייט. מענטשן מיט ערנסטע פּנימער זיינען אייליק געגאַנגען, געלאָפן צו זייערע באַשטימ־טע צילן. לעאָן האָט נייגעריק געקוקט אויף זיי, ווי ער וואָלט זיי דערזען צום ערשטן מאָל, זייערע פּנימער, פיגורן און שאָטנס. ער האָט באַ־מערקט, אַז נישט אַלע צווישן זיי איילן זיך, און אַז נישט אַלע זיינען פון דער זעלבער געדיכטקייט. ער האָט באַלד דערזען אַז גאָר אַ סך פון זיי זיינען דורכזיכטיקע און אַז פון זיי פאַלן גאָר קיין שאָטנס נישט. ער האָט אויך דערפילט אַז די ווייניקער סאָלידע און געדיכטע זיינען אים נענטער... זיי, דוכט זיך אים, אַנערקענען זיין עקזיסטענץ, די אַנדערע טוען דאָס נישט. און ווידער האָט ער צו זיך געזאָגט:

„הייסט עס, אַז צוויי מינים מענטשן זע איך דאָ: לעבעדיקע — וואָס לעבן, און געשטאָרבענע — וואָס לעבן.ביידע מינים אין איין וועלט! מאָדנע, גאָר אַנדערש ווי כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט. און כ'האָב גאָר קיין מורא נישט, גאָר אין גאַנצן נישט, ס'ווילט זיך בלויז באַנעמען, פאַרשטיין..."

**
*

ווען לעאָן קאַסטינס איז אָנגעקומען איז שוין דער טשאַפּל געווען אָנגעפילט מיט מענטשן, מייסטנס מיטליעריקע מענער און פרויען, און מייסטנס אומבאַקאַנטע. אין דער ערשטער ריי האָט ער דערזען זיצן זיין אייגענע משפּחה. זיין פרוי זינאַ, אָנגעטאָן אין אַ טונקל קלייד,

פאַרעלטערט, קוקנדיק שטום אויף אַ פונקט פאָרויס מיט טרוקענע אויגן. זיין זון איז געזעסן נעבן איר. ברידער, שוועסטער און אַנדערע קרובים זיינען דאָרט געווען. אַלע האָבן אויסגעקוקט ערנסט, עטוואָס גרוי, שעפּטשענדיק גערעדט צווישן זיך. ווערטער זיינען דערגאַנגען צו אים:

„אַזוי פּלוצלינג, כ׳האָב דאָך אים ערשט נעכטן געזען! אָ, ער האָט זיך גאָרנישט אָפּגעהיט, געווען לייכטזיניק, געמיינט אַז ער איז נאָך אַ יונגערמאַנטשיק... אָבער ער האָט זיך אויסגעלעבט אַ פולן לעבן... ער פלעגט זאָגן, אַז אים איז ליבער צו לעבן אַ קורצן לעבן און אַ טיפן, איידער אַ לאַנגן און פלאַכן... נו, ליגט ער איצט אַליין פלאַך... יאָ, יאָ, אַזוי ענדיקט זיך אַלץ... מיר ווען אַלע אַזוי ליגן ווען אונזער צייט וועט קומען... נישטאָ וואָס מקנא צו זיין... האָט איר געזען ווי ער זעט אויס?..."

לעאָן האָט דאָס דערהערט און צו זיך געזאָגט: „איך דאַרף אויך אַ קוק טאָן אויף זיך".

ער איז צוגעגאַנגען צום מאַסיוון ברוינעם אָרון וואָס איז געדיכט געווען באַדעקט מיט בלומען און אַרונטערגעקוקט אויף דעם טייל פון זיין פּערזאָן וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון אים. פאַר אים זיינען גע־שטאַנען און דורכגעגאַנגען מענטשן וועלכע האָבן אויף אַ רגע זיך געוואָלט איינזאַפּן אינעם בלאַסן, קאַלט־שווייגנדיקן פּנים... אין זייער בליק איז געווען אַ געמיש פון שרעק, באַדויער און פרייד אַז נישט זיי זיינען עס אַזוי ווי דער וועלכער ליגט דאָ אין קאַסטן.

לעאָן האָט געטראַכט:

„זיי אַרט עס גאָרנישט, קיין ברעקל קימערט זיי נישט דער סוד פון לעבן און טויט... פונוואַנען זיי קומען און וואוהין זיי גייען... ווען זיי ווייסן אָבער וואָס איך ווייס איצט — ווי אַנדערש וואָלטן זיי זיך פאַרהאַלטן! און וואָס, אייגנטלעך, ווייס איך? אָט, שטיי איך דאָ צעטיילט אין צווייען, קוק אויף זיך און באַטראַכט זיך. האָב איך דאָך דאָס געטאָן פריער אויך. אין מיין גאַנץ פריערדיק לעבן בין איך געווען צעטיילט אין צווייען — גוף און נשמה. און אַפילו די נשמה איז געווען צעטיילט אין צווייען, איין טייל האָט געטאָן, געהאַנדלט, די צווייטע האָט באַ־טראַכט און קריטיקירט, צום גוטן — צום שלעכטן... שטענדיק אין צווייען. און דאָס איז דאָך וואָס איך טו איצט ווידער! אָט קוק איך אויף זיך ווי איך פלעג מיך אַמאָל באַטראַכטן אין שפּיגל... דער נאָז עטוואָס

לענגער, שפּיציקער, די קאַנטן פון באַק און שטערן שאַרפער, די ליפּן דינער, אויגן ליגן טיפער פאַרטאָן אין עפּעס אַ קאַלטער רו און שווייגן... העגט אויף דער ברוסט צונויפגעלייגט, דינער און בלאַסער, און טראַכטן, דוכט זיך, אַ וויכטיקן געדאַנק, אפשר וועגן מיך, זייער נשמה, די נשמה וואָס הויערט נאָך איבערן גוף. מאָדנע, איך בין דאָס די נשמה, און דאָ ליגט דער גוף אָפּגעטיילט פון מיר, אויף אַזוי פיל אָפּגעטיילט, אַז איך ווייס אַפילו נישט וואָס דאָרט קומט איצט פאָר. מאָגערער, בלאַסער, ערנסטער, טראַכט ער אפשר ווי עס טראַכטן שטיין, וואַסער, גראָז און וואָלקן?! ווי וואונדערלעך, מורא׳דיק און פריידיק! איך, די נשמה, איז ווידער מ י י ן נשמה, איך און זי — ווידער צוויי. איך קען זי באַטראַכטן, קריטיקירן, ווידער אַ צוויי־אייניקייט... אייביק אַזוי? קיינמאָל נישט איינס?... גאָט מיינער, וועל איך דאָס וועגן פאַרשטיין?״

לעאָן איז אַזוי טיף געווען פאַרטאָן אין טראַכטן, אַז ער האָט נישט באַמערקט, אַז די פּראָצעדור און רעדעס גייען אָן. ער האָט זיך אַ ווײַלע צוגעהערט צו זיי און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער הערט נאָכאַמאָל די רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן צוויי יאָר צוריק, ביים באַנקעט לכבוד זיין זיבעציקסטן יאָר לעבן. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אין די לעצטע רייען די יונגע פרוי, די זעלבע וואָס פלעגט שטענדיק קומען צו זיינע לעקציעס און אויסשטעלונגען. אירע אויגן און באַקן זיינען איצט געווען נאַס פון טרערן, דער נאָז רויטלעך, און אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ ווייס טיכעלע. לעאָן האָט צו זיך געזאָגט:

„ליבינקע, זי האַלט איר צוזאָג צו וויינען נאָך מיר.״

ער האָט דאַן באַמערקט אַז די לויה־דינסט האַלט ביים סוף, און דער צוגעדעקטער אָרון ווערט אַרויסגעטראָגן. די אלמנה, דער זון, און משפחה זיינען די ערשטע נאָכגעגאַנגען, אַלע אַנדערע — נאָך זיי. גאָר באַלד איז דער טשאַפּל געווען ליידיק. בלויז אַ האַלב־דורכזיכטיקע פיגור איז געשטאַנען ביי דער טיר, קוקענדיק אויף לעאָן קאַסטינס מיט אַ פריינדלעכן שמייכל. לעאָן האָט דערקענט אין אים זיין פאַרשטאָרבענעם פריינד, אַ קאָלעגע־מאָלער, צו וועמעס לויה ער איז געווען טאַקע אין דעם זעלבן טשאַפּל, אַ דריי יאָר צוריק.

„זשאַן, דאָס ביסטו?״

„יאָ, לעאָן, דאָס בין איך, איך בין געקומען דיך אויפנעמען, באַגריסן און העלפן דיר צו אָריענטירן זיך אין דער נייער סיטואַציע. איך

בין שוין דאָ אַ תושב, קען באַהילפיק זיין דעם ערשט־אָנגעקומענעם. אָבער נישט באַלד, כ׳וועל צו דיר קומען אַביסל שפּעטער, ווען דיר ווייזן ערטער און מענטשן. פילע פון זיי, קאָלעגן, קענען דיך און דו קענסט זיי... מיר האָבן שוין וועגן דיר גערעדט... מיר בויטיקן זיך אין אַ נשמה מיט פליגלען... אַ פירער... דאָ פילט זיך אַ שטאַרקע אומצו־פרידנקייט צווישן אונז, די טויטע וואָס לעבן... אונזער איינפלוס אויפן גאַנג פון דער וועלט איז שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט... דו וועסט אַליין זען... אָבער איצטער אייל זיך בעסער, קענסט נאָך פאַרשפּעטיקן. כ׳וועל צו דיר קומען אינגיכן... אַזוי גיך ווי דו וועסט זיין גרייט...״

***

ס׳איז שוין געווען כמעט אָוונט ווען לעאָן איז צוריקגעקומען פון בית־עולם אין זיין סטודיאָ. ער האָט זיך אַריינגעזעצט טיף אין זיין רו־שטול, טיפער ווי געוויינלעך און האָט זיך דערפילט גרינגער און פרייער נאָכדעם ווי דער אָרון אין קבר איז צוגעדעקט געוואָרן מיט ערד. ווידער אַמאָל, ווי אין טשאַפּל, האָבן אים די טרערנדיקע רעדעס נישט גערירט, אַפילו נישט אינטערעסירט. בלויז דער מאַיעסטעטישער „אל מלא רחמים״ געזונגען אין רעטשעטאַטיוו־שטייגער פון דעם זעלבן קאַנטאָר האָט אים אויפגעציטערט מיט אַ געפיל פון גרויסער, מיסטישער דערהויבונג. די ווערטער „ויצרור בצרור החיים את נשמתו״ האָבן אויף אים געווירקט ווי אַ קייט פון ליכטיקע בליצן אויף אַ שוואַרצן הימל. ער האָט נישט גאָר פאַרשטאַנען דעם טיפן סוד פון די ווערטער, אָבער אַ גרויסער באַגער דאָס צו באַנעמען האָט אים באַוועלטיקט. ער האָט צוליב דעם ניט גוט זיך איינגעהערט אין די ווערטער פון קדיש, וואָס זיין זון האָט געזאָגט מיט דער הילף פון דעם זעלבן קאַנטאָר. לעאָן האָט בלויז געקוקט אויף אים, אויף זינא, און די אַנדערע... אַלע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן. אָבער לעאָן איז, מאָדנע צו זאָגן, געוואָרן אומ־געדולדיק... ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אומקערן זיך אין זיין סטודיאָ, כדי אָפּצוטאָן עטלעכע נישט פאַרענדיקטע זאַכן איידער ער טרעט אַריין אין זיין נייעם לעבן.

ווען לעאָן איז געווען אינעם קאָרידאָר צו זיין סטודיאָ האָט ער באַמערקט אַז אין זיין בריוו־קאַסטן ליגן נאָך עטלעכע בריוו, אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, איז זיי פאַרבייגעגאַנגען. ער איז געווען

אַנגעפּילט מיט אַ גרויסן פאַרלאַנג צו זיין אַליין מיט זיך, דורכצוטראַכטן די אַלע נייע זאַכן, טראַכטן זיצנדיק אין זיין גרויסן אַלטן רו־שטול.

⁂

די נאַכט איז אים אַריבער אין אַ פלאַנטער פון אָפּגעריסענע געדאַנ־קען. ער געדענקט נישט צי איז ער געשלאָפן אָדער נישט. ער האָט אויך נישט באַמערקט צי עס איז געווען טונקל די נאַכט־צייט. ער האָט אָנ־געהויבן פילן אַז צייט, רוים און חושים הייבן אָן צו בייטן זייער אינהאַלט. ער האָט אויך דערפילט אַז ער וועט נאָך דאַרפן וואַרטן פאַר קלאָרערע באַגריפן וועגן דעם אַלעמען ביז ער וועט פאַרענדיקן די נישט פאַר־ענדיקטע געשעפטן.

אַ נישט פאַרטיק און נישט געראָטן בילד איז געשטאַנען אויף זיין מאָל־ברעט... עטליכע גרויסע פאַרטפעלן, אַנגעפּילט מיט צייכענונגען אין פאַרביקע עטיודן זיינען געשטאַנען אַנגעשפּאַרט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, אַנגעשטאָפּט, אַז אָט וועלן זיי פּלאַצן. זיי זיינען פאַרבליבן מיט אַ סך זאַכן נישט דורכגעקוקטע און נישט רעווידירטע. פאַרוואָס האָט ער זיי נישט דורכגעקוקט מיט אַ קריטישן בליק כדי צו צערייסן די שוואַכע, צופעליקע, ווערטלאָזע, עקספּערימענטאַלע שטיפערייען?... זיי קענען דאָך בלויז אַריינטראָגן טומל ביים קריטיקער און פאַרשטעלן דעם וועג צו אַ גערעכטער אָפּשאַצונג. פאַרוואָס האָט ער געהאַלטן אין אָפּלייגן אָט די אָפּעראַציע, אַריינצוטראָגן אָרדנונג אין זיין הויז? דאָס צו טאָן איז דאָך געווען אַ פליכט צו זיך און צו זיין זון, וואָס וועט זיין ירושה דאַרפן איבערנעמען, דאַרפן באַשטימען וואָס צו לאָזן און וואָס צו צעשטערן. ער וועט אפשר נישט האָבן דעם קוראַזש, אָדער זיכערקייט דאָס צו טאָן.

און אפשר איז בעסער אַזוי! רופט זיך אָפּ אין אים אַ שטימע אַנט־קעגן, אפשר דאַרף מען לאָזן גוטע זאַכן מיט שוואַכע, אמת׳ע און פאַר־גרייזטע, כדי עס זאָל זיך שאַפן אַ בילד פון אַ מענטשן און נישט פון אַ מלאך...

און אויך מיט מענטשן האָב איך נישט פאַרענדיקט אַלע מיינע חשבונות... עס זיינען פאַרבליבן עטלעכע נישט פאַרהיילטע וואונדן... ווי קען איך זיי איצט גוט מאַכן? צו שפּעט, אפשר פאַר אייביק שפּעט... פאַר אייביק? איך דאַרף איצט נויטיק וויסן וואָס איז אייביק? ווי לאַנג

איז אייביק? איז אייביק צייטלאָז... בין איך מיט מיין טויט אַרויס פון צייט, און אַריין אין צייטלאָזיקייט?... גאָט מיינער, העלף מיר פאַר־שטיין! כדי דיר בעסער צו דינען, ווי איך פלעג אַמאָל תפילה טאָן צו דיר: „וטהר לבנו לעבדך באמת" — רייניק מיין האַרץ כדי דיר צו דינען באמת.

***

ער האָט דערהערט ווי די טיר עפנט זיך און פיליפּ, זיין זון, וואָס האָט געהאַט שליסלען צו זיין פאָטערס סטודיאָ און בריוו־קעסטל, איז אַריינגעגאַנגען. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ האַלב טוץ בריוו נאָר־וואָס אַרויסגענומען פון קעסטל און האָט זיי אַוועקגעלייגט אויפן טיש, נאָענט צום גרויסן רו־שטול. פיליפּ איז געווען אַ הויכער, דין־שלאַנקער יונגערמאַן פון אַ יאָר 40 מיט אַ האַלטונג גלייך ווי אַ סטרונע. ער האָט זיין קליינעם קאָפּ געטראָגן אויפגעהויבן הויך אַזוי, אַז ס'האָט אויס־געוויזן ווי ער קוקט איבער זיין געזיכטס־ליניע. זיין פּנים איז געווען אויפגעבויט פון דינע שטריכן מיט דעם אויסדרוק פון לייד, אָדער מיט־לייד צו איינעם אָדער צו אַלע.

אַריינגעקומען אין צימער איז ער מיט שטילע טריט און איז שטיין געבליבן ביים טיש. ער האָט לאַנגזאַם באַקוקט דעם צימער און טיף אַ זיפץ געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צום שטול, דעם מאָל־ברעט און ביכער־שראַנק, זיך אָפּגעשטעלט ביים נישט פאַרענדיקטן בילד, אַנט־קעגן זיין פאָטערס זעלבסטפּאָרטרעט און האָט שטיל, מיט בלויזע ליפּן געזאָגט: „דו וועסט אונז אויספעלן, פאָטער".

פיליפּ האָט זיך צוגעקערט צום טיש און אויפגענומען די בריוו, וואָס ער האָט נאָרוואָס אַריינגעטראָגן. ער האָט זיי איינציקווייז געעפנט און איבערגעקוקט. דאָס זיינען געווען געשעפטס־בריוו, מעלדונגען און אָנפראַגן. ער האָט אויך געעפנט אַ קאָנווערט פון אַ מאָדנעם פאָרמאַט און קאָליר און האָט עס אָנגעהויבן לייענען. עס איז קענטיק געווען גע־שריבן פון אַ פרויען האַנט און האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „מיין טייערער, טייערסטער פריינד פון פריערדיקע צייטן".

פיליפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט לייענען דעם בריוו, און געוואָלט עס צערייסן, האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטן און עס צוריק אריינגעלייגט אין קאָנווערט נישט געלייענטערהייט.

לעאָן האָט געקוקט אויף זיין זון און אַ שמייכל געטאָן אין זיך און געזאָגט: „לייען עס, פיליפּ, עס מאַכט נישט אויס".

פיליפּ האָט ווי דערהערט זיין פּאָטערס ווערטער ווי זיי וואָלטן געזאָגט געוואָרן אין זיין אייגן האַרץ... ער האָט געעפנט דעם בריוו און עס געלייענט אין אַ האַלב־קול:

„מיין טייער, טייערסטער פריינד פון פריערדיקע צייטן:

„ס׳איז שוין לאַנג־לאַנג זינט איך האָב צו דיר געשריבן... איך האָב עס נישט געקענט... און אַפילו איצט, ווען איך שרייב שוין, ציטערט מיין האַרץ פאַר מורא אַז דו געדענקסט אַפילו נישט ווער עס שרייבט דאָס צו דיר. דערמאָנסטו זיך באמת ווער עס שרייבט די ווערטער? אָדער קוקסטו איצטער צום סוף בריוו צו זען דעם נאָמען? נו, איך וועל עס דיר זאָגן, ס׳איז קעיט, אַ מיידל וואָס דו האָסט באַגעגענט פיל־פיל יאָרן צוריק און האָסט מיט איר געהאַט אַ קורצן ראָמאַן און האָסט זי מער קיינמאָל נישט געזען, און האָסט זי געוויס שוין לאַנג פאַרגעסן. בין איך אַ פאַרגעסענע — אָבער וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. לעב איך אַן איינזאַם לעבן אין אַן איינזאַמען ווינקל... ווער גיך אַלט, צו גיך, לעבנדיק בלויז מיט זכרונות. כ׳וואָלט וועלן בלויז איין קוק טאָן אויף דיר. ביסטו אַלט געוואָרן? ניין, דו ווייסט עס קיינמאָל נישט זיין. איך וועל אין גיכן, טייערער פריינד, זיך אין דעם איבערצייגן. איך קלייב זיך צו זיין אין דיין שטאָט אויף מיין וועג קיין אייראָפּע. מיינע עלטערן פאַרלאַנגען איך זאָל זיי באַזוכן... וועל איך קומען דיך אָנקוקן... קעיט".

פיליפּ האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן צו זיך אַליין, האָט אַריינגעלייגט דאָס בריוול צוריק אין קאָנווערט, האָט עס געהאַלטן פאַר אַ רגע טראַכטנדיק צי זאָל ער עס צערייסן אָדער נישט. צום סוף האָט ער עס דאָך אַוועקגעלייגט אויף דעם אָרעם פון דעם גרויסן שטול, פאַר זיין פּאָטערס אָנמערק, ווי ער פלעגט עס טאָן אין ספּעציעלע פאַלן.

„אַ דאַנק דיר, מיין זון..."

עס איז שטיל געוועזן פאַר אַ ווײַלע. ביידע נשמות האָבן וויברירט מיט ליבע איינער צום צווייטן.

„איך וועל בענקען נאָך דיר, פּאָטער... איך באַדויער וואָס מיר פלעגן זיך לעצטנס טרעפן נישט גאָר אָפט... איך באַדויער נאָך אַנדערע זאַכן, נישט פאַרזיכטיקע ווערטער, נאַרישע מעשים... דו האָסט מיך

פאַר זיי נישט געשטראָפט... איך האָב מיך אַליין באַשטראָפט... איך וועל דיך געדענקען, פאָטער.״

לעאָן האָט געקוקט אויף זיין זון׳ס פּנים, מיט די טיף איינגעקריצטע ליניעס, שמערצליכער ווי תמיד...

„כ׳דאַנק דיר, פיליפּ, איצט וועגן מיינע פּאַפּירן, די וויכטיקע. זוך און געפין זיי אין דעם אונטערשטן שופלאַד, לינקס אין מיין שרייב־טיש. ניין, נישט דאָרט, — אין אונטערשטן טייל, דעם גרויסן בינטל... דאָרט ליגט מיין צוואָה, מיינע חשבונות, ווערטזאַכן און אַנדערע מינים זאַכן. אויב, פיליפּ, דו וועסט זיך אַנשטויסן אויף אַן ענלעכן בריוו ווי דער היינטיקער, לייען אים איבער און צערייס אים. קיינער אַ חוץ דיר וועט זיי נישט פאַרשטיין און נישט מוחל זיין. מיר זיינען ענלעכע, גאָר ענלעכע צוויי מענטשן... די ענלעכקייט וועט נאָך ווערן ענגער מיט יאָרן... גרינג פאַרוואונדעט צו ווערן, אָבער אויך גרינג די וואונדן צו פאַרהיילן. דאָך קאַרבן פאַרבלייבן לעבנס־לאַנג.״

פיליפּ האָט אַרויסגענומען דאָס בינטל אָנגעצייכענט „מיין צוואָה״, האָט עס אַריינגעלייגט אין זיין זייט קעשענע און מיט די ליפּן שטיל געזאָגט: „איך וועל געטריי אויספאָלגן דיין פאַרלאַנג, פאָטער, איך וועל אָפּהיטן די זאַכן וועלכע דו האָסט געהאַלטן פאַר גוט און וועל באַזייטיקן דאָס איבעריקע. איך וועל מאַכן אָרדנונג אין דיין גרויסע צאָל איבער־געבליבענע זאַכן, פאַרענדיקטע און נישט פאַרענדיקטע. מעגסט זיך פאַרלאָזן אויף מיין מבינות... ווי דו האָסט מיך געלערנט, פאָטער״.

פיליפּ האָט זיך לאַנגזאַם אומגעקערט גרייט צו פאַרלאָזן די סטודיאָ. ביי דער טיר איז ער שטיין געבליבן און אויסגערעדט ווי צו זיך:

„מוטער איז קראַנק און זייער שוואַך״.

„כ׳וועל באַלד זיין ביי איר״, האָט לעאָן געענטפערט.

***

דער צימער איז אינגאַנצן געווען איינגעוויקלט אין אַ טונקעלן שאָטן, מיט בלויז איין ליכט אָנגעצונדן אויף אַ קליין נאַכט־טישל ביים קאָפּ בעט... זינאַ איז געלעגן אין אַן אומרואיקן האַלב־שלאָף, האָט אויסגעזען זייער בלאַס, מיט אַ האַנטוך איבערן קאָפּ, אַ רויט וואַסער־זעקל איז געלעגן אויפן טעפּיך און עטליכע פלעשלעך מעדיצין זיינען געשטאַנען אויפן טישל. ווען לעאָן קאסטינס איז אַריינגעקומען האָט

זי אַ קער געטאָן איר קאָפּ און אַ האַנט אויפגעהויבן און עס ווידער געלאָזט פאַלן. אירע אויגן זיינען געווען צוגעמאַכט אין אַ דורזיכטיקן דרעמל. זי האָט אין אַ גאַר שוואַכע שטים, קוים צו דערהערן, אַרויסגע־רעדט:

„דאָס ביסטו, לעאָן? פאַרוואָס אַזוי שפּעט? איך האָב געוואַרט אויף דיר. איך דאַרף האָבן עטליכע זאַכן פון אַפּטייק. מיין קאָפּ טוט מיר שטאַרק וויי. וואוהין ביסטו דאָס אַוועקגעגאַנגען? איצטער קען שוין די אַפּטייק זיין פאַרמאַכט. אָ, מיין קאָפּ!"

לעאָן האָט גענומען אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר בעט.

„כ'האָב נישט געקענט קומען פריער, עס זיינען געווען אַזוי פיל זאַכן רעכט צו מאַכן... דו וועסט זיך מוזן צוגעוואוינען צו זיין אָן מיר. איך וועל אָפט דיך קומען באַזוכן, אָבער דו וועסט פאַר עטליכע יאָרן, אפשר פאַר פיל יאָרן זיין אַליין, מיט זיך, אָן מיר"...

„אָ, לעאָן, עס וועט מיר זיין זייער שווער, ס'וועט נישט זיין מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן."

„אָבער איך וועל קומען צו דיר, זינאַ, וועל קומען דיר דערציילן נייעס פוןביידע וועלטן, כ'וועל קומען און רעדן מיט דיר, דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב ליב צו רעדן. כ'בין דאָך געשטאָרבן אויפן וועג צו רעדן... און איך וועל, ווי עס זעט אויס, אָנהאַלטן די געוואוינהייט נאָך פאַר אַ שטיק צייט. מיר האָבן, זינאַ, לעצטנס ווייניק וואָס גערעדט צווישן זיך, מיר האָבן כמעט ווי אויפגעהערט צו רעדן איינער צום אַנדערן פאַר צען, פופצן און אפשר גאַר פאַר צוואַנציק יאָר... האָסטו עס באַמערקט, אַז וואָס מיר האָבן גערעדט איז געווען די הוילע בויטן פון טעגלעכן געברויך, ווי וועטער, שפּייז, און ציינווייטאָק... מיר האָבן אויפגעהערט צו רעדן מיט אונזערע נשמות ווי אַמאָל אין די ערשטע יאָרן פון אונזער יונגן לעבן. מיר האָבן פּלוצלינג אויפגעהערט, אַ שטילשווייגן איז אַריינגעטראָטן און איז פאַרבליבן ביי אונז ביזן סוף..."

„יאָ, לעאָן, אָבער איצט איז צו שפּעט, און מיין קאָפּ טוט מיר וויי, און דו שרייסט... האָסט גאָר קיין רחמנות נישט... און ס'איז מיר קאַלט... האָסט אפשר געלאָזן די טיר, אָדער פענסטער אָפן ווען דו ביסט אַריינגעקומען?"

לעאָן איז געזעסן שטיל פאַר אַ לאַנג צייט, געזעסן און געקוקט אויף איר אומרואיק באַוועגן מיט די הענט און קאָפּ אויפן קישן... דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען:

„נו, זינאַ, איך דאַרף גיין“.

זי איז שטיל געבליבן ליגן און מיט זאָרג געזאָגט:

„האָסט געפילט די קעלט? זאָג מיר, איז דאָרט זייער קאַלט? קאַלט און נאַס, ווינטיק און רעגנדיק?... האָסטו געהאַט דיין סוועטער אויף זיך? ווארום דאַרפסטו גיין? שטענדיק דאַרפסטו גיין... ווארום קענסטו נישט בלייבן אין דער היים ווי אַלע מענער טוען דאָס? זאָג מיר, פאַרוואָס, פאַרוואָס? קענסט מיך נישט פאַרטראָגן?...“

זי האָט אָנגעהויבן וויינען מיט אירע אויגן צוגעמאַכט. צוויי גרויסע טרערן האָבן זיך געגאָסן איבער אירע דינע, בלייכע באַקן. לעאָן איז צוגעקומען נאָענט צו איר, זיך איינגעבויגן, האָט אויסגעקושט אירע צוויי טרערן און איר שטיל באַרואיקט:

„איך וועל צוריקקומען, זינאַ, איך קום דאָך שטענדיק צוריק, דו ווייסט עס. איך קום צו דיר צוריק ווי ווייט איך זאָל נישט פאַרפאָרן, און ווי לאַנג איך זאָל נישט זיין אַוועק... איך קום שטענדיק צו דיר צוריק... אויך איצט וועל איך זיין צוריק... וואַרט אויף מיר, גוטע נאַכט, מיין זינאַ.“

„גוטע נאַכט, לעאָן. האָסט די גאַלאָשן אָנגעטאָן? פאַרשפּילע זיך דעם מאַנטל, ס'איז אַזוי קאַלט, ביטער קאַלט... ווי פיינט איך האָב קעלט... ווײ, ווײ...“

לעאָנ'ס ערשטע עקסקורסיע

זשאַן, מאַלער און עטשער, אַן אַלטער, געטרייער פריינד פון לעאָן קאַסטינס, האָט געוואַרט אויף אים דרויסן.

„קום לעאָן, איך וועל דיך איצט נעמען פאַר אַ פאָר, פלי אָדער צוג דורכן רוים, צווישן־רוים, רוף עס צייט־רוים, צייט־רוים־כוואַלעס... קום מיט מיר...“

„אָבער, וואַרט אַ ווײלע“, ענטפערט לעאָן, איך בין נאָך פאַר־קניפּט און פאַרבונדן מיט דער ערד, מיינע בענד זיינען נאָך נישט פאַנאַנדערגעבונדן...“

„דאָס, לעאָן, וועט קיינמאָל נישט זיין, וועסט קיינמאָל אין גאַנצן נישט זיין פריי פון דעם וואָס פריער איז געווען... קום, באַקען

זיך, ווייז זיך, באַהעפט זיך, וועב זיך אריין... קום, האָב קיין מורא נישט, כ'וועל דיך צוריקברענגען אומבאַשעדיקט, און אין גיכן...״

„נו, גוט, זשאַן, דו קאָמישער בחור, דער זעלבער זשאַן, בלויז דיין קליין קיילעכדיק בייכל איז אַביסל איינגעצויגן, און דיין רויטלעך נעזל האָט פאַרלוירן פאַרב... וואָס איז, קיין ביר דאָ נישט צו קריגן, אָרעמער טייוול?״

„שאַ, שאַ, לעאָן, נישט צו הויך, גאָט און טייוול איז נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם... דאָ אויך... נעם מיך אָן ביים אָרעם און עפן אַלע דיינע אַלטע און נייע חושים...״

דורך אַן אינערע שפּאַנונג, אָדער רצון, שטימונג, אַזוי דין קוים צו מערקן, אָדער וויסן, זיינען זיי ביידע אַריינגעפאַלן אין אַ שטראָם פון לאַנגע כוואַליעס, דורכגעשניטן פון קורצע, וואָס פון דעם איז געוואָרן אַ ספּיראַל געדריי אין דער הויך, אַזוי הויך, אַז קיין סוף איז, דוכט זיך, נישט געווען צו דערגרייכן; פון העלן ליכט באַשפּריצט און שטילן קלאַנג באַגלייט.

זשאַן האָט צו לעאָנען געזאָגט:

„לאָמיר פאַר אַ וויילע אַריין אין דעם ספּיראַל אַרויפצו, כ'האָב ליב דעם געפיל דערפון, עס דערמאָנט מיר ווי איך פלעג מיך אָנהויבן פאַרליבן, אָדער שוין פאַרליבט, אָדער דעם אַקט אַליין...״

„דו געדענקסט עס נאָך, זשאַן?...״

„יאָ, איך געדענק, און וואָלט גריילעך געוואָלט עס ווידער פאַרזוכן! אמת, נישט אין דעם אַמאָליקן קלאָריט, נישט אין יענעם רויטהייסן עראָטישן געלוסט... ניין. איך בענק אָבער נאָך דעם עקסטאַז... דעם ציטער און פלאַטער פון דעם.״

לעאָן האָט אַ שמייכל געטאָן און אָנגעקוקט זיין פריינט פון דער זייט... „דער זעלבער זשאַן, אפשר האָסטו שוין דאָ געהאַט אַ שטיקל ראָמאַן... אַ פּלאַטאָנישן, פאַרשטייט זיך... ווי איך געדענק דיך, וועט עס מיך נישט איבערראַשן... אָבער זאָג מיר בעסער וואו זיינען מיר איצטער?״

זיי זיינען אַרויס פון דעם ספּיראַל־שטראָם, און אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ קייט פון געדיכטע וואָלקנס פון װעלכע אין פאַרשיידענע גראַדן פון קלאָרקייט האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן מענער, פרויען און קינדער אין פאַרשיידענע גרופּירונגען. אייניקע רואיק און געלאַסן, אַנדערע — איילִיק, שוועבענדיק, גייענדיק, פליענדיק... קענטיק

עלטערן האַלטן זייערע קינדער אויף די הענט אָדער ביי די הענט... גרופּירונגען זיינען געווען פון פאָרמאַציעס אָן אַ צאָל אַרויף צי אַרונטער צו דער ערד פון וועלכער זיי זיינען געקומען. די וואָס האָבן דערגרייכט די ערד האָבן זיך געמישט מיט פריער־לעבעדיקע... עפּעס טוענדיק, עפּעס רעדענדיק, עפּעס וועלענדיק.

לעאָן איז ביז גאָר געווען פאַרטאָן אין קוקן. ער האָט אָנגעהויבן צו זען נישט נאָר מיט זיינע אויגן, נאָר מיט אַלע טיילן פון זיין וועזן. ער האָט אָנגעהויבן צו זען און פילן דורך און אַרום יעדע פאָרם און פיגור... און אַ צאָל וויזיעס און וועבונגען, כוואַליעס און אַזוי באַוועגונ־גען דורכציען זיך הין און הער, יעדע זאַך, יעדער מין אַזוי פּילפּאַכיק, ווי ער האָט קיינמאָל פריער נישט געקענט... אַלע און אַלץ אין אַ וואונדערלעך פאַנטאַסטישן אוצר. רוים איז געווען אין גאַנצן אויסגע־פּילט, קיין שום ברעקל ליידיקייט... מיט וואָס? ס׳האָט געדאַכט, אַז פון אַלץ און אַלעם, וואָס איז אַמאָל געווען אין אָנהויב פון אַלע צייטן... רוים איז געווען פול דאָך נישט איבערפול, קענענדיק אַריינגעמען אין זיך נישט נאָר אַלץ וואָס איז געווען, נאָר אויך אַלץ וואָס וועט זיין... אינעווייניק און דרויסן... אַלץ מיט אַמאָל... פולע אָרדנונג דורך פולן כאַאָס... ווי וואונדערלעך! ווי הערלעך!

זשאַן און לעאָן האָבן זיך געפילט צו זיין נאָך אין דעם רעגיאָן פון זייער ערד מיט איר מענטשלעך לעבן דאָרט. זיי האָבן עס אַפילו נאָך געקענט זען. די ערד־וועלט האָט זיך זיי אויסגעוויזן ווי אַ גיגאַנ־טישער זייף־בלאָז, שפּילענדיק אין דער זון מיט לויכטנדיקע און פינקל־דיקע פאַרבן. וואַסערן, ערדן און גרינס אַלע מיט ווייסע וואָלקנס שלייערן אין אַ שטענדיקן באַהעלטניש־שפּיל, טוען זיי עס מיט גע־זאַנג, שמחה און גרויסן ערנסט.

„זשאַן, דענקסטו אַז מיר געהערן נאָך צו דער מוטער ערד, אַז מיר זיינען נאָך אונטער דעם צוציאונגס געזעץ, גראַוויטאַציע, פון דער ערד צו זיך? אַז מיר זיינען נאָך מיטלויפער דעם ערדן־קרייז אַרום דער זון? זיינען מיר נאָך אַלץ בירגער פון דעם דאָזיקן פּלאַנעט אָדער מיר זיינען געוואָרן בירגער פון קאָסמאָס, אמתע קאָסמאָפּאָליטן? וואָס איז איצט אונזער צוגעהעריקייט? וואָס זיינען מיר איצט?״

„לעאָן, מיר איז זייער אָנגענעם צו הערן אַז דו פרעגסט עפּעס ביי מיר. איך דענק, אַז מיר זיינען וואָס מיר זיינען... די זעלבע וואָס פריער, און אַנדערש פון פריער... די זעלבע און אַנדערש ווי אַלץ אין

דעם וועלט־באַשאַף... איך בין שוואַך אין דערקלערן זאַכן... אָט וואָרט אַביסל שפּעטער, וועסטו וויסן מער פֿאַר מיר...״

„קעיט״

צוקומענדיק צו זיין סטודיאָ האָט לעאָן באַמערקט אַן אומגעוויינ־לעכע אויפרעגונג אויף דער גאַס. אַ גרויסער טראָק איז געשטאַנען פאַרצוימענדיק די גאַס און איר בעל־עגלה אויך דערביי, און אַן אַמבו־לאַנס איז אויך געווען דאָרטן אַנטקעגן זייביידן. מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט פון אַלע זייטן מיט ווייט געעפנטע אויגן, מיילער און אָנ־געשפּיצטע אויערן, נייגעריק אָנצוקוקן די צענטראַלע פיגור פונעם ספּעקטאַקל און אויסגעפינען וואָס דאָ האָט געטראָפן.

„וואָס, וואָס האָט פּאַסירט? ווען האָט עס געטראָפן? ווי גרויס, ווי שטאַרק איז דער אומגליק?״ — האָט לעאָן דערהערט מענער און פרויען פרעגן איינער דעם צווייטן. איבער זיי אַלעמען האָט געטורעמט אַ פּאָליציי־מאַן, ענטפערנדיק אויף אַלע פראַגן מיט אַ קאַלט־רואיקן: „שטופּט זיך נישט, גייט, גייט ווייטער, באַוועגט זיך פאַראויס!״

לעאָן האָט דערהערט ווי איינער האָט געזאָגט צום צווייטן: „אַ פרוי האָט געזוכט אַן אַדרעס, האָט נאָכגעקוקט די הויז־נומערן, האָט געביטן די זייט גאַס, יענע זייט גאַס, אומפאָרזיכטיק... נו, האָט איר דער גרויסער טראָק געטראָפן... מען קען דעם „טרייבער״ נישט פאַר־דענקען... ווי קען מען אים באַשולדיקן? איך גלויב אַז זי איז טויט, די נאַרישע פרוי, דאָס וועט זי שוין אויסלערנען ווי צו זיין פאָרזיכטיק״.

„אָ, נאַראָנים לערנען קיינמאָל גאָרנישט.״

דער אַמבולאַנס האָט אין אַ וויילע אַרום אַרויסגעלאָזן אַ הילכיקן פייף, אָנזאָגנדיק דערמיט אַז איר טייל אַרבעט איז פאַרענדיקט, און אַז דער וואָגן איז גרייט אָפּצופירן איר נייעם קרבן און פאַרלאַנגט מען זאָל מאַכן דעם וועג פריי. דער שאָפער פונעם טראָק האָט איבערגעגעבן דעם פּאָליציימאַן אַלע אינפאָרמאַציעס וועגן זיך און דעם עקסידענט און דער עולם האָט אָנגענומען, אַז מער איז דאָ נישטאָ וואָס צו הערן אָדער זען און האָבן זיך אַוועקגעלאָזן צו זייערע פריערדיקע אַדרעסן.

אויך לעאָן איז אַוועק צו זיין סטודיאָ. ער איז אַרויף די עטלעכע

טרעפּלעך צום אַריינגאַנג און פאָלגנדיק זיין געוואוינהייט, זיך אָפּגע־שטעלט ביי די בריוו־קעסטלעך מיט די נעמען אויפגעשריבן. אויך אַ פרוי איז געשטאַנען איינגעבויגן און האָט געזוכט עפּעס אַ נאָמען. לעאָן האָט שוין געהאַלטן ביים עפענען די טיר אַרויפצו, ווען די פרוי האָט זיך אויסגעגלייכט און אים אָנגעקוקט, קענטיק אים עפּעס צו פרעגן. זי האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, ברייט געעפנט די אויגן און מיט שרעק אים אָנגעקוקט. זי האָט מיט אַ האַנט דאָס האַרץ ווי געוואָלט אָפּשטעלן, אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, אומפּעאיק אַ וואָרט אַרויס־צוזאָגן.

„דאָס זייט איר, מיסטער קאָסטינס? לעאָן? כ׳האָב געזוכט אייך, אייער... נישט געקענט געפינען... האָט מיר עפּעס געטראָפן... עפּעס איז מיט מיר געשען... עפּעס, עפּעס, וואָס איך ווייס נישט וואָס... אַ פינסטערניש האָט מיך איינגעדעקט... איך דענק אַז מען האָט מיך דערהרגעט... אַז איך בין טויט... אָבער איך בין דאָך דאָ! ווי אַזוי זשע בין איך טויט? און וואָס איז דאָס אַלץ? און אָט זייט איר, לעאָן. אָ, לעאָן, ס׳איז דאָך אַלץ אַזוי וואונדערלעך, אַזוי נישט באַגרייפלעך! אַזוי, אַזוי... לעאָן, דאָס זייט איר... עלטער, גרוי און ווייס, אַזוי אַנדערש! ניין, ניין, גאָר נישט אַזוי אַנדערש, דערזעלבער, מיין טייערער!...“

לעאָן האָט זי אָנגעקוקט, וועלענדיק זיך דערמאָנען, דערקענען... און האָט זיך דערמאָנט:

„קעיט, דאָס זייט איר? יאָ... מאָדנע! כ׳האָב אייער בריוו ערשט געקראָגן, אַ טאָג צו שפּעט, אויך איך בין געשטאָרבן... אַ טאָג בעפאַר... מיר זענען איצט ביידע געשטאָרבענע אָבער נישט טויטע. קומט אַרויפצו, בלויז דריי שטיגן... קומט... וואו איז אייער וואַליז?“

„כ׳ווייס נישט, פאַרלוירן... ווען ס׳האָט מיך געטראָפן... אויף טויט געטראָפן... ניין, אויף לעבן געטראָפן... מיין גאָט, ווי גוט און ווי שיין עס האָט זיך אַלץ געמאַכט!“

זיי זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען די טרעפּ אַרויפצו און אַריין אין זיין סטודיאָ. קעיט איז שטיין געבליבן אין מיטן צימער און זיך ביי־געריק אַרומגעקוקט מיט אירע אויגן שיינענדיק, הענט און ליפּן האָבן ביי איר געציטערט. לעאָן האָט זי באַטראַכט מיט אַ לענגערן בליק. זי איז געווען פון קליינעם וואוקס, אָבער פון אַ נעט־צירליכער פיגור, ניט

גאַר יונג אָבער נאָך אַלץ אָנגענעם פאַר די אויגן. אָנגעטאָן איז זי געווען איינפאַך, מיט ברעקלעך שמוק, שטיקלעך צירונג... אַ פּאָר קינסטלעכע בלומען אין איר קליינעם הוט... אָבער אמת׳ע שיינקייט איז געלעגן אין אירע מערקווירדיק גרויסע שיינענדיקע אויגן. איר מויל איז געווען עטוואָס צו גרויס מיט סענסעטיווע ליפּן וואָס זיינען, דוכט זיך, געווען אויף דער גרענעץ פון אַ שמייכל, אַ שלוכץ, אַ גוזאַנג אָדער אַ געוויין. איר גאַנצע געשטאַלט האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון קינדישער הילפלאָזיקייט.

„אָ, לעאָן, ווי מאָדנע עס איז אייך צו טרעפן נאָך אַזוי פיל יאָרן! איז עס צוואַנציק יאָר אָדער מער?״

„יאָ, צוואַנציק, אָדער מער״, האָט איר לעאָן נאָכגעזאָגט.

זי האָט נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט די ווענט, די בילדער:

„איז דאָס אַלץ אייער אַרבעט? האָט איר דאָס אַלץ געשאַפן? איך האָב קיינמאָל עטוואָס ענלעכעס נישט געזען! לעאָן, זאָגט מיר, געדענקט איר מיך ווירקלעך, דאָס יונג מיידל וואָס איר האָט געטראָפן אין אַ קליין מערב־שטעטל וואוהין איר זייט געקומען צו האַלטן אַ לעקציע? איך בין געקומען אייך הערן און גלייך דאָרט זיך אין אייך פאַרליבט. איר האָט מיר נישט דערלויבט אייך ליב צו האָבן. איר האָט מיר בלויז געלאָזן מיטגיין מיט אייך אויף אייערע סקעטשינג־טורס, דערלויבט מיר צו טראָגן אייער פאַרבן־קאַסטן, צו האַלטן דעם מאָל־שטענדער קעגן ווינט, אָדער צוגרייטן אַ סענדוויטש פאַר די הונגעריקע מאָמענטן דורך דער צייט. אַך, ווי גליקלעך איך בין געווען צו זיין מיט אייך, אַליין מיט אייך אין באַרגיקע געגנטן, בלוי און פיאָלעט אין דער ווייטנס. און די אינטערעסאַנטע מעשיות וואָס איר פלעגט מיר דערציילן וועגן קינסטלער, זייער לעבן און מזל!... איינמאָל האָט איר מיך געקושט און מיר דערלויבט צו קומען צו אייך אין צימער. אָ, לעאָן, און דאַן זענט איר פּלוצלינג אַפּגעפאָרן. איך האָב געוויינט, און לאַנג געוויינט נאָכדעם״.

„עס טוט מיר לייד, קעיט, כ׳האָב געמוזט פאַרלאָזן... איך האָב געקראָגן בריוו פון אייך״.

„איר האָט קיינמאָל אויף זיי נישט געענטפערט״.

„ווי אַזוי האָט איר מיין אַדרעס געקראָגן, קעיט?״

„אָ, יעדערער ווייסט אייער אַדרעס, אַזאַ באַרימטער מאַן! איך האָב עס גרינג אויסגעפונען. לעאָן, איך האָב קיינמאָל קיין אַנדער מאַן

נישט ליב געהאַט, קיינמאָל נישט פריער און קיינמאָל נישט נאָכדעם. איך האָב גאָט געבעטן, אַז איך זאָל בלייבן מיט אַ קינד נאָך אייך, אָבער ס'איז נישט געשען; לעאָן, איר האָט מיך נישט ליב געהאַט, זאָגט מיר אַז יאָ, אַ ביסעלע, יאָ? זאָגט עס מיר, איך בעט אייך, זאָגט עס."

לעאָן האָט געהערט אירע ווערטער און געקוקט אויף אירע גרויסע פייכטע אויגן, אַ מיטגעפיל, מורא און טרויער האָבן אירע רייד אין אים אַרויסגערופן. ער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך אַרויסגעזאָגט:

„וואָס איז איצט דער אונטערשייד?"

זי האָט לאַנג קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען, געהאַלטן אַ פינגער צוגעדריקט צו אירע ליפּן:

„אָ, יאָ, ס'איז זייער פיל פאַר מיר... פאַר אונז... מיר זיינען איצטער ביידע געשטאָרבענע... וואָס מיט מיר קומט איצטער פאָר ווייס איך נישט.. וואוהין איך גיי, וואָס איך דאַרף טאָן, ווי זיך צו באַנעמען, ווייס איך נישט... מיין וועג האָט זיך פּלוצלינג אַ קער געטאָן... איבערגעריסן... איר, לעאָן, זייט מיין איינציקער אָנהאַלט, צו וועלכן איך קען זיך ווענדן, דער איינציקער אויף וועלכן איך קען זיך אָנ־שפּאַרן... און איך האָב אייך נאָך אַלץ ליב. שטויסט מיך נישט אָפּ פון זיך!!!".

„אָבער, קעיט, דאָס איז דאָך אוממעגלעך!..."

„פאַרוואָס, לעאָן?"

„ווייל פרייהייט, טאָטאַלע פרייהייט, איז געווען און וועט שטענדיק, אויף אייביק, זיין מיין ליידנשאַפט. איר וועט מיר זיין אַ שטיין אויף מיין האַלדז, וואָס וועט מיך ציען אַרונטער... ס'וועט זיין מיין גהינום..."

„ניין, ניין, איך וועל קיינמאָל אייך נישט שטיין אין וועג, איך וועל ווידער טראָגן אייער מאָל־קאַסטן און האַלטן אייער שטענדער אַנטקעגן ווינט... און אפשר וועט קומען אַ טאָג ווען איר וועט מאָלן מיין בילד!... כ'געדענק ווי איר האָט איינמאָל געזאָגט, אַז אויב איר וועט מאָלן מיין פּאָרטרעט וועט איר מאָלן מיינע אויגן אין פּיאָלעט און מיינע האָר אין גרין... איך האָב אַזוי געלאַכט, ווען איר האָט עס געזאָגט!..."

„עס וועט נישט זיין מער קיין מאָלן, קיין מאָל־קאַסטן, קיין פּאָרטרעט... פאַרגעסט די זאַכן, קעיט."

„וואָס זשע וועט יאָ זיין?"

„איך ווייס נאָך נישט, אָבער די ערשטע זאַך מוז איך אָפּרייניקן פון מיין וועג אַלץ וואָס איז געווען און איז איבעריק געוואָרן... איך

מוז פון אַלע בענד לויז ווערן, פון אַלע צופעליקייטן פריי ווערן... איך גרייט זיך אין אַ לאַנגן וועג, באַרג אַרויף, צי אַראָפּ, צי אפשר גאָר צוריק... איך ווייס נישט וואָס און וואוהין... איך ווייס אָבער זיכער, אַז איר וועט מיר שטיין אין וועג... בעט איך אייך, קעיט, לאָזט מיך אָפּ, גייט..."

„אָבער וואוהין? איך ווייס נישט וואוהין!" און זי האָט זיך צע־וויינט.

לעאָן האָט געקוקט אויף איר מיט שרעק. דאַן האָט ער געפרעגט:
„וואו וועט איר נעכטיקן היינט נאַכט?"

„וואו? דאָ אין אַ ווינקל, אויף דעם גרויסן שטול דאָ. איך וועל אייך נישט זיין צו לאַסט, איר וועט זען, איך וועל נישט זיין".

„אָבער מיין סטודיאָ וועט באַלד אויפגעגעבן און אָפּגעליידיקט ווערן, מיינע זאַכן, אַלע, און איך אַליין וועלן מוזן אַרויס פון דאַנען."

קעיט האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז געזעסן און שטיל געוויינט ווי אַ קינד וועלכן מען האָט ווי געטאָן. זי איז געזעסן טיף אין גרויסן אַלטן שטול און האָט אויסגעזען אַזוי קליין און רחמנות'דיק, אַזוי ענלעך צו אַ קינד. לעאָנ'ס פּנים איז געווען פול מיט זאָרג, און ס'האָרץ מיט אַ פאַרגעפיל, אַז עס גרייט זיך פאַר אים אַן אַלטער חשבון רעכט צו מאַכן, אַ שטראָף פאַר אַ זינד וואָס ער האָט אַמאָל און קיינמאָל נישט באַגאַנגען.

קעיט איז געבליבן זיצן איינגענורעט אין גרויסן שטול, די אויגן צוגעמאַכט. זי האָט אויפגעהערט וויינען און ס'האָט אויסגעזען אַז זי האָט איינגעדרעמלט. לעאָן האָט זי צוגעדעקט מיט אַ גרינגן מאַנטל זיינעם און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אַנדער שטול איר אַנטקעגן, גע־קוקט אויף איר מיט אַ געמישטן געפיל פון פאַרדרוס און רחמנות. ער האָט געטראַכט:

„וויל איך דען אַזוי אָנהויבן מיין ניי לעבן? מיט פרויען גאָר? געגוג געהאַט דערפון!" ער האָט זיך נישט־באַמערקטערהייט אָפּגעגעבן אין רשות פון זכרונות, שמערצלעכע און זיסע. אַ גאַלעריע פון פרויען־געשטאַלטן זיינען אים פאַרבייגעגאַנגען. זיי פלעגן אומגעריכט אַריינ־טרעטן אין זיין לעבן מיט אַ שמייכל, מיט אַ לאַסקע, אַ לייכטן וואָרט, אַ קוש, אַ ליבעסגעפיל, לייכט אַריין און לייכט אַרויסטרעטן. ס'איז געווען אַ פריילעך שפּיל, אַמאָל האָט ס'האָרץ אַ צאַפּל געטאָן, אַמאָל אויך ווי געטאָן, אָבער מיט קיינער איז עס נישט דערגאַנגען אַזוי וויט

ווי מיט קעיט... און אויך זי האָט ער כמעט אין גאַנצן פאַרגעסן...
קיין איינע פון זיי האָט זיך נישט פאַרמאָסטן צו פאַרנעמען אין זיין האַרץ אַן אָרט אַנטקעגן זיין פרוי זינאַ, אויך נישט קעיט. דערפאַר האָט ער זיין שפּיל מיט זיי נישט געהאַלטן פאַר עפּעס שלעכטס און זינדיקס. ער האָט בלויז געליטן ווען זינאַ פלעגט זיך אָנשטויסן וועגן דעם און ווייטיקן. זי פלעגט אויף אַ מיסטעריעזן וועג, מיט עפּעס אַ זעלטענעם חוש אויף אים דערקענען אַז עפּעס אַ פרויען־געשטאַלט דרייט זיך אַרום איר מאַן. זי פלעגט עס נישט אַרויסרעדן מיט ווערטער, נאָר שטיל ווערן און די אויגן אַראָפּלאָזן, אויסמיידן זיין בליק. און ער האָט דאַן געוואוסט, אַז זי ווייס, און עס האָט אים ווי געטאָן. און וואָס וועט זיין איצט? איצט? פון אַלע צייטן — א י צ ט!? ער האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן און ווענדענדיק זיך ווי צו אַ מחנה שונאים האָט ער פעסט און הויך אויסגערופן:
„ניין, עס טאָר נישט זיין!"

דער סוף פון דער סטודיאָ

אַ טאָג שפּעטער, נאָכדעם ווי לעאָן קאַסטינס האָט זיך געזעגנט מיט זיין אַלטן פריינד זשאַן, און אים געגעבן איבערצונעמען אויף דערווייל די זאָרג וועגן קעיט, האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין סטודיאָ. ער האָט דאָרט געטראָפן פאַרזאַמעלט אַ היפּשע צאָל מענטשן; זיין זון פיליפּ האָט געהאַלטן אין פאַרלייענען פאַר זיי דעם טייל פון זיין פאָטערס צוואָה וועגן די קונסט־אַרבעטן וואָס זיינען פאַרבליבן. דאָרט איז געווען אָנגעוויזן, אַז אַ טייל פון זיינע בילדער זאָלן גיין צו אינסטיטוציעס פון אַ פערמאַנענטן כאַראַקטער, מיט וועלכע דער קינסטלער האָט סימפּאַטיזירט, אַ צווייטער טייל זאָל גיין צו זיין זון, זאַכן וואָס ער וועט אַליין אויסקלייבן, און אַ דריטער טייל זאָל פאַרקויפט ווערן דורך גאַלעריעס און אויסשטעלונגען.

נאָכדעם ווי פיליפּ האָט פאַרענדיקט לייענען דעם דאָקומענט, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער האָט שוין אָפּגעקליבן די זאַכן וועלכע ער האָט געוואָלט האָבן פאַר זיך. און אַז ער האָט אויך אָפּגעטיילט יענע בילדער וואָס ווען פּרעזענטירט ווערן צו אינסטיטוציעס. די איינציקע ווערק

וואָס זיינען דאָ פאַרבליבן אין דער סטודיאָ זיינען די וואָס דאַרפן גיין צו גאַלעריען און אויסשטעלונגען.

„און פאַר דעם צוועק האָב איך איך, מיינע חשובע הערן איינגע־לאַדן צו קומען און מיר לאָזן הערן אייער קאָמפּעטענטע מיינונג וועגן שטייגער און מיטלען דערצו."

פיליפּ האָט פאַרענדיקט זיין קורצע רעדע אין אַ גאַנץ רואיקן טאָן, אַזוי האָט עס געקלונגען, אָבער צו זיין פאָטער׳ס אויער, עמפינדלעך צו זיין זונ׳ס שטימע, האָט עס געוויזן אַן אינערע שפּאַנונג, אַנטקעגן דעם שטילשווייגן פון די אַנוועזנדע.

דער ערשטער, וואָס האָט געבראָכן די שטילקייט איז געווען אַ זייער הויכער, וויכטיק אויסזעענדיקער מאַן, דירעקטאָר פון אַ וויכטיקער קונסט־גאַלעריע. אַנגעטאָן איז ער געווען אין אַ גרויען אַנצוג פון פּערפעקטן שניט, זיין וועש בלענדענד ווייס, זיין שניפּס אויסגעבונדן אַזוי, אַז ס׳האָט געדוכט צו זיין פון אַבסאָלוטער איינהייט מיט העמד, האַלדז און נאַקן. ער האָט גענומען אַ שטול, באַמערקט אַ דינעם טאָן שטויב, האָט ער זיך אַרומגעקוקט נאָך הילף, און נישט קריגנדיק קיין אָפּרוף, האָט ער אַרויסגענומען אַ טיכעלע, אָפּגעשטויבט דעם שטול און זיך אַוועקגעזעצט מיט ווייט צעשפּרייטע פיס, הוט און שטעקן אין די הענט.

און ער האָט לאַנגזאַם אַרויסגערעדט:

„קענען מיר אפשר קריגן אַ פאַרשטענדיקן בליק אויף דעם פאַר־שטאָרבענעם קינסטלער׳ס אַרבעטן?"

„יאָ, זיכער".

און פיליפּ האָט אָנגעהויבן אַרויסשלעפּן לייווענטן פון וואַנט און ווינקלען און זיי אַרויפשטעלן אויף דעם שטענדער, איינס נאָכן צווייטן. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן געקוקט שווייגענד, נישט דערלויבנדיק זייערע ליפּן אָדער שטימען אַנצודייטען זייערע געפילן. די שטימונג האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַלץ שווערער מיט דעם שטילשווייגן פון די מענטשן. ענדלעך האָט דער לאַנג־פוסיקער דזשענטלמען אין גרוי זיך אָפּגערופן:

„עס פאַרשטייט זיך, אַז עס וואָלט נישט ראַטזאַם געווען אויס־צושטעלן מער ווי פינף און צוואַנציק בילדער אויף איין מאָל. פון אונזער ברייטער און לאַנגיעריקער דערפאַרונג זיינען מיר באַרעכטיקט צו זאָגן אַז, אַזוי באַלד ווי מער ווי פינף און צוואַנציק בילדער פון איין

מאָלער ווערן געוויזן — הויבן מענטשן אָן צו פרעגן די נאַרישע פראַגע: „ווי לאַנג האָט עס דעם קינסטלער גענומען צו מאָלן אַ בילד?" זיי הויבן אָן צו טראַכטן אַז דעם קינסטלער האָט עס ווייניק צייט גענומען און דערפאַר דאַרפן די פרייזן נישט זיין צו הויך. און דאָס, וועט איר דאָך צוגעבן, איז אומגינסטיק פאַר דער גאַלעריע און פאַר דעם מאַלער... יאָ, המ... און נאָך אַ זאַך... בלויז איין בילד פון יעדן מין. אויב אַ לאַנדשאַפט מיט אַ בוים — דאַרפן נישט זיין צוויי לאַנדשאַפטן מיט אַ בוים, ווייל דאָס מאַכט שווערער פאַרן קויפער אויסצוקלייבן, און מען קען דורך דעם פאַרלירן אַ פאַרקויף... און נאָך אַ זאַך מוז געזאָגט ווערן: אַ גאַלעריע האָט דאָך אויסגאַבן... די קאָמיסיע פון פאַרקויף קען עס נישט תמיד דעקן... איך האָף אַז איר פאַרשטייט וואָס איך מיין דערמיט..."

לעאָן האָט פון זיין ווינקל געקוקט אויף דעם רעדנער און האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט מיט יאָרן צוריק געטראָפן דעם מאַן אין זיין גאַלעריע. לעאָן איז דאַן געקומען אים ווייזן אַ פאָרטפעל מיט זיינע צייכענונגען. דער דאָזיקער מאַן האָט באַטראַכט די צייכענונגען און באַמערקט אַז, יאָ, ער געפינט קוואַליטעט אין זיי... באמת, נישט שלעכט, און מיר וואָלטן מיט זיי עפּעס געקענט טאָן... ווען... און נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער ביי לעאָנען אַ פרעג געטאָן: „ענטשול־דיקט אַ פּערזענלעכע פראַגע: ווי לאַנג האָט איר נאָך בדעה צו לעבן?" און כדי צו דערקלערן וואָס ער מיינט דערמיט האָט ער צוגעגעבן: „איר פאַרשטייט דאָך, אַז אַ סך קען די גאַלעריע נישט אויפטאָן מיט זיי כל־זמן איר לעבט..."

לעאָן דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אויף דעם געענטפערט, אַז ער איז נאָך נישט גרייט צו שטאַרבן פאַר דעם וואוילזיין פון דער גאַלעריע...

דערווייל האָט זיך דער הויך־געוויקסיקער הער אויפגעהויבן, האָט אַרויסגענומען אַ וויזיט־קאַרטל און מיט אַ דין־ליפּיקן שמייכל עס דערלאַנגט פיליפּ'ן און געזאָגט:

„ווען איר וועט עפּעס באַשליסן, לאָזט אונז וויסן און מיר וועלן זיין ווילּיק צו קאָאָפּערירן. גוטן טאָג!"

נאָכדעם ווי ער איז אַוועק, זיינען נאָך די אַנדערע פאַרבליבן פאַר אַ שטיקל צייט. איינער, אַ יונגערמאַן מיט שווערע ברילן אויף אַ בולט'ער נאָז, האָט גענומען דאָס וואָרט:

„איך האָב", האָט ער געזאָגט, „נאָכגעפאָלגט מר. קאסטינס אַרבעטן

אין משך פון אַ צאָל יאָרן. איך האָב רעצענזירט עטלעכע אויסשטע־לונגען זיינע און האָב געהאַט דעם איינדרוק, וואָס איז שפּעטער גע־וואָרן מיין איבערצייגונג, אַז דער דאָזיקער מאָלער האָט ניט געמאָלן לויט זיין עלטער. אנטקעגן זיין אייגענעם עלטער האָט ער געמאָלן צו־יונג און לגבי דער צייט אין וועלכער ער האָט געלעבט — האָט ער געמאָלן צו־אַלט".

אַן אַנדער יונגערמאַן, מיט אַ קאָפּ אינגאַנצן נאַקעט פון האָר, און אַ בויך וואָס האָט עטוואָס געהאַנגען איבערן גאַרטל, האָט אַ זאָג געטאָן, ווי דורכן נאָז:

„איך גלויב אַז מר. קאָסטינס האָט מער געוואוסט וועגן מאָלעריי, ווי ער האָט געקענט מאָלן". אַ דריטער, אַ קונסט־קריטיקער פון אַ וועכנטלעכן זשורנאַל, האָט צוגעגעבן: „און ער איז געווען צופיל אַ מעשה־דערציילער. פאַרוואָס האָט ער זיך ניט באַדינט מיט אַ פּען אַנשטאָט אַ פּענזל?"

עמיצער האָט אין אַ ווינקל געלאָזט הערן זיין וואָרט: „און ער איז מיר געווען צו־קלוג". אַן אַנדערער: „ער איז געווען צו־גוט, צו־קלאָר". נאָך איינער: „ער האָט געזען צופיל, צו־לאָגיש, צו־פּשוט... צו־צו... אויבנאויפיק... צו־צו..."

לעאָן האָט זיך צוגעהערט צו די אַלע רייד מיט פולער גלייכגיל־טיקייט. ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין זונ'ס פּנים, ווי ער האָט עס אויפגענומען מיט שמערצלעך־צונויפגעדריקטע ליפּן און צאָרן אין די אויגן. לעאָן האָט צו זיין זונ'ס האָרץ געזאָגט:

„זונעניו, זאָל דאָס דיך ניט אַרן, ענטפער זיי נישט, זיי וועלן באַלד אַנדערש רעדן".

און פיליפּ האָט צו זיך געזאָגט: „איך וועל זיי נישט ענטפערן, נישט פּאָלעמיזירן". ער האָט בלויז געזאָגט: „איז וואָס, מיינע העררן, ווילט איר מיר הייסן טאָן? איך זאָל עס אַלץ צעשטערן, צערייסן, צע־שניידן, אַריינוואַרפן אין אַ ברענענדיקן אויוון?"

„אָ, ניין, האָבן זיי אַלע, ווי מיט איין קול אויסגעשריגן: פאַר־קיין פאַל נישט. אייער פאָטער איז געווען אַ גוטער מאָלער... מיר זיינען קריטיקער, פאַרשטייט איר דאָך, רעדן מיר... אָבער מיר זיינען גרייט צו קאָאָפּערירן".

זיי האָבן אַלע אַרויסגענומען זייערע קאַרטלעך, און איינער פון זיי

האָט געזאָגט: „פירט אַריבער אַלץ אין אונזער גאַלעריי און מיר וועלן אויסאַרבעטן פּלענער און טאָן וואָס מיר וועלן קענען".

ווען זיי זיינען אַוועק, האָט לעאָן ווידער געזאָגט צו זיין זון: „איך וועל קומען, אויב איינגעלאַדן, צו מיין מעמאָריאַל־אויסשטעלונג. איך גלויב נישט, אַז מיר וועלן זיך טרעפן פריער. איצט, ווען מיין סטודיאָ ווערט ליקווידירט, איז אַ גרויסער קנויל לויז געוואָרן און מיך באַפרייט".

„וואָס ווילסטו טאָן, פּאָטער?"

„איך וויל פּרוּוון פאַרשטיין, און דערנאָך קומען דערציילן".

„וועסט זיך נאָך געזעגענען מיט דער מאַמען?"

„יאָ, פיליפּ, איך וויל עס טאָן".

⁂

לעאָן האָט געפונען זיין פרוי זינאַ אין בעט. זי איז געלעגן אין אַ פיל רואיקערן דרעמל. כדי נישט צו שטערן איר רו איז ער צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, ווי ער פלעגט עס טאָן אַמאָל, און זיך אַוועקגעזעצט אויפן עק בעט. נאָך עטלעכע רגע'ס האָט זי בלויז מיט די ליפּן, קוים־קוים צו הערן, אַרויסגערעדט: „דאָס ביסטו, לעאָן?" און איז ווייטער געשלאָפן חלומענדיק.

„יאָ, דאָס בין איך, כ'האָב נאָר וואָס געזען פיליפּן".

„וואָס מאַכט ער?"

„ער איז, נו . . . ער האָט אַ קליינע פאַרקילונג, גאָר אַ גרינגע . . . ניט ערנסט".

„און דו?, פרעגט זי, ווי פילסטו זיך? איך בין זייער באַזאָרגט וועגן דיר".

„זאָרג ניט, דו גיב בעסער אַכטונג אויף זיך. איך ווייס ניט וואו איך וועל זיין פאַר אַ שטיק צייט, אפשר גאָר פאַר אַ לאַנג־לאַנגער צייט . . ."

זי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן.

„איך בין געקומען דיר זאָגן, זינאַ, אַז איך האָב דיך שטענדיק ליב געהאַט, נאָר דיך".

„איך ווייס עס, אָבער איך בין ניט דיין איינציקע . . . אפילו . . ."

זינאַ האָט אומרואיק אַ קער געטאָן איר קאָפּ און אירע ברעמען האָבן אַ ציטער געטאָן:

„אפילו איצט דרייט זיך נישט איינע פון דיינע מוידן אַרום דיר!"

לעאָן האָט דערשראָקן אַ שמייכל געטאָן:

„זינאַ, הער מיך אויס. געדענקסטו ווען מיר זיינען נאָך יונג, זייער יונג געווען אין אונזער הייראַט, בין איך אָפּט געווען אייפערזיכטיק... איין מאָל זייער שטאַרק. איך האָב עס דיר געזאָגט, האָסטו געשמייכלט און זיך אָפּגערופן: „און ווער, דענקסטו, איז עס דער קאַוואַליער וועגן וועמען דו ביסט אייפערזיכטיק?" איך האָב אָנגערופן אַ נאָמען, האָסטו ווידער לאַכנדיק געזאָגט, אַז איך פאַרשווענד שטענדיק מיין אייפער־זוכט אויף אַ נישט ריכטיקן... דו געדענקסט וויפיל שפּאַס און וויפיל געלעכטער מיר האָבן זיך אָנגעלאַכט וועגן דעם. דו האָסט פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אָנרופן דעם „ריכטיקן". האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז ווען מיר וועלןביידע אַלט ווערן זיבעציק יאָר, וועלן מיר אויפדעקן אַלע אונזערע סודות איינער דעם אַנדערן. מיר זיינען איצט זיבעציק, איך שוין אַריבער... וועסטו דערציילן?"

זינאַ האָט מיט אַ לייכטן שמייכל געענטפערט: „גיין".

„וועסטו מיר, זינאַ, דערציילן ווען מיר וועלן ביידן זיין דאָרטן?"

„אפשר... אָה, לעאָן, ביסט אַזאַ גרויסער נאַר! אַזאַ גרויסער נאַר! איך האָב דיך זייער ליב געהאַט, אָבער דו ביסט... דו האָסט גאָרנישט פאַרשטאַנען, גאָרנישט... און אויך איצט פאַרשטייסטו גאָר־נישט..."

„זינאַ, איך גיי איצט אַוועק, אָבער וואוהין איך גיי ווייס איך נישט... צי וועל איך נישט ווערן, אינגאַנצן נישט ווערן, אָדער אויפסניי ווערן — ווייס איך נישט. אַלץ איז אַזוי פּראָסט און אַזוי קאָמפּליצירט, אַלץ אַזוי אומבאַגרייפלעך... ביסט גערעכט, זינאַ, איך פאַרשטיי גאָרנישט, אָבער איך האָב עס דיר ליב צו דערציילן... איך וועל דיר קומען דערציילן ווען נאָר דו וועסט מיך רופן... איך וועל קומען דיך אַהין פירן ווען דו וועסט מיך רופן און איך וועל דאָרטן זיין מיט דיר... נו, אַ גוטע נאַכט, דערווייל..."

ווי זאָל מען דאָס פארשטיין ?

זשאַן, דער מאָלער, אַן אַלטער און געטרייער פריינט, האָט ווידער אָפּגעוואָרט לעאָנען אין דרויסן.

„נו, לעאָן, ביסט איצט פריי? זיך אַרויסגעפּלאָנטערט? ס׳איז צייט, מיין איך, אַז דו זאָלסט זיך אַביסל פאַרנעמען מיט דער וועלט אין וועלכער מיר זיינען אַריין, אַ וועלט אין וועלכער קיינער גלויבט ניט. אַנדערע לאַכן, אַנדערע בייזערן זיך אפילו ווען מען לייגט זיי פאָר אַזאַ היפּאָטעזע".

„טאַקע באַלד?" פרעגט לעאָן.

„פאַרוואָס ניט באַלד? עפּעס אַ סיבה?"

„יאָ, איך בין נאָך ניט פריי... אַ נישט־באַשטראָפטע זינד פאַר־צוימט מיר מיין וועג..."

„וואָס איז דאָס, קעיט?"

„יאָ".

„דערצייל וועגן קעיט, אויב דו מוזט".

„יאָ, איך מוז... די פרוי איז אָנגעקומען צו פאַרבינדן אַ קנויט אַרום מיר, גראָד ווען כ׳האָב געהאַלטן אין פאַנאַנדערבינדן אַלע באַנדן. דענק נאָך — געשוואומען אַ לעבן־לאַנג דורך שטורמישע וואַסערן אַן וועלכן ניט איז בראָך, ערנסטן צוזאַמענשטויס, אין דער אמת׳ן אַן וועלכן ניט איז עקסידענט... צו ברענגען מיין שיף צו אַ רואיקן ברעג, און פּלוצלינג אריינגעפאַלן אין אַ שטראָם מיט שוימיקע כוואַ־ליעס. וואָס פאַר אַן אַבסורד דאָס איז!"

„לעאָן, דו רעדסט אין אַ צו־רעטאָרישן סטיל. די שוימיקע כוואַ־ליעס זיינען אפשר גאָרנישט אַזוי שוימיק. וואָס איז מכוח קעיט?"

„קעיט איז אַ קורצע באַגעגעניש מיט פילע יאָרן, אפשר צוואַנציק יאָר צוריק. זיך מער קיינמאָל נישט געזען... פאַרגעסן... טרעפט זיך אַז מיר שטאַרבןביידע אין כמעט דעמזעלבן טאָג, און מיר שטויסן זיך אָן ביי דער טיר פון מיין סטודיאָ... וויל זי פון אַ קורצער באַגעגעניש מאַכן אַן אייביקע".

זיי זיינען ביידע אַ ווײַלע שטיל געבליבן. דערנאָך האָט זיך זשאַן אָפּגערופן:

„זי איז איצט ביי דיין סטודיאָ, זי זיצט אויף די טרעפּ און וואַרט אויף דיר... לעאָן, מיין אַלטער פריינט, איך בין איצט אין אַן ענלעכער

סיטואַציע און עס ווילט זיך מיר גרייַלעך דיר עס צו דערציילן... איך נאָמען איז ליזאַ. ביי דיר — קעיט; ביי מיר — ליזאַ... לאָמיר זיי ביידן אַפּלייגן אויף אַ ווייַלע... קום מיט מיר... קום, איך וויל מיט דיר רעדן. מער ווי רעדן וויל איך דיך הערן רעדן... אפשר דורך דיר פאַר־שטיין, קום..."

**
*

זיי זייַנען אייגנטלעך ניט געגאַנגען. עס איז געווען אַ מין שוועבן אָדער שווימען... ס'האָט אויסגעזען ווי אַ ווינט וואָלט זיי געטראָגן, אַ ווינט וואָס האָט ניט געבלאָזן, נאָר זיך באַוועגט און מיטבאַוועגט זשאַן און לעאָן. זיי זייַנען געווען נאָענט צי ווייט, אפשר זייער ווייט פון דער ערד־וועלט... עפּעס קומענדיק נאָענט און נאָענטער צו אַ קנויל פון שטראַלן אָדער אויסשטראַלונגען... ס'איז געווען אַ טורעמ־דיק שטייגן — גלייַך און קייַלעכדיק... פּאַרמאַציעס אַרום זיי ווי דורכזיכטיקע וואָלקנס פון אומענדלעכע דימענסיעס, מער ווי פיר, פאַרבן, מער ווי זיבן... און אַלץ, אַלץ אַרום זיי דורכגעוועבט מיט מיר־יאַדן זאַכן און אומענדלעכע אַנהויבן, און אומענדלעכע ענדונגען, וואָס זייַנען אויך ווידער אַנהויבן... זאַכן און סימנים פון זאַכן. עס האָט גע־שיינט צו זיין שאָטנס אָדער פאַרצייכעניש פון זאַכן, פון אַלץ וואָס איז געווען אָדער געלעבט: מענטש און חיה, מויז און לייב, בוים, בלום און גרעזעלע... רוים פאַר אַלץ און אַלעמען, גאָרנישט איז פאַרגעסן, גאָר־נישט פאַרפעלט... „אין שכחה לפניך".

„זע, לעאָן, קוק, פּרוואו עס צו פאַרשטיין און העלף מיר עס צו באַנעמען... איך בין שוין דאָ עטלעכע יאָר און שטיי נאָך אַלץ אין דרויסן... איך פיל אַז ס'איז איבער מייַנע כוחות... דו אָבער ביסט אַ זשעני פאַר געדאַנקען. זע, קוק און רעד צו מיר..."

די אַלטע פריינט, אין טויט און לעבן, זייַנען פאַר אַ לאַנגער ווייַלע שטיל געבליבן, ביז לעאָן האָט פאַרטראַכט אָנגעהויבן צו רעדן:

„איך דערמאָן מיך איצט אַ דערציילונג פונעם רוסישן שרייבער לעאָניד אַנדרעיעוו וועגן „לאַזאַרוס" וואָס איז צוריקגעבראַכט גע־וואָרן צום לעבן נאָך פיר טעג זיין טויט. אַ מאָלצייט איז געווען צוגעגרייט פאַר אים און פאַר די געסט וואָס זייַנען געקומען אים באַגריסן. איז לאַזאַרוס געזעסן צווישן די געסט, ווי אַ גרויסע פיגור,

אָנגעטאָן אין רייכע קליידער, אַ שוויַיגעדיקער, אַ שטומער. די געסט זייַנען געקומען הערן פון אים וועגן דער וועלט פון וועלכער ער האָט זיך אומגעקערט, אָבער לאַזאַרוס איז געזעסן ווי אַ גרויסער, געשוואָלענער מאָנסטער, מיט זיין האַנט ליגנדיק, ווי פאַרגעסן, אויפן טיש און האָט געשוויגן. און ווען די געסט האָבן געפרעגט פאַרוואָס ער שוויַיגט — צי ער וויל ניט דערציילן אָדער עס איז נישטאָ וואָס צו דערציילן — האָט ער זיי גאָרנישט געענטפערט, און זיין שוויַיגן איז געוואָרן נאָך שווערער און שוואַרצער. און ווען ער האָט ענדלעך אויפגעהויבן זייַנע אויגן און אַ קוק געטאָן אויף זיי, האָבן זיי אין זייַנע אויגן דערזען אַזאַ שרעקלעכע ליידיקייט, אַז ס׳האָט אויסגעלאָשן אין זיי יעדן חשק צו לעבן. עס איז אין זייַנע אויגן געלעגן אַזאַ שרעקלעכער גאָרנישט, וואָס האָט קיין נאָמען נישט, אַן אַבסאָלוט־שוואַרצער גאָרנישט. מענטשן האָבן זיין בליק נישט געקענט פאַר־טראָגן, פלעגן אַראָפּ פון זינען אָדער אַליין שטום ווערן, ווי לאַזאַרוס. דאָס לעבן ווערט ליידיק אויב דער טויט איז ליידיק״.

„אַ מורא׳דיקע מעשה״, האָט זיך זשאַן אָפּגערופן.

„און איצט, אַז איך בין דאָ״, זאָגט לעאָן, „זע איך אַז דער טויט איז ווייט נישט ליידיק, גאָר פאַרקערט. אָבער שטעל זיך פאָר אַז איך בין אויף לאַזאַרוס אָרט, און איך דאַרף דערציילן, און דער־ציילן דאַרף מען... מען דאַרף אָנהויבן אָנקומען פון דאַנען און דערציילן... ווייס איך ניט וואָס און ווי אַזוי איך וואָלט עס געטאָן. ס׳איז דאָך איבער אַלע צאָלן און מאָסן, איבער דיין און מיין נאָך אַלץ מענטשלעכן פאַרשטאַנד״.

„גאָר פשוט, לעאָן, דערצייל דאָס ביסעלע וואָס דו ווייסט און דאָס פולע וואָס דו ווייסט נישט״.

„זיי וואָלטן גאָרנישט געגלויבט, זיי מיינען דאָך אַז מיטן טויט איז צו אַלץ אַ סוף, און אַלץ וואָס מ׳קען זאָגן איז נישט מער ווי ווער־טער...״

„נישט מער ווי ווערטער!... איך געדענק נאָך אַ רעדע וואָס דו האָסט געהאַלטן וועגן ווערטער... זאָל איך עס דיר דערמאָנען?״

„דערמאָן״, האָט לעאָן געענטפערט מיט אַ שמייכל.

„איך קען עס דיר איבערגעבן כמעט וואָרט ביי וואָרט; עס איז געווען צו דיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג; דו האָסט, צווישן אַנדערן, געזאָגט: ווערטער זייַנען וואונדערבאַר מיט דעם כּוח וואָס ליגט

אין זיי, אפילו אותיות. און וואָס איז אַן אות? אַ דריי מיט דער צונג, אַ צי מיט די ליפּן, אַ דיך פונעם אָטעם און אַ וואונדער געשעעט! און איך געדענק ווי דו האָסט עס אילוסטרירט: אָט זאָגסטו — נעמט דאָס וואָרט זען. מען קוקט, מען זעט... אָבער אָט שטעל איך צו דריי אותיות ד ע ר, דער. און עס עפענען זיך ווייטע האָריזאָנטן, ווייטע, ברייטע באַגריפן. פון זען ווערט דערזען. ווען אַ מענטש דערזעט, הייסט עס נישט אַז ער הערט אויף ווייטער צו זען; נייִן, זיין ווייטער־דיקער זען קריגט אָבער צו אַ נייע דימענסיע. דאָס זעלבע איז מיט גיין און דערגיין, מיט לעבן און דערלעבן. מען הערט נישט אויף ווייטער צו גיין און לעבן נאָכדעם ווי מע דערגייט און מ׳דערלעבט. נאָר דאָס גיין און לעבן קריגט אַן אַנדער זין און פאָרנעם. איצט, זאָגסטו ווייטער, נעמט דאָס וואָרט שטאַרבן און שטעלט צו דיזעלבע דריי אותיות און עס ווערט אַ ניי וואָרט דערשטאַרבן. מ׳שטאַרבט דאָך פון געבוירט־אָן, יעדן טאָג, יעדע רגע, ווי מען זעט, גייט און לעבט — אײדער מ׳דערזעט, דערגייט און דערלעבט... מען טוט עס פריער און מען טוט עס נאָכדעם ווייטער. אַזוי איז עס מיטן שטאַרבן און דערשטאַרבן הייסט בלויז אַז דאָס ווייטערדיקע שטאַרבן קריגט אַ נייעם פּנים... מען שטאַרבט ווייטער נאָך דעם אָפיציעלן טויט. דאָס ווייטערדיקע שטאַרבן קען דאָך אָבער ניט פאַרקומען אָן ווייטערדיקן לעבן... הייסט עס, אַז מען לעבט ווייטער נאָכן טויט, כדי צו קענען ווייטער שטאַרבן... לעאָן, געדענקסט כאָטש וואָס דו האָסט אַמאָל גערעדט?״

„סאַראַ אייזערנעם זכרון דו האָסט, זשאַן!״

„יאָ, איך געדענק נאָך, אַז מיר האָט זיך זייער געוואָלט באַנעמען מער וועגן דעם ענין. איך בין אפילו איצט גרייט צו הערן. רעד, לעאָן״.

„יאָ, וועגן דערשטאַרבן... מענטשן הייבן אָן צו שטאַרבן פון ערשטן מאָמענט ווען זיי הייבן אָן לעבן און האַלטן אָן זייער שטאַרבן ווען זיי וואַקסן, ווערן רייף, אַלט, זייער אַלט... מענטשן שטאַרבן ווען זיי שטייגן באַרג אַרויף אין זייער לעבן, און ווען זיי גייען באַרג־אַראָפּ אין זייער לעבן, ביז עס קומט צו יענעם לעצטן שטאַרב וואָס ווערט באַגלייט פון אַ לוויה. און נאָכדעם וואָס? זיי שטאַרבן ווייטער, ווייל דער טאָטאַלער טויט קומט צו זיי פיל־פיל שפּעטער, און אפשר קיינמאָל נישט. זיי שטאַרבן נאָך אַ סך מאָל ביז זיי טרעטן אַריין

אין אַ צושטאַנד פון אומשטערבלעכקייט. וואָס פאַר ספּערע אָדער צושטאַנד דאָס איז — וועגן דעם קען איך אפילו נישט אימפּראָוויזירן. איך וועל עס איבערלאָזן פאַר הינדוסישע מיסטיקער און קבלה. שטאַרבן איז, ווי לעבן, אַ טייל פון קאָסמישער עקזיסטענץ. איך האָף אַז איך וועל זיך נאָענטער באַקענען מיט דעם פּראָצעס אײדער איך שטאַרב דאָ ווידער. נו, זשאַן, וואָס נאָך זאָל איך דיר זאָגן וואָס איך ווייס נישט?"

„זאָג מיר עפּעס וואָס דו ווייסט נישט וועגן לעבן — דאָס ווייטערדיקע לעבן — אָט ווי מיר זײַנען דאָ איצט".

„די זאַך איז איצט די, זשאַן, אַז וואָס מיר טראַכטן און וואָס מיר זאָגן, ווײַזט זיך מיר אויס אַז ס׳איז אַ המשך פון דעם וואָס מיר האָבן געטראַכט און גערעדט אין אונזער פריערדיקן לעבן. פאַר דער קורצער צײַט וואָס איך בין דאָ, האָב איך דעם געפיל אַז איך בין נאָך אַלץ דאָס וואָס איך בין געווען פריער. און איך האָב אַ פאַרגעפיל, אַז וואָס איך בין אין דער אמת׳ן וועל איך קיינמאָל נישט וויסן. מיר — דו און איך — זײַנען דאָך איצט אין דער מעטאַפּיזישער וועלט — נישט אַזוי? און דאָך ווײַזט זיך מיר אויס אַז די וועלט פון מעטאַפּיזיקס איז נאָך אַלץ ווייטער, הינטער אַ ווייטערן פאָרהאַנג".

לעאָן האָט זיך פאַרטראַכט, רײַבנדיק דעם שטערן. נאָך אַ לענגערן שווײַגן האָט ער אָנגעהויבן רעדן ווי צו זיך אַליין:

„שטענדיק, אַזוי לאַנג ווי איך געדענק זיך, האָבן מיר פאַרפאַלגט געדאַנקען וועגן לעבן־טויט, טויט־לעבן — געדאַנקען רעליגיעזע, מיסטישע, פילאָזאָפישע און אפילו וויסנשאַפטלעכע. די פיזיקער האָבן מיך לעצטנס געפאַנגען אין גאָר אַ נײַער נעץ פון געדאַנקען. הער זיך אײַן, זשאַן, און לאָז זיך פאַנגען. ס׳איז אַזוי: ס׳איז אַ שטראָם פאַראַן, אַ שטראָם פון ענערגיע, ליכט, עלעקטרי, מאַגנעטיזם אָדער עפּעס פון דעם מין. דער פיזיקער מאַקס פּלאַנק ווייס גענויער וואָס דאָס איז פאַר אַ שטראָם. ער זאָגט אַז דער דאָזיקער שטראָם, אין זײַנע אומענדלעכע מינים פון כוואַליעס און וויבראַציעס, שאַפט די גאַנצע וועלט, דעם אוניווערס, דעם קאָסמאָס. דער שטראָם לויפט פאָראויס אין אַ גלײַכער ליניע, וואָס איז אויך אַ געבויגענע. דאָס קען אַלבערט איינשטיין גענויער דערקלערן. הער־זשע ווייטער: אָט דער באַשאַפנדיקער שטראָם לויפט פאָראויס ניט אין אַ קאָמפּאַקטן

שטראָם, נאָר אין שטיקלעך ווי אַ טיק־טאַק, לאָמיר זאָגן, פון אַ וועסטערן יוניאָן טעלעגראַף, אַן אומרעגלמעסיקער, אומגלייכער שטראָם פון אײַ־בעררייסונגען, מיט גאָרנישט אין צווישן. גאָרנישט — פאַרשטייסטו, גאָרנישט אינצווישן. און דאָס הייסט, אַז מיט יעדן שלאָג ווערט די וועלט באַשאַפן, און מיט יעדן איבעררייס שטאַרבט די וועלט אָפּ. אַלץ — מענטש, חיה, בוים און גראָז, די גאַנצע וועלט לעבט און שטאַרבט יעדע רגע, שטאַרבט און ווערט צוריק געבראַכט צו תחית המתים. אַ באַשטענדיקע פּראָצעסיע פון אַריינגיין און אַרויסגיין פון לעבן. איז דאָס בילד פון דער גרויסער וועלט און מענטש קלאָר פאַר דיר, חבר מיינער?"

„די ווערטער פאַרשטיי איך, אָבער ס'בילד איז מיר נישט קלאָר".

„וואָס איז דיר אין בילד נישט קלאָר?"

„נישט קלאָר איז וואָס און ווער איז אין צווישן די איבעררייסן, און ווער שאַפט דאָס תחית־המתים? ווער בינדט צונויף די איבער־געריסנקייטן אין אַ גאַנצער וועלט אָדער אין גאַנצע פּערזענלעכקייטן? קענסטו אפשר מיר דאָס קלאָר מאַכן?"

„נישט אַזוי גרינג, זשאַן. אָבער, פון די פראַגן וואָס דו שטעלסט, זע איך, אַז דו ביסט גאָרנישט אַזאַ נאַר ווי דו מאַכסט זיך. אַחוץ דעם, מיין איך, אַז מיר האָבן זיך פאַרפילאָזאָפירט צו שטאַרק און קענען אַמאָל פאַרלירן דעם באָדן פון אונטער די פיס".

„וועלכן באָדן? מיר זיינען ווייט פון וועלכן נישט איז באָדן, מיר פליען, שוועבן, כוואַליעס טראָגן אונז..."

פלוצלינג צעשמייכלט זיך זשאַן, דער שמייכל ווערט ברייטער און ער צעלאַכט זיך אין אַ הילכיקן געלעכטער. לעאָן גיט אַ קוק אויף זיין פריינט פון דער זייט: „וואָס אַמוזירט דיך אַזוי פריילעך?"

און נאָך אַלץ לאַכנדיק ענטפערט זשאַן: „דוכט זיך דיר נישט, אַז דאָס וואָס מיר זיינען איצט קען מען אָנרופן מלאכים? פליגלען? נישט קיין מוז. אָט פליען מיר דאָך... נו, שטעל דיך פאָר אַז מיר זאָלן איצט אָנהויבן ווידער מאָלן, וואָלטן מיר דאָך געמאָלן אַזוי וואונדערבאַר, ווי מלאכים! ווי ענדזשעלס!"

און זשאַן האָט זיך ווידער הילכיק צעלאַכט.

„הער אויף, זשאַן".

„וואָס איז, לעאָן, זיי ניט אַזוי ערנסט, לאַכן איז דאָ ניט פאַר־באָטן".

„וואָס האָסטו געזאָגט, זשאַן, אַז קעיט זיצט אויף די טרעפּ פון מיין סטודיאָ און וואַרט?"

„זי זיצט נישט נאָר אויף דיינע טרעפּ, נאָר אויך אויף דיין געוויסן, זע איך".

נאָך אַ לאַנגן, עמאָציאָנעלן שווייגן און טראַכטן האָט לעאָן זיך אָפּגערופן:

„מאָדנע, ווי ווייניק איך ווייס וועגן דיר און דיין לעבן. דו דערציילסט אַזוי זעלטן וועגן זיך, ביאָגראַפיש גערעדט. איך מיין אַז ס'איז שוין צייט מיר זאָלן זיך באַקענען, ניט אַזוי? דערצייל מיר עפּעס וועגן זיך!"

„וואָס זאָל איך דיר דערציילן, לעאָן, מיין לעבן איז נישט געווען מאָלעריש און ניט דערציילעריש... ס'איז אַ נישט פאַרענדיקטע סימפאָניע וואָס האָט אויך קיין אָנהויב נישט געהאַט, גאָרנישט... קיין וויכטיק שטיק אַרבעט, קיין גרויסע ליבע, קיין ווייב, קיין קינד, גאָרנישט, בלויז אַ זאַמלונג פון נישט פאַרענטפערטע קשיות, גלייכוועלטלעך, וויצן, נאַרישקייטן און צוגעטראַכטע נאַאיוויטעטן... מער גאָרנישט..."

„איך גלויב דיר נישט, זשאַן! דו האָסט נאָרוואָס געמאָלן אַ נישט־געראָטענעם זעלבסט־פּאָרטרעט. וואָס איז מכוח ליזאַ?"

„ליזאַ? ס'איז אַ וויטיק... כ'וועל דיר דערציילן וועגן ליזאַ'ן אָבער נישט איצט. קעיט זיצט דאָרט און וואַרט אויף דיר... זאָג מיר, ווייסט זינאַ וועגן קעיט?"

„ניין, דוכט זיך, ניט... און אפשר — יאָ".

***

לעאָן האָט געטראָפן קעיט זיצנדיק אויף די טרעפּ צו זיין סטודיאָ. זי האָט געהאַלטן אַ גרויסן פּאָרטפעל מיט עפּעס וואָס האָט אויסגעזען ווי צייכענונגען אויף פּאַפּיר. זי האָט עס געהאַלטן מיטביידע הענט, זייער פאָרזיכטיק, און האָט קענטיק געוואַרט אויף עמיצן. ווען לעאָן איז אָנגעקומען, האָט זי דערשראָקן אַ ציטער געטאָן. זי איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און מיט אַ דיבינקער שטים שולדיקערהייט אָנגעהויבן:

„כ'האָב ניט געוואוסט וואו אייך צו געפינען, בין איך געקומען

אַהער. מענטשן האָבן דאָ אַרויסגעטראָגן זאַכן, מעבל און בילדער און האָבן דאָס איבערגעלאָזן... האָב איך געטראַכט אַז אפשר ווילט איר דאָס האָבן? לעאָן, זייט איר בייז אויף מיר?"

„ניין, איך בין נישט בייז, נישט אויף אייך... איר זיצט שוין דאָ לאַנג?"

„איך ווייס נישט. אַ מאַן האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך. ער איז אייערער אַ פריינט, זאָגט ער. רעדט אַזוי האַרט און שאַרף. ער זאָגט אַז זיין נאָמען איז סעם, און אַז ער איז געקומען אייך דערציילן אַז ער איז געשטאָרבן אַ פינף וואָכן צוריק. איר דאַרפט עס וויסן, זאָגט ער... אַ מאָדנער מענטש אַזאַ... ער האָט זיך אָנועקגעזעצט לעבן מיר דאָ, און גערעדט, גערעדט... און האָט מיך פאַרבעטן צו גיין מיט אים אין אַ מואווי. זאָג איך אים, אַז איך האָב ניט ליב קיין מואוויס. זאָגט ער, אַז ער האָט זיי אויך פיינט... האָט ער מיך צוגערעדט צו נעמען מיט אים אַן עקסקורסיע אויף אַ וואָלקן... ער וועט האַלטן, זאָגט ער, דעם פאָרטפעל פאַר מיר... האָב איך איינ־געוויליקט. פון דער ערשטער רגע אָן ווי מיר האָבן פאַרנומען די פלעצער אויפן וואָלקן, האָט ער אַריינגעצויגן די פאַסאַזשירן אין אַ וויכוח, וואָס איז באַלד געוואָרן אַ הייסע קריגערײַ, וועגן דעם ווינט, פאַרוואָס ער דאַרף בלאָזן גראָד אין פנים אַריין... און וועגן דער דאָפּלטער באַדייטונג פון העברעאישן וואָרט רוח, וואָס באַדייט גייסט און אויך ווינט... אַלע זיינען אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרן אַז קיינער האָט ניט געקענט הערן וואָס דער פירער האָט אָנגעוויזן און מען האָט אונז ביידן געוואָלט אַראָפּשטופּן פון וואָלקן אַראָפּ".

„יאָ, איך דערקען אים, מיין פריינט, סעם קאָוונער, אָט אַזאַ מענטש איז ער; אָבער זיכער איז, אַז קיין לאַנגווייליקן מאָמענט וואָלט איר, קעיט, מיט אים נישט געהאַט".

קעיט האָט אים דערשראָקן אָנגעקוקט:

„לעאָן, איך האָב צוואַנציק יאָר וועגן אייך געטראַכט, איך בין דער׳הרג׳עט געוואָרן ביי אייער טיר, נישט צוליב דעם אַז איר זאָלט מיר איבערשיקן צו סעם קאָוונער".

„אָבער, קעיט, נעמט עס נישט אָן אויף אַזאַ שטייגער!"

„איך פאַרשטיי, לעאָן, איר האָט אַ פרוי און איר זיינט איר געטריי... כ׳פאַרשטיי, צוויי וועלטן זיינען נישט גרויס גענוג פאַר צוויי פרויען... איינע פון זיי אַ קליינינקע..."

„אָבער, קעיט, דאָס וואָלט דאָך אויסגעזען ווי איך וואָלט באַהאַלטן אַ פרוי אין אַ צווייטן צימער".

„נו, און אַז איייער פרוי באַהאַלט אפשר אַ מאַן אין אַ צווייטן צימער ?"

„קעיט, וואָס האָט איר אַזוינס געזאָגט ?"

„גאָרנישט, לעאָן, גאָרנישט..."

ליזאַ

„האָסט מיר געוואָלט דערציילן, זשאַן, וועגן דיין ראָמאַן — ליזאַ".

„ראָמאַן ? איך קען עס קוים אָנרופן מיט דעם נאָמען. עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ זייער הייסן יולי־טאָג אין ניו־יאָרק, אין אַ זונטיק, ווען יעדער איינער וואָס האָט נאָר געקענט, איז געלאָפן פון דער שווייסיקער שטאָט ערגעץ־וואו צום ים. און אויך מיר, אַ גרופּע יונגע מענער און פרויען פון די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, שרייבערס, אַקטיאָרן, מאָלערס און עטלעכע יונגעלייט מיט ראַזיקע באַקן און לויכטענדע אויגן, שטענדיק גרייט פאַר שפּיל און געלעכטער, האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַן אונטערגרונט־באַן צו אַ זאַמדיקן ים־ברעג, גרייט פאַר אַ פריילעכן נאָכמיטאָג. יעדער איינער פון אונז איז פעאיק געווען אויף אַ וויץ, שפּיל, און אונטערהאַלט. דאָך האָט עפּעס מאָדנעס געטראָפן מיט דער גאַנצער גרופּע אונזערער. עפּעס אַ שטייפע שטימונג האָט אונז געפאַנגען און געהאַלטן אין קלעם פון אַ דריקנדער שטילקייט. יעדער פון אונז האָט זיך געפילט שולדיק אין דעם, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז מער פאַר אַלעמען איז דאָס מיין שולד, און אַז איך מוז עפּעס טאָן, עפּעס זאָגן און אַזוי אַרום פאַרטרייבן דעם בייזן כישוף. איך בין שטענדיק געווען דערפינדעריש אויף עפּעס אַ טריק, האָט זיך מיר געדוכט, אַז אַלע קוקן אויף מיר מיט דערוואַרטנדיקע אויגן. אָבער אויך אויף מיר איז געלעגן דער פּאַראַליטש און האָט געדויערט די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען געווען ביים ים און אויך אויפן וועג צוריק. מיר זיינען ווידער, די גאַנצע גרופּע, געזעסן איינאיינעם אין לעצטן וואַגאָן פון דער באַן, פאַר'משפּט'ע צו טראָגן די לאַסט פון לאַנגווייל צוזאַמען. און מער, און שטאַרקער ווי פריער, איז אין מיר געוואַקסן דער באַשלוס אַז

איך, מער ווי עמיצער אַנדערש, מוז עפּעס טאָן העראָאישעס, כּדי אויסצולייזן זיך פון דעם צושטאַנד.

„פּונקט אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ מיידל וועלכע אַלע האָבן גערופן ליזאַ. זי האָט געהאַט גרויסע בלויע אויגן, באַקן פון אַ פריש רויט, קיילעכדיקן אַנגעגעמען פּנים, אומשולדיקן אויסדרוק, עפּעס אַזוי יונג און אויפריכטיק... זי איז געזעסן מיט אירע הענט צונויפגעלייגט אין איר שויס, און האָט קענטיק אויך געפילט די שווערע שטימונג, ניט ווייסנדיק די סיבה דערפון. זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אַ לענגערן בליק, ווי אויך זי וואָלט פון מיר דערוואַרט, אַז איך זאָל עפּעס אויפטאָן און אַלעמען אויסלייזן.

„און פּלוצלינג ווענד איך זיך צו איר, נישט געבענדיק זיך אַ חשבון פון דעם וואָס איך טו, און זאָג צו איר אין אַ קלאָרער שטים, דייטלעך אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן: „ליזאַ", זאָג איך, „איר קענט מיך ווער איך בין און מיין שטאַנד, פיל מער ווי איך קען אייך. דאָס איז, אייגנטלעך, ס'ערשטע מאָל, וואָס איך טרעף זיך מיט אייך, אָבער איך פיל, אַז איר זיינט אַ גוט און פיין מיידל. נו, און איך בין נאָך ניט קיין אַלטער בחור, און אפשר ניט גאָר קיין מיאוסער, און ניט קיין נאַר... איז אָט־דאָ, אין אַלעמענס אַנוועזנהייט, מיט אַ געפיל פון ערנסט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מאַך איך אייך דאָ אַ הייראַטס־פאָרשלאַג. אויב איר נעמט עס אָן איצט, גלייך אויפן אָרט, וועלן מיר מאָרגן הייראַטן אין סיטי־האָל. אָבער איר מוזט מיין אָנבאָט אָננעמען אָן מורא און אָן צווייפל, פּונקט ווי איך שטעל אין קאָן מיין גאַנץ לעבן, אַזוי זאָלט איר עס טאָן. איז, וואָס זאָגט איר, ליזאַ?"

אַלע זיינען געטראָפן געוואָרן און געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט. פאָר עטלעכע מינוט האָט קיינער קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן. אָבער מיטאַמאָל, ווי אויפגעוועקט, האָבן אַלע אינאיינעם זיך צערעדט איינער צום צווייטן, צו מיר, צו ליזאַ. זי אַליין, ליזאַ, איז געזעסן בלאַס ווי אַ בויגן פּאַפּיר, מיט ציטערדיקע הענט און ליפּן. ווען דאָס טומלדיקע רעדעריי איז שטילער געוואָרן, זיינען אַלע אויגן געבליבן שטיין אויף ליזאַ, דערוואַרטנדיק איר ענטפער אויף מיין פאָרשלאַג. אָבער זי האָט קוים־קוים, מיט בלאַסע ליפּן, באַוויזן אויסצורעדן:

„איך, איך ווייס נישט... ווי קען איך?" און זי האָט זיך צעוויינט. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן: „איך וועל מוזן פרעגן מיין מאַמען... נישט פרעגן מיין מאַמען — ווי קען איך?"

„אָה, ניין", האָב איך אויף דעם געענטפערט, „דאָס קען נישט זיין, איך האָב ביי קיינעם נישט אָנגעפרעגט... וואָס פאַר אַ העלדיש־קייט וואָלט דאָס געווען? זיינט איר ווילּיק צו נעמען אויף זיך דעם ריסק וואָס איך נעם? דאָס וואָלט געווען גוט, שיין און ראָמאַנטיש. אויב נישט — אויב נישט אַזוי — טוט עס מיר לייד..."

די שטימונג פון לאַנגוויַיל איז פאַרשוואונדן אינגאַנצן, ווי נישט געווען. די רייזע וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביז יוניאָן־סקוועַר האָבן אַלע פאַרבראַכט אין צוויי־פּראַנטיקע פאַרהאַנדלונגען מיט מיר און מיט ליזאַ; קוריערן זיינען געלאָפן פון ליזאַ צו מיר, הין און צוריק, אָבער אָן רעזולטאַטן. איך האָב אָפּגעשפּילט מיין ראָלע גלענצנד, פאַר־טריבן די בייזע שטימונג פון אונזער ווינקל און רעהאַביליטירט מיין רעפּוטאַציע פון אַ פריילעך־מאַכער און אַ שפּאַס־פויגל. וואָס אָנבאַ־לאַנגט ליזאַ, נו, ס'איז דאָך געווען איר שולד! זי האָט נישט אָנגענומען דעם שפּיל און האָט פאַרלוירן... דאָס איז אַלץ! אַ גוטע נאַכט אַלעמען, אַ גוטע נאַכט!

אויף מאָרגן האָב איך פון איר געקראָגן אַ בריוו. אין זייער רירנ־דיקע ווערטער האָט זי געעפנט איר מיידלשע האַרץ צו מיר. זי האָט מיך ליב און איז גרייט מיין אָנבאָט אָנצונעמען... איך זאָל איר מוחל זיין וואָס זי האָט זיך געוואַקלט... ס'איז דאָך געווען אַזוי אומגע־וויינלעך און אַזוי פּלוצלינג... אָבער אַ נאַכט פון טרערן און תפילות האָבן אַריינגעבראַכט קלאָרקייט אין איר האַרצן און זי וועט מיר זיין אַ געטרייע פרוי. איך האָב געלייענט איר זיסן און רירנדן בריוו, אָבער עס האָט נישט ווייכער געמאַכט מיין אַלט־בחור'יש האַרץ. איך האָב געענטפערט דער טייערער מיידל, אַז ס'טוט מיר לייד, אָבער אַז ס'איז שפּעט, צו־שפּעט... „איך בעט אייך, זייט מיר מוחל!"

איך האָב זי מער נישט געזען. געהערט האָב איך אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ בוכהאַלטער, אַ גוטן, ערלעכן מאַן, געבוירן פון אים קינדער, אָבער אַז אַ טרויער האָט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, ווי אויך גרויע רינגען אַרום די אויגן. זי איז אינגיכן געשטאָרבן.

צוריקקערנדיק זיך אַנומלט צו מיין ווינקל־קרייז, האָב איך באַ־מערקט אַ פרוי זיצן נעבן מיין טיר, האַלטנדיק אַ בריוו אין איר האַנט. עס האָט אויסגעזען ווי מיין בריוו, און איך האָב דערקענט ליזאַ. זי איז נישט אויפגעשטאַנען פון איר אָרט, האָט בלויז מיך אָנגעקוקט אָן כעס און אָן פאָרוואורף, בלויז מיט ליבע און טרויער. איך האָב

נישט געקענט געפינען קיין וואָרט איר צו זאָגן. כ׳האָב זיך אַנידער־געזעצט לעבן איר. געזעסן אַזוי אַ לאַנגע צייט ביז כ׳בין אויפגע־שטאַנען און איר געזאָגט „אַ גוטע נאַכט, ליזאַ!" זי האָט בלויז באַ־וועגט אירע ליפּן און איז געבליבן זיצן. איך האָב מורא אַז זי וועט דאָרט פאַרבלייבן אויף אַלע אייביגקייטן.

„זאָג מיר, לעאָן, זאָג, וואָס דאַרף איך און וואָס קען איך טאָן?"

„איך וויים נישט, זשאַן. אָנערקען די שולד און נעם אויף זיך די שטראָף... באַצאָל נישט דערפאַר מיט דער באַקאַנטער וואַלוטע וואָס מ׳רופט גיהנום, וואו קעסלען מיט סמאָלע זידן און ברענען, נאָר מיט אַן אייגענעם גיהנום, אַ פּריוואַטן, אַ קעשענע־סעט, אַט אַזאַ וואָס מען טראָגט אַרום מיט זיך, אַט אַזאַ וואָס איך וועל דאַרפן טראָגן פאַר קעיט. אויך זי וועט אַזוי זיצן ביי מיין טיר... איך האָב זי דאָרט איבערגעלאָזן... אַ מאַן, סעם קאָוונער, אַזוי הייסט ער, דרייט זיך אַרום איר..."

רכילות

אויף איינעם פון די וועגן, וואָס לויפט צו אַ פּונקט וואו עס טרעפן זיך באַגעגענישן און שיידונגען, האָט לעאָן אומדערוואַרט זיך אַנגע־שטויסן פּנים אל פּנים מיט אַ פּאָרל אַלטע פריינט, מיט וועלכע ער און זינאַ פלעגן זיך טרעפן אין זייערע היימען. דאָס זיינען געווען די מאַקסוועלס, פּאָול און פלאָרענס, אַ זייער אַמוזאַנטע פּאָרל, אַזוי מאָדנע פאַרשידן אין זייער אויסזען און אין כאַראַקטער. ער — אַ ריז, אַן אמת׳ער בער; זי — אַ פּיצעלע, אַ גאָר קליינטשיקע באַשעפעניש, ענלעך צו אַ מייזל אָדער אַ פויגל, מיט קליינע, קיילעכדיקע בליש־טשענדע אויגעלעך, לאַכעדיקע און נייגעריקע. דאָס פּאָרל איז שטענ־דיק געווען פאַרטאָן אין עפּעס אַ קאָמישער קריגעריי, קעגנרייד, גע־שריי און געבייזער, רופנדיק איינער דעם צווייטן מיט צונעמענישן, ליב האָבנדיק איינער דעם אַנדערן טראָץ דעם אַלעמען, אָדער אפשר גאָר דערפאַר טאַקע. עס איז שטענדיק געווען אַ פריילעך געפילדער ווען זיי זיינען געווען צוזאַמען. ווען אָבער פאַנאַנדערגעשיידט, זיינען זיי ביידע געווען שטילשווייגנד, אומבאַהאָלפן און נאַריש. זיי זיינען אינ־איינעם געווען אַ לוסטיק געשפּאַן. זיי האָבן זיך געגוויטיקט אין אַ

חברותה, פאַר וועמען אָפּצושפּילן זייער קאָמעדיע. אַליין מיט זיך זיינען זיי געבליבן איינגעצויגן.

ווען דאָס פּאָרל האָט דערזען לעאָנ׳ען, האָבן זיי ביידע אויסגעשריגן מיט הילכיקער פרייד:

„זע נאָר, זע, ווער ס׳איז דאָ! דאָס איז דאָך דער גרויסער יאָט לעאָן אַליין! איז דאָס טאַקע ער אין דער אמתן?"

פלאָרענס האָט זיך אַ לאָז געטאָן אים אַרויפצופאַלן אויפן האַלז, מיט אים זיך צעקושן... אָבער פּאָול האָט זי צוריקגעהאַלטן... האָבן זיי זיך שטורמיש געדריקט די הענט.

„איז זינט ווען זיינט איר שוין דאָ?"

פּאָול האָט אָנגעהויבן דערציילן: „כ׳בין שוין דאָ באַלד צוויי יאָר".

„וואָס?" האָט אים פלאָרענס איבערגעשלאָגן, „ס׳איז שוין איבער דריי יאָר. ער ווייס קיינמאָל נישט דעם זייגער. איך אַליין בין דאָ בלויז עטלעכע טעג. כ׳האָב מער נישט געקענט פאַרליידן די שטילקייט אַרום מיר. כ׳האָב זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך מיין גרויסן בער".

פּאָול האָט געשמייכלט:

„און איך האָב געהאַלטן אין וואַרטן ווען וועט שוין מיין מייזעלע אָנקומען".

„אַזוי, אַזוי, איר זיינט נאָר וואָס פון שטאָט! וואָס איז נייעס? געזען די קינדער, זינאַ?"

„יאָ, יאָ", ענטפערט פלאָרענס, „אַלץ אין אָרדענונג. זאָרגט אייך נישט. אָה, ניין, איר דאַרפט זיך גאָרנישט זאָרגן, גאָר איבגאַנצן נישט. איר דאַרפט זי נאָר אָנקוקן, אייער זינאַ, זי איז אַ רויז, אַ רייפער עפּל... מען זעט זי אומעטום... איר וואָלט געדאַרפט זען ווי מענער קלעפּן זיך צו איר! יונגע מיידלעך זיצן פאַרגעסן און אַליין, אָבער נישט זינאַ, די באָבע זינאַ. אָה, ניין, נישט זי".

און פלאָרענס האָט באַוועגט איר קליין פינגערל אין לעאָנ׳ס פּנים און אַ וואונק געטאָן מיט אַ בלישטשענדן אויגל, און וויטער אַ זאָג געטאָן:

„באַזונדערס איינער אַן אייפריקער פּרעטענדענט. און ער האַלט עס איר אין זאָגן מיט בלומען... זי דאַרף בלויז איין־איינציק

וואָרט זאָגן און זיי האָבן חתונה... אָט אַזאַ איז אייער גערעכטענע זינאַ, ס'אַראַ זינאַ!"

„ס'אַראַ פּלוידערזאַק!" האָט פּאָול זי אָפּגעשטעלט. „גלויבט איר ניט, לעאָן, גלויבט קיין וואָרט נישט, זי איז אַ גרויסע רכילות'ניצע, מיין קליין גאָרנישט".

„וואָס האָב איך דאָ אַזױנס געזאָגט! עס האָבן שוין אַזעלכע זאַכן פריער געטראָפן! און מער ווי איין מאָל! מען דאַרף דאָס האַרץ זיך נישט אָפּעסן פון אַזעלכע סיטואַציעס".

און זי האָט זיך דריבנע צעלאַכט מיט איר פאַרשפּיצט נעזעלע, און אירע אויגעלעך — צוויי שוואַרצע פאַסיקלעך.

לעאָן האָט געהערט און דערפילט אַן עקל און אַ פאַרדראָס אין זיך...

„פלאָרענס, איר אַנטוויקלט אין זיך אַ מאָדנעם טאַלאַנט פאַר בייזוויליקייט, אָדער זאָל עס הייסן הומאָר".

„אָה, זע נאָר, ער איז אין כעס! עס געפעלט אים ניט, ער איז אייפערזיכטיק, דער טייערינקער! כאַ־כאַ... פּאָול, ער איז אייפערזיכטיק! וואָס קען עס אים אַרן אויב זי טיילט איר בעט מיט עמיצן? און איך דענק אַז איר קענט אים! איך קען אייך זיין נאָמען אָנרופן — אָסקאַר יונגהאַרץ, אַ דזשענטעלמאַן שוין אין די יאָרן, אָבער נאָך אַלץ אַ קאַוואַליער, אַ מוזיקאַנט, אַ פּאָעט, און פאַרליבט... מיט גרויסע בוקעטן בלומען... אַן אמת'ער בלומען־גאָרטן ביי איר אין הויז".

לעאָן האָט מער נישט געוואָלט הערן. מיט זיין פּנים אָנגעכמורעט און אָן אַ וואָרט צו זאָגן האָט ער זיי פאַרלאָזן. דאָס פּאָרל איז געבליבן געפּלעפט פון זיין האַלטונג. ענדלעך האָט פּאָול צו זיין ווייב געזאָגט: „נו, מיין מייזעלע, האָסטו עס געדאַרפט טאָן?"

„און פאַרוואָס נישט? מיין גרויסער בער — זאָל ער וויסן דעם אמת. דאָ זאָגט מען דאָך נאָר דעם אמת, דעם גאַנצן אמת..."

לעאָן האָט זיך דערפילט אומעטיק און דערנידעריקט... וועט ער זיך גאָר קיינמאָל נישט קענען אויספּלאָנטערן פונעם פאַרגאַנגענעם לעבן? קיינמאָל, קיינמאָל נישט?! איז עס באמת איין וועלט די און יענע וועלט? איין דראַמע מיט בלויז צוויי סעטס דעקאָראַציעס?!

***

עפּעס האָט זיך לעאָן צוריקגעהאַלטן פון גיין צו זינאַ און אויס־געפינען דעם אמת. ווען ער איז דאָך אָנגעקומען אין איר קליינער דירה איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, לויט דאָס לעבן פון די שטאָט־מענטשן. זינאַ האָט געהאַלטן אין צוגרייטן זיך פאַר דער נאַכט־רו. עס פלעגט שטענדיק נעמען, ער געדענקט עס, אַ שעה און מער אירע צוגרייטונגען פאַר דעם. ער געדענקט עס פון די יונגע יאָרן אין זייער פאַרהייראַטן לעבן, ווי שטאַרק אומגעדולדיק ער איז געווען צו ליגן און וואַרטן אויף איר, ווען זי וועט שוין אַרויסקומען פון וואַש־צימער, קעמענדיק אירע האָר, פאַרפלעכטן זיי אין צעפּ, צוגרייטן אַלע זאַכן אויף איר נאַכט־טישעלע, ווי צעטעלעך פאַרן מילך־מאַן, וועש־מאַן, שפּייז־קראָם און אַנדערע דעטאַלן, ענדלאָז אין צאָל, ביז זי פלעגט צום סוף באַשליסן אַז ס׳איז אפשר צייט אויסצולעשן דאָס ליכט, אײַ־בערלאָזנדיק אַ קליין פייערל אין קאָרידאָר און זיך לייגן שלאָפן. דער דאָזיקער צערעמאָניאַל איז נישט קלענער געוואָרן נישט מיט די יאָרן און נישט מיט אַ פאַרענדערטן לעבנס־שטייגער. לעאָן האָט עס אײַנ־געזען, באַטראַכטנדיק די פּראָצעדור פון זיין ווינקל הינטער דער פּיאַנאָ. זי איז ווי פריער דורכגעגאַנגען מעטאָדיש אַלע פאַזן פונעם ריטואַל, זי איז בלויז געווען קענטיק נערוועז דורך דער צייט פון די צוגרייטונגען. זי האָט אפשר געפילט לעאָנ׳ס באַזוך. זאַכן האָבן זיך געגליטשט פון אירע הענט. אַ גלאָז איז אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן וואָס האָט איר פאַרשאַפט אַ סך פאַרדראָס. ווען זי איז צום סוף גרייט געווען פאַרן געלעגער און אויסגעדרייט דאָס עלעקטרישע לעמפּל אויף איר נאַכט־טישל, האָט זי אַ טיפן זיפץ געטאָן, ווי אײַנ־גאַנצן אויסגעמאַטערט. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַ שטילן שעפּטשע געטאָן: „ווען איך קען כאָטש איין נאַכט רואיק שלאָפן, אָן חלומות, איין רואיקע נאַכט...״

זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין נאָך עפּעס. האָט זי ווידער אויפגעדרייט דאָס ליכט, צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ, גענומען די וואַזע מיט פרישע, שטאַרק־שמעקעדיקע בלומען, עס אַוועקגעטראָגן אין קיך און צוגעמאַכט די טיר. זי האָט צו זיך שטיל געזאָגט: „איך וואָלט וועלן אַז אָסקאַר זאָל אויפהערן ברענגען בלומען יעדעס מאָל ווען ער קומט...״

זי איז צוריק אַריין אין בעט, אויסגעלאָשן דאָס ליכט און באַשלאָסן אײַנצושלאָפן וואָס גיכער. לעאָן האָט באַלד דערהערט איר גלייכמעסיקן

אָטעם און האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן אַז ס׳איז נישט רעכט איצט אַריינצוטרעטן אין איר חלום, כדי פון איר צו קריגן ענטפערס אויף זיינע צווייפלען. ער איז שוין געווען גרייט צו פאַרלאָזן דעם צימער, ווען ער האָט דערהערט זינאַ׳ס שטים אין אַ געענדערטן טיפערן טאָן. ער האָט דערהערט ווי זי רופט אים:

„לעאָן, וואַרט, דו האָסט מיר שוין לאַנג נישט געשריבן... דו פלעגסט מיר שרייבן אָפטער... איך האָב אַלע דיינע בריוו באַהאַלטן, זיי זיינען שיינע בריוו, בלעטער טורגעניעוו אָדער אָסקאַר ווײַלד... צווישן אונז גערעדט, איך האָב עס קיינעם נישט געזאָגט. איצט געפינסטו גאָר קיין צייט נישט צו שרייבן... און דו האָסט דאָך אַזוי פיל צייט! וואָס טוסטו מיט דיין צייט? איצט קומסטו צו מיר. וואָס ווילסטו?״

לעאָן האָט גענומען אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט נאָענט צו איר. אירע אויגן זיינען געווען צוגעמאַכט, אָבער די וויעס האָבן געציטערט, און אַזוי אויך אירע בלאַסע פינגער...

„איך בין געקומען, זינאַ, אויפנעמען דעם ענין וואָס מיר האָבן איבערגעריסן אויף איינעם פון אונזערע לעצטע באַגעגענישן. דו געדענקסט אונזער אָפּמאַך צו דערציילן איינער דעם אַנדערן אַלצדינג... איך בין געווען גרייט, אָבער דו ביסט אָפּגעקומען מיט שפּאַס און געלעכטער, האָסט זיך אַרויסגעדרייט פונעם אָפּמאַך. פאַרוואָס? איז דאָס געווען דערפאַר וואָס דו האָסט באמת נישט געהאַט וואָס צו דערציילן, אָדער האָסט עס געוואָלט פאַרדעקן מיט שפּאַס און געלעכטער, מיט אַ וואויל־געשפּילטער ראָלע פון אומשולד? איך האָב נישט געוואָלט ווערן צודרינגלעך ווייל, נו, ווייל איך אַליין האָב עפּעס געוואָלט לאָזן נישט דערציילט... עטלעכע פלירטן... מיר האָבן אַזוי אַרום איינגעפירט צווישן זיך אַ דיניקע נעץ פון קליינינקע ליגנס... נישט אַזוי, זינאַ?״

זינאַ האָט פאַר אַ צייט זיך שטיל צוגעהערט און דערנאָך אים אַ פרעג געטאָן: „האָסטו נישט געטראָפן דאָרטן אונזערע טייערע פריינט, די מאַקסוועלס?״

„יאָ, כ׳האָב זיי געטראָפן״.

„כ׳האָב זיך שוין אָנגעשטויסן!... די קאַץ מיט די אויגן פון אַ מויז, מיט אַ צונג ווי ביי אַ הונט דער עק... די שמוציקע, נידעריקע...״

„שאַ, שאַ, זינאַ, נישט אַזוי שטורמיש... לאָמיר נישט אַוועק פונעם פּונקט... איז עס אמת אָדער נישט?"...

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פּונקט וועגן וועלכן דו ווילסט אַזוי וויסן?"

„איך וויל וויסן דעם אמת... וואָס ביסטו געווען צו מיר? עס זיינען געווען צייטן ווען איך האָב געמיינט אַז דו האָסט מיך ליב געהאַט... אָבער אויך צייטן ווען איך האָב קלאָר געזען אַז דו האָסט מיך פיינט. אַחוץ דעם האָט זיך אַ שטילשווייגן איינגעשטעלט צווישן אונז, עפּעס אַ צושטאַנד פון ליגנס וואָס האָבן אונז ווי אין אַ נעץ געפאַנגען. נישט קיין גרויסע העסלעכע ליגנס, נאָר קליינע, ווייסע, ראָזעווע, בלויע, גרויע ליגענטלעך, געזאָגטע און נישט דערזאָגטע, מערסטנס כדי אויסצומיידן קאָנפליקטן. געדענקסטו, זינאַ, ווי אין אָנהויב פון אונזער הייראַט האָבן מיר זיך געשוואָרן צו זאָגן דעם אמת איינער דעם צווייטן, קיינמאָל נישט דערלאָזן אַ ליגן צווישן זיך? דערנאָך האָבן מיר עס אָפּגעלייגט אויף דער עלטער פון זיבעציק... און איצט אפילו נישט ביז דעם סוף פון אַלע צייטן".

זינאַ האָט זיך צוגעהערט, האָט לייכט אַ שמייכל געטאָן און זיך אָפּגערופן:

„לעאָן, וויפיל מאָל האָב איך דיר שוין געזאָגט אַז דו ביסט אַ גרויסער נאַר!... ווי קען מען לעבן אָן אַ נאָרמאַלער צאָל און מאָס ליגנס? מען קען דאָך קיין איינציקן טאָג נישט אויסלעבן מיטן אמת אַלס דעם איינציקן מעדיום!... פּרוואו נאָר און זע צי קענסטו דאָס באַווייזן? בלויז נאָר איין זאַך... איין..." און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט.

„בלויז נאָר... וואָס?"

„בלויז... נאָר... דו טאָרסט נישט ליגן־זאָגן צו מיר".

„נישט צו דיר, זינאַ, אָבער דו צו מיר מעגסט יאָ. דאָס רופט זיך איין וועג־פאַרקער..."

„איך זאָג דיר קיין ליגן נישט".

„איך וועל דיר דערציילן וועגן קעיט, אויב דו וועסט מיר דערציילן וועגן אָסקאַר".

זי האָט אָנגעהויבן אומרואיק באַוועגן אירע הענט און איר קאָפּ אויפן קישן. זי האָט קענטיק שטאַרק געליטן אונטער דעם דרוק פון דעם חלום. זי האָט זיך אָנגענומען מיט כוחות און אָנגעפרעגט: „ווער איז קעיט? דו מאַכסט פון מיין חלום אַ קאָשמאַר... איך פיל מיך

שוואַך... כ׳האָב שוין עטלעכע נעכט נישט געשלאָפֿן... קומסט און מאַטערסט מיך. איך בעט דיך — גיי... גיי אַוועק... גיי!״

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט זי זיך אויפֿגעוועקט אין דער צייט ווען לעאָן האָט פֿאַרלאָזן דעם צימער.

***

„לעאָן, זעסט מיר עפּעס אויס באַטריבט...״

„זשאַן, איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן... ביסטו גרייט מיך אויסצוהערן?״

„יאָ, כ׳בין, כ׳קען הערן, און באַזונדערס דיך... וועגן וואָס איז דאָס?״

„ס׳איז וועגן דעם געבאָט „דו זאָלסט נישט ליגן זאָגן״, אַ געבאָט וואָס איז מיט חכמה אָדער אָן חכמה נישט אַריין אין די עשרת־הדברות פֿון באַרג סיני״.

„כ׳הער, וואָס איז מכוח דעם נישט־געגעבענעם געבאָט?״

„איך וויל אַרויסברענגען דעם אַבסורד, דעם ליגן וועגן ליגן. איך געדענק אַז אַ ליגן ווערט שלעכט בלויז ווען מען כאַפּט אים, פּונקט ווי אַ גנבה איז אַ פֿאַרברעכן ווען מען כאַפּט דעם גנב ביי דער האַנט. מען באַשטראָפֿט אייגנטלעך נישט פֿאַר גנב׳ענען נאָר פֿאַר ווערן גע־כאַפּט. דאָס איז שוין אייגנטלעך אַ באַנאַליטעט צו זאָגן. מיט ליגנס איז דער אומזין אַוועק פֿיל ווייטער. די געזעלשאַפֿט שטעלט אַ מענטשן אַוועק צווישן זיינע מיטמענטשן, דערוואַרטנדיק פֿון אים אַ קייט פֿון קלענערע אָדער גרעסערע ליגנס. ווי דען אַנדערש? ס׳איז אַ מוז. דו ווייסט דאָך, זשאַן, אַז יעדער איינער פֿון אונז, מאַן אָדער פֿרוי, טראָגט אַרום אין זיך אַ טיף פֿאַרבאָרגענעם סוד, אַ זאַך אָפּגעטאָן אָדער אַ פֿעלער פֿון געבורט־אָן, אַ וואונד וואָס ווייטיקט און בלוטיקט ס׳גאַנצע לעבן לאַנג, און האַלט אָן אפֿילו דאָ. אָט דעם טיפֿסטן סוד, מיט וועלכן ער טיילט זיך מיט קיינעם נישט, אפֿילו נישט מיט זיך אַליין, טראָגט דער מענטש באַהאַלטן אונטער זיבן שלעסער, שטענדיק אין מורא אַז אפֿשר דערקענט אים עמיצער! כדי צו באַהאַלטן דעם סוד, שפּילט דער מענטש אַ ראָלע זיין גאַנץ לעבן לאַנג, באַנוצט ווער־טער, מימיקע האַנדלונגען, מאַסקירנדיק זיך שטענדיק. מיט אַנדערע ווערטער, ער הויבט אָן זאָגן אָדער טאָן ליגנס פֿון ערשטן ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן. אַזוי לאַנג ווי דער סוד איז באַהאַלטן איז עס זיין

אייגנס, פריוואַטע שאַנד, און אַזוי לאַנג ווי די שאַנד איז זיין פריוואַטע שאַנד, איז עס נאָך נישט קיין שאַנד. ס'איז דאָס זעלבע ווי מיט גע־וויסע טיילן און פונקציעס פון אונזער קערפּער. מיר שעמען זיך מיט זיי נאָר ווען אַנדערע זעען זיי. ווען אָבער מיט זיך אַליין, פאַר אונזערע אייגענע אויגן, מאַכט עס נישט אויס. איך ווייס גאַנץ גוט אַז איך רעד דאָ אַרויס פלאַכע באַנאַליטעטן, טאָ האָב געדולד מיט מיר ביז איך וועל אַרויסברענגען מיין ענין־פּונקט".

„רעד, רעד און ברענג אַרויס דיין פּונקט".

„וואָס מיך אַרט איז דער פאַקט, וואָס דער ענין אַרט מיך אַזוי שטאַרק! ווען איך בין דאָרט געווען האָט מיך געוויטיקט דער ליגן וועגן... ליגן. אָבער פאַרוואָס אַרט עס מיך דאָ? זיינען מיר דען נישט איצט אין עולם האמת אין אַ צושטאַנד פון לויטערקייט און קלאָרן אמת? אמת, אמת... וואָס איז די זאַך וואָס הייסט אמת? אמת, פאַר־שטיי איך, דאַרף זיין דער היפוך פון ליגן. אָבער אויב ליגן איז נישט אינגאַנצן ליגן, איז אמת אויך נישט אַזאַ גאַנצע זאַך. אָט, פרעג איך דיר, וואָס זיינען מיר איצט? מיר זיינען געשטאָרבן און מיר לעבן. איז דאָס אַן אמת, אַ גאַנצער אמת אָדער איז עס אַ חלום וואָס מיר חלומ'ט זיך אין מיין שלאָף אויף מיין סאָפע אין מיין סטודיאָ? אָדער אפשר ליגן מירביידע אין אונזערע קברים און מיר חלומ'ען? איז אַ חלום אַ זאַך וואָס עקזיסטירט, אָדער איז אַ חלום גאָרנישט? נאָר אויב ס'איז נישט קיין חלום, טאָ פאַרוואָס זע איך נישט קלאָר דעם אמת דאָ? איז עס באַהאַלטן אונטער אַן אַנדער פאָרהאַנג, נאָך אַ פאָר־האַנג, אייביקער פאָרהאַנג...?"

לעאָן איז אַנטשוויגן געוואָרן. זשאַן האָט געהערט זיינע רייד און מיט אַ וואַרעמען בליק געקוקט אויף זיין פריינט'ס פּנים, זעענדיק דאָרטן עפּעס מער ווי די רייד.

„לעאָן, דו האָסט נאָך דיין פּונקט נישט דערפירט. זאָג מיר אָפן וואָס ס'נאָגט דיר ביים האַרצן?"

„ס'איז זינאַ... און קעיט..."

„און עס טוט וויי?"

„יאָ, עס טוט וויי, און דאָס פאַרשטיי איך נישט... פאַרוואָס דאַרף עס מיר וויי טאָן? דאָ, אין אַ וועלט פון נאַקעטע נשמות?... און אפשר זיינען דאָ נשמות נישט גאָר נאַקעטע...? אַנגעטאָן אין מלבו־

שים פון זכרונות, און פון זכרונות ווערן חלומות, פון חלומות — נייע ווירקלעכקייטן...״

„אַלט־נייע ווירקלעכקייטן... אַלט־נייע נאָגענישן און ווייטאָגן...״

וואַנדאַ

„זיי מיר מוחל, זשאַן! מיין עגאָאיזם אין אַרומטראָגן זיך מיט מיינע זאָרגן האָב איך פאַרגעסן וועגן דיינע. וואָס האָט ווייטער געטראָפן מיט ליזאַ׳ן? זיצט זי נאָך איצט ביי דיין שוועל אין שווייגענדיקן טרויער?״

„יאָ, זי איז נאָך דאָרטן מיט מיין בריוו אין איר האַנט. אָבער עפּעס האָט דאָך געטראָפן וואָס האָט מילדער געמאַכט די שפּאַנונג״.

„דערצייל!״

„אַנומעלט, ווען מיר זיינען געזעסן ביי מיין טיר, זי און איך, אין דעם אומעטיקן שוויגן, איז צוגעקומען צו אונז אַ מאַן, שפּאַנענדיק מיט שווערע טריט... פון אויסזען עקיק און נישט־פריידיק, מיט אַ זוכנדיקן בליק אין די אויגן. צוקומענדיק נאָענט צו אונז האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, און נאָך אַ קורצן איבערלייג זיך געווענדט צו ליזאַ׳ן מיט די ווערטער:

„אַנטשולדיקט מיר, יונגע דאַמע, איז נישט אייער נאָמען וואַנדאַ?״

ליזאַ האָט אים אָנגעקוקט דערשראָקן: „ניין, זאָגט זי, ניין״.

„זייט איר זיכער״, רעדט ער ווייטער, „אַז איר זייט ניט וואַנדאַ, די מיידל, וואָס כ׳האָב געטראָפן אין אַ קליין פּויליש שטעטל? ניין?״

און נישט וואַרטנדיק אויף אַן איינלאַדונג האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר, און מיט אַ קענטיקן פאַרגעניגן אָנגעהויבן אונז דערציילן אַ זייער דראָליגע מעשה, אַ שווער־פּיקאַנטע מעשה פאַר ליזא צו הערן:

„דאָס איז געווען צוריק מיט יאָרן״, האָט ער אָנגעהויבן, „אָבער ס׳איז פריש אין מיין זכרון און וועט אַזוי פאַרבלייבן אויף אייביק, סיידן איך געפין וואַנדאַ. איך בין דעמאָלט געווען אין מיינע וואַנדער־יאָרן, אַזוי זיך, כדי צו זען די וועלט און מענטשן. וואַנדערנדיק בין איך איינמאָל אַזוי געקומען אין אַ קליין שטעטל פון אַלט־פּוילן, זיך געפונען אַרבעט און אַ צימערל צו וואוינען, און אַ פלאַץ וואו צו עסן, אַ זאַך וואָס איז פאַר מיר געווען זייער וויכטיק. אין שפּייז בין איך אַגרויסער איבערקלייבער.

ביי מיר — וואָס צו עסן, ווי און וואו צו עסן, ווי דאָס עסן ווערט דער־לאַנגט, — איז געבליבן אַ וויכטיקער ענין ביזן סוף פון מיינע טעג. — אַ שמערצלעכער פּונקט אויף מיין לעבנס־סדר. מענטשן זיינען אַזוי אידיאָטיש אינם שטייגער ווי זיי קאָכן שפּייז, וויפיל זיי רעכענען פאַר דעם, — צו פיל פאַר איין זאַך — צו ווייניק פאַר אַן אַנדער זאַך. צופיל זאַלץ, צופיל פעפער, עסיג... צו ווייניק ברויט, וואַסער, קיין סערוועט־קע... צופיל טומעל, בריאַזג פון טעלער, ווייניק אויפמערקזאַמקייט, און העפלעכקייט... און אַלץ אין גרויס איילעניש פּטור צו ווערן פון אייך... און אַחוץ דעם — דער געדראַנג פון מאַסן מענטשן, אַזוי פיל מענטשן! אומעטום מענטשן! זיי שטופּן, זיי שרייען!

עסן איז פאַר מיר שטענדיק געווען אַ קוואַל פוןליידן און ערגערניש, אַזוי אַז ווען איך האָב מיר געפונען אַ קליין, פּריוואַט עס־פּלאַץ, מיט בלויז אַ טוץ טישן, היימיש און שטיל מיט שפּייז, געשמאַק און ערליך בין איך געווען צופרידן ביז גאָר. און אַחוץ דעם די קעלנערשע, די מיידל, וואָס האָט דערלאַנגט דאָס עסן איז נאָך מער געווען צו מיין געשמאַק. זי איז געווען אָט אַזוי ווי איר, מאַמזעל. שטיל, רואיק, מיט בלויע אויגן, רונדע, ראָזיקע באַקן... יונג, געזונט, ערליך, אָט ווי די שפּייז וואָס זי האָט דערלאַנגט! און דער שטייגער ווי זי פלעגט צוטראָגן דעם טעלער... מיט אַ שמייכל וואָס האָט אויסגעזען אַקוראַט ווי עס איז גע־גרייט בלויז פאַר מיר! ס׳איז שטענדיק אַ קוואַל פון ליבליכקייט ווען אַ פרוי דערלאַנגט שפּייז צו אַ מאַן. ווען פרויען וואָלטן געוואוסט די מאַכט וואָס זיי האָבן איבער מענער אין דערלאַנגען שפּייז אַ הונגעריקן מאַנס־פּאַרשוין!!

אויף דעם שפּעטן נאָכמיטאָג, ווען זי האָט מיר דערלאַנגט מיין מאָלצייט זיינען מיר געווען אַליין אינם עס־צימער. ביים דערלאַנגען ס׳לעצטע געריכט איז זי צוגעקומען גאָר נאָענט צו מיר, אָנרירנדיק מיינע הענט מיט אירע נאַקעטע אָרעמס. איך האָב ניט געקענט צוריק־האַלטן מיין באַגער צו איר און האָב זי אַרומגענומען און צוגעצויגן צו זיך. אַ ווייכער יונגער קערפּער פון זייער אַנגענעמע, וואַרעמען באַריר האָט אָנגעצונדן מיין בלוט. כ׳האָב דערפילט ווי אַ כוואַליע פון מוראַשקעס האָבן זיך געלאָזט לויפן דורך מיין רוקן, האַרץ און האַלז... כ׳האָב זי צוגעדריקט צו זיך און געקושט אירע ווייכע, וואַרעמע ליפּן און אַריינ־געזאָגט אין אירע אויערן:

„ווילסטו זיין היינט נאַכט, מיינע?" און זי האָט גלייך געענטפערט:

„יאָ".

„וועסטו קומען היינט אָוונט ביין אַ זייגער צו מיר?"

„יאָ".

„ווייסטו וואו איך וואוין?"

„יאָ", האָט זי ווידער געענטפערט.

„גיב אַ לייכטן קלאַפּ אין פענסטער, ס'איז אין ערשטן שטאָק, צום הויף".

„כ'ווייס".

„ווייסטו אויך מיין נאָמען?"

„יאָ".

„און וואָס איז דיינס?" און זי האָט געענטפערט:

„וואַנדאַ".

מיין צימער איז געווען קליין און ניט אויפגערוימט. בלויז אַ טישל, שטול און בעט זיינען געשטאַנען, און אַ קעראָסין־לעמפּל האָט באַלויכטן דעם רוים, און אויך ניט צו העל. איך בין געזעסן ביים טישל געלייענט עפּעס, אָבער מער געקוקט צום פענסטער, וואַרטנדיק אויף וואַנדאַ. און ווירקלעך, פּונקט ניין דעם זייגער, האָט זיך דערוויזן איר פּנים אַרויס פון דער נאַכט־פינסטערניש אויף מיין פענסטערס שויב, מיט אַ קאָמיש צוגעדריקטן נעזל און צעשראָקענע אויגן. איך בין צוגעלאָפן און גע־עפנט די טיר, און זי איז אַריינגעכאַפּט אין מיינע אָרעמס...

צום סוף פון דריטן טאָג האָב איך פּלוצלינג ביי זיך דערפילט אַז ס'איז גענוג. און ווען וואַנדאַ איז געקומען האָב איך צו איר געזאָגט: „וואַנדאַ, מיר קענען מער זיך ניט טרעפן." זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט שרעק: „פאַרוואָס?"

„אָט אַזוי, וואַנדאַ, נעם דאָס". און איך האָב אַריינגערוקט אין איר האַנט עטליכע געלט־פּאַפּירלעך. זי האָט מיך באַטראַכט מיט גרויס שטוינען, און דערנאָך, מיט אַ באַליידיקטן שטאָלץ האָט זי אַ וואָרף געטאָן דאָס געלט אויפן טיש און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער.

האָב איך צו זיך געזאָגט: „נו, ס'איז אַזוי... אַזוי איז עס... עס האָט זיך דאָך געדאַרפט ענדיקן... פאַרגעס די גאַנצע מעשה". און עס האָט טאַקע אויסגעזען ווי איך האָב עס פאַרגעסן. אין אַ וואָך אַרום... אומ־געפער... אָבער דערנאָך האָט אָנגעהויבן קומען צו מיר צוריק די לעצטע סצענע... נאָך אַמאָל און ווידעראַמאָל. כ'האָב אָנגעהויבן פילן

די מיאוסקייט פון מיין האַנדלונג, די גראָבקייט פון מיינע ווערטער, כ׳האָב אָנגעהויבן צו זען אירע אויגן פול שרעק און לייד, אירע הענט ווערנדיק בלאָס, איר באַליידיקטן שטאָלץ און צאָרן אויף אירע ליפּן. עס האָט אָנגעהויבן צו קומען צו מיר אין די טאָג־שטונדן, ביי דער אַרבעט, און דורך די נעכט, אויף מיין געלעגער. עס האָט מיך אָנגעהויבן מאַטערן אין מיין שלאָף און וואַך. איך האָב באַשלאָסן, אַז איך מוז פאַר־ריכטן מיין פאַרברעכן קעגן איר. איך בין אַוועק צוריק צו דעם עס־פּלאַץ, אָבער זי איז שוין דאָרט מער ניט געווען. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגן איר, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס מיר צו זאָגן וועגן דער מיידל וואָס האָט דאָרט געאַרבעט, ניט די באַלעבאַטים און ניט ווער עס איז דרויסן. כ׳האָב זי געזוכט אין די אַרומיקע גאַסן, געפרעגט ווילד־פרעמדע מענטשן... קיינער האָט גאָרנישט געוואוסט וועגן אַ מיידל מיט בלויע אויגן, וועמעס נאָמען איז וואַנדאַ. איך האָב אין גיכן פאַרלאָזן די שטאָט, און באַלד צוריק געקומען, ווייטער זי צו זוכן, אָבער אַלץ אומזיסט. זי איז פאַרשוואונדן, און קיין שפּור פון איר ניט גע־פונען, ניט דאָן און ניט אין די ווייטערדיקע טעג און יאָרן פון מיין לעבן. איך האָב זי קיינמאָל ניט אויפגעהערט זוכן. גייענדיק איבערן גאַס אַפילו פון ווייטע לענדער האָב איך אַלץ געהאַלטן אין אַריינקוקן אין פּנימער פון פרויען מיט בלויע אויגן, אַלע טעג פון מיין לעבן אויף דער ערד, און האַלט עס אָן אויך איצטער דאָ.

ער האָט צוגעדעקט די אויגן מיט זיינע גרויסע ביינערדיקע הענט און האָט אָנגעהויבן כליפּן. און דאָ האָט עפּעס אומדערוואַרטעטעס פּאַסירט. ליזא האָט אויסגעצויגן איר האַנט איבער מיר צו אים, און זיך אָפּגערופן:

„איך וועל גערן זיין וואַנדאַ, אייער וואַנדאַ פאַר אייך... יאָ?״ און זיך ווענדנדיק צו מיר אויך געפרעגט: „יאָ?״... אין איר קול האָט זיך געפילט מיטלייד, און אין אירע אויגן גרויס רחמנות צו אים... און איך האָב געענטפערט: „יאָ״. און האָב זייביידן איבערגעלאָזט זיצן צוזאַמען״.

לעאָן האָט מיט אַ לייכטן שמייכל געזאָגט: „איך וואָלט געקענט שווערן, אַז דאָס איז סעם קאָוונער... עס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים״.

„און ווער איז סעם קאָוונער?״

„סעם איז דער פאַרשוין וואָס איך האָב איבערגעלאָזן זיצן מיט קעיט״.

„מאָדנע!״

און ביידע מענער זיינען ווידער שטיל געוואָרן... פאַרטראַכט...

מצבה־אויפדעקונג

צווישן מענטשן אויף דער ערדישער וועלט איז אַ יאָר פאַרגאַנגען זינט דעם טויט און לויה פון לעאָן קאַסטינס. מען האָט געקענט זען אַ מעלדונג אין די צייטונגען, אַז אין אַ וואָך אַרום, זונטאָג, וועט אַ מצבה אויפגעשטעלט ווערן אויף זיין קבר. קרובים און פריינד ווערן דערוואַרט צו זיין ביי דער אויפדעקונג. צייט פון טאָג, פּלאַץ, אָנוויי־זונגען ווי צו דערגרייכן דעם בית־עולם איז אָנגעגעבן געוואָרן. מען איז געבעטן צו קומען...

„דו קלייבסט זיך צו זיין דאָרט?" פרעגט זשאַן.

„יאָ", ענטפערט לעאָן, „און דו?"

„ווי דען? און איך קלייב זיך צו ברענגען מיט זיך אַזוי פיל היגע מענטשן וויפיל כ'וועל נאָר קענען דערגרייכן..."

„גוט אַזוי, זשאַן, כ'וואָלט זיי וועלן אָנקוקן אַביסל נענטער".

ס'איז געווען אַ מילדער, גרויער זונטאָג, דער טאָג פון דער מצבה־אויפדעקונג. דער הימל איז געווען געדיכט באַדעקט מיט רעגן־וואָלקנס, אָבער דער רעגן האָט זיך ניט געאיילט אַראָפּצונידערן אויף די גרינע גראָזן, די ווייסע מצבות און די מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַר־זאַמלט. זיי זיינען אָנגעקומען דורך ספּעציעלע וועגענער, פּריוואַטע מאַשינען און טעקסיס, און האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם קבר און דעם שטיין. די אלמנה איז אויך אָנגעקומען. זי האָט אויסגעזען ניט געזונט, קוים פעאיק צו האַלטן זיך אויף די פיס, אַזוי אַז מען האָט זי געדאַרפט צוהאַלטן. פיליפּ און זיין פרוי זיינען אָנגעקומען, זייערע צוויי קינדער, שוועסטער, ברידער און קרובים... און גלאַט פריינד זיינען געקומען גאַנץ היפשלעך אין צאָל. אַזוי באַלד ווי די משפחה איז אָנגעקומען האָט זיך די צערעמאָניע אָנגעהויבן אַרום דעם איינפאַכן, פּירקאַנטיקן גראַניט־שטיין. עמיצער האָט געהאַלטן אַ דרשה וועגן דער גלעגנהייט און וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם. די רעדע איז געווען אין אַ באַקאַנטן סטיל, האָט קיינעמס האַרץ ניט אָנגערירט, ניט מיט דער געהיימניס פון טויט און לעבן, גוף און נשמה, דעם גרויסן אַלץ, און גרויסן גאָרנישט... עס איז געווען אַ זאַמלונג פון אומבאַדייטנדיקע ווערטער. נאָך אַ ווײַלע האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז זיי האָבן אייגנט־לעך געמעגט בלייבן אין דער היים, און פאַרשפּאָרן זיך די מי, קאָסטן און פאַרלוסט פון אַ האַלבן טאָג.

פלוצלינג האָט אַ קליין שטיל שטימעלע פון צווישן די פאַרזאַמלטע געבעטן די דערלויבעניש צו זאָגן עטלעכע ווערטער. די דערלויבעניש איז אים געגעבן געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צוערשט אין אַ זייער שטילן טאָן, באַלד האָט זיין קול דערגרייכט יעדנס אויער ווי קלאַנגען פון אַ טשעלאָ:

„אויפשטעלנדיק אַ שטיין, דעם סימבאָל פון געדויער, אויף דעם קבר פון לעאָן קאַסטינס, ווילן מיר מיט דעם זיין נאָמען פאַרפעסטיקן אין אונזער זכרון. זכרון איז דאָס, וואָס האַלט די וועלט אינאיינעם. זכרון בינדט צונויף דעם מענטשנס שטענדיקן בייטן זיך אין אַ גאַנצע פערזענלעכקייט. זכרון איז אפשר דער כוח און דער סוד פונם גאַנצן אוניווערס. זכרון הייסט די בוימער צו גרינען יעדן פרילינג, און די סעזאָנען פון יאָר צו טאָן און ווידערהאָלן זייער אַרבעט. אַלע זאַכן, אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע, אַלע זאַכן וואָס האַלטן אָן באַשטימטע פאָרמען און פונקציעס, שפּייזן זיך, וואַקסן, שיידן זיך און קערן זיך אום, האַלטן אָן אַ קרייז־באַוועגונג, אַלץ ווערט געטאָן ווייל זכרון דיק־טירט. אַפילו ווען מען זאָל אָננעמען, אַז לכתחילה זיינען געגעבן געוואָרן נאַטור־געזעצן, דאַרף דאָך זיין אַ זכרון די געזעצן צו געדענקען, ווייל קיין געזעץ־ביכער זיינען דאָך אין דער נאַטור ניטאָ. זכרון איז די נשמה פון דער וועלט. וואָס עלטער אַ בוים, אַ באַרג, אַ פעלז, אַ מענטש, אַ פאָלק, איז אַלץ מער ווייס ער די באַדייטונג פון זכרון. מיר אידן, אַ פאָלק פון לאַנגן דויער, זעען איין דעם כוח וואָס זכרון האָט.

„עפנט אונזערס אַ בוך פון תפילות און איר וועט געפינען דאָס וואָרט זכרון, אין אַ גרויסע צאָל וואַריאַנטן כמעט אויף יעדן בלאַט. מיר ווייסן ווי הויך צו האַלטן דעם אָנדענק, קולטיווירן עס, אין זיך אַליין ביים לעבן, און האַלטן עס אָן נאָך די מענטשן וואָס ווערן פון אונז אָפּגעשיידט. זיי דאַרפן לעבן אין אונזער געדעכעניש... זיי קענען אַזוי אַרום אַרויסטרעטן פון זייערע שאָטנס און אָנטייל נעמען אין אונזערע לעבנס... העלפן אונז אין אונזערע שווערקייטן, פאַר־היטן אונז פון גרייזן און געפערלעכע טריט. לאָמיר דערפאַר קול־טיווירן זכרון דורך ווערטער, ליכט און שטיין, נאָך אַלץ וואָס אונז איז ליב און טייער, געדענקען און דערמיט פאַרלענגערן ס׳לעבן, און טאָקע פאַרטרייבן דעם טויט, ברענגנדיק תחית המתים, אָן אייביק לעבן — דורך אָן אייביקן זכרון...“

ער האָט פאַרענדיקט רעדן, איז צוריקגעטראָטן און איז פאַר־שוואונדן, אַקוראַט ווי ער וואָלט געקומען פון ערגעץ־נישט און זיך אומגעקערט צו ערגעץ־נישט. אַ ווײַלע זײַנען אַלע, וואָס האָבן אים געהערט רעדן געבליבן שטיל אונטער דעם צויבער פון זײַנע ווערטער. לעאָן האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן זון פיליפּ ווי טרערן זײַנען בײַ אים געראָנען איבערן מאָגערן פּנים. זינא איז געשטאַנען מיט איר קאָפּ טיף געבויגן, קוים־קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. בלויז די קינדער זײַנען געווען פרײַ פונם אײַנדרוק. זיי האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש הינטער די קברים־שטיינער. דער קאַנטאָר האָט געמאַכט דעם מאַיעס־טעטישן „אל־מלא־רחמים״... פיליפּ האָט געזאָגט קדיש... אונטער־דריקטעס געוויין האָט מען געקענט הערן... טראָפּנס רעגן האָבן אָנ־געהויבן פאַלן, דערמאָנענדיק דעם עולם, אַז ס׳איז אפשר צײַט צו טראַכטן וועגן שוץ קעגן וועטער... זינא, פיליפּ, די משפחה און אַנדערע האָבן אין גיכן פאַרלאָזן דעם בית־עולם.

לעאָן האָט געווענדט זײַן בליק אויף די געגנט און געשטאַלטן, און האָט באַמערקט די אָנוועזנהייט פון זײַנעם מין מענטשן, ליכטיק־דורכזיכטיקע, אין אַ זייער גרויסער צאָל אין פאַרשיידענע גרופּן. אייניקע זײַנען געווען אָנגעשפּאַרט אויף די מצבות, אַנדערע זײַנען געשטאַנען, אָדער געזעסן, אָדער געשוועבט אין דער לופטן, גרייכנדיק הויך ביזן הימל, אָבער אַלע מיט זייערע פּנימער און אויגן געווענדט צו דער מצבה און לעאָן קאָסטינס בײַ דער זײַט. און ער האָט אָנגעהויבן רעדן אומדערוואַרטעט פאַר זיך אַליין:

„איר האָט נאָרוואָס געהערט ווערטער פון גרויס באַדײַט. לאָמיר געדענקען, האָט דער מאַן געזאָגט, און דורכן געדענקען, ווײַטער לעבן אויך נאָכדעם ווי מיר שטאַרבן. זינט איך בין דאָ, און לעב ווײַטער נאָך מײַן טויט, אָט אַזוי ווי איר אַלע, צו וועמען איך רעד איצט, זינט איך לעב ווײַטער, האָב איך אײַנגעזען, אַז די וועלט איז א י י ן וועלט, ניט צעטיילט אויף צוויי, אײנע וואָס לעבט, די פיזישע, און די אַנדערע וואָס איז טויט, די מעטאַפיזישע. ניין, ס׳איז א י י ן גרויסער אוניווערז, א י י ן מענטשהייט, געוועבט און געבונדן אָן אונטערשייד ניט נאָר פון ראַסע, קאָליר און גלויבן, נאָר אויך פון לעבעדיקע און געשטאָרבענע. קיינער איז ניט טאָטאַל לעבעדיק, און קיינער ניט טאָטאַל טויט. אויב ס׳איז אַזוי — טאָ פאַרוואָס אָנערקענט מען עס ניט? פאַרוואָס באַנעמט מען זיך ניט לויט דעם? פאַרוואָס אָפּגעשיידט? וואו זײַנען די קאָמו־

ניקאַציע־ליניען? זיינען זיי דאָ? אויב ניט — טאָ פאַרוואָס זיינען אַזעלכע ליניען פאַר פאַרבינדונג נאָך ניט געשאַפן געוואָרן? דאָס וויל איך אייך פרעגן, אייך, די וואָס זיינען שוין לאַנג דאָ... איך זוך אַן ענטפער...״

אַ געמורמל און שטימען־גערויש איז אויפגעהויבן געוואָרן ווי פון אַן אויפגעבראַוזטן ים:

„ס׳איז דערפאַר וואָס זיי רופן אונז ניט... זיי גלויבן אין אונז ניט... אַפילו די וואָס האָבן פאַר אונז מורא, גלויבן ניט אין אונז... און אַפילו די וואָס רופן אונז, גלויבן ניט אַז מיר הערן זיי... זיי זאָגן — געשטאָרבן, באַגראָבן און דערמיט אַ סוף... קיינער, זאָגן זיי, איז נאָך ניט געקומען צוריק עדות צו זאָגן.״

„אויב אַזוי״, האָט לעאָן קאָסטינס הויך אויסגעשריען, „אויב אַזוי, טאָ לאָמיר צוריקקומען און עדות זאָגן״.

און ווידער האָט אַ גערויש זיך אויפגעהויבן ווי אַ שטורעם אויף אַ ים. ווערטער האָבן זיך דערהערט:

„מיר האָבן וויניק געטאָן זיי זאָלן אין אונז גלויבן, אפשר איז איצט די צייט געקומען?!״

פלוצלינג האָט לעאָן דערפילט אין זיך אַ גרויסן כוח אויפגיין... אין אַ קול העכער און גרעסער ווי ווען עס איז אין זיין לעבן, האָט ער אויסגערופן:

„די צייט איז רייף, צופיל אומרעכט מוז רעכט ווערן... צופיל שלעכטס... צופיל... צופיל... די וואָס לעבן דאָרט האָבן זיך פאַר־פלאָנטערט, און זעען ניט קיין וועג אַרויס... מיר מוזן זיי העלפן, זיי מוזן אונז דערקענען, אונז רופן, אונז אַריינגעמען אין זייער לעבן...״

און די מיריאַדן האָבן נאָכגעזאָגט:

„אונז דערקענען, אונז פאַררופן... און אויב זיי רופן אונז ניט — מוזן מיר אַליין גיין צו זיי!...״

***

קעיט איז צוגעגאַנגען מיט ניט דרייסטע טריט צו לעאָנען...

„איך בין דאָרט געווען, לעאָן, כ׳האָב אַלץ געזען און געהערט... איר זייט געווען גרויס... נישט יעדעס וואָרט אייערס האָב איך פאַר־שטאַנען...״

„וואָס, קעיט, האָט איר ניט פאַרשטאַנען?״

„רעדט צו מיר אַביסל, לעאָן, כ'האָב אַזוי מורא איר זאָלט מיך ניט אָנהויבן האַסן. אָבער איך קען ניט אַנדערש... איך גיי אייך נאָך ווי אַ שאָטן, דער שאָטן, וואָס איר האָט פאַרלוירן ווען איר זייט געשטאָרבן".

לעאָן האָט זי שווייגנדיק אָנגעקוקט און געפרעגט: „וואָס אייגנטלעך האָט איר ניט פאַרשטאַנען?"

„דאָס וואָס איר האָט געזאָגט אַז קיינער איז ניט טאָטאַל לעבעדיק ווען מען לעבט, און ניט טאָטאַל טויט ווען מען שטאַרבט. וואָס איז דער געדאַנק? האָט איר מיך געמיינט, ספּעציעל מיך?"

„ניין, ניט אייך. ווען אַ מענטש שטאַרבט, שטאַרבט ער בלויז מיט עטלעכע עלעמענטן פון זיין וועזן, מיט די וועלכע מיר דערקענען מיט אונזערע חושים. אַנדערע עלעמענטן, ווייניקער סאָלידע, ווי עלעקטרישע אימפּולסן, פאָספאָרישע שטראַלן, ראַדיאָ־וויבראַציעס, אַלע מינים אויסלויכטונגען בלייבן לענגער לעבן, ווי דאָס ליכט גייט ווייטער נאָך אַן אויסגעלאָשענעם שטערן. זיי זיינען דאָס די טרעגער פון אונזער פּערזענלעכקייט, זכרון, געדאַנקען און געפילן... אַלץ וואָס מיר רופן — נשמה, אָט דאָס וואָס מיר, איר און איך, זיינען איצטער. ווען צייט, אַ סך צייט, עס מאַכט ניט אויס וויפיל, גייט פאַרביי, שטאַרבן מיר ווידער מיט נאָך אַ גראַד סאָלידקייט, און דערנאָך, שפּעטער, ווידער און ווידער... ביז... ביז... די מורא פאַרן טאָטאַלן טויט ווערט אינגאַנצן אויסגעוועבט..."

קעיט האָט געקוקט אויף לעאָנען מיט אויגן ברייט געעפנט... מורא איז אין זיי געלעגן.

„קעיט", רופט זיך אָפּ לעאָן, „איר טראָגט אַ מורא אין זיך פאַר עפּעס. וואָס איז עס?"

„איך ווייס ניט, לעאָן, אפשר איז דאָס די מורא פאַר אַ לעבן אָן אַ זין, אָן אַ שכל — דאָ, ווי מיין לעבן איז געווען דאָרט".

„ניין, קעיט, האָט ניט קיין מורא, שרעקט זיך ניט פאַר עפּעס אַ מורא. אַ געוויסע גראַד מורא איז אַפילו גוט".

„האָט איר פאַר עפּעס מורא, לעאָן?"

„יאָ, קעיט, אפשר מער מורא ווי ס'איז גוט פאַר מיר. ווען איך בין דאָרט געווען, האָב איך מורא געהאַט אַז כ'וועל שטאַרבן, איידער די צייט וואָס איז מיר באַשטימט געוואָרן; כ'האָב זייער ליב געהאַט דאָס בלויזע לעבן. דאַן האָב איך מורא געהאַט אַז כ'וועל שטאַרבן

אײדער איך װעל פֿאַרענדיקן די אַרבעט, װאָס איז מיר באַשטימט צו טאָן... כ׳האָב זײער ליב געהאַט מײַן אַרבעט. און נאָך אַ מורא פֿאַר װעלכע איך שעם זיך טאַקע... די מורא אַז אפֿשר אַרט עס קײנעם ניט סיװוי... מײַן לעבן און מײַן אַרבעט... כ׳האָב זײער ליב געהאַט אָנערקענונג...״

נאָך אַ רגע פֿון שטיל טראַכטן האָט ער װײטער אָנגעהויבן:

„און איצטער דאָ, כ׳װײס ניט װי עס איז װערטער איבערצוגעבן... ס׳איז עפּעס ענלעך צו אַ שװערן נאַכט־חלום, װאָס איך פֿלעג האָבן װען איך בין נאָך דאָרט געװען. איך פֿלעג האָבן אַ חלום, װי איך בין ענדלעך אָנגעקומען אין פּאַריז צו מאָלן. און אָט בין איך שױן דאָרט אַ װאָך, צװײ, אַ חודש און מער און האָב נאָך גאָר ניט אָנגעהױבן עפּעס צו טאָן. אַזױפֿיל זיך געגרייט, — און זײַענדיק דאָ קען איך ניט אָנהױבן! עפּעס װי פֿאַראַליזירט. אַ צװײטער חלום־קאָשמאַר, אַן אָפֿטער גאַסט אין מײַנע נעכט איז געװען — װי איך קום אָן קײן פּאַריז מיט דעם באַשלוס אַז דאָס ערשטע װאָס איך װעל טאָן, איז גײן און זען די בילדער אין דעם לואװר, און יעדן פֿרימאָרגן זאָג איך מיר, אַז הײַנט װעל איך עס טאָן, און שטענדיק אָפּגעלײגט, און װען איך האָב זיך ענדלעך געלאָזט גײן בין איך פֿאַרגאַנגען, פֿאַרקראָכן און פֿאַרבלאָנדזשעט אויף װילד־פֿרעמדע, װײַטע און פֿאַנטאַסטישע לאַנדשאַפֿטן און מענטשן פֿול מיט שרעק און סודות. איך פֿלעג מיך דערפֿון אַרױסרײַסן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. ענלעך צו דעם מײַן חלום הױב איך אָן דאָ צו פֿילן. איך בין אָנגעקומען אין אַ װעלט פֿון סודות. װאָס איז דאָס פֿאַר אַ װעלט? װאָס און װער בין איך דאָ? מײַן פּלאַץ? מײַן אַרבעט? און װען װעל איך אָנהױבן? ביז איצט לעב איך נאָך אַלץ מיט דעם װאָס שטאַמט פֿון דאָרטן. דאָס װאָס ס׳איז הײַנט געװען אױפֿן בית־עולם איז אײגנטלעך דער ערשטער היגער טראָט... דער ערשטער פֿאַרזוך...״

קעיט האָט געשלונגען זײַן יעדעס װאָרט און גאָר אומדערװאַרטעט אַרױסגערעדט:

„לעאָן, איך האָב אײַך אַזױ ליב!״

„זאָגט עס מיר קײנמאָל מער ניט, קעיט״.

„פֿאַרװאָס ניט?״

„פֿאַרװאָס ניט? צוליב עטלעכע טעמים. אײנע פֿון זײ איז, װאָס איר האָט אײַער זשעניע פֿאַר ליבע אָפּגעגעבן ניט דעם ריכטיקן מאַן... צװײטנס — װעט זינא, מײַן פֿרױ, גאָר אין גיכן אַהער אָנקו־מען... מײַן פֿרױ איז איצט זײער קראַנק״.

זינאַ קומט אָן

אַ זייער שטילער רוף האָט דערגרייכט לעאָנס אויערן. ס׳איז געווען אַ רוף פון זיין פרוי, זינאַ. די שטימע איז געווען דין און שוואַך, אָבער דייטלעך. די ווערטער זיינען געווען:

„לעאָן, וואו ביסטו, איך דאַרף דיך האָבן, קום, איך האָב מורא".

לעאָן האָט פאַרשטאַנען אַז דער קריזיס איז אָנגעקומען אין זינאַ׳ס לעבן. זי איז קיינמאָל ניט געווען פון שטאַרקן געזונט. זי איז געווען אַ בלאַס, טונקל־אויגיק מיידל, קוים אַרויס פון שול ווען ער האָט זי באַגעגנט. אַ דעליקאַטע און שוואַכינקע אין אויסזען, אָבער מיט אַ שטאָלצע האַרץ און אייגענעם ווילן. בלויז אין די שפּעטערע יאָרן איז איר שטאָלצער גייסט עטוואָס שוואַכער געוואָרן און זי האָט זיך דערלויבט צו באַקלאָגן זיך און אויפוואַרפן. אָבער זי איז נאָך אַלץ געבליבן אַ זעלבסטשטענדיקע פּערזענלעכקייט מיט געניג מיטלען און פעאיקייטן צו באַזאָרגן איר עקזיסטענץ. בלויז אין זעלטענע פאַלן האָט זי גערופן נאָך הילף און אַפילו דאַן אין אַ זייער איינגעהאַלטענעם טאָן. דאָס מאָל אָבער האָט איר רוף געקלונגען צו זיין פון גרויס נויט, אַזוי אַז לעאָן האָט גלייך זיך אָפּגערופן. ווען ער איז אָנגעקומען, האָט ער זי געפונען ליגן אין בעט. אַ דאָקטאָר האָט געענדיקט זיין באַזוך, שטייענדיק אויפן שוועל, און געבנדיק איר נאָך אַ פּאָר לעצטע עצות:

„ס׳איז גאָרניט, גלאַט אַזוי, נערוון... צו פיל זאָרג, אָנשטרענגונג... נעמט די דאָזיקע פילן רעגלמעסיק, און עסט אַלץ וואָס איר ווילט... אין פאַל איר דאַרפט מיך האָבן, ווייסט איר דאָך מיין טעלעפאָן... איך וועל יעדנפאַלס קומען אייך זען... מאָרגן..."

ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק איז זינאַ געבליבן ליגן שטיל, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אָן באַוועגונג, בלאַס ווי דאָס ווייסע קישעלע פון איר צוקאָפּנס. דערנאָך האָט זי אַרויסגערעדט אין אַ זייער שוואַכן קול:

„לעאָן, ביסטו דאָ? איך האָב דיך גערופן, כ׳פיל מיך זייער שוואַך... גאָרנישט טוט מיר וויי, כ׳בין נאָר זייער מיד און שוואַך... פיליפּ איז ניט געזונט... ער דאַרף מיך האָבן... און זיין ווייב איז אויך... און די קינדער... איך טאָר איצטער נישט שטאַרבן... לעאָן, דו הערסט מיך?"

„יאָ, זינאַ, איך בין דאָ, איך הער... האָב נישט מורא... וואָס עס זאָל נישט זיין, דאַרפסטו זיך ניט שרעקן... און פיליפּ וועט געזונט

ווערן, און אַנדערע פון זיין קליין משפּחהלע וועלן געזונט ווערן...
זאָרג נישט..."

„לעאָן, כ'האָב גערופן מיין מאַמען איידער כ'האָב דיך גערופן, זי האָט מיר ניט געענטפערט. איז זי ברוגז אויף מיר פאַר עפּעס, דענקסטו טאַקע, אַז זי האָט אויף מיר פאַראיבל?..."

„ניין, זינאַ, מאַמעס האָבן נישט קיין פאַראיבל, און זיינען נישט ברוגז. זי איז בלויז אַלט און שוואַך אויף די פיס... דו גדענקסט דאָך ווי זי איז געוועזן אין אירע לעצטע טעג?"

„איך האָב אויך גערופן מיין פאָטער און ער האָט ניט געענטפערט... כ'האָב אויך גערופן מיין ברודער דוד, און אויך ער איז נישט געקומען... איז דאָס אפשר דערפאַר וואָס איך האָב זייער יאָרצייט נישט אָפּגעהיט מיט אַ ליכטל? איך האָב דאָך קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָנצינדן אַ ליכטל צו מיין מאַמעס יאָרצייט... טאָ פאַרוואָס איז זי נישט געקומען, ווען איך האָב אַזוי מורא, אַזוי שטאַרק מורא. בלויז דו, לעאָן, האָסט זיך אָפּגערופן, פון דיר האָב איך עס אַמווייניקסטן דערוואַרט..."

לעאָן האָט געקוקט אויף איר בלאַסן פּנים מיט צוגעמאַכטע אויגן, מיט גרוי־גרינע רינגען אַרום זיי. אירע דינע, צאַרטע הענט זיינען געלעגן גלייך אויסגעשטרעקט ביי אירע זייטן, מיט פינגער אין לייכטן ציטער...

„זינאַ, פאַרוואָס האָסטו פון מיר דערוואַרט אַזוי ווייניק? איך האָב דאָך דיר צוגעזאָגט, אַז כ'וועל זיין מיט דיר און דיר העלפן אין דעם קליין שטיקל צייט און רוים, וואָס נעמט אַריבערצוגיין די גרענעץ?..."

„לעאָן, איז עס שמערצלעך? ווי אַזוי איז עס? דערצייל מיר".

„זינאַ, איך זאָג דיר, ס'איז גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן, פיל ווייניקער ווי אַ צאָן אַרויסצורייסן, אַ סך ווייניקער. און פיל, פיל גרינגער ווי געבורטס־ווייען. געדענקסטו? האָט עס שטאַרק וויי געטאָן ווען פיליפּ איז געבוירן געוואָרן?"

„יאָ, שטאַרק, אָבער אַ מינוט נאָך דעם האָב איך זיך געפילט וואונדערבאַר."

„און האָסט אויך אויסגעזען שיין ווי אַ מלאך! ווייס ווי מילך און אַ בלעטל פון אַ רויז אויף די ליפּן. און דיינע אויגן האָבן געלויכטן ווי צוויי מאָרגן־שטערן. און אַזוי האָסטו אָנגעהאַלטן די שיינקייט זעקס וואָכן צייט..."

„בלויז זעקס וואָכן? לעאָן, דו האָסט מיך קיינמאָל נישט אָפּגעשאַצט. אַנדערע יאָ, אָבער דו ניט".

„איך נישט? ווי אַזוי זשע האָט עס געטראָפן אַז איך האָב זיך אין דיר פאַרליבט און מיט דיר חתונה געהאַט? נישט קוקנדיק וואָס דו האָסט געקעמפט אַנטקעגן, געוואָלט זיך אויסבאַהאַלטן פון מיר".

„ניין, לעאָן, כ'האָב אין דער אמתן זיך נישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן... ס'איז בלויז געווען שטייגער ווי צו וועקן דיין אינטערעס".

„אָ, הייסט עס, אַ שפּיל אַזאַ געווען, זיך פאַרשטעלט..."

„יאָ, אַביסעלע... ווער נישט אויפגערעגט, און שריי נישט... סאַראַ צייט דו האָסט עס אויסגעקליבן צו באַהאַנדלען די זאַכן... אוי, לעאָן, דו ביסט דערזעלבער נאַר וואָס שטענדיק. זאָג מיר בעסער ווען האָסטו געזען פיליפּ? וואָס מאַכט ער? לעאָן, איך פּיל מיך איצט אַזוי מאָדנע גרינג און קיל... און עפּעס אַזוי לײַדיק, און עפּעס אַזוי... אַזוי... גיב מיר דיין האַנט... העלף מיר אויף... דאָס קליין קישעלע... אָט אַזוי... מאַמע... מאַמע... זיי ניט בייז... פיליפּ, לעאָן, קינדער... דיין האַנט... האַלט מיך... האַלט..."

לעאָן האָט איר געהאָלפן אַראָפּגיין פון בעט... האָט אויסגעגלייכט איר קלייד, האָט אַרויפגעטאָן אַ שאַל אויף אירע אַקסלען, האָט צוגערוקט אירע ווייכע פאַנטאָפל צו די פיס. זי האָט אַריינגעטאָן אירע פיס אין זיי און זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר מאַן. לעאָן האָט מיט איין האַנט אַרומגענומען אירע אַקסלען, מיט דער אַנדערער פעסט האַלטנדיק איר האַנט, האָט ער זי צוגעפירט צו דער שוועל פון צימער, געעפנט די טיר, איז אַרונטערגעגאַנגען די טרעפּ מיט איר, און אַרויס פון הויז. אַזוי גיך ווי זיי זיינען אַרויס דרויסן האָט לעאָן צו איר געזאָגט: „נו, איצטער, זינאַ, שפּאַר זיך גוט אָן אויף מיר, ווער גאָר, גאָר גרינג און רואיק... אָט אַזוי ווי דו וואָלסט אָנהויבן אַ וואַלץ־טאַנץ... ווי דו האָסט עס ליב געהאַט... געדענק, אַז איצטער זיינען מיר ווידער איינאיינעם... און אויף אייביק... זעסט ווי גרינג עס איז? גאָרנישט, אָט טאַקע גאָרנישט וואָס מורא צו האָבן... לגמרי גאָרנישט".

*
* *

די צייטונגען האָבן אויף מאָרגן געהאַט אַ מעלדונג וועגן דעם טויט פון פרוי זינאַ קאַסטינס, די אלמנה פון לעאָן קאַסטינס, דער וואָס איז געשטאָרבן עטוואָס איבער אַ יאָר צוריק. אין די ביאָגראַפישע שורות וואָס זיינען געווען געדרוקט אונטער איר פּאָרטרעט, איז אָנגעמערקט, אַז זי איז געווען אַ באַגאַבטע פרוי, האָט געזונגען אין אירע יונגערע יאָרן,

האָט געשריבן פאַר צייטשריפטן קריטיק איבער טעאַטער, ביכער און קונסט... געווען אויך אַ געזעלשאַפטלעכע טוערן, האָט געקראָגן פאָר־שלאַגן צו פאַרנעמען פּאָליטישע אַמטן, פאַר איר טאַלאַנט צו רעדן פון אַ פּלאַטפאָרמע... איר שוואַך געזונט האָט איר געשטערט צו אַנטוויקלען אירע פעאיקייטן... זי לאָזט איבער נאָך זיך... לויה וועט זיין פון דעם זעלבן טשאַפּל... וועט געבראַכט ווערן צו איר אייביקער רו אויף דעמזעלבן בית־עולם און וועט באַערדיקט ווערן ביי דער זייט פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן...

„וועסט זיין ביי דיין לויה, זינאַ?"

„ניין", האָט זי געענטפערט, „דער וועטער איז ניט אַזוי גוט, און איך פיל מיך נאָך אַלץ שוואַך... דאָרט, אויפן בית־עולם, איז דער וועטער נאָך ערגער, און ס׳וועט, דאַכט זיך, רעגענען און איך האָב בלויז לייכטע שטעק־שיך אויף די פיס... ניין, אַן אַנדערש מאָל..."

און זיי זיינען ניט געגאַנגען. אָבער זשאַן, קעיט, ליזא און סעם קאָוונער זיינען דאָרט געווען. ביים צוריקקומען זיינען אַלע געווען שטיל און שווייגנד, טראַכטנדיק וועגן לעבן, ליבע, אומעט און פרייד... ווי אַלץ גייט אינאיינעם... אַנטקעגן און האַרמאָניש... ווי אַלץ גייט ווייטער, די זעלבע מעלאָדיע בלויז אין אַן אַנדער שליסל. זיי האָבן אויך געטראַכט וועגן דעם — וואָס זינא וועט ווערן אין זייער אַלעמענס לעבן דאָ...

***

לעאָן און זינאַ האָבן זיך באַוועגט אַרויף־צו. צוערשט לאַנגזאַם, אַקוראַט ווי די ערד וואָלט זיי צוריקגעהאַלטן. דערנאָך האָבן זיי דערפילט עפּעס אַ מין באַפרייאונג, ווי טיר און פענסטער וואָלטן זיך אַלע געעפנט און ווייסע פליגלען וואָלטן זיי אויפגעהויבן און אַוועקגעטראָגן. זיי זיינען געפלויגן אָן וועלכע נישט איז מי דורך שטראָמען ליכט, עלעקטרישע כוואַליעס, מאַגנעטישע פעלדער, שיכטן פון לאַנגע, קורצע און צערו־דערטע וויבראַציעס פון עפּעס וואָס איז מאַטעריע און גייסט צוגלייך. שיכטן פון רו, און שיכטן פון דריבנעם ציטער... הויכע טורעמס פון זאַכן, וואָס האָבן נאָך קיין נאָמען. די אַלע זאַכן, געשטאַלטונגען און וויבראַציעס גיסן זיך צונויף, גייען אָדער פאַלן פאַנאַנדער האָבן זיי גע־געבן דעם געפיל, אַז אַלץ ווערט דאָ געטאָן אָן שרעק און אָן צווייפל... לעאָן און זינאַ האָבן זיך פלוצלינג דערפילט ווי אַ טייל פון דעם אַלעם

וואָס אַרום זיי... ווי אַ שטראַל פון ליכט און אַ ציטער פון אַן עלעקט־רישן שטראָם. אַ ניי מין באַוואוסטזיין, פריי פון גוף און דאָך פּערזענ־לעכקייט, מיט דענקען, טראַכטן און זכרונות... אַלץ אַזוי ניי און אַלץ אַזוי באַקאַנט, שוין געווען, איין מאָל, אַ סך מאָל, שוין געווען... און אַלץ אַזוי וואונדערלעך!

„זינאַ, זינאַטשקע, אַט זיינען מיר, מיר זיינען, מיר זיינען, מיר טראַכטן, מיר רעדן... מיר דענקען — הייסט עס אַז מיר זיינען... געדענקסט, דער פילאָזאָף דעקאַרט האָט עס געזאָגט: איך דענק — הייסט עס — איך בין. קומען אַנדערע און קערן איבער דעם זאַץ און זאָגן: איך בין — דערפאַר דענק איך. ווי די זאַך זאָל נישט זיין איז מיר נאָך נישט גאַנץ קלאָר דער אַפּאַראַט פון אונזער איצטיקן זיין און דענקען, פּונקט ווי מיר איז נישט קלאָר געווען ווי בוימער טראַכטן, ווי פעלזן, וואַסער און שטערן טראַכטן... זינאַ וואָס טראַכסטו איצט?״

„יאָ, מיין טייערער פילאָזאָף, איך טראַכט טאַקע איצט... און אויב דו ווילסט וויסן וועגן וואָס — וועל איך דיר זאָגן... איך טראַכט וואו און ווי אַזוי וועלן מיר זיך באַזעצן? וואוהין וועלן מיר אָנקומען און זיך דאָרט אַראַנזשירן?״

לעאָן האָט זי אָנגעקוקט דערשראָקן: „וואָס הייסט אַ פּלאַץ? אַ דירה? זיך אַראַנזשירן? וואָס רעדסטו, זינאַ?״

האָט אויך זינאַ אים אָנגעקוקט דערשראָקן: „דו מיינסט דאָך נישט צו זאָגן, אַז מיר וועלן נישט האָבן קיין אָרט וואו זיך אָפּצורוען, אונ־זערע זאַכן צעלייגן, אַ בעט אויפשטעלן פאַר אַן אָפּרו, אַ טיש, עטלעכע שטולן פאַר געסט... דו מיינסט דאָך נישט אַנדערש? איך האָב שטענ־דיק געטרוימט וועגן אַ היים מיט אַ באַשטימטן „ט אָ ג״, אַן אָפן־הויז, אויפצונעמען פריינד און באַקאַנטע. איך האָב עס דאָרטן קיינמאָל נישט געקענט דורכפירן, ווייל דו ביסט קיינמאָל נישט געווען אין דער היים ווי אַנדערע מענער זיינען דאָס. אָבער דאָ, צום סוף, קענען מיר דאָך דאָס האָבן!״

לעאָן האָט זי אָנגעקוקט פון דער זייט. ער האָט דערזען ווי אירע ליפּן ציטערן, נאָענט צו אַ געוויין, אויב ער זאָל דאָס איר אָפּזאָגן. פאַר דעם האָט ער נישט געהאַט קיין האַרץ. „נו״, זאָגט ער נישט זיכער, „מיר וועלן נאָך אַרומטראַכטן און זען...״

„יאָ, יאָ,״ האָט זי מיט אימפּעט אונטערגעכאַפּט, „דו וועסט זען, ווי ליבלעך מיר וועלן עס אויפשטעלן, דיינע פריינד, די מאָלערס, וועלן

קומען פאַר אַ דיסקוסיע איבער קונסט, די אַלטע און נייע, די דיסקוסיע וואָס זיי האָבן נאָך נישט פאַרענדיקט... און דו אַליין האָסט דאָך אויך נישט פיינט אַ מעסטל שיינע רייד... בפרט ווען אַ שיינע און יונגע דאַמע געפינט זיך דערביי...״

„אָ, זינאַ, רייד נישט אַזוי!״

„איז זי שוין דאָ, די מויד, ווי הייסט זי, קעיט?״

אַן אומרו האָט פאַרקלעמט לעאָנס האַרץ. ער האָט איר אויף דעם נישט געענטפערט.

זינאַ׳ס סאַלאָן

„זשאַן", פרעגט אים זינאַ, „ווי געפעלט אייך אונזער נייע דירה?"

„ס׳געפעלט מיר, דער קיילעכדיקער ווינקל, דאַכט זיך, קיינמאָל איז נאָך אַזוינס דאָ נישט געווען".

„יאָ, ס׳איז אינטים — צירליך... אָבער אַז מען וויל און מען דאַרף, קען עס ווערן געעפנט ברייט ווי די וועלט. און דאָס איז, זשאַן, וועגן וואָס איך וויל מיט אייך רעדן."

„יאָ, זינאַ, איך הער."

„איך וויל אייך בעטן עפּעס צו טאָן פאַר מיר. איר האָט אָפּט מיר אויסגעהאָלפן... אונזער ביידנס אַלטער פריינד."

„נישט נאָר דאָס", זאָגט זשאַן. „איך בין אַמאָל געווען אַ ביסעלע פאַרליבט אין אייך, זינאַ, האָט איר דאָס געוואוסט?"

„יאָ, זשאַן, כ׳האָב עס געוואוסט. אַ פרוי ווייס דאָס שטענדיק. זי ווייס אויך ווען אַ מאַן הערט זי אויף צו ליבן. אָבער, זשאַן, דאָס איז געווען אַזוי לאַנג צוריק, לאָמיר דאָס נישט טשעפּן".

„ריכטיק, צו וואָס ריידן וועגן דעם? אָבער איין זאַך ווילט זיך מיר אייך אַנטפּלעקן. איך האָב עס געהאַלטן פאַר אַ סוד אַזוי לאַנג, צו וואָס זאָל איך עס ווייטער האַלטן?"

„וואָס איז עס?" האָט אים זינאַ אָנגעקוקט נייגעריק, „נו, קומט אַרויס, אַנטפּלעקט עס, אויב איר מוזט".

„אַ, ס׳איז אַ קלייניקייט..."

„דערציילט, זשאַן."

„אַ זייער פיינינקע וואַזע פאַר בלומען... עס פלעגט שטיין אויף אייער פּיאַנאָ פאַר יאָרן און יאָרן, און איר האָט קיינמאָל נישט געוואוסט ווער עס האָט זי צו אייך געבראַכט. ווען איר זייט איינמאָל געקומען אַהיים און זי געפונען מיט בלומען, האָט איר אַ קוק געטאָן אויף לעאָנען מיט אַ צאַרטן בליק פון דאַנקבאַרקייט, דערנאָך זייט איר צו אים צוגעגאַנגען און אים אַ קוש געטאָן. לעאָן האָט געפּרוּווט לייקענען זיין שולד און באַשטאַנען, אַז דער קוש איז אים געקומען נישט־פאַרדינטערהייט...

איר האָט דאַן אויף מיר אַ קוק געטאָן, אָבער אויך איך האָב עס געליי־קענט... איז ווער זשע האָט עס געטאָן? איר האָט קיינמאָל נישט אויפ־געגעבן די פּראָבלעם: — ווער? ווער האָט עס די וואַזע געבראַכט?

„איך האָב ליב געהאַט נאָכצוקוקן ווי אַזוי איר פלעגט צוקומען צו דער וואַזע, בייטן ס׳וואַסער פאַר די בלומען, ווי איר פלעגט טראָגן די וואַזע אין אייערע אָרעמס, צודריקן זי באַענט צו אייער ברוסט אויפן וועג אין קיך און צוריק צום געוויינלעכן אָרט אויף דער פּיאַנאָ. איך האָב ליב געהאַט נאָכצוקוקן די גאַנצע צערעמאָניע... איך פלעג האָבן אַ וואונדערלעכן געפיל, אַז איר האָט מיט אייערע אָרעמס מיך אַרומגענומען, און אַז די צערטלעכקייט וואָס איר גיט דער וואַזע, גייט אויך צו מיר. איך בין געווען פאַרליבט אין אייך דעמאָלט, נישט געוואַגט עס אייך צו זאָגן. ווי האָב איך עס געקענט וואַגן? אַזאַ אידעאַלע פרוי, און אַזאַ אַי־דעאַלער פריינד ווי לעאָן! אַ חוץ דעם — קוקט מיך אָן — וואָס פאַר אַ פאַרשוין איך בין דאָס! וואָס איך וויל אייך איצט זאָגן איז, אַז די וואַזע קומט פון מיר".

זינאַ האָט זיך צעלאַכט מיט איר אַנגענעמען דריבנעם געלעכטערל:

„אוי, זשאַן, איר זייט נאָך אַ גרעסערער נאַר ווי לעאָן. איך האָב עס געוואוסט. איך האָב עס געוואוסט פון אָנהויב אָן, און דער קוש איז באַ־שטימט געווען פאַר אייך. איך האָב אייך נישט געקענט ענטפערן מיט ליבע, אָבער איר זייט מיר געווען געפעלן. איך פיל מיך גרינג מיט אייך, קיינמאָל נישט אַזוי גרינג מיט לעאָנען. איך האָב שטענדיק אַביסל מורא פאַר אים".

זי האָט צוגעגעבן נאָך עטלעכע טרעלן צו איר געלעכטער און וויי־טער געזאָגט: „אָבער, זשאַן, נישט וועגן דעם וויל איך מיט אייך ריידן".

„גוט, זינאַ, רעדט!"

„איר ווייסט דאָך, זשאַן, אַז איך האָב שטענדיק געוואָלט האָבן אַ פלאַץ אין מיין הויז וואו מענטשן פון טאַלאַנט און כאַראַקטער זאָלן זיך טרעפן און זיך פילן פריי און גוט. אין דער צייט וואָס זיי באַפרייען זיך פון זייער שפּאַנונג רעדן זיי אָפּ זייערע קאָמפּלעקסן פון זיך אַרויס און עס קומען צום אויסדרוק אינטערעסאַנטע זאַכן פאַר זיי אַליין און פאַר אַנדערע. לעאָן האָט אָבער פון דעם נישט געהאַלטן. ער האָט עס נישט אָפן געזאָגט, אָבער איך האָב עס געפילט, און אַזוי אַרום האָב איך מיין פאַרלאַנג אונטערדריקט, עס אָפּגעלייגט פאַר אַ פּאַסיקערע צייט. איצט, האַלט איך, איז די פּאַסיקע צייט דאָ. מיינע רוקן־וויטאָקן און קאָפּ־

שמערצן זיינען פאַרביי... איך פיל מיך גוט און מונטער, אַלע אינטע־רעסאַנטע מענטשן, וואָס איך האָב געקענט אָדער פון זיי געהערט זיינען שוין דאָ, מיט אַ סך צייט אין זייער רשות... און איך גלויב אַז לעאָן וועט עס אויך אויפנעמען אין גוטן מוט!...״

„זייט איר זיכער אין דעם, זינאַ?״

„יאָ, איך דענק... און כ׳האָב מער פאַר אים קיין מורא נישט״.

„טאַקע, גאָרנישט מורא?״

„גאָרנישט!... הערט מיך אויס, זשאַן. איך דאַרף האָבן אייער הילף. ווערט מיין סעקרעטאַר. העלפט מיר צונויפשטעלן אַ צעטל פאַר איינלאַדונגען, מעלדונגען... פאָלגט נאָך די ניי־אָנגעקומענע... און אויב וויכטיקע, וועלן מיר אַראַנזשירן פאַר זיי אַ קבלת־פּנים...״

„המ״, זאָגט זשאַן, „אַ היפּשע שטיקל אַרבעט!...״

זינאַ האָט אויף דעם נישט געענטפערט און ווייטער געפרעגט:

„אויף וועלכן טאָג, אָדער אָוונט זאָלן מיר עס מאַכן... פרייטאָגס, דינס־טאָגס?״

„דינסטאָגס איז גוט...״

„און ווי וועלן מיר עס אָנרופן? עס זאָל הייסן אַ קלוב, נו... אַ קלוב פון נ אַ ק ע ט ע נ ש מ ו ת״.

„המ״, זאָגט זשאַן, „אַ זייער פּיקאַנטער נאָמען״.

„יאָ, „נאַקעטע נשמות״, זאָל עס הייסן״, האָט זינאַ באַשלאָסן, „און נעקסטן דינסטאָג זאָל זיין די ערשטע אַסיפה. לאָזט עס וויסן... אַחוץ לעאָנען, זאָל עס זיין פאַר אים אַ סורפּריז״.

און זינאַ האָט זיך פאַרטראַכט און צוגעשמייכלט טראַכטנדיק.

ס ע ם ק אָ ו ו נ ע ר

נאָענט ביי זייער קיילעכדיקן ווינקל האָט לעאָן דערזען אַ פיגור פון אַ מאַן און באַלד דערקענט דעם אָפּטן אַריינגייער אין זיין סטודיאָ, סעם קאָוונער. ער האָט דאָ עפּעס אַרומגעזוכט, אַ ציכן, אַן אַריינגאַנג און נישט קענענדיק געפינען האָט ער זיך קענטיק געבייזערט און געערגערט. מען האָט עס געקענט זען אויף זיין פּנים מיט שאַרפע שטריכן און צו־נויפגעצויגענע ברעמען. ער האָט פלוצלינג דערזען לעאָן קאָסטינס און אים גלייך דערקענט. זיין פּנים איז געוואָרן ווייכער און ליכטיקער.

„שלום, פריינד און זשעני, לעאָן קאַסטינס! עס פרייט מיך אָן גרעניץ אייך צו זען! געבענקט נאָך אייך, ווען איר זייט אַזוי פּלוצלינג, אָן אַ זיי־געזונט אַוועק, האָב איך זיך צוגעאײַלט אייך נאָכצוגיין. און אָט זעען מיר זיך! וואָס זשע טוט זיך דאָ ביי אייך? כ׳האָב געהערט אַז אייער ליבע פּרוי קלייבט זיך דאָ צו קערן וועלטן, די היגע וועלטן, די וואָס מיר פלעגן דאָרט רופן יענע וועלטן און נישט גלויבן אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך... איך זוך דאָ אינפאָרמאַציע: ווען? וואו? און וואָס? דינסטאָג, האָב איך גע־הערט זאָגנדיק?"

לעאָן האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: „איך ווייס גאָר נישט! ס׳איז ווי איך זע, אַ שטיקל קאָנספּיראַציע... אָבער לאָמיך בעסער הערן פון אייך וועגן אייך: ווען און ווי אַזוי? ווען זייט איר אַהער אָנ־געקומען?"

„ליבער פּראָפעסאָר, איר ווייסט וועגן דעם אויך גאָרנישט? איר האָט גאָרנישט געהערט וועגן מיין זעלבסטמאָרד... אַזוי רופן זיי עס, די אידיאָטן".

„ניין, גאָר נישט, פאַרוואָס?"

„פאַרוואָס נישט? איז מיין ענטפער. פאַרוואָס האָב איך עס שוין לאַנג נישט געטאָן און געשלעפּט מיין פאַרהאַסטע פּערזענלעכקייט גאַנצע פינף און פופציק יאָר, דורך גאַסן, קאַפעטעריעס, סאָבווייס, קאַרס, האַלס פול מיט פּרעכע, אומוויסנדע טויגעניכצן, כוליגאַנעס, ממזרים, וואָס שפּייען, כריאַקן, שטופּן, שרייען, טרעטן אויף די פיס, מיינע פיס, נישט עמיצן אַנדערס פיס, בלויז מיינע, קיינמאָל זיך נישט אַנטשולדיקט, קיינמאָל... קעמפענדיק מיט ווייטערס, וואָס דערלאַנ־גען מיר קיינמאָל נישט אַ סענדוויטש אָן אַ שעה פון בעטן, שרייען און באַקלאָגן זיך צום פאַרוואַלטער. קאָנדוקטאָרן, וואָס ענטפערן נישט ווען איך וויל אינפאָרמאַציע פון זיי... פאַסאַזשירן וואָס לייענען מיין צייַ־טונג איבער מיין קאָפּ... און ס׳גרינע ליכט קיינמאָל נישט אין צייט פאַר מיר, נאָר שטענדיק ס׳רויטע... אויב ווער עס האָט עפּעס אַ קריוודע קעגן דער וועלט און עס קיצלען אים זיינע פויסטן אויסצוגיסן זיין ביטערניש אויף עפּעס אַ באַק, איז עס שטענדיק מיין באַק וואָס קריגט עס אַריין. וואָרום? פאַרוואָס? אַנומלט האָט מיר אַ מאַן דערלאַנגט אַ זעץ מיט זיין שטעקן איבערן פּנים דערפאַר וואָס אַ ליידי האָט מיך אַראָפּגעשטופּט פון טראָטואַר. רופנדיק מיך חוצפּהניק, אָן רעספּעקט פאַר אַ דאַמע... און פאַרוואָס ווען אינגלעך שפּילן פּילקע אויף דער

גאַס טרעפט עס שטענדיק מיר אין קאָפּ? שטענדיק בין איך דאָס דער שולדיקער, שטענדיקער לא־יוצלח?... איך — דער קראַנקער מענטש, אומגליקלעך קראַנקער מענטש, פאַרהאַסט, פאַראַכטעט, געפּאַטשט, געשלאָגן, באַשולדיקט און באַשטראָפט...

דאָ האָט ער צוגעדעקט דעם פּנים מיט זיינע ביינערדיקע הענט און האָט זיך צעכליפּעט מיט אַ מאָדנעם פאַרשטיקטן כליפּ.

קעיט איז צוגעקומען צו זיי און שטילערהייט זיך צוגעהערט צו סעמ׳ס רייד און געוויין, זי האָט אויף אים געקוקט מיט אויגן פול רחמנות...

„אָבער סעם, איר האָט נאָך ניט דערציילט ווי אַזוי איר זייט געשטאָרבן?" האָט לעאָן געפרעגט.

„ווי אַזוי? גאָר פּשוט! כ׳האָב אָנגעקליבן אַ גרויסע צאָל שלאָף־פּילס, אַרום פופציק אין צאָל, זיי אַלע צעלאָזן אין אַ גלאָז וואַסער, געמאַכט אויף זיי אַ ברכה, ווי אַ פרומער איד, און אויסגעטרונקען. דערנאָך האָב איך דערהערט אַז מען האָט מיך דערקלערט פאַר טויט. דאָס איז אַלץ. פאַרענדיקט און אַ סוף... אַ סוף? אַ ניין, נישט מיין מזל".

„וואַרט סעם, איך געדענק ווי איר פלעגט קומען צו מיר מיט אייערע טענות, אָבער איך געדענק עפּעס נישט אַז איר זאָלט בעסער וועלן זיין טויט".

„ניין, כ׳האָב נישט, אָבער עפּעס האָט געטראָפן". ער האָט אַ קוק געטאָן אויף קעיט... „ווער איז די ליידי?"

„דאָס איז דאָך קעיט, קעיט רעיבען, איר קענט זי... קעיט, דאָס איז סעם קאָוונער, איר זייט דאָך באַקאַנט".

„יאָ, יאָ", זאָגט סעם, „ס׳איז אפשר נישט גאָר פּאַסיק צו דערציילן פאַר אַ ליידי מיין גאָר לעצטן עפּיזאָד... אָבער, צום טייוול, אָט די דעליקאַטע דאַמען ווייסן פון די זאַכן מער פאַר אונז... זי דאַרף נישט הערן אויב זי וויל נישט".

קעיט האָט זיך אָפּגערופן: „ס׳מאַכט נישט אויס, כ׳בעט אייך... דערציילט..."

„יאָ, איר מעגט עס הערן, עס וועט אייערע ווייסע פליגלען ניט פאַר־פלעקן".

און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן זיין לעצטן עפּיזאָד מיט אַ קענ־טיקן פאַרגעניגן פון אַ חיה וואָס לעקט אירע וואונדן:

„איר ווייסט דאָך, לעאָן, אַז איך בין געווען אַ קראַנקער מענטש, בין איך איינמאָל געגאַנגען אויף איינע פון די געדיכטע גאַסן מיט איילנדיקע מענטשן... וואָס איילן זיי זיך די נאַראָנים, וואוהין לויפן זיי? יאָ, צו זייערע קברים לויפן זיי... איך ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן שלעכט, שוואַך אויף די פיס, שווינדלען אין קאָפּ... איך בין מסתמא געפאַלן, ווייל איך האָב מיך געפונען אויף אַ ווייס בעט, אין אַ האָספּיטאַל. אַ דאָקטאָר און אַ נוירס איבער מיר, פאַרזיכערנדיק מיך, אַז ס'איז גאָר נישט, אַ שוואַכקייט, אַז איך וועל באַלד קענען גיין אַהיים. און ווירקלעך — אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי מיר געהייסן גיין. איך האָב זיך אָבער נאָך אַלץ געפילט שוואַך, נישט זיכער מיט זיך. איך האָב זיך געגייטיקט אין אַ לענגערן אָפּרו און כ'האָב זיי דאָס געזאָגט: האָבן זיי מיר געענטפערט: אפשר! און ווירקלעך, נאָך אַ סך רעדעריי, באַראַטונגען און טעלעפאָנען, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אויף צוויי וואָכן אין אַ דערהאָלונגס־אָרט אויסער די שטאָט, אין אַ רואיק הויז, רוימיק, ציכטיק און מיט העפלעכע, גוטע מענטשן. ס'איז דאָס ערשטע מאָל געווען אין מיין לעבן, וואָס איך האָב קיין סיבה נישט געפונען פאַר קאָנפליקטן. ס'איז בלויז געווען אַביסל מאָנאָטאָן און לאַנגווייליק. האָב איך זיך אָנגעהויבן צוצוקוקן צו מיינע מיט־פּאַציענטן. איינע אַ מיטליאָריקע פרוי, האָט צוגעצויגן מיינע אויגן. זי האָט געהאַט אַ זייער אָנגענעם פּנים, פיינע פיגור, נישט יונג, אָבער יוגנטלעך אין האַלטונג... פיינע מאַניערן... רייצנד... זי האָט מיך צופעליק אָנגעקוקט... און נישט מער. איין נאָכמיטאָג האָב איך זיך געפונען זיצנדיק אין מיין רו־שטול אויף דער וועראַנדע נעבן איר שטול, בלויז מיר ביידע — און מער קיינער נישט. איר ווייסט דאָך, אַז קוראַזש האָט מיר קיינמאָל נישט געפעלט... נו, האָב איך צו איר געזאָגט: „ס'איז אַ פיין וועטער.״ „יאָ, ס'איז״, ענטפערט זי. דאַן האָב איך נאָך עפּעס געזאָגט אויף דערזעלבער טעמע... זי האָט אונטער־שטיצט מיין מיינונג מיט נאָך אַ באַמערקונג. האָב איך ווייטער אַנטוויקלט דעם געשפּרעך, איר קענט דאָך מיין טאַלאַנט פאַר פלעכטן ווערטער... אַזוי אַז אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר זיך גאַנץ פיין צערעדט... אונ־זערע שטולן צוגערוקט נעענטער. גאָר באַלד האָט זי מיר אַנטפּלעקט, אַז זי איז אַן אַלמנה... אויף דעם האָב איך איר געענטפערט אַז אויך איך בין פריי, ניט פאַרהייראַט... זי האָט מיך אָנגעקוקט, מיט אַ קאָ־קעטישן שמייכל פון דער זייט: „זאָל איך עס אָננעמען פאַר אַ פאָר־שלאָג?״ „און פאַרוואָס נישט?״ איז געווען מיין גיכער ענטפער.

מיר האָבן זיך באַלד געפונען אין מיטן פון אַ לייכטן און רייצנדן פלירט. און ווען אַ קלינג פון אַ גלעקל האָט זיך דערהערט אַנזאָגנדיק עפּעס, און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון אונזערע שטולן האָב איך פלוצלינג דערפילט אַ קוש אויף מיין באַק, דעם ערשטן קוש פאַר פילע יאָרן, אַ קוש פון אַ זייער ליבלעכער פרוי... מיך, וועמען אַלע שטויסן און שלאָגן! ס'האָט אויפגעהויבן מיין געפאַלנקייט ביזן הימל פאַר עקזאַלטאַציע!

מיר האָבן זיך געטראָפן אויף מאָרגן אין אַ ווייט פאַרבאָרגן ווינקל, אירע אָרעמס אַרום מיין האַלז. זי האָט מיך ליידנשאַפטלעך געקושט, און פאַרזיכערט אַז זי האָט מיך ליב און אַז זי באַשטייט מיר זאָלן זיך קיינמאָל, קיינמאָל ניט שיידן.

„מיין גאָט! ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן! קענט איר באַגרייפן מיין האַרץ, דעם אויפגעוועקטן פייער, פרייד, האָפענונג, דעם עקסטאַז פון אַ הונגעריקער נשמה?!

אין איין אָוונט האָט זי מיך צוגעפירט צו איר צימער. זי האָט געהאַט אַ רייכע טאָכטער, וואָס האָט זי אַהער געבראַכט און זי אויפגעהאַלטן באַקוועם אין אַ באַזונדערן צימער. זי האָט צוגעשלאָסן די טיר הינטער אונז און אָנווייזנדיק אויף איר בעט, האָט זי מיך צוגעפירט צו איר געלעגער און זיך מיר אָפּגעגעבן.

אַכט טעג האָט אָנגעהאַלטן אונזער גליק. אַ פּאָעט'ס חלום פאַרווירקלעכט. אַכט טעג איז זי געווען מיין ווייב.

פלוצלינג איז איר טאָכטער אָנגעקומען. ווייזט אויס אַז מען האָט איר געלאָזט וויסן וועגן איר מאַמעס ראָמאַנסירן. זי האָט מיך באַגעגנט מיט גרויס כעס און פאָרגעוואָרפן מיר אין אוממענטשלעכקייט. זי האָט געשריען אויף מיר מיט די ווערטער: „ווי האָט איר זיך געקענט דערלויבן אַזאַ זאַך צו טאָן מיט מיין מוטער? ווייסט איר דען נישט אַז זי איז אַ קראַנקע פרוי? אַז זי ליידט פון אַמנעזיע, געדענקט נישט ווער און וואָס זי איז? איר זייט אַ מאַן אָן ערע און אָן געוויסן!"

דאַן האָב איך איר געענטפערט: „ליידי", זאָג איך איר, „איך וויל זיך אַפילו נישט פרואוון פאַרענטפערן, אָדער אָנווייזן די שולדיקע זייט. ניין, איך בין נישט אַזאַ שלעכטער מענטש ווי איר מיינט, מיין אַבזיכט איז ערנהאַפט".

אָבער זי האָט מיך ניט געלאָזט ריידן: „וועמען גייט אָן אייער אַבזיכט? לאָזט מיין מוטער צורו, איר הערט? מיין מוטער איז אַ קראַנ־

קער מענטש, איר פֿאַרשטייט וואָס מען רעדט צו אייך? איר טאָרט זי מער ניט זען, מיר בעמען זי אַהיים.״

און זי האָט עס געטאָן. אָבער איך בין ניט דער מאַן וואָס נעמט „ניין״ פֿאַר אַן ענטפֿער. האָב איך אויסגעפֿונען וואו זי וואוינט מיט איר טאָכטער, און די צייט ווען זי איז אַליין אין דער היים. איך בין געקומען זי זען. ווען זי האָט געעפֿנט די טיר פֿאַר מיר, און האָט מיך אָנגעקוקט איז איר בליק געווען אַ ליידיקער. „וואָס ווילט איר?״ האָט זי מיך געפֿרעגט.

„דערקענט איר מיך נישט?״

„ניין, ווער זענט איר און וואָס ווילט איר?״

זאָג איך איר: „איך בין געווען אייער מאַן פֿאַר אַכט טעג, געדענקט איר אייער ליבע צו מיר?״

„מיין ליבע צו אייך? איר מיין מאַן? אָ, גאָט מיינער!״ און זי האָט אויפֿגעהויבן אַ היסטערישן געוויין. „אָ, מיין גאָט, ווי שרעקלעך!״ און האָט מיך אַרויסגעשטופּט פֿון שטוב און פֿאַרשלאָסן די טיר הינטער מיר. איך בין שטיין געבליבן דערנידעריקט, געשלאָגן און פֿאַרווירט. וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר? איך בין צוריק אַראָפּגעשטויסן געוואָרן אין דער טיפֿעניש פֿון מיין אומגליק. דאָס האָב איך שוין ניט געקענט פֿאַרטראָגן. ניין, ניט דאָס, ניט מער... דאַן האָב איך אויסגעטרונקען די פּופּציק אָדער מער פּילן...

איך האָב געהאָפֿט אַז דערמיט ענדיקן זיך אַלע מיינע צרות, אָבער ניין... עס האַלט ווייטער אָן. אָט שטיי איך דאָ פֿאַר אייך ווי אַמאָל און קראַץ מיינע בלוטיקע וואונדן... און אויך די וועלט דאָ איז מיר פֿיינדלעך... מיר דוכט זיך אַז אַלע קוקן אויף מיר מיט בייזע אויגן: כ׳האָב זיך אַריינגעכאַפּט אַהער אומלעגאַל, ווי אַ בלינדער פּאַסאַזשיר אָן אַ וויזע... איך בין נישט ווילקאָמען דאָ... קיין פֿריינדלעך פּנים. נישט אין די וועלט און נישט אין יענער וועלט... פֿאַרשפּילט בײדע.״

לעאָן האָט געשוויגן. אָבער קעיט איז צוגעגאַנגען צו אים אָנגענומען זיין ביינערדיקע האַנד, אירע אויגן זיינען געווען פֿול מיט צערטלעכקייט און רחמנות: „מיר וועלן אייך געבן רו, פֿרידן און אַן אָרט ביי אונז, לעאָן און איך... ער קען דאָך זיין מיט אונז... יאָ, לעאָן?״.

סעם קאָוונער האָט זי אָנגעקוקט אויפֿגעלעבט. אַ קינדיש שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים:

„אָ, ליבע דאַמע, איר מיינט עס טאַקע? איך דאַנק אייך, אָ, ווי טיף

איך דאַנק אייך... איר ווייסט, איך האָב עס ניט דערוואַרט... יאָ, מיר וועלן זיך טרעפן! אָט טאַקע דעם דיסטאָג, ביי דעם אָוונט... אָבער צו וואָס אָפּלייגן... ווילט איר נעמען אַ שפּאַציר מיט מיר?"

און ער האָט זיך גאַלאַנט פאַרנייגט פאַר איר, אָנבאַטנדיק זיין אָרעם. מיט אַ פרעגנדיקן בליק צו לעאָנען, איז קעיט מיט סעמען אָפּ־געגאַנגען...

לעאָנס פּנים איז געוואָרן מיט אַ וואָלקן פאַרצויגן. און דורך דעם וואָלקן אַ שמייכל...

***

דינסטאָג, פון פרי אָן האָבן אָנגעהויבן קומען געסט צום ווינקל אין אומענדלעכן רוים. זינאַ האָט יעדן פון זיי באַגעגנט מיט דעם צויבער פון אַ מלכה און יעדן טראַקטירט מיט אַן אַבסטראַקטן כוס־פולן מיסטישן גאַרנישט... זי האָט זיי פאַרגעשטעלט צווישן זיך מיט דער הילף פון זשאַן און לעאָן. צווישן די געקומענע זיינען געוועזן קינסטלער אַלערליי, מאָלערס, פּאָעטן, מוזיקער פון אַלע ריכטונגען. אויך אַ יונג מיידל איז געקומען. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס טענצערין... איר נאָמען האָט קיינער ניט געוואוסט. זי האָט אויסגעזען צעטראָגן, און ווען זי האָט געשמייכלט — איז דאָס געווען אַ געצוואונגענער שמייכל, אַריבערגייענדיק אין אַן אונטערדריקטן שטוינען. אַ יונגערמאַן, מיט אַ גרויסן קאָפּ צעשויבערטע האָר איז געווען מיט איר. אַ טראַגישער אויסדרוק איז געלעגן אין זיינע אויגן און צונויפגעצויגענע ברעמען. זי האָט אים אָנגערופן מאַרק, און געזאָגט אַז ער איז איר מאַן. ווען זינאַ האָט זי געפרעגט ווי זי הייסט? האָט זי געענטפערט — „סטעללאַ", און האָט דערביי געמאַכט אַ צוויי־טריט פאַרנייגונג, און איז צוריקגעטראָטן אין הינטערגרונט. אַלץ מער מענטשן זיינען אָנגעקומען, קעיט, ליזאַ, סעם קאָוונער, מיט אַ זוכנדיקן בליק אין זיינע צוגעשזמורעטע אויגן און אַ האַנד אין איינע פון זיינע זייטיקע קעשענעס.

ווען דער רוים איז שוין געוואָרן גאַנץ ענג באַזעצט איז אויך אָנ־געקומען אַ הויכער, עטוואָס איינגעבויגענער עלטערער מאַן. ער האָט געהאַט אַ מידן אַלטן פּנים, באַראַמט מיט אַ גרוי קורץ־געשוירענער באָרד. ער האָט געוואָלט פאַרבייגיין אומבאַמערקט, אָבער זינאַ האָט אים העפלעך געפרעגט: „מעגן מיר וויסן ווער עס פאַרשאַפט אונז דעם כבוד"? ער האָט עפּעס אויסגעמורמלט.

„ענטשולדיקט, כ׳האָב נישט דערהערט.“

„ס׳מאַכט נישט אויס“, און ער איז פאַרבייגעגאַנגען.

ווען זינאַס ווינקל איז געוואָרן אָנגעפילט צו איר צופרידנקייט, האָט זי זיך אויפגעהויבן און זיך געווענדט צו דער פאַרזאַמלונג אַזוי זאָגנדיק:

„אַ דאַנק אייך, מיינע ליבע געסט, פאַר אייער קומען און העלפן אונז אָרגאַניזירן אַ קלוב וואָס איז באמת שוין לאַנג פאַרשפעטיקט. איך בין אָבער גליקלעך צו טראַכטן, אַז ס׳איז מיין גוטער מזל צו טאָן די פּיאָנערן אַרבעט. איך וואָלט זייער וועלן פאַרלייגן פאַר אייך דעם ציל און דעם נאָמען פון דעם קלוב, אָבער איך גלויב, אַז מיין פריינד און סעקרעטאַר, זשאַן, וועט עס מאַכן בעסער. אָט איז ער, זשאַן!“

זשאַן האָט זיך אויפגעהויבן אַביסל שעמעוודיק:

„איך בין נישט קיין גרויסער רעדנער, אָבער ס׳וועט מיר נישט זיין שווער צו דערקלערן... דער נאָמען פון דעם קלוב טראָגט שוין אין זיך זיין גאַנצן צוועק. „נאַקעטע נשמות“ איז דער נאָמען. וואָס נאַקעטע נשמות זיינען ווייסן דאָך אַלע“...

עס האָט זיך דערהערט אַ שטילער געלעכטער.

„אַ „נאַקעטע נשמה“, האָט זשאַן ווייטער גערעדט, „איז אַ נשמה, וואָס קען נישט און וויל נישט באַהאַלטן מער אירע קאָמפּלעקסן, קאָנפליקטן, אַנגסטן, דורכפאַלן, מינדערווערטיקייטן און פאַרצווייפלונגען. אַ נשמה, וואָס נויטיקט זיך אָפּרעדן אירע ווייטיקן... די צעדריקטע פליגלען זאָלן זיך אויסגלייכן, סימבאָליש גערעדט... פאַרשטייט איר שוין, חשובע פאַרזאַמלטע, פון מיינע עטלעכע ווערטער דעם זין און די אַרבעט פון אונזער קלוב... ס׳איז אָפּדעקן אונזערע נשמות, אַזוי צו זאָגן“. און ער איז אָפּגעטראָטן פון רעדנערס פּלאַץ.

זינאַ איז צוריקגעקומען: „איך וואָלט גערן אויפגענומען פראַגן און קאָמענטאַרן. אָבער זייט אַזוי גוט און רעדט צום פּונקט און קורץ... אמת, די צייט איז דאָ אָן אַ סוף, אָבער מיר האָבן נישט פיל פון דעם אין־סוף“.

אַ שטימע האָט זיך דערהערט: „קענט איר אונז זאָגן וויפיל אויסגעטאָן דאַרף אַ נשמה ווערן, כדי צו זיין נאַקעט?“

אַן אַנדער שטימע האָט געפרעגט: „וועט דאָס זיין אַ גייסטיקער ‚נודיסטן קעמפּ׳?“

אַ דריטע שטימע: „ווערט אַ נשמה נאַקעט, ווען זי קערט זיך אום

צוריק צו דער ריינקייט פון אַן ערשט געבוירן עופה׳לע — אַ סאָרט ,דאַ־דאַ׳ ?״

נאָך אַ שטימע: „איז אויסטאָן זיך פּאָר אַלעמענס אויגן אַ סאָרט פּסיכאָלאָגישע קרייציקונג? אַ סאַלווייישאָן אַרמיי?״

אַ שטראָם פון מוטוויליקע רעדנער האָט געהאַלטן אין פּאַרפּלייצן די פאַרזאַמלונג און שיער נישט געוואָרן אַ געפּילדער און קריגערייַ פון אַלעמען אַנטקעגן אַלעמען.

נישט באַמערקט פון דעם אויפגערעגטן עולם איז אַרויף אויף דער אימפּראָוויזירטער פּלאַטפאָרמע די יונגע טענצערין וואָס האָט איר נאָמען אָנגעגעבן צו זיין סטעללאַ. מאַרק איז איר נאָכגעגאַנגען עטלעכע טריט אויף צוריק. זי איז שטיין געבליבן אין צענטער פון דער בינע און אויפגעעפנט אירע גרויסע אויגן אויף דעם אומרואיקן מענטשן־ציבור אין אַ שטומען געבעט זיך צו באַרואיקן. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט אין דעם געבעט. איר דערשיינונג און איר פּאַטעטיש געבעט אָן ווערטער האָט געווירקט און אין אַ קורצע רגע האָט זיך די אויפגערעגטע מענטשן־מאַסע באַרואיקט, איז געוואָרן ווי אַ שטילער טעמפּל, גרייט צו הערן און אויפנעמען.

סטעללאַ האָט אָנגעהויבן אין אַן איינגעהאַלטענעם טאָן: „איך וואָלט וועלן אויסטאַנצן מיין ,נאַקעטע נשמה׳ פאַר אייך, אויב איר וועט דערלויבן און וועט מיר מוחל זיין מיין דרייסטקייט. איך בין איינמאָל געקומען צו אַן אויסשטעלונג פון וואַסער־פאַרבן. דער מאָלער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, אינגאַנצן אומבאַקאַנט. כ׳האָב אים געטראָפן אַליין מיט זיינע בילדער, בולט׳ע און טונקל־ליכטיקע געמאָ־לענע פאַפּירן ווען איך בין אַריין אין זאַל. ער איז געווען צופרידן צו זען אַ באַזוכער, און ווען איך האָב אָנגעהויבן באַטראַכטן זיינע בילדער האָט ער מיך באַגלייט נייגעריק צו הערן אַ מיינונג.

„זייט איר דאָס דער קינסטלער?״ האָב איך אים געפרעגט. „יאָ״, ענטפערט ער, „איך האָב די בילדער געמאָלן, צי בין איך אָבער אַ קינסטלער, דאָס ווייס איך נישט.״

„יאָ, איר זייט אַ קינסטלער, און אויב איר וועט מיר דערלויבן וועל איך טאַנצן איינע פון אייערע וואַסער־פאַרבן פאַר אייך״.

ער איז געווען איבערראַשט צו הערן אַזאַ זאַך.

„יאָ, זיי זיינען טאַנצמעסיק״ האָב איך אים פאַרזיכערט, „איר האָט זיי געמאָלן אין סטאָקאַטאָ ריטם. איך וואָלט זייער וועלן זיי טאַנצן״.

אין דער צייט איז נאָך קיינער נישט געווען אין דער גאַלעריע, בלויז מירביידע. און איך האָב געטאַנצט פאַר אים זיינע בילדער. מיר זיינען געוואָרן פריינד, דער מאַלער און די טענצערין. מיר האָבן דערנאָך חתונה געהאַט. מיר זיינען צוערשט געווען זייער גליקלעך און דערנאָך זייער אומגליקלעך."

זינאַ איז צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט: „יאָ, קינד, טאַנץ אויס פאַר אונז דיין האַרץ. מיר וועלן פאַנאַנדעררוקן טיש און באַנק און מאַכן רוים פאַר דיר... נאָר מוזיק פעלט דאָ היינט... קענסט טאַנצן אָן דעם?"

„איך האָב די מוזיק אין מיר, איך קען זי הערן". און זי האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך אירע קליידער מיט עטלעכע לייכטע באַוועגונגען פון הענט און אַקסלען... אַ וואונדערשיינער קערפּער פון אַ יונגער פרוי איז געשטאַנען פאַר דער פאַרזאַמלונג, זי איז געווען אַביסל צו דין, איר ברוסט קליין, די היפּטן לייכט אָפּגערונדעט, און ווייס ווי אַ מאַרמאָר־סטאַטוע. דאָס ווערק פון אַ סקולפּטאָר אין ליבע מיט אַ פרוי׳ס נשמה. יונג און שיין ווי זי איז געווען, זיינען אָבער קענטיקע צייכנס פון יסורים און אַ פאַרוואונדעטע האַרץ געלעגן אויף איר געשטאַלט. זי האָט אָנגע־הויבן איר טאַנץ.

ס׳איז געווען די מעשה פון אַ יונג לעבן דערדריקט נאָך איידער עס האָט זיך צעבליט. זי האָט איר טאַנץ אָנגעהויבן מיט קליינע באַווע־גונגען פון אַ שפּילנדיק קינד. שולן־טעג, אומשולדיקע קינדער־שפּילן, קלינגנדיק געלעכטער, באַהעלטענישן... דאַן האָט איר טאַנץ געשיל־דערט די רייפערע יאָרן, ווען אין אַ קינד׳ס האַרצן דערוועקן זיך אומ־קלאָרע פאַרלאַנגען, וואָס רייסן זיך אַרויס דורך פּלוצימדיקע באַוועגונ־גען, נישט פאַרענדיקטע, נישט קלאָרע... פּלוצלינג ווערן זיי קלאָר, ווען פון דעם מיידל ווערט אַ פרוי... עס קומט צום קלאָרן אויסדרוק אַ פאַראויס געפיל פון ליידנשאַפט, פון טיפן לעבן, ליבע און מוטער־שאַפט... אָבער זעט וואָס האָט געטראָפן מיט איר! די גרויסע רונדע באַוועגונגען ווערן איר געשטערט, ווערן צוריקגעוואָרפן. זי באָט זיך אָן אָבער ווערט נישט אָנגענומען. זי נעמט אירע בריסט אין די הענט, דערלאַנגט זיי צו איר קינד, אָבער אויך דאָ איז איר מוטער־ליבע נישט באַפרידיקט... זי וואַרפט זיך צו דער ערד מיט איר פּנים, פון לעבן באַזיגט און צעבראָכן, גרייט פאַר אַ טראַגישן סוף... זי ליגט דאָ,

איר פּנים פֿאַרדעקט מיט די אַראָפּהענגענדיקע האָר, אירע הענט אין אַ קאָנוואולסיוון געוויין.

זינאַ איז צוגעלאָפֿן צו איר, זי אויפֿגעהויבן און ארומגענומען אין אירע אָרעמס:

„מיין קינד, מיין אָרעם קינד, מיר וועלן דיך אַריינגעמען צו זיך און היילן דיין האַרץ, דיין צעוויטאַקט האַרץ... זיי נישט פֿאַרצווייפֿלט... נישט זשע...״

אַלע וואָס האָבן דאָס צוגעזען זיינען טיף געריהרט געוואָרן פֿון דעם טאַנץ, פֿון אַ נאַקעטער נשמה. אַ ציטערדיקע כוואַליע פֿון רחמנות האָט באַרירט אַלע הערצער...

דאָ האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון די פֿאַרזאַמלטע די הויכע, עטוואָס געבויגענע פֿיגור פֿון דעם עלטערן מאַן... ער איז אַרויף אויף דער בינע, איז אַ ווילע געשטאַנען שווייגנדיק, האָט דערנאָך אויפֿגעהויבן זיין קאָפּ און געזאָגט:

„איך בין דער פֿאָטער פֿון דעם מאַלער, ס׳איז מיין זון וואָס זי האָט געהייראַט קעגן מיין ווילן. איך האָב נישט געהאַלטן פֿון אים אַלס קינסטלער. זיינע בילדער האָבן מיר אויסגעוויזן צו זיין מאָדנע פֿאַר־ווירט, אַ פּלאָנטער פֿון ליניען און שטיקער פֿלעקן פֿון משונהדיקע פֿאַרבן. און איך האָב אויך אין איר טאַנצן קיין ווערט נישט געפֿונען. מיר זיינען פֿון אַ קליין שטעטל אין די דרום־שטאַטן, קיינער האָט דאָרט נאָך נישט געזען אַזאַ ווילדע מאַלעריי און אַזאַ אַנטבלויזט טאַנצן. מען האָט עס געהאַלטן פֿאַר צעדרייט און אומאַנשטענדיק. כ׳האָב נישט גע־קענט געפֿינען אין זיך אַ טראָפּן גלויבן אין זייערע חלומות, זייערע רייד און פּלענער אַוועקצופֿאָרן אין אַ גרויסער שטאָט און דאָרט לעבן אין זייער קונסט. ביי מיר האָט עס געהייסן אַז ס׳וועט זיין אַ לעבן אין זינד, נישט אין קונסט. און איך האָב פֿאַרשלאָסן פֿאַר זיי מיין האַרץ און מיין געלט. כ׳האָב נישט פֿיל געהאַט פֿון דעם סיי־ווי. האָבן זיי מיך פֿאַרלאָזן און זיינען אַוועק אין דער גרויסער שטאָט, די קאַלטע, גרויזאַמע גרויס־שטאָט. זיי האָבן מיר קיינמאָל נישט געשריבן, קיינמאָל נישט געלאָזט וויסן וועגן זייער קאַמף, הונגער און צרות... ביז איך האָב געקראָגן די מעלדונג, אַז זי האָט זיך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַ פֿענסטער און פֿאַר־ענדיקט איר לעבן. וואָס מאַרק, מיין זון, האָט מיט זיך געטאָן ווייס איך נישט. כ׳האָב געהאַלטן אין קומען אים אויפֿזוכן, האָב איך דערהאַלטן אַ צווייטע מעלדונג, אַז ער האָט איר נאָכגעפֿאָלגט... אַהערצו... נו,

און אַ האַרץ־אַטאַקע האָט מיך אַהער געבראַכט, איך זאָל שטיין דאָ פּאַר אייך, אַ נאַר און אַן עקשן... אין מיין טיפן אומגליק און חרטה...״

מאַרק איז אויפגעטראָטן און אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו סטע־לאַ׳ן: „קום, מיין ליבע״.

זיי האָבן זיך לאַנג אָנגעקוקט, אין אַ לאַנג־לאַנגן בליק. דאַן האָט מאַרק דייטלעך ארויסגערעדט אַזוי, אַז די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט עס געקענט הערן: „אונזערע לעבנס זיינען קורץ פאַרשניטן געוואָרן... קיין רו קענען מיר דאָ נישט געפינען... מיר מוזן זיך צוריקקערן, אַרויסצוברענגען וואָס אין אונז איז געלעגן... מיר מוזן! מיר מוזן זיך אומקערן!״

„ווי אַזוי, מאַרק, ווייסטו דעם וועג צוריק?״

„ניין, איך ווייס נישט, אָבער ס׳איז דאָ, ס׳מוז זיין... מוז געעפנט ווערן... איר אַלע מוזט עס וויסן, מוזט עס קענען, איר מוזט אונז העלפן... מיר אַרויסצוברענגען מיין אוצר, מיין חותם, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן״.

„און מיר, צו געבוירן זיינע קינדער, און אויסטאַנצן זיין אוצר... ער איז אַ זשעני!״.

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפגעהויבן אין גרויס טומל.

***

ווען לעאָן און זינאַ זיינען געבליבן אַליין נאָך דעם ווי די פאַר־זאַמלונג איז אַריבער, האָט זיך לעאָן אָפּגערופן: „דו האָסט ווירקלעך עפּעס אויפגעטאָן״.

זינאַ האָט אַ צופרידענעם שמייכל געטאָן: „וואָס דענקסטו וועגן דעם פאַרליבט פּאָרל? זאָל מען זיי דערלויבן צוריקצוגיין?״

„כ׳ווייס נישט, זינאַ״.

„וואָלסטו וועלן צוריקגיין?״

„ניין, נאָך נישט״.

„נאָך נישט?״ און אַ שאָטן איז דורכגעצויגן איבער זינאַ׳ס פּנים.

„און וואָלסט מיטגענומען די מויד... זי עסט דאָך דיך אויף מיט אירע אויגן״.

***

„דו ווייסט, זשאַן, וואָס איך וואָלט היינט וועלן טאָן?"

„לאָמיר הערן, לעאָן, וואָס?"

„איך וואָלט וועלן זיצן אויף אַ באַנק אין איינעם פון אונזערע שטאָט־פּאַרקן. פּשוט זיצן, גאָרנישט טאָן, אַפילו נישט ריידן, נישט טראַכטן, אָדער לאָזן די געדאַנקען אַרומוואַנדערן אָן וועלכן ניט איז דירעקטיוו... בלויז זיצן און קוקן אַפילו נישט מיט גאַנץ געעפנטע אויגן, נאָר דורך די אויגן־וויעס, געגוג צו זען מענטשן, יענע וואָס אין פליש און בלוט, יענע וואָס האָבן נאָך יאָרן לעבן אין זייערע אויגן און קנייטשן אַרום דעם מויל ווען זיי לאַכן. ווייסטו וואָס נאָך איך וואָלט וועלן זען? אַ מאַטראָס קושן זיין געליבטע אין מיטן פּאַרק, פאַרגעסנ־דיק די גאַנצע וועלט אַרום זיך, קושנדיק מיט אַלע אברים, האַלטנדיק זי ענג צו זיך ווי זיי וואָלטן געוואָרן איין ליניע מיט זיינע נאַרישע הויזן און לאַנגע הענט. ווייסט, זשאַן, זינט מאַרק און סטעללאַ זיינען אויפ־געטראָטן מיט זייער פאַרלאַנג פאַר אַ צוריקטריט, בין איך געוואָרן... איך ווייס אַליין נישט ווי עס אָנצורופן... איך בענק נאָך די טויבן אין פּאַרק, ווי זיי דרייען זיך אַרום צווישן מענטשן, געטרויענדיק אין זייער גוטן ווילן צו זיי... אָבער מער נאָך צו מענטשן, צו זייערע פּנימער, הערצער און זייער קורצינקן לעבן, אַזוי טראַגיש, אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַזוי זינלאָז איבערגעריסן... עס וואָלט זיך מיר אַזוי וועלן זיי דער־ציילן... אַלץ וואָס איך ווייס... און... ווייס נישט... קום, זשאַן, בלויז פאַר אַ קורצן באַזוך, אַזוי אַ שעה־צוויי..."

„גוט, לעאָן, לאָמיר. אפשר אויך איינלאַדן די צוויי דאַמען, קעיט און ליזאַ? זיי האָבן זיך באַפריינדעט און פאַרברענגען פיל צייט איינעם, און ריידן, ריידן... איך וואָלט וועלן טרעפן וועגן וואָס און וועמען זיי ריידן? וועגן אונז? לעאָן, כ'האָב מורא, אַז די זאַך וואָס האָט נישט געטראָפן מיט מיר דאָרטן קומט פאַר מיט מיר איצט... אירע אויגן, די צוויי גרויסע בלויע אומעטיקע אויגן פאַרפאָלגן מיך אָן אויפהער..."

לעאָן האָט אים אָנגעקוקט און געשוויגן...

„וואָס דענקסטו, לעאָן?"

„איך מיין, אַז בעסער נישט..."

„ביסט גערעכט, לעאָן, בעסער נישט..."

***

זיי האָבן זיך געפונען אַ באַנק, האַלב פאַרנומען מיט אַ דרעמלענ־

דיקע אָרעם־געקליידעטע פרוי. זי האָט געהאַלטן אַ גרויסן פּאַפּירענעם פּאַק טרוקן ברויט, קענטיק פאַר די טויבן. ווען זיי האָבן זיך אָנגעפרעסן האָט זי געהאַלטן אין קומען צו זיך פון שלאָף. זי האָט געפונען ביי זיך אַ נעגל־שלייפער און האָבנדיק איין אויג געעפנט זיך גענומען פוצן אירע פינגער־נעגל. ס׳איז געווען אַ וואַרעמער פרילינג טאָג. גרינע, יונגע בלעטלעך האָבן זיך געשטופּט אַ קוק צו טאָן אויף דער זון. קליינע, גרויע שפּערלינג־פייגעלעך האָבן פריילעך אַרומגעטאַנצט צווישן די שטאָטענע טויבן. קינדער מיט זייערע באָבעס, וואָס האָבן געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף זיי, האָבן זיך געשפּילט צופוסנס פון אַ גרויסן גענעראַל אויף אַ גרויסן פערד,ביידע פון טונקל־גרינעם בראָנז. דער פּאַרק איז צו דער צייט געווען אַ ווינקל אין דער וועלט פול מיט שלום און גוטן ווילן.

„ס׳איז געווען אַ גוטער געדאַנק ביי דיר", זאָגט זשאַן, „פאַר־צושלאָגן אָט די קליינע עקסקורסיע... זאָג מיר, לעאָן, וואָלסטו וועלן זיין צוריק אין דיין ערדישן לעבן? אַהערצו, אָט ווי מיר זיצן איצט?"

„דאָס האָט מיך זינאַ געפרעגט... האָב איך איר געענטפערט אַז „ניין, נאָך נישט". מיין „נאָך נישט" איז איר נישט געווען צום האַרצן".

וואָס מיינט טאַקע דיין „ניין, נאָך נישט?"

„מיין „ניין" מיינט, אַז איך, ווי אַלץ וואָס עקזיסטירט, וויל נישט פאַרלאָזן זיין פאָרם פון עקזיסטענץ. כ׳האָב דאָך נישט געוואָלט שטאַרבן אַהערצו, וואָרום זאָל איך וועלן שטאַרבן אַהינצו — אויף צוריק. אין דעם נישט וועלן געפין איך אַ גוטן גרונד צו גלויבן, אַז איך לעב טאַקע דאָ... מיין „נאָך נישט" הייסט, אַז איך וואָלט אפשר יאָ וועלן אַ צייטווייליקן צוריקקער — פאַר אַ מיסיע... צו דערציילן וועגן דעם וואָס לייזער האָט אַזוי שוואַרץ־פינסטער געשווינגן אין אַנדרעיעוו׳ס מעשה... אַחוץ דעם..."

„וואָס איז דער אַחוץ־דעם?"

„איך שעם זיך דיר דאָס צו זאָגן... ס׳איז נאָכאַמאָל זינאַ און קעיט. זינאַ איז מיך חושד אַז איך וויל גיין צוריק, כדי מיטצונעמען קעיט מיט זיך... און איך וואָלט גאָר וועלן אַנטלויפן פון קעיט צוריק אַהין... מאָדנע, אייניקע ווילן אַנטלויפן פון עפּעס, אָדער פון עמיצן אַהער און איך וואָלט וועלן אַנטלויפן פונדאַנען... פון עמיצן... מאָדנע און גראָטעסק... אָט האָסטו מיין נאַקעטע נשמה..."

זיי האָבן געשוויגן אַ לאַנגע ווייל. דערנאָך האָט זשאַן זיך אָפּ־גערופן: „זייער פּעטיציע, מאַרק און סטעללאַ׳ס וועט פאַרהאַנדלט ווערן היינט ביי דער פאַרזאַמלונג... זינאַ האָט מיר אָנגעזאָגט... זי דערוואַרט אונז... קום, מיר דאַרפן שוין דאָרט זיין...״

„גיי, זשאַן, אַליין. איך וועל נאָך בלייבן זיצן אַביסל לענגער. זאָג דאָרטן אַז איך וועל באַלד זיין. עפּנט דערווייל די פאַרזאַמלונג.״

„גוט, לעאָן, איך וועל דאָס טאָן...״

כמעט אין דער זעלבער רגע וואָס זשאַן איז אַוועק האָט קעיט זיך באַוויזן. זי איז מיט קליינע טריט צוגעגאַנגען צו לעאָנען און זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט. לעאָן האָט זי דערזען, גאָרנישט געזאָגט און נישט געפרעגט. ער האָט דערפילט, אַז אַ וויכטיקער מאָמענט אין זיין איצטיקן לעבן איז אָנגעקומען און אַז ער דאַרף קלאָר און באַשטימט האַנדלען. עס מעג ווי טאָן, אָבער עס מוז געשען.

„לעאָן״, האָט קעיט אַרויסגערעדט, „לאָזט מיך דאָ זיצן אַביסל מיט אייך. טרייבט מיך נישט אַוועק. איך קען מיר קיין אָרט נישט געפינען אין דעם גרויסן רוים... איך דריי זיך אַלץ אַרום אייך...״

„קעיט, ס׳איז גוט וואָס איר זייט געקומען, עס מוז אַ סוף נעמען צום גרייז, וואָס איז איינמאָל באַגאַנגען געוואָרן פון אונז ביידן און פאַר וועלכן איר אַליין צאָלט...״

„ס׳איז נישט געווען קיין גרייז, און אויב עס קומט מיר אויס צו צאָלן, צאָל איך גערן... דאָס וואָס איר רופט גרייז און שטראָף איז פאַר מיר אַן אמת און איז מיר ליב. וואָס וואָלט מיר פאַרבליבן אָן דעם?״

לעאָן האָט זי אָנגעקוקט מיט צער און רחמנות. „קעיט, ס׳איז אַ גרייז און טאָר נישט לענגער פאַרבלייבן. אַן אמת קען נישט זיין איינזייטיק. אַ גרייז איז ווי אַ זומפּ, עס באַזעצן זיך דאָרט בייזע רוחות און ברענגען שאָדן און אומגליק. הערט מיך אויס, קעיט, וועגן אייערע געפילן צו מיר. איר רופט עס ליבע, ס׳איז אַ וואָרט וואָס האָט אייך פאַרהיפּנאָ־טיזירט. ווערטער האָבן מאַכט איבער מענטשלעכע הערצער. איבער אייער האַרץ אַ צו גרויסע מאַכט. איר האָט אייער זשעניע פאַר ליבע אָפּגעגעבן דעם ביט פּאַסיקן מענטשן, וועלכער האָט נישט קיין זשעני פאַר ליבע, אַפילו קיין טאַלאַנט נישט פאַר דעם. אייער הונגעריק האַרץ האָט זיך אָנגעטראָפן מיט אַן אַנדער האַרץ, וואָס אַלע קעמערלעך זיינען פאַרנומען מיט כלערליי זאַכן, ווערטער, שטריכן פון אידעען,

גאַנצע און האַלבע געדאַנקען. גלויבט מיר, ס׳איז אַ האַרץ, וואָס שטימט נישט מיט די וויבראַציעס פון אייער האַרץ, און מוז דערפאַר קלינגען מיט אַ פאַלשן טאָן, ווי אין מוזיק — אַ דיסאָנאַנס.״

קעיט האָט זיך איינגעהערט אין לעאָנס ווערטער. זי איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און ווען ער איז אַנטשוויגן געוואָרן האָט זי שטיל אויסגערעדט:

„איך פאַרשטיי נישט ווי קען עס אַזוי זיין ?...״

„ס׳איז אַזוי קעיט, איך בין באַהערשט, ווי אַ פּסיכיאַטער וואָלט עס געזאָגט, פון אַ ,מעטאַפיזישן צוואַנג׳ פון וועלכן איר זייט אין גאַנצן, אָבער טאַקע גאָר אינגאַנצן פריי, אויף אַזוי פיל פריי, אַז אַפילו דאָ, אין אַ גייסטיקן צושטאַנד, פילט איר עס נישט... איר געהערט נאָך אַלץ צו אָט דער וואַרעם־בלוטיקער וועלט״.

נאָך אַ פויזע וואַרטן האָט לעאָן צו איר געזאָגט:

„הערט מיך אויס, קעיט, איך וויל אייך עפּעס בנביאות פאַראויס־זאָגן: קערט אָפּ אייער האַרץ, אויגן און געדאַנקען פון מיר, באַפרייט זיך פון דעם געפיל, וועט מיט אייך טרעפן א גרויס גליק. עס געפינט זיך דאָ נאָך אַ נישט אויסגעלעבט האַרץ, איר קענט און וועט אים דאָ באַגע־גענען... אייער זיווג... איר וועט זיך דאָ טרעפן און זיך דערקענען... איר קענט ביידע פאַרלאַנגען און טאַקע קריגן אַן אורלויב, אַ צוריקקער אַהער, אייער ליבע אויסצולעבן... הערט מיך אויס קעיט, ווערט באַ־פרייט און גרייט זיך פאַר דעם נס. און איצט קומט — מען וואַרט אויף אונז.״



בורא
1234567890

צווייטער טייל

אַ מעלדונג

ווען די צוויי אַלטע פריינד, אַזוי ענלעך און אַזוי אַנדערש אין כאַ־ראַקטער, לעאָן און זשאַן, זיינען אָנגעקומען צום צווייטן „דינסטאָג", איז שוין דער רוים געווען אָנגעפילט מיט געסט, און זינאַ איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע אין אומרו און אומגעדולד, וואַרטנדיק אויף איר מאַן און פריינד, כדי צו קענען עפענען די פאַרזאַמלונג. אין רוים איז געשטאַנען אַ געמורמל פון שטימען, און עס האָבן זיך דערטראָגן אויס־רופן: „הויבט אָן, ס'ווערט שפּעט."

ווען זשאַן איז אַרויף אויף דער בינע האָט זינאַ זיך מיט אים איילִיק דורכגערעדט און דערנאָך אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגערופן:

„מיינע טייערע געסט, איר זייט מיר אַלע ווידער ווילקאָמען צו דער צווייטער אַסיפה פון אונזערע „נאַקעטע נשמות". איך באַדויער, וואָס מיר האָבן אייך געלאָזט וואַרטן. עס איז געווען צוליב דעם פאַרשפּע־טיקטן אָנקומען פון מאַנכע פערזאָנען... איך וועל זיי נישט אָנרופן ביים נאָמען... אָבער..." און זי האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק מיט אַ שמייכל אין לעאָנס זייט, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ לייכטן געלעכ־טער...

„מיר האָבן וויכטיקע זאַכן היינט אויפן סדר־היום... אַ זייער אינטערעסאַנטע מעלדונג צו מאַכן... זשאַן וועט זיין אַזוי גוט דאָס צו טאָן... זשאַן איך בעט אייך!"

זשאַן איז אויפגעטראָטן און געזאָגט:

„איך וויל אייך בעטן נישט צו פרעגן ווי אַזוי און ווען מיר האָבן געקראָגן צו וויסן, אַז נעקסטן דינסטאָג, ביין אַזייגער אָוונט, וועט פאָר־קומען אַ גרויסער, קאָסמישער קאָנצערט אויף די לופט־כוואַליעס. דער קאָנצערט וועט פאָרקומען פון אַלע סימפאָנישע אָרקעסטרען, פון גאָר דער וועלט, צונויפגעגאָסן אין איין איבערסימפאָניע, געהעכערט, דער־ברייטערט און פאַרטיפט דורך ספערישע אַקוסטיק, קאָסמישע הער־לעכקייט און גלאַנץ. אַזאַ קאָנצערט געשעט נישט יעדן דינסטאָג, ס'איז אַזוי זעלטן ווי יעדע גרויסע קאָסמישע פאָרמאַציע. עס האָט געטראָפן,

אַז גרויסע וויבראַציעס, וואָס האָבן אָנגעהויבן שטראָמען פון דעם ערד־קוגל האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער „מוזיק פון די ספערן" און עס איז געוואָרן אַ מוזיקאַלישע דערשיינונג פון קאָסמישע דימענסיעס. איז נאַטירלעך, אַז דעם קומענדיקן דינסטאָג וועלן מיר זיך באַגיין אָן רע־דעס און דיסקוסיעס, מיר וועלן זיצן שטיל און בלויז הערן... סיידן... עפּעס זאָל געשען... איך וויל נאָך עפּעס צוגעבן: קומט אַהערצו צו דעם ווינקל, ווייל דער דאָזיקער קאָנצערט וועט זיין אָמבעסטן געהערט פון דאַנען."

אַן אויפגערעגטער טומעל האָט פאַרדעקט זשאַנ׳ס שטים. אייניקע האָבן געפרעגט: „ווער וועט דיריזשירן?"

„דאָס ווייס איך ניט, אפשר קיינער נישט".

אַנדערע אויפגערעגטע שטימען האָבן געוואָלט וויסן... „וואָס איז די פּראָגראַם?"

מען קען נישט וויסן, אָבער וואָס ס׳זאָל ניט זיין, וועט עס ווערט זיין דעם פּרייז פון אייער בילעט.

דער אויפגערעגטער צווישן־געשפּרעך האָט ווייטער אָנגעהאַלטן ביז זינאַ האָט זיך אויפגעהויבן און געבעטן עס זאָל ווערן שטיל. ווען דאָס איז געוואָרן, האָט זי געזאָגט:

„און איצט, מיינע טייערע געסט, מיר האָבן נאָך אַן אָנגענעמען סורפּרייז פאַר היינט. מיר האָבן צוגעקראָגן פון יענעם טייל וועלט אַ זייער וויכטיקן קינסטלער, אַ מאָלער, אַ גרויסן נאָן־אָביעקטיוויסט, דאָס הייסט, אַ מאַלער, וואָס מאָלט זאַכן, וואָס זען ניט אויס ווי זאַכן. איך האָב דעם כבוד אייך פאָרצושטעלן דעם קינסטלער אָסיפּ ראָדינ־סקי".

אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין אָרט אין מיטן פון רוים, האָט זיך פאַרנייגט און געזאָגט:

„אַ דאַנק אייך" און האָט זיך ווידער געזעצט, נישט האַלטנדיק קיין רעדע. אָבער ער האָט זיך צוריק אויפגעהויבן און געזאָגט: „בלויז עטלעכע ווערטער וויל איך אייך זאָגן. ווי איר האָט געהערט איז מיין מאָלעריי קיין זאַכלעכע, נישט צו פאַרמישן אין איין הויפן מיט דער מאָלעריי פון די אַבסטראַקטיוויסטן... ווייל מיר אַבסטראַקטירן נישט פון קיין זאַך נישט... פון קיין רעאַלע זאַך נישט, וואָס האָט אַ נאָמען. מיר מאָלן זאַכן איידער זיי קריגן אַ נאָמען. אַזוי באַלד ווי זיי קריגן אַ נאָמען, הערן זיי אויף צו זיין ניט־זאַכלעך, און ווערן זאַכלעך. וואָלטן

בוימער, פעלזן און טייכן געשטאַנען און געפלאָסן אָן נעמען און וואָלט זיי אַ מאָלער געמאָלן, וואָלטן דאָס געווען נישט־זאָכלעכע לאַנדשאַפטן, נאָן־אָביעקטיוויסטישע. עס קלינגט ווי אַן אַבסורד... און עס קען אייך דוכטן, אַז איך רייד נאַרישקייטן... ניין? איך דאַנק אייך... איר זייט אַזוי גוט צו מיר און דערלויבט מיר שכלדיקייט, וועל איך מיר אויך דערלויבן אויסצודריקן נאָך אַ געדאַנק: איך וואָלט געזאָגט, אַז ווען די אַלע אומענדלעך פילע זאַכן אין דעם דאָזיקן וועלט־טייל וואָלטן געקראָגן נעמען, וואָלטן זיי געוואָרן פ י ז י ש און אויפגעהערט צו זיין מ ע ט אַ פ י ז י ש. דאָס איז אויך דער גרונד, פאַרוואָס די העב־רעאישע מיסטיקער זוכן אַזוי ליידנשאַפטלעך דעם „שם", גאָט'ס נאָ־מען... ווייל אַזוי באַלד ווי גאָט'ס נאָמען ווערט באַוואוסט, הערט ער אויף צו זיין אַ נאָן־אָביעקטיווער, און ווערט אַ קאָנקרעטער. און צום שלוס וויל איך אייך בעטן אַ טובה. זייט גוט צו מיר! איר דאַרפט דאָך מיט מיר דאָ אָפּזיין אַן אייביקייט, בעט איך אייך פאַרלאַנגט נישט פון מיר דערקלערונגען פון מיינע בילדער, זאָל הערשן שלום און גוטער ווילן צווישן אייך און אַ נאָן־אָביעקטיוויסט! דאַנק אייך".

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַגלייט פון רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

אַ לעבעדיקער אויסטויש פון מיינונגען, געדאַנקען און באַמערקונ־גען האָט אים נאָכגעפאָלגט. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווײַלע. זינאַ האָט געשמייכלט און גוטמוטיק געוואָרט ווי עס פאַסט פאַר אַ העפלעכן און געדולדיקן פאָרזיצער. אַחוץ דעם האָט זי באמת הנאָה געהאַט פון דעם גאַנצן ענין. דער אַלטער טאַלאַנט אירער פאַר געזעלשאַפטלעכע פירערשאַפט האָט דאָ אויפגעלעבט אין איר און פאַרשאַפט איר אַ סך פאַרגעניגן. זי האָט אין איר האַרץ געטראָגן אַ פאַרבאָרגענעם פאַר־דראָס אַנטקעגן אַן אומבאַקאַנטער מאַכט, וואָס איז געווען צו איר אומ־פריינדלעך. זיצנדיק אַנטקעגן אַ שפּיגל אין איר אַלטער היים, פלעגט זי צו זיך זאָגן: „זינאַ, פאַרוואָס ביסטו געבוירן געוואָרן אַ פרוי און אַ שוואַכע דערצו? דו וואָלסט דאָך זיי געקענט ווייזן וואָס דו קענסט אויפ־טאָן... און אפשר טאָקע בעסער פאַר זיי".

פאַר אַ קורצער צייט וואָס זי איז דאָ האָט זי דערפילט אין זיך איר אַלטע נייגונגען אויפגעלעבט און טאָקע רעאַליזירט און זי האָט דערפון ווירקלעך הנאָה געהאַט. די איינציקע זאַך וואָס האָט איר לעצטנס פאַר־שאַפט עגמת־נפש איז געווען די מאָדנע פרוי, וואָס דרייט זיך אַרום איר הויז, כמעט אין יעדער שעה פון טאָג. זי ווערט מוזן האָבן אַן ערנסטן

שמועס מיט לעאָנען וועגן דער „מויד". אָבער שפּעטער, נישט איצט.

צו דער צייט האָט דער אָוונט דערגרייכט אַ פּונקט וואָס האָט גע־פּאָדערט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. אויף דער פּלאַטפאָרמע האָבן זיך באַוויזן די יונגע פּאָרל, דער מאַלער און די טענצערין און זיינען שטיין געבליבן שטיל און רואיק דערוואַרטנדיק זייער צייט. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט און מען האָט געקענט זען, אַז זיי ווילן רעדן. אַ לאַנגע צייט האָט מען זיי נישט געוואָלט באַמערקן, אָבער ביס־לעכווייז האָבן זיך די געמיטער באַרואיקט און אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט אויף די צוויי שיינע יונגע מענטשן, מיט זייערע ווייט־געעפנטע אויגן, עטוואָס אויפגעהויבענע הענט, ווי בעטנדיק מען זאָל זיי לאָזן אויסריידן זייער בויט.

ווען עס איז שטיל געוואָרן האָט די יונגע פרוי אָנגעהויבן: „איך בין סטעללאַ, די וואָס האָט אויסגעטאַנצט פאַר אייך איר לעבן. און דאָס איז מאַרק, מיין מאַן, אַ מאַלער. ער איז אַנומלט אַהערגעקומען, אַ קורצע צייט נאָך מיר. מיר האָבן זיך דאָ באַגעגנט און ביידע פילן מיר, אַז מיר זיינען אַהערגעקומען צו פרי, פאַר אונזער צייט, און אַז מיר מוזן צוריקגיין, מיר מוזן!"

עס האָט געהערשט אַן אַבסאָלוטע שטילקייט ווען זי האָט די ווערטער אַרויסגערעדט. און מאַרק האָט צוגעגעבן: „מיר זיינען געקומען בעטן אייער הילף. מיר ווייסן נישט ווי זיך צו באַגיין אין דעם פאַל, זיינען מיר געקומען נאָך אייער עצה און דערלויבעניש אויב בויטיק... אויב מען דאַרף עס האָבן..."

נאָך אַ פּויזע פון אַבסאָלוטער שטילקייט האָט געפאָלגט אַן אויפ־ברויז פון שטימען, ווערטער און אויסגעשרייען. ס'איז שווער געווען צו פאַרשטיין צי ס'איז געווען צושטימונג, אָדער קעגנערשאַפט, האַרציקע סימפּאַטיע, אָדער שאַרפער פּראָטעסט. זינאַ און זשאַן האָבן זיך באַמיט איינצושטילן דעם טומל, אָבער מיט ווייניק דערפאָלג. דאָס יונגע פּאָרל האָט קענטיק אָנגערירט אַן עמפּינדלעכן פּינטל אין אַ סך נשמות, די נישט אויסגעלעבטע לעבנס, די נישט פאַרענדיקטע אַרבעטן, דעם נישט פאַרזוכטן גליק פון ליבע, קינדער, פריינט, מענטשהייט, דעם ניט גע־פונענעם וועג צו גאָט, וואָס האָט זיי געגעבן צוערשט לעבן און דערנאָך טויט, און נישט אַנטפּלעקט פאַר זיי דעם שכל און זין פון דעם מענטשנס גורל.

דער טומל איז געוואַקסן. זינאַ איז געשטאַנען און הילפלאָז געקוקט.

אויך זשאַן האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זינאַ האָט באַגעגענט לעאָנס אויגן און אים געשיקט אַ פאַרצווייפלטן רוף נאָך הילף. ער איז צוגעגאַנגען צו זינאַ און דערהערט איר געבעט צו אים: „מאַך, זיי זאָלן זיך באַרואיקן, זיי זאָלן פאַרנעמען זייערע פלעצער, דו ווייסט ווי דאָס צו טאָן, ביסט דאָך געניט, איך בעט דיך.“

לעאָן האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו באַווירקן. ער איז גע־שטאַנען און באַטראַכט די גרויסע מענטשן־מאַסע מיט אַ טיף ערנסטן בליק, וואַרטנדיק, אַז די שטימונג זאָל אַליין פון זיך ווערן אַנדערש. און אַזוי איז עס טאַקע געשען. אפשר צוליב דער נייער פיגור אויף דער פלאַטפאָרמע, אָדער אפשר צוליב דעם ערנסט פון זיין פנים, אָבער מענטשן האָבן ביסלעכווייז פאַרנומען זייערע ערטער, ווילנדיק צו הערן און נאָכפאָלגן די ווייטערדיקע געשעענישן אויף דער בינע. ווען אָר־דענונג איז צוריקגעקומען איז מאַרק און סטעללאַ׳ס פאַרלאַנג אויפגע־נומען געוואָרן. לעאָן האָט גענומען רעדן מיט אַ שטאַרקן קול וואָס האָט וויברירט מיט אינערן געפיל:

„איך פאַרשטיי זייער גוט אייער געמיט־אויפברויז, איבער דעם דאָזיקן פאַרלאַנג. איך טייל דעם געפיל מיט אייך. איך פאַרשטיי אויך וואָס פאַר אַ רעוואָלוציע אַזאַ פאַרלאַנג קען מיטברענגען, אויב עס זאָל געגעבן ווערן און דורכגעפירט ווערן. איך קען גלויבן, אַז אַזעלכע פאַלן זיינען שוין געווען, אָבער מיר דוכט זיך, אַז אין אַזאַ פאָרם איז דאָס אַ נייער אַקט. אין יעדן פאַל, איידער מיר טוען עפּעס וועגן דעם, פאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו, מוזן מיר פאַר זיך אויפקלערן די אָנגעלעגנהייט. עס וואָלט דערפאַר געווען רעכט זיך דורכצורעדן וועגן דעם ענין. דערפאַר איז די פאַרזאַמלונג ווילקאָמען צו אַ זאַכלעכע, רואיקע דיסקוסיע, פראַגן, מיינונגען און פאָרשלאָגן... זשאַן, זיי אַזוי גוט און האַלט די ליסטע פון רעדנער אין אָרדענונג. ווער וויל זיין דער ערשטער?“

אַ הויכער, מאָגערער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן און נישט פאַר־לאָזנדיק זיין פלאַץ האָט ער אָנגעהויבן זיין וואָרט: „די טעמים פאַר נאָכגעבן דעם פאַרלאַנג, זיינען נישט איבערצייגנדיק. דער יונגערמאַן איז אַ מאָלער און איז פון זיין אייגענער פרוי דערקלערט געוואָרן פאַר אַ זשעני; ער, הייסט עס, האָט געווויסע פאָרמען צו פאַרווירקלכן און זי, זיין פרוי, דאַרף עס אויסטאַנצן. זייער פיין, זייער רירנד. אָבער ערשטנס איז אַ זשעני קיימאָל נישט אַ זשעני סיידן ער באַווייזט עס דורך די פרוכטן פון זיין געניוס. אַ זשעני ווערט קיינמאָל נישט דערקלערט אויפן

הוילן וואָרט, אויף אַ פאַרזיכערונג. און ווידעראַמאָל — אַ זשעני ווערט קיינמאָל נישט פאַרלוירן, אונטערדריקט, אָדער נישט פאַרווירקלעכט, ווייל אין דער אָרגאַניזאַציע פון אַזאַ מענטש, גייט אויך אַריין אַ סוב־סטאַנץ פון ווידערשטאַנד, אַ קראַפט אַזאַ צו שטעלן זיך אַנטקעגן אַלע פיינטלעכע כוחות, וואָס שטעלן זיך אים אין וועג. דער כוח אין אים וואָס העלפט אים שאַפן, העלפט אים אויך אָנהאַלטן דאָס שאַפן. די ענערגיע וואָס טרייבט דעם זשעני צו זיין שאַפן, טרייבט אים אויך צו באַזיגן אַלע שונאים פון זיין שאַפן. דערפאַר אויב ער איז פאַרלוירן געגאַנגען, נישט דערגרייכט און באַזיגט, הייסט עס, אַז ער איז נישט געווען אויסגעשטאַטעט מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ זשעני, אין אַנדערע ווערטער, אויב ער איז פאַרלוירן געגאַנגען איז ער נישט געווען קיין זשעני. אַחוץ דעם אַלעמען, פון דעם שטאַנדפּונקט וועלכן מיר פאַרנע־מען דאָ, און זען די געוואַלדיקע קאָסמישע פּאַנאָראַמע, וואו באַשאַפונג גייט אָן אויף אַזאַ אומענדלעך גרויסן מאַסשטאַב, איז דאָס מענטשלעכע זשעני גאָר קיין וואונדערזאַך נישט... ס׳איז אפשר נישט מער ווי טאַלאַנט און טאַלאַנט איז דאָך אייגנטלעך נישט מער, אָדער אַ ביסעלע מער ווי געוויינלעכע פעאיקייטן, און פעאיקייט, וואָס איז עס אויב נישט נאָרמאַלע, געזונטע עקזיסטענץ, וואָס האָט זיך איר גרענעץ אין דער ערדישער עקזיסטענץ, ווי גרויס אָדער קליין עס זאָל נישט זיין קען עס נישט זיין באַרעכטיקט פאַר אַ צווייטן אויפטריט״.

ער האָט פאַרענדיקט רעדן און זיך אַוועקגעזעצט, זוכנדיק מיט זיין האַנט אין זיינע זייטן־קעשענעס פאַר אַ סיגאַרעטל און עס באַלד אויפ־געגעבן...

אַ צווייטער מאַן האָט אויפגעהויבן זיין שטים מיט אַזאַ טענה: „ווי מיר הערן, האָבן זיי ביידע זיך געַנומען דאָס לעבן קומענדיק אַהער... איז וואָס, זאָלן מיר זיי באַלוינען פאַר זעלבסטמאָרד?...״

אַ דריטע שאַרפע שטים האָט אויסגעשריען אַ קעגנערשאַפט: „זיי האָבן פאַרשטויסן די פריערדיקע עקזיסטענץ און איצט ווילן זיי טאָן דאָס זעלבע מיט דער איצטיקער. מיר קענען נישט גוטהייסן אַזאַ באַ־ציאונג!״

ווידער אַן אַנדער קול האָט געפרעגט: „וואָס זיינען די פּרעצע־דענטן? האָט אַמאָל שוין אַזאַ פאַל געטראָפן? דאַרפן מיר דען אַזאַ ביישפּיל באַשאַפן דערלויבנדיק זייער צוריקקער?״

אַ ברייטער, ערנסט קוקנדיקער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין

אָרט און האָט אָנגעהויבן רעדן אין אַ טיפער שטים און לאַנגזאַמען שטייגער: „זייער בקשה וואָלט געהאַט מער געוויכט, ווען עס וואָלט געווען אונטערשטיצט פון יענער זייט. זייער פאַל וואָלט פיל געוואונען ווען פון יענער וועלט, וואָס זיי האָבן אַזוי פּלוצלינג פאַרלאָזן וואָלט זיך דערהערט אַ פאַרלאַנג, אַ נויט אין זיי. ווען אַזאַ פאָדערונג, אַ קרעכץ, אַ געוויין נאָך זיי, וואָלט אונז דערגרייכט, וואָלטן מיר מיט מער גרונד געקענט באַטראַכטן און באַהאַנדלען זייער ענין. פון וואַנעט ווייסן מיר אַז זייער אָרט שטייט נאָך ליידיק, פון קיינעם נישט פאַרנומען? ווי מיר ווייסן און געדענקען דאָס מענטשלעכע לעבן דאָרט, בלייבן ערטער נישט לאַנג ליידיק. ווי אַן עמער־וואַסער אַרויסגענומען פון אַ פליסנ־דיקן טייך, ווי לאַנג בלייבט דאָס פעלנדיקע לאָך־וואַסער נישט פאַרנו־מען? אַ רגע, און אַפילו דאָס אויך נישט. אַחוץ דעם איז אונדז נישט קלאָר צי זיי ווילן דאָרט פאַרבלייבן אַ גאַנץ מענטשלעך לעבן, צי בלויז פאַר אַ געוויסע צייט ביז זיי וועלן דורכפירן עפּעס אַ באַגער?...״

נאָך אַ סך שטימען האָבן זיך געלאָזט הערן, איינציקווייז אָדער אין גרופּן, כמעט אַלע אין אָפּאָזיציע: „עס אונטערברעכט״, האָבן אייני־קע געשריען, „דעם פּלוס פון לעבן, דעם ריטם פון ענדערונגען,... עס שטעלט זיך עפּעס אַנטקעגן דעם שטראָם... און זיי דאַרטן ווילן עס גאָרנישט... מען זאָל צוריקקומען צו זיי... זיי ריידן וועגן אונדז, בענ־קען נאָך אונדז, אָבער צוריק אין לעבן ווילן זיי אונדז נישט... זיי ריידן וועגן תחית המתים און לייגן עס אָפּ אויף די ענד פון אַלע צייטן, דאָס הייסט אויף קיינמאָל נישט... זיי וויינען נאָך אונדז און קלאָגן נאָך אונדז, אָבער זיי האָבן מורא פאַר אונדז, און ווילן זיין ווייט אָפּגעשיידט פון אונדז.״

אַזוי האָט מען גערעדט און אַזוי געשריען... ביז לעאַן האָט נאָך אַמאָל גענומען דאָס וואָרט:

„די בקשה פון די צוויי יונגע מענטשן, זעט אויס, האָט נישט גע־פונען צושטימונג ביי אייך. ס׳איז אפשר דערפאַר, וואָס זייער פאַרלאַנג איז נישט קלאָר פאָרמולירט געוואָרן פאַר אייך. עס קען זיין, אַז דער גאַנצער פּראָיעקט פון צוריקגיין, צוריקלעבן, דאַרף פאַרשטאַנען ווערן נישט אַלס אַ צונויפמיש פון לעבעדיקע און געשטאָרבענע, נאָר אַלס אַ סאָרט מיט־עקזיסטענץ פון צוויי מינים מענטשן אין איין און דער־זעלבער וועלט. אַ סאָרט פאַרשטענדיקונג, אַ קעגנזייטיקע אָנערקענונג, אַ גייסטיקע, מעטאַפיזישע, מעטאַפּסיכישע פאַרשטענדיקונג. אפשר

דאַרף עטאַבלירט ווערן אַ סאָרט דיפּלאָמאַטישע באַציאונג, אַן אויסטויש פון אַמבאַסאַדאָרן, עטאַבלירן פאַרבינדונגס־ליניען פאַר אויסטויש פון געדאַנקען וועגן וועלט, וועלט־געפיל, וועלט צושטאַנד... פּריוואַטע פאַרבינדונגס־ליניען האָבן אייגנטלעך שוין לאַנג עקזיסטירט אין דער פאָרם פון זייער איידעלע נשמות, סענסעטיוו־נערוועזע מענטשן, זעער, נביאים... ס׳איז אפשר געקומען די צייט פאַר אַ ברייטערע באַקאַנט־שאַפט פון די צוויי בירגערשאַפטן... אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער אַנגעלעגנהייט:

„אַ געדאַנק איז דאָ אויסגעדריקט געוואָרן, אַז אפשר וואָלט מען געדאַרפט פּרואוון דערגיין ווי נויטיק די פריערדיקע וועלט דאַרף זיי האָבן. אפשר אַן אויסשטעלונג פונם קינסטלער׳ס בילדער, וואָלט גע־דאַרפט אַראַנזשירט ווערן, כדי קלאָר צו ווערן וועגן דעם און אויך פאַר די יונגע צוויי מענטשן צי זיי ווילן טאַקע באמת זיין צוריק, און ווידער אויפנעמען דעם בלוטיקן קאַמף, וואָס זיי האָבן געפירט ביים ערדישן לעבן. אפשר איז אַם פּלאַץ אַ פאָרשלאַג — אַ קונסט־קאָמיטעט זאָל דאָ אויסגעקליבן ווערן פון גרויסע קינסטלער, און מיר האָבן זיי דאָ, די גרעסטע פון אַלע צייטן. און איבערגעבן זיי די פּראָבלעם צו באַשטימען די וועגן און די מיטלען, ווי אַזוי אַזאַ אויסשטעלונג צו אַראַנזשירן.“

עס האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיקער אַפּלאָדיסמענט. קענטיק, אַז דער געדאַנק איז געפעלן געוואָרן. אייניקע האָבן געוואָלט וויסן, וואו די אויסשטעלונג זאָל זיין: דאָ, אויף היגער וועלט אָדער דאָרט אויף יענער וועלט? אויב אַ קאָנצערט איז דאָ מעגלעך, טאָ פאַרוואָס נישט אַן אויסשטעלונג?

„מיר וועלן עס איבערלאָזן פאַר דעם קונסט־קאָמיטעט... ס׳איז גוט וואָס מיר האָבן זיך צו עפּעס דערגרעדט.“

די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן.

**
*

פון צווישן דעם עולם וואָס האָט געהאַלטן ביים אַרויסגיין האָט לעאָן באַמערקט איינעם מיט אַ בוקעט בלומען אין דער האַנט. דער מאַן איז שטיין געבליבן נעבן דער פּלאַטפאָרמע אַנטקעגן זינאַ׳ן, קענטיק גרייט צו דערלאַנגען איר דעם בוקעט, באַגריסן זי, אָדער אויסדריקן אָנערקענונג. לעאָן האָט אים באַלד דערקענט, ס׳איז געווען דער

פיאַנאָ־שפּיל־לערער, וואָס פלעגט קומען אין זייער הויז ווען פיליפּ איז נאָך געווען אַ קינד, צו לערנען אים שפּילן. זיין פיאַנאָ אונטער־ריכט האָט נישט לאַנג געדויערט, מחמת פיליפּ האָט אים גלייך פיינט געקראָגן. די פיינטשאַפט פון דעם אינגל איז געווען אַזוי אינטענסיוו, אַז ער האָט קוים געקענט בלייבן אין דעם זעלביקן צימער מיט זיין לערער, פּראָפעסאָר אָסקאַר יונגהאַרט. זינאַ און לעאָן האָבן נישט גע־קענט ריכטיק דערגיין פאַרוואָס זייער אינגל האָט פיינט געקראָגן דעם דוכט זיך, גאַנץ אָנגענעמען, צירליכן, מיט אַ מין מוזיקאַל־פּאָעטישן אויסזען, ליריש און קאָמיש ריידנדיקן פאַרשווינדל? ס'איז געווען אַ גאַנץ דעקאָראַטיווע פיגורל מיט אַ קאָפּ לאַנגע געקרייזלטע האָר, טונ־קעלע קליינע וואָנצעס און גרויסע ברעמען, איבער גרויסע קיילעכ־דיקע ברוינע אויגן, פאַר'חלומ'טע, און מיט גרויע רינגען אַרום זיי. ער האָט געקענט דערציילן דראָליגע מעשה'לעך מיט אַ פיאַנאָ־באַגליי־טונג... אין אַלע הינזיכטן — אַן אָנגענעמער טיפּ מענטש. דערצו נאָך אַן אַלטער בחור מיט אַ שטענדיקן בענקן נאָך אַ פאַרהייראַטן לעבן, ווען עס זאָל נאָר קומען די צאַרטע דאַמע פון זיין טרוים. אָבער זי קומט ניט, ניט באַשערט... נישט יעדער איז דאָך אַזאַ גליקלעכער ווי דער הער לעאָן קאָסטינס! און דאָ פלעגט ער אָ קוק טאָן מיט אַ זיפץ אויף זינאַ'ן. אָט די רייד, קוק און זיפץ וואָס האָבן געמיינט צו זיין אַ גאַלאַנטער קאָמפּלימענט, פלעגן שטענדיק אַרויסרופן אַ ראָזיקע פאַרב אויף זינאַ'ס פּנים. דער קאָמפּלימענט און זינאַ'ס רויטלען זיך פלעגט לעאָנען קיינמאָל נישט געפעלן ווערן... אָבער ער פלעגט עס באַלד פאַרגעסן. דעזעענדיק אים דאָ, די האַלב קאָמישע פיגור מיט דעם בוקעט בלומען וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט צו פּרעזענטירן עס צו זינאַ'ן, מסתמא מיט אַ גאַלאַנטע פאַרנייגונג, ווי אַמאָל, האָט אַרויסגע־רופן צו אים עפּעס אַ ווידערווילן, אַ געפיל פאַר וועלכן לעאָן האָט זיך באַלד פאַרשעמט. ער איז אָבער צו אים נישט צוגעגאַנגען, אים נישט באַגריסט, און איז אַרויס פאַר אַ שפּאַציר אַליין.

דרויסן האָט ער געטראָפן קעיט. זי איז געשטאַנען מיט אַ זוכנדיקן בליק אין אירע אויגן, און איז באַלד צוגעגאַנגען צו לעאָנען:

„מעג איך אייך באַגלייטן לעאָן? איך וויל... איך מיין, איך וואָלט וועלן וויסן אייער מיינונג... מעג איך וועלן אַהין צוריקגיין? איז עס דערלויבט... מעגלעך?... מעג איך עס פאַרלאַנגען? דאַרף איך עס פאַרלאַנגען? איך וויל הערן פון אייך צי וואָלט איר אַליין אויך וועלן?..."

„קעיט, וואָס פאַראַ געדאַנקען איר האָט עס. איך קען אייך נישט געבן קיין ענטפער נישט אויף איינע פון אַלע אייערע קשיות. און אויב איר וועט שטאַרק פאַרלאַנגען מיין מיינונג וועל איך ענטפערן אויף אַלץ מיט אַ ניין. אפילו אויף אייער פראַגע צי מעגט איר מיך איצט באַגלייטן... ניין, קעיט.״

***

ווען לעאָן און זינאַ זיינען געבליבן אַליין נאָך דעם גרויסן צונויפ־קום, זיינען זיי פאַר אַ לאַנגער ווייל געווען שטיל טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן. זינאַ איז געווען אין גאַנצן ערשעפּט פאַר מידקייט, אָבער צופרידן. צום סוף האָט זי געזאָגט: „ס׳איז געווען גוט! איך דענק פונדעסטוועגן, אַז די אָרעמע קינדער, די טענצערקע און דער מאָלער זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אַביסל צו שטרענג. וואָס וועלן זיי דאָס טאָן מיט זייערע הונגעריקע הערצער און אויגן פאַר קונסט און ליבע די גאַנצע אייביקייט? און וואָס וועלן מיר דאָ טאָן מיט זיי? ווי קענען מיר אָפּשטעלן זייער שטענדיקן קלאָגן און זיפצן? ווי קענען מיר זיי הייסן צו זיין שטיל און זיך אויפפירן ווי גוטע גע־האָרכזאַמע קינדער?״

„ביסט גערעכט, זינאַ, זייער פאַל איז נאָך נישט געשלאָסן. זיי וועלן אָבער מוזן זיין שטיל און רואיק פאַר אַ ווייל. צו דער צייט וועט מסתמאָ דער קונסט־קאָמיטעט...״

„יאָ,״ האָט זינאַ פאַרטראַכט זיך אָפּגערופן. „ס׳איז געווען אַ גראַנדיעזער אָוונט, דאָס איינציקע, וואָס איז מיר געווען ווי אַ דאָרן אין אויג, איז געווען די מויד... איך וואָלט וועלן אַז דו זאָלסט עפּעס טאָן וועגן דעם״. און זי האָט צוגעגעבן ווי מיט אַ טרער אין איר קול: „איך דענק אַז אַזוי פיל וואָלסטו געדאַרפט טאָן פאַר דיין פרוי...״

נאָך אַ לאַנגער פויזע האָט זיך לעאָן אָפּגערופן: „כ׳האָב היינט אָוונט געזען דיין גאַלאַנטן קאַוואַליר, דעם פּאָעטישן אָסקאַר מיט די בלומען. כ׳האָב גאַרנישט געוואוסט אַז ער איז אָנגעקומען!״

„יאָ, ער איז נעכטן געווען ביי מיר מיט אַ וויזיט. און ער וועט דאָ זיין מאָרגן. ער זאָגט, אַז ער האָט וועגן עפּעס מיט מיר צו רעדן״.

„הער נאָר, זינאַ, קענסטו אים אפשר האַלטן פון דערווייטנס? נאָך אַלעמען, דענק איך, אַז אַזוי פיל וואָלסטו געדאַרפט קענען טאָן פאַר דיין מאַן!״ און זיי האָבן ביידע זיך צעלאַכט.

„ווען מיר ביידע אַמאָל ווערן עלטער און קליגער, זינאַ?"

„ניין, לעאָן".

„אָבער, מיר וואָלטן זיך געדאַרפט שעמען, אַזוי כאָטש אַביסעלע שעמען, דענקסטו נישט אַזוי, זינאַ?"

„ניין".

דער קאָנצערט

ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרזאַמלען אין זינאַ׳ס ווינקל, האָט עס אין גיכן געקראָגן דעם פּנים פון אַ גיגאַנטישן אַמפיטעאַטער. אַ שטימונג פון גרויסער דערוואַרטונג האָט אַרומגענומען אַלעמען וואָס זיינען געקומען. זיי זיינען אַלע געווען גרייט אויפצונעמען, איבערצולעבן, איינגלידערן זיך אין דעם וואָס ס׳וועט פאָרקומען. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז קיינער נישט אויפגעטראָטן. זינאַ האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק און פאַסיק עפּעס צו זאָגן, און האָט אויך ניט געבעטן זשאַן צוצוגעבן מער צו דעם, וואָס ער האָט שוין געזאָגט, מעלדענדיק וועגן דעם קאָסמישן קאָנצערט היינט אָוונט.

אַרום ניין אַ זייגער האָט אַ גרויסע שטילקייט איינגעוויקלט די פאַרזאַמלונג און דורך דער שטילקייט האָבן אָנגעהויבן ציטערדיקע קלאַנגען אָנקומען פון רוים אין אַ צירקל־ריכטונג. באַלד האָבן די וויברירענדע הערונגען זיך פאַרמערט און אָנגעוואַקסן אין אַ גרעסערן געמאָסט... און אין גיכן האָבן זיי אָנגעצייכנט אַ קליין־כוואַליקע באַוועגונג, ווי אין אַ ים, איידער די גרויסע כוואַליעס הויבן אויף זייער געלויף. גראַדן־וויז האָט זיך פון דעם ברייטן האַלב־קלאַנג אָנגעהויבן אויסשיילן אַ זילבערנער גאַנצער געזאַנג פון סטרונעס, ברענגענדיק מיט זיך אויך וויכע, צאַרטע שטראַלן און באַדעקנדיק מיט זיי דעם אויפגעברויזטן ים... אַ ים פון קלאַנגען ענלעך צו אַ גרינעם לבנה־ליכט. און באַלד ווי אַ גאָלדיק מאָרגן־זונען־שיין... ווען דאָס אָנקומען פון הערלעכן זונען־קלאַנג איז קלאָר באַשטעטיקט געוואָרן, האָט אַ לייכט־ברוין געברום פון האָרן־כלים זיך געלאָזט דערהערן, צוערשט אין קליינע אָפּטיילונגען, דערנאָך אין באַטאַליאָנען און דערנאָך אין גרויסע אַרמייען. זייער לייכט־ברוין האָט זיך פאַרטיפט אין רויט־ברוין, און דאַן אין אַש־ברוין. באַלד זיינען צו זיי די באַסונס צוגעשטאַנען מיט זייערע

ווארעמע באַריטאָן־קלאַנגען, טיפע ווינד־שטימען... און האָבן באַשאַפן אַ ברייטע ברוינע קלאַנגען־ספּערע... אויף דעם דאָזיקן הינטערגרונד האָבן זיך אויפגערעגט באַוויזן באַראַבאַן־טענץ, צוערשט דריבנע, קליינע שפּרינגערס, דערנאָך גרויסע, הויכע דונער־קנאַלן און שטורם־אַנזאָגערס, ווי אומצייליקע באַטאַליאָנען פון שווער־געפּאַנצערטע פּיס פון ביליאָנען דורות וואָלטן אָנגעהויבן אַ מאַרש, קומענדיק אַלץ נעענטער און נעענטער. און ווידער, ווען עס האָט זיך פון די אַלע אינסטרומענטן אַ סאָלידעס פעלד געפאָרעמט, האָבן זיך דינע פּלייטן, ווי ווייסע ליניען אויף אַ טונקעלן הימל באַוויזן און אָנגעהויבן צייכענען אַ פריילעך־ליכטיקע מעלאָדיע, ענלעך צו אַ פריש־קוואַל־וואַסער, וואָס פאַלט אַראָפּ פון דער הויך און שפּרינגט פון שטיין צו שטיין אין אַ שטיפעריש שפּריץ־ און שוים־שפּיל, ווי אַ געלעכטער פון גליקלעכער יוגנט. עס האָבן זיך אין באַגלייטונג דערהערט האַרפן, באַרירט פון לאַנגע ווייסע פינגער מיט ראָזעווע נעגל, און אויך קלאַרנעטן און אויך פּיקאָלאָס, אַלע, אַלע איניינעם, אָן אָנזאָג אַז באַלד, אָט באַלד... און ווירקלעך — טראָמבאָנס האָבן זיך אַריינגעריסן מיט אַן אויסגעשריי... אַלע וואָס זיינען אַרום געווען האָבן זייערע אָטעמס פאַרהאַלטן אין גרויס שפּאַנונג אויפצונעמען דעם אָנזאָג. עס האָט געדוכט ווי דער טאָג פון אַ נייעם מעשה־בראשית איז נאָענט צוגעקומען, אַז אָט וועט אַ גרויסער כאָר פון מלאָכים אויסמעלדן אַ נייעם באַפעל פון בורא עולם: יהי אור! אַ ניי ליכט זאָל זיין — זאָל ווערן!

די ערשטע גרייט צו ענטפערן דעם באַפעל זיינען געווען אַן אומצייליקע שאָאַר פון טשעלאָס, ווייך ווי סאַמעט און וואַרעם ווי האַרצענס־בלוט. זיי האָט נאָכגעפאָלגט וויאָלעס, ווי אַ געזאַנג פון יונגיקע כרובים; און צולעצט זיינען געקומען לעגיאָנען פון וויאָלין־פידלען, אין אַ נייעם לויב־געזאַנג, אין אַ שירה־חדשה, אַ הימנע צום אין־סוף און צו אַלץ וואָס איז ריין, ליכטיק־העל און אומשולדיק; און דאַן האָבן שטימען אויפגעהויבן אַ געזאַנג, שטימען אָן אַ סוף און גרענעץ, פון מענער, און פרויען שטימען... אַ געזאַנג פון עקזאַלטאַציע, אויסגיסנדיק הערצער צום באַשאַפער, צום מלך־מלכי־המלכים!! אַלע אינסטרומענטן און אַלע אָרקעסטרען פון דער גאַנצער וועלט זיינען אַריינגעטראָטן אין דעם אויסגוס... אַלע, אַלע צימבאַלס, גלעקער, האַרפן, קליינע און גרויסע מעש־כלי־זין... האַלץ, ביין, גלאָז, און זילבער, אַלע־אַלע, געשטאַרקט דורך עכאָס, ווידערקלאַנגען פון ווייטע ווייטקייטן, פון אַלע

בערג און טאָלן, פון אַלע פעלדער, ימים, זאַמדן און שטיינער, אַלע נשמות פון די וואָס לעבן, לעבן און שטאַרבן — און די וואָס זיינען געשטאָרבן און לעבן, אַלע זיינען אַרייַן אין דעם קאָנצערט פון אומגעזעענע און ניט געהערטע הערלעכקייט! און פּלוצלינג —

נאָך איידער עס איז דערגרייכט געוואָרן דער העכסטער קלימאַקס, האָבן שטערונגען זיך אָנגעהויבן אַריינרייסן אין דער פּערפעקטער האַרמאָניע. העסלעכע סטאַטיקס, שאַרפע און שרעקנדיקע האָבן זיך אַלץ פאַרמערט, פאַרשטאַרקט און פאַרערגערט, וואַרפנדיק מיט זיך פּחד און אומרו. און מיט אַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער אויפרייס, און נאָך דעם האָבן זיך דערהערט ווײ־געשרייען, קרעכצן און געוויין פון פאַרוואונדעטע און געשעדיקטע, פון קינדער, פרויען און מענער...

ווען דער אויפרייס און די ווײ־געשרייען האָבן זיך עטוואָס איינגעשטילט, האָט זיך דערהערט אַ שטימע, ווי פון אַ ראַדיאָ אָנזאָגער. די שטימע האָט קלאָר געזאָגט: „מיר באַדויערן זייער און זייער, וואָס אונז קומט אויס צו אונטערברעכן דעם קאָסמישן קאָנצערט און ברענגען אייך די נייעס וועגן אַ גרויסן אומגליק, אַ שרעקלעכן אויפרייס, וואָס האָט פאַראורזאַכט אומגעוויינטלעך פיל קרבנות. די סיבה פון דעם אויפרייס איז נאָך אַלץ נישט קלאָר, און די צאָל פאַראומגליקטע נאָך נישט געציילט, מען האָט מורא, אַז ס'איז זייער גרויס. פון אַלע מעגלעכע זייטן קומען אָן הילפס־מיטלען און רעטונגס־אַרבעט.“

ווייטערדיקע ווערטער זיינען דערטרונקען געוואָרן אין גערויש און געפילדער נישט קלאָר פון וועלכע סיבות. אַביסל נאָך דעם ווי די שווערע נייעס איז געמאָלדן געוואָרן, האָט זיך אַ קלענערע שטימע דערהערט: עס האָט געקלונגען צו זיין זינאַ'ס, אָדער פון זשאַן. ס'איז געווען אין אַ בעטנדיקן טאָן: „ביים סוף פון קאָנצערט בעטן מיר אייך אַלעמען צו בלייבן אויף אייערע ערטער, מען דערוואַרט די ערשטע קרבנות זאָלן אָנקומען... אפשר וועט דאָס זיין אַ דעלעגאַציע מיט אַן ערשטהאַנטיקן באַריכט... בלייבט דאָ... דאַנק אייך...“

דער קאָנצערט האָט ווירקלעך זיך אין גיכן געענדיקט מיט אַ זייער נישט קלאָרן און נישט געהעריקן פינאַל און איז אומגעדולדיק אויפגענומען געוואָרן פונם עולם. ווען די לעצטע אַקאָרדן זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אין צעריסענע וויבראַציעס, האָט אויך אַ שווערע שטילקייט פון עולם צוגעגעבן טרויער און פאַרווירטן צער צום פינאַל. וואָס?

פאַרוואָס? ווארום זאָלן שטערונגען זיין אויף דער וועלט צווישן מענטשען? ווארום אומגליק? פאַרברעכן? ווארום און פאַרוואָס? וואָס איז דאָס? וואַנזין אָדער לייכטזין? מענטשן פון דעם גרויסן אַמפּיטעאַטער זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער זיצן, וואַרטנדיק אויף די שליחים. און ווירקלעך, גאָר אין גיכן האָבן טונקעלע פיגורן זיך אָנגעהויבן ווייזן, איינציקווייז, אין גרופּנווייז און דערנאָך מאַסן־ווייז... טונקל־גרוי, טונקל־ברוין מיט פלעקן בלוט, פיל פון זיי פאַרקריפּלטע מיט אָפּגעריסענע גלידער. זיי האָבן זיך געצויגן צו דער פּלאַטפאָרמע אַרויף, אָדער אַרום איר. זיי זיינען שטיין געבליבן מיט אויגן געווענדט צו דער פאַרזאַמלונג, מיט אויגן פול צער און פינסטערניש. און פּלוצלינג האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן ריידן נישט קלאָרע, פאַרווירטע רייד, אַזוי אַז מען האָט נישט געקענט דערהערן און דערגיין וועגן וואָס זיי ריידן, וואָס איז געשען, צי ס'איז געווען אַן אומגליק, אַ צופאַל אָדער אַ פּלאַנירטער פאַרברעכן? צי אַ לייכטזין, צי אַ משוגעת, צי אַ טראַגישע אומפאַרזיכטיקייט? „וואָס איז געשען?" האָט דער עולם אַנטקעגן געשריען.

האָט זיך צולעצט איין שטאַרקע שטימע אויסגעשיילט און זיך געלאָזט הערן איבער די אַלע אַנדערע, וואָס זיינען ביסלעכווייז אַנטשוויגן געוואָרן.

„דאָס וואָס האָט איצט מיט אונז געטראָפן, איז נישט אַ נייע זאַך. ס'איז בלויז שרעקלעכער, אַ גרעסערער אומגליק ווי די פריערדיקע. און נישט נאָר אין צאָל פון קרבנות נאָר אין באַדייטונג. מיר יאָגן זיך אַלע אין אַ שנעלן געלויף גלייך צו אין גהינום אַריין. לאָזט מיך רעדן צו אייך פשוטע און קלאָרע ווערטער: מיר, אויף דער ערד, האָבן אונזער וועג פאַרלוירן, מיר זיינען אין גאַנצן צעמישט, פאַרווירט און אָן שכל. מיר זיינען פאַרקראָכן אין אַ זומפּ, מיר גלויבן אין גאָרנישט, און געטרויען קיינעם נישט. מיר ריידן ליגנס און ווייסן, אַז אונזערע שכנים ריידן צו אונז נאָך גרעסערע ליגנס. מיר זיינען אָנגעקומען צום סוף פון אַלץ, סיידן איר, אונזערע ברידער, איר וואָס האָט געלעבט ווי מיר לעבן אין זינד און נאַרישקייט, און וויסן וואָס דאָס איז, וועלן קומען אונז צו הילף און אַרויספירן אונז אויף אַ גלייכן וועג. מיר נויטיקן זיך אין אייך אין אונזער גרויסער נויט, מיר רופן צו אייך, וואָס אייער צאָל איז אַזוי גרויס און וואָס איר זייט נעענטער צום אור־קוואַל פון חכמה... צו גאָט דעם בורא — אין וועלכן מיר האָבן אויפגעהערט גלויבן."

דער עפעקט פון דעם רוף איז געווען אַ טיפער אויף אַלעמען.

זינאַ און זשאַן האָבן נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן און מיט וואָס צו ענטפערן. זיי האָבן געקוקט אויף לעאָנען און מיט די אויגן געבעטן פון אים הילף. ער האָט זיך נאָך אַ רגע וואַקלעניש אויפגעהויבן און זיך געווענדט צו די שליחים:

„האָט אימיצער אייך געהייסן זיך ווענדן צו אונז? און האָט ווער אייך אויסגעקליבן און אָנגעזאָגט וואָס אונז צו מעלדן און וואָס פון אונז צו פאַרלאַנגען?"

„ניין, קיינער האָט אונז נישט דעלעגירט, קיינער נישט אָנגעזאָגט וואָס צו מעלדן און וואָס צו פאַרלאַנגען. קיינעם וואָלט דאָרט גאָר אַזאַ זאַך נישט איינגעפאַלן, ווי ערנסט צו פאַרלאַנגען עפּעס פון די וואָס זיינען טויט און באַגראָבן. זיי וואָלטן עס באַטראַכט פאַר דעם גרעסטן אומזין. עס איז אונז דאָס איינגעפאַלן אין דעם מאָמענט ווען מיר זיינען אַהער אָנגעקומען, און געוואָרן באַוואוסט אַז מיר לעבן ווייטער אין אַ גרויסער געזעלשאַפט פון מענטשן... איר אַלע... ברידער מענטשן."

אַ דינע קליינע שטימעלע קומענדיק פון די מיטלסטע רייען האָט געבעטן דערלויבעניש צו ריידן. ווען די דערלויבעניש איז געגעבן געוואָרן איז דער בעל הקול, אַ קליין פיגורל, אַרויפגעגאַנגען אויף דער פּלאַטפאָרם און האָט שטיל אָנגעהויבן ריידן, קוים צו הערן, אָבער קלאָר, אַזוי אַז באַלד האָבן זיינע ווערטער דערגרייכט צו יעדן אויער פון דער גרויסער פאַרזאַמלונג:

„איר האָט מיך שוין געזען, גלויב איך, אויף דעם בית־עולם, ביי לעאָן קאַסטינס מצבה אויפדעק, און אפשר אויך ביי אַנדערע געלעגנ־הייטן. איך זאָג עס דערפאַר וואָס איך בין איינער פון די עטלעכע בריקן, וואָס זיינען שוין אַריבערגעוואָרפן געוואָרן צווישן די צוויי טיילן מענטשהייט. מיר דאַרפן האָבן פיל־פיל מער, כדי צו דערגרייכן זייערע אויגן, געדאַנקען און הערצער. די מענטשן דאָרט פאַרלאַנגען באַווייזן, נישט אַנדערש ווי מען זאָל זיי ווייזן, זיי פאַרלאַנגען ניסים, דאָס איז דער פּרייז וואָס זיי פאַרלאַנגען פאַר זייער גלויבן אין אונז. אין אַן אמת, וואָס זיי אַליין האָבן אויסגעטראַכט. אָנגעהויבן אויסטראַכטן אַ לעבן נאָכן טויט האָבן זיי אפשר אַ מיליאָן יאָר צוריק, אַזוי באַלד ווי זיי האָבן געקראָגן דעם פּנים פון אַ מענטשן און אָנגעהויבן טראַכטן, האָבן זיי אַליין נישט באַמערקט אַז זיי האָבן אויסגעטראַכט אַ ווירקלעכקייט... זיי דערקענען נישט זייער אייגן קינד און פאַרלאַנגען ניסים... וואָס זיי רופן אָן אַ נס, איז אַ זאַך וואָס איז נאָך נישט דורכגעגאַנגען זייערע

לאַבאָראַטאָריעס. מיר וועלן מוזן זיי מאַכן גלויבן אין זאַכן, וואָס זיי זען נאָך נישט, קענען נאָך דערוויל נישט. מיר וועלן מוזן צו זיי שיקן דעלעגאַטן די גאַנצע צייט, אָן אויפהער, ביז מיר וועלן ווערן אַ גע־ ווינלעכע דערשיינונג ביי זיי דאָרטן, פונקט ווי געוויינלעך עס ווערט דאָרט אויפגענומען די דערשיינונג פון אַ זשעני אין קונסט און וויסנ־ שאַפט, אין מאַטעמאַטיק און נביאות, חכמה און פירערשאַפט. לאָמיר אונזערע דעלעגאַטן באַוואָפענען מיט די פעאיקייט צו ווייזן ניסים, מיר וועלן עס אָנרופן „די פּראָפּאַגאַנדע דורך נסים".

שטימען האָבן זיך דערהערט צווישן עולם: „ווער? ווען? ווּעמען? ווי אַזוי וועלן שליחים באַשטימט און געשיקט ווערן? ווען? ווער?"

פיל אָנוועזנדע האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם רוים. ווען די שליחים פון ערדישן אומגליק האָבן אויך אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוגייען, זיינען די צוויי יונגע מענטשן, מאַרק און סטעללאַ, אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און געגומען ביידע אין איינעם ריידן אין אַ טאָן פון גרויסן צער: „מיר קענען אייך נישט דערלאָזן צו פאַרגעסן אונזער נויט און באַגער, דערפאַר וואָס ס׳זיינען דאָ גרעסערע נויטן און פאַרלאַנגען. מיר וועלן פאַרבלייבן אַ דאָרן אין אייער זייט ביז איר וועט נישט אויפנעמען און גערעכט טאָן צו אונזער זאַך." זיי האָבן אויפגעהערט רעדן, דערפילנדיק אַז קיינער הערט זיי נישט... אָבער בלויז אויף אַ קורצע רגע. סטעללאַ האָט אין אַ העכערן קול ווידער אויסגעשריען: „מיין מאַן מאַרק איז אַ זשעני! אויב איר גלויבט נישט, וואָס איך זאָג אייך, גיט אים אַ גע־ לעגנהייט אייך צו ווייזן... גיט אים אַן אויסשטעלונג, אַ פולע איין־ מאַן־אויסשטעלונג און איבערצייגט אייך... איר האָט דאָך דאָס אַליין צוגעזאָגט!"

זינאַ איז צוגעלאָפן צו איר: „באַרואיק דיך, קינד. מיר וועלן דאָס באַלד אויפנעמען און טאַקע טאָן."

אויך זשאַן און לעאָן זיינען צוגעקומען... זיי האָבן אין קורצע און שטאַרקע ווערטער ווידער פאָרגעלייגט דעם פאַרלאַנג פון די צוויי נשמות און דעם פלאַן פאַר אַן אויסשטעלונג און דעם צווייטן פאַרלאַנג פאַר אַ קונסט קאָמיטעט... דער ענטפער איז אַ גינסטיקער: „אָנגע־ נומען! באַשטימט אַ קאָמיטעט! טאַקע פון די קינסטלער, וואָס זיינען דאָ ביי דער פאַרזאַמלונג! אויסגעצייכנט! און זעט אַז דער טשערמאַן

זאָל זיין אַ גרויסער, דער גרעסטער... רעמבראַנדט זאָל זיין דער פאַר־זיצער!"

„נו, זיכער, רעמבראַנדט, נישט ווייניקער!"

„באַשטימט! דער אָונט איז געשלאָסן".

סטעללאַ איז צוגעלאָפן צו מאַרק און אים אַ קוש געטאָן: „מאַרק, ביסט דאָך צופרידן, ניין?"

מאַרק האָט נישט באַלד געענטפערט, דאַן האָט ער אַרויסגערעדט: „איך האָב מורא... בין איך דען גרייט? רעמבראַנדט, פאַרשטייסט, דער קעניג פון אַלע קינסטלער... מאַלערס!"

„אָ, האָב נישט קיין מורא, מיין טייערער, מיין זשעניע! שרעק זיך נישט פאַר רעמבראַנדט, ביסט אַזוי גוט און אַזוי גרויס ווי ער, אויב נישט גרעסער!"

*****

זאָגט לעאָן צו זינאַ: „וואָס פאַר אַ געדיכט־שטורעמדיקע וואָך דאָס איז געווען! ווער זאָגט עס אז דאָ, אויף דער זייט, איז גאָר נישטאָ וואָס צו טאָן?!"

„יאָ" האָט זינאַ געענטפערט עפּעס אומרואיק טראַכטנדיק. „הער מיך אויס, לעאָן, איך וויל מיט דיר ריידן".

לעאָן האָט זי אָנגעקוקט: „דו קלינגסט מיר עפּעס צו ערנסט, זינאַ, וואָס איז עס?"

„יאָ, ס'איז ערנסט, און ס'איז נישט וועגן קעיט, שרעק זיך נישט... דו הויבסט ווידער אָן דיין אַלטע געוואוינהייט, לעאָן, אַוועקצוזיין פון דער היים צו אָפט און פאַר צו לאַנג".

לעאָן האָט זי ווידער אָנגעקוקט און זיינע ברעמען האָבן זיך צו־נויפגעצויגן.

„און דו, זינאַ, דו הויבסט ווידער אָן דיינע אַלטע טענות".

„לעאָן, איך מיין עס ערנסט. איך וויל דיך וואָרענען... איך האָב אויפגעכאַפּט רייד, אַז דו וועסט מעגלעך געשיקט ווערן אַלס דעלעגאַט צוריק אַהין... וויל איך דיך וואָרענען, אַז איך וועל עס נישט ליידן. מיר האָבן נאָר וואָס אויפגעבויט אַ היים ווי נאָרמאַלע מענטשן טוען... איך וויל נישט דו זאָלסט עס ווידער צעברעכן און אַוועק וואַנדערן גאָט ווייס פאַר ווי לאַנג."

לעאָן האָט זיך איינגעהערט מיט גרויס שטוינונג צו זינאַ'ס רייד.

„דאָס איז בייעס פאַר מיר, כ'האָב קיין וואָרט וועגן דעם נישט געהערט. און איך גלויב גאָר נישט, אַז איך בין פּאַסיק פאַר דעם".

„נו, גוט, איך האָב דיר בלויז געלאָזט וויסן און אָנזאָגן, אַז דו זאָלסט אפילו נישט אָנהויבן טראַכטן צו גיין ערגעץ וואוהין."

„נישט אַפילו באַזוכן דאָ אונזערע עלטערן, דיינע און מיינע?"

„מיין מוטער", זאָגט זינאַ און איר קול איז געוואָרן ווייכער. „איך וואָלט וועלן מיטגיין... ווען איך וועל זיך פילן בעסער... יאָ, איך האָב שיער פאַרגעסן... ווען דו ביסט דאָ נישט געווען איז געקומען אַ יונ־גערמאַן דיך זען... ער זאָגט, אַז איר האָט זיך געקענט אין אייערע יונגערע יאָרן... איר זייט געווען פריינד... ער איז זייער אַ שעמעוו־דיקער און אַ באַשיידענער... איך האָב קוים פון אים אַרויסגעקראָגן זיין נאָמען, דוכט זיך ער האָט געזאָגט, אַז ער הייסט אַלבערט. ער וועט נאָך אַמאָל קומען... ער וויל דיך זען".

אַ ל ב ע ר ט

לעאָן איז געבליבן אומרואיק און טיף באַוועגט נאָך דעם קורצן געשפּרעך מיט זינאַן. אומרואיק איז ער געוואָרן פון דערהערן, אַז אַ פּלאַן איז דאָ אים צו שיקן צו די לעבעדיקע, אַז ער ווערט באַטראַכט צו זיין אַ פּאַסיקער דעלעגאַט אַהינצו. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים טיף צערודערט. ער האָט אייגנטלעך זיך נישט געקענט דערקלערן פאַרוואָס דאָס זאָל אים אַזוי אויפרעגן? מחמת דער געדאַנק איז אים גאָרנישט געווען אַזוי ניי. זאָל דאָס זיין דערפאַר, וואָס ער האָט נאָך נישט געוואָלט גיין... אפשר איז עס צו פרי פאַר אים? אָדער דערפאַר, וואָס זינאַ איז אַזוי שטאַרק קעגן דעם? ער האָט באַשלאָסן ביי זיך אַז בעסער וועט זיין די גאַנצע אָנגעלעגנהייט אָפּצולייגן פון טראַכטן פאַר שפּעטער און זיך פאַרנעמען איצטער מיט אַן אַנדער ענין, וואָס האָט אַזוי שטאַרק זיין געמיט באַוועגט און אויפגעלעבט זכרונות און געפילן דורך דעם נאָמען און געשטאַלט פון זיין אַלטן פריינד אַלבערט.

ס'איז געווען אַ טיפע און זעלטן געטרייע פריינדשאַפט, אַזאַ וואָס טרעפט איינמאָל אין לעבן. לעאָן געדענקט אים צו זיין אַ שוואַך און איידל געבויטער, נישט באַזונדערס שיינער יונגערמאַן. ער האָט גע־האַט שיטערע האָר אויף זיין מיט פּריסציקלעך באַדעקטן פּנים, אומע־

טיקע ברוינע אויגן און דיקע, נישט דיסציפּלינירטע קאָפּ־האָר. ער איז געווען אַ שעמעוודיקער יונגער מענטש, זייער סענסיטיוו צו קונסט, זייער מוזיקאַליש, שטענדיק פאַרטראַכט און קרענקלעך. ווי אַזוי און ווען זייער פריינדשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן געדענקט לעאָן נישט. ער האָט נאָר געפילט, אַז ער איז מיט קיינעם נישט געווען אַזוי צו־פרידן צו זיין איינעם ווי מיט אים. זיי האָבן שטענדיק געהאַט וועגן וואָס צו ריידן, זיי האָבן גאָר קיין סודות צווישן זיך נישט געהאַט. זייערע אינטימסטע חלומות, צווייפל און מורא האָבן זיי געטיילט צווישן זיך.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ביידע האָבן געלערנט די זעלבע מלאָכה אַחוץ זייער קונסט. און ווען די צייט איז געקומען פאַר זייערע יונגע וואַנדער־יאָרן, האָבן זיי צוזאַמען אויסגעפּלאַנירט זייערע וועגן און טאַקע זיי אָנגעהויבן דורכצופירן איינעם. זיי פלעגן אָנקומען אין אַ שטאָט, געפינען אַרבעט, אַ צימער צו וואוינען און אויפנעמען אין זיך אַ פרעמדע שטאָט, לאַנד און אַ נייע שפּראַך, נייעם פאָלק. זיי פלעגן צוזאַמען איבערלעבן אַנטציקונגען, שפּאַס און שווער־קייטן, טיילן זייערע האָפענונגען און חלומות וועגן ליבע, און אַלע אירע סודות, וואָס זיינען נאָך אַלץ געווען פאַרבאָרגן פאַר זיי ביידן.

אַלבערט האָט שמערצלעכער געליטן פון דעם פאַרלאַנג צו פאַרזוכן ליבע ווי זיין חבר, האָט אָבער נישט געוואוסט וואו עס צו געפינען און ווי אַזוי זיך צו באַגיין אַרום דעם. אין איינעם פון אַזוינע טעג האָט אַל־בערט, נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט זיין פריינד, דערקלערט, אַז זאָל זיין וואָס עס וויל, ער וועט אַרויסגיין דעם אָוונט אויף דער גאַס און זיך נעמען אַ פרוי. ער האָט געמיינט אַז ער ווייס ווי צו דערקענען די נקבה צו וועלכער מען מעג זיך ווענדן...

און ער איז אַרויסגעגאַנגען. לעאָן איז געבליבן אין זייער צימער לייענענדיק און וואַרטנדיק אויף זיין פריינד׳ס צוריקקום, אַביסל באַ־זאָרגט וועגן זיין אונטערנעמונג. אין צוויי שעה אַרום אָדער ווייניקער, איז אַלבערט צוריקגעקומען. אַ קורצער בליק אויף אים איז געווען גענוג צו דערזען זיין פאַרצווייפלטן צושטאַנד. ער האָט דערציילט זיין פריינד געגנוי אַלץ וואָס מיט אים האָט געטראָפן דעם אָוונט אין זיין פאַרזוך צו געפינען ליבע. ער איז, דערציילט ער, געגאַנגען און מיט די אויגן געפּרוווט פון ווייטנס צו באַשטימען וועגן אַן אָנקומענדיקער פרויען געשטאַלט, און טרעפן לויט איר קלייד, האַלטונג און סילועט,

צי זי איז אַזאַ אָדער ניט אַזאַ. זיין האַרץ, זאָגט ער, האָט אין אים געהאַמערט מיט גרויס ווייטיק ווען ער האָט געמיינט, אַז אָט די וואָס דערנענטערט זיך איז אַזאַ וואָס מען מעג, און מיט דערלייכטערונג דערזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות. ענדלעך איז ער מיט אַ שאַרפן האַרץ קלאַפּן און אַ ווייטיק אין אַ זייט און רוקן, צוגעטראָטן צו אַ פרוי וואָס איז געשטאַנען ביי אַ פענסטער פון אַ קלייט. ער איז צוגעגאַנגען און שטיין געבליבן ביי איר זייט, נאָענט צו איר, און קוים־קוים צו הערן אַרויסגערעדט מיט טרוקענע ליפּן: „אַנטשולדיקט, וואָלט איר וועלן גיין מיט מיר?" זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ דערשטוינטן בליק, און ברייט געעפנטע אויגן, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט. ער האָט זי אויך אָנגעקוקט שטום פון שרעק און אַרויסגערעדט מיט גרויס מי: „איר פאַרשטייט נישט?" „ניין" איז געווען איר ענטפער, „איך פאַר־שטיי נישט".

„אַנטשולדיקט".

און ער איז מיט אַ געפיל פון שאַנד און דערלייכטערונג אויף גיך אַוועק פון איר. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ס'וועט זיין גענוג פאַר דאָס מאָל, גענוג זיך פייניקן. פאַרוואָס מוז אַ מענטש טאָן אַ זאַך, וואָס איז אים אַזוי דערווידער, אַזוי שמערצלעך דערווידער? ער וועט גיין צוריק צו זיין צימער, צו זיין בעט, זיין פריינד און רו.

אָבער ווען ער האָט זיך פאַרקערט אַרום דעם עק בולוואַר, אַ גאַס אָדער צוויי פון זיין הויז האָט ער זיך פּלוצלינג אָנגעשטויסן אויף אַ געשטאַלט פון אַן אַנדער פרוי, וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם ליכט פון אַ גאַס־לאַמטערנע מיט אַ שטאַרקן ליכט־שטראַל אויף דעם עק פון איר ברייטן הוט און וואַרפנדיק אַ שוואַרצן שאָטן אויף איר פּנים, באַ־לויכטנדיק בלויז איר שפּיץ נאָז. זי איז געווען גאָר אַן צווייפל אַ פרוי פון די וואָס זיינען גרייט געווען צו ווערן גענומען. ער איז גלייך ווי אַריינגעפאַלן אין אירע אָרעמס. זי האָט נישט געוואַרט ער זאָל איר פרעגן דערלויבעניש, זי האָט בלויז אַרויסגערעדט: „מיין האָניק־זיסינקער" און דערנאָך צוגעגעבן אַז איר צימער איז דאָ באַלד אַרום דעם ווינקל־גאַס און נישט טייער, ער דאַרף נישט מורא האָבן.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי היפּנאָטיזירט. זי איז געגאַנגען אַ האַלבן טריט אים פאָרויס האַלטנדיק אַן אויג אויף אים, נישט צו געבן אים אַ געלעגנהייט צו אַנטרינען. זי האָט אים צוגעפירט דורך אַן ענגן טרעפּן־גאַנג צו דער טיר פון איר צימער אויף דעם אויבערשטן

שטאָק, געעפּנט מיט אַ גרויסן שליסל די טיר און אָנגעצונדן אַ גאַז ליכט־ברענער. זי האָט אים פאַרבעטן צו זיצן, זיך פילן היימיש, אין דער צייט וואָס זי וועט אויסטאָן איר הוט און מאַנטל שטייענדיק מיטן פּנים צום קליידער שראַנק.

ער האָט דערווייל באַקוקט דעם צימער. אַ גרויס בעט איז געשטאַנען אין מיטן. אַ טיש, אַ שטול און קליינע שטיקלעך מעבל, אַן אַלט אויסגעריבן קאַרפּעט איז געלעגן צעשפּרייט אונטער די פיס. אַ וואַש־שטענדער, אַ קליין הייך־אויוועלע, אַלע זייער אָרעם און נישט פריינדלעך. פּלוצלינג האָט ער זי אָנגעקוקט, גלייך אין פּנים אַריין און האָט אויפגעשוידערט. ער האָט פאַר זיך דערזען אַ פרוי שוין ווייט אין יאָרן, אַלט גענוג צו זיין אים אַ מוטער. אין אַ פּאַניקע האָט ער געכאַפּט זיין הוט און זיך געלאָזט צו דער טיר. זי האָט דאָס פאַרויסגעזען און האָט אים פאַרצוימט דעם וועג, האָט אים געפאַנגען אין אירע אָרעמס מיט אַ געשריי: „איך בעט אייך, גייט נישט אַוועק פון מיר, האָט רחמנות, גייט נישט אַוועק.“

ער האָט צוריקגעשריען: „איך קען נישט, ס׳איז אוממעגלעך!“

זי האָט זיך ווייטער געבעטן: „טוט מיר נישט וויי, בלייבט ביי מיר“... ער האָט געמיינט, אַז זי איז אויסן געלט, האָט ער אַרויסגענומען אַ האַנטפול מיט מטבעות און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש און ווידער געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויסצולויפן. האָט זי מיט געוויין זיך אָנגעהויבן בעטן, שלאָגנדיק מיט די פלאַכן פון אירע הענט איבערן בויך: „איר זעט, זעט, איך בין טראָגנדיק... איך טראָג אַ קינד... ווייס נישט פון וועמען, איך דאַרף האָבן אַ באַשיצער, איך בויטיק זיך אין אַ פאָטער פאַר מיין קינד...“ האָט זי געשריען היסטעריש...

זי האָט אים ווידער אַרומגענומען מיט אירע אָרעמס, אים געדריקט צו זיך, ווידערהאָלנדיק מיט טרערן: „זייט נישט גרויזאַם צו מיר, בלייבט דאָ ביי מיר, כ׳וועל אייך געבן ליבע, איך וועל אייך באַדינען... האָט רחמנות...“

מיט אַ פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונג האָט ער זיך באַפרייט פון אירע אָרעמס, זיך אַרויסגעריסן צו דער טיר, אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ גלייך צו זיך אַהיים אין עקעל און שרעק, קראַנק אין מאָגן און ביטער אין האַרץ. ער האָט מער קיינמאָל נישט געפּרואווט צו זוכן ליבע. זיינע לונגען האָבן אָנגעהויבן ווערן שוואַכער און פעדעם בלוט האָבן זיך באַוויזן אין זיין הוסט. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן באָדן צווישן לעבעדיקע. דער

וועג אַראָפּ האָט געדויערט ביי אים איבער דריי יאָר. די פריינדשאַפט צווישן אים און לעאָנען איז געוואָקסן טיפער און ענגער. לעאָן האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען שטונדן און טעג מיט אים ריידנדיק און טרוימענדיק וועגן אַלץ אין דער וועלט, קונסט, לעבן, גאָט און דער־הויפּט ליבע פון וועלכער ער האָט גאָרנישט געוואוסט, קיינמאָל גאָר־נישט פאַרזוכט, אַפילו נישט קיין קוש, אַפילו נישט אַ באַריר פון אַ יונג מיידלס קיילעכדיקן אָרעם. ווען ער איז געלעגן אויף זיין טויטן־בעט, קורץ פאַר זיין סוף, האָט ער געבעטן לעאָנען ער זאָל אים ברענ־גען אַ גלאָז שאַמפּאַניער־ווין — עטוואָס צו פאַרזוכן פון דעם, וואָס די וועלט פאַרמאָגט פון גענוס און גליק.

*
**

ווען די צוויי פריינד האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי לאַנג געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן, געקוקט טיף אין יעדן איינעמס אויגן אַריין, איידער זיי האָבן געקענט אויסריידן אַ וואָרט. צולעצט האָט לעאָן גע־זאָגט:

„מיר זיינען איצט פון פאַרשיידענעם עלטער, איך בין איצט דריי מאָל אַזוי אַלט ווי דו. דו ביסט דערזעלבער אַלבערט, איך וואָלט דיך דערקענט אָן אַ רגע צווייפל, וואָלסטו מיך אויך אַזוי גרינג דערקענט?”

„ניין, לעאָן, נישט ביים ערשטן בליק. אָבער איצט זע איך, אַז דו האָסט זיך גאָר נישט געביטן, ביסט דערזעלבער, בלויז די האָר זיינען ווייס געוואָרן און עטלעכע קנייטשן האָבן זיך אַרום די אויגן אויסגע־לייגט.”

אַלבערט האָט געהאַט אַ זייער קאָמפּליצירטן קול. עס האָט גע־קלונגען ווי עטלעכע נאָטעס איינעם, אַן אַקאָרד אין מינאָרנעם שליסל, אָנגענעם און רירנד. לעאָן איז ערשט איצטער באַוואוסט געוואָרן פון דעם צויבער אין אַלבערטס שטימע. אָן צווייפל איז, אַז אַ טייל פון דעם פאַרגעניגן וואָס ער האָט געהאַט ריידנדיק מיט זיין פריינד, איז גע־קומען פון זיין זעלטענעם שטימע־טעמבר. לעאָן האָט אויך געטראַכט, אַז אַלבערט איז איצט שענער געוואָרן אין זיין פּנים. זיין הויט פון געזיכט איז געוואָרן ריינער און האָט געקראָגן דעם רייץ פון אַלעבאַס־טער, מיט אַ לייכטן ראָזיקן ניואַנס, אַ לייכטער טאָן, וואָס קומט און פאַרגייט, ווי עס וואָלט אָפּגעשפּיגלט דעם בייט פון אַטמאָספערישע דערשיינונגען. ער האָט געפונען זיין אַלטן פריינד אויף אַזוי פיל שענער,

אַז ער האָט צו זיך געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַז פרויען וואָלטן אים באַ־טראַכט פאַר זייער צוציענד. און ער האָט געזאָגט צו אַלבערטן:

„הער מיך אויס, אַלבערט, אפשר וואָלסטו זיך איבערגעקליבן נעענטער צו אונז? איך וואָלט אַפילו פאָרגעשלאָגן, אַז דו זאָלסט זיך באַזעצן אין אונזער ווינקל, איך בין זיכער אַז זינאַ, דו האָסט זי געזען, וואָלט עס גערן אויפגענומען."

„זאָג מיר, לעאָן, איז זינאַ די יונגע מיידל צו וועלכער דו האָסט זיך גע'שדכנ'ט ווען מיר זיינען נאָך ביידע געווען יונג? יאָ? דו גליק־לעכער בחור!"

„נו, אַלבערט, וואָס זאָגסטו וועגן מיין פאָרשלאַג? דו וואָלסט נישט געווען דער איינציקער מיטגליד פון אונזער ווינקל. דאָרט געפינט זיך אַ יונגע דאַמע, וועלכע דו וואָלסט אָפט געטראָפן, זי איז שטענדיק צו טרעפן אין דער נאָענט, און נאָך איינע איז צו טרעפן דאָרט, און שרעק זיך נישט, קיין איינע פון זיי זוכט נישט אַ פאָטער פאַר זייער נאָך נישט געבוירן קינד."

אַ צאַרט ראָזיקע פאַרב האָט זיך צעשפרייט איבער אַלבערטס בלאַס־דורכזיכטיק פנים: „לעאָן, איך בין נאָך נישט אין גאַנצן פריי פון דעם חיה'שן פחד פאַר פרויען".

„נו, גוט, אַלבערט, עס וועט זיך דאָ אויסוועבן. מיר וועלן מער וועגן דעם נישט ריידן. לאָמיר איצט נעמען ווי אַמאָל אַ קליין־לאַנגן־שפּאַציר. איך האָב דיר זאַכן צו דערציילן און דיך צו פרעגן. לאָמיר נעמען אָט דעם וועג... ער לויפט, דאַכט זיך, ביים ברעג פון אַ ים..."

און די צוויי אַלטע חברים, ווי אַמאָל, פּונקט יאָר צוריק, האָבן זיך פאַרלוירן אין אַ לאַנגן נשמה־ הארץ־ און שכל־געשפּרעך...

„פאַרשטייסט, אַלבערט, אַנדערש פון דיין לעבנס־מזל, וואָס איז געווען ביי דיר קורץ און ביטער, איז מיר אַן אַנדער חלק צוגעטיילט געוואָרן. כמעט אַלע זיסע און געשמאַקע מאכלים זיינען מיר סערווירט געוואָרן. אין דער אמתן האָב איך פון לעבן געקראָגן מער ווי ס'איז מיר געקומען. מענטשן זיינען געווען גוט צו מיר, ליבע און כבוד זיינען מיר צוגעטיילט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן פון מיין לעבן אין אומדער־וואַרטעטע פאָרציעס, אַזוי אַז ווען איך האָב דערגרייכט זיבעציק האָבן מיר מיינע פריינד געגעבן אַ באַנקעט מיט רעדעס פול ליב און שבחים, ווי עס פירט זיך. איך גיב צו, אַז ס'איז מיר געווען אָנגענעם צו הערן די איבערטריבענע קאָמפּלימענטן און ווען איך האָב ביים סוף געדאַרפט

ענטפערן האָב איך זיי געזאָגט: „איך גלויב, אַז איר אַלע מיינע טייערע פריינד, דערוואַרטן פון מיר אויפדעקונג פון אַ סוד, דעם סוד פון וואָס עס טוט זיך אין מענטשלעכן לעבן נאָך זיבעציק." די נייגעריקייט מיט וועלכער אַלע האָבן פאַרשפּיצט זייערע אויערן, האָט באַשטעטיקט, אַז זיי וואָלטן עס טאַקע וועלן וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער אַנדערער זייט פון זיבעציק. האָב איך זיי אָנגעהויבן צו דערציילן זאַכן... איינע פון מיינע אימפּראָוויזאַציעס, האַלב ערנסט, האַלב שפּאַס און צום סוף בין איך דאָך געקומען צו אַן אויפריכטיק וואָרט, און צוגעגעבן, אַז אין גרונד, איז קיין אונטערשייד נישטאָ צווישן דיביידע זייטן פון זיבעציק. און איצט ווען מיר זאָל אויסקומען ווידער צו שטיין פאַר אַן עולם און איך זאָל זיי דאַרפן דערציילן וואָס עס טוט זיך אויף דער אַנדערער זייט פון טויט, וואָס דענקסטו וואָלט איך זיי געקענט און געדאַרפט דערציילן? אויך ווי דעמאָלט, אַז סאיז קיין גרונד־אונטער־שייד נישטאָ, אָדער וואָס? אַלבערט, דו ביסט דאָך שוין דאָ אַ צייטלאַנג, זאָג מיר, וואָס איז דאָס לעבן, וואָס מיר לעבן דאָ? צו וואָס איז עס גע־גליכן? וואָס איז עס?"

אַלבערט האָט פאַרהאַלטן זיין טראָט, האָט צוגעקערט זיין פּנים צו לעאָנס, האָט אַרויפגעלייגט זיין גרינגע האַנט אויף זיין פריינד און געפרעגט: „לעאָן, איז טאַקע פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז דו וועסט דאַרפן שטיין פאַר אַן עולם דאָרט און אַנטפּלעקן פאַר זיי די סודות פון אַ לעבן נאָכן טויט? זאָג עס מיר, לעאָן, עפּעס פיל איך אַן אָנדייט אויף דעם אין דיינע רייד."

„ניין, אַלבערט, ניין. ס'איז בלויז געווען עטלעכע טעג צוריק, אַז זינאַ האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט געהערט אימיצער האָט גערעדט וועגן שיקן דעלעגאַציעס צו די לעבעדיקע, און מיין נאָמען, מעגלעך צווישן אַנדערע נעמען, איז דערמאָנט געוואָרן. אָבער איך וויל עס נישט, איך בין נישט גרייט און נישט פּאַסנד, איך וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַזאַ פאָרשלאַג."

„וואָלסטו, טאַקע זיך אָפּגעזאָגט? וואַרט, דו דאַרפסט מיר נישט ענטפערן. איך קען דיך פון פריער, און איך ווייס דעם ענטפער. זאָג מיר נאָר, איז דאָס דער גרונד פאַר וואָס דו ווילסט מיך האָבן אין אייער ווינקל?"

איצט האָט לעאָן פאַרהאַלטן זיין טראָט און אַ קער געטאָן דעם

פנים צו זיין פריינד און אַריינגעקוקט אים אין די אויגן מיט אַ מורא־געפיל:

„אַלבערט, זאָג מיר, איז עס מעגלעך... אמת, אַט דאָס וואָס דו האָסט נאָרוואָס געזאָגט וועגן מיר?"

אַלבערט האָט צו אים געשמייכלט מיט זיין רואיקן חנ׳עווודיקן שמייכל: „רעג זיך נישט אויף, לעאָן. די גאַנצע זאַך קען זיך נאָך אפשר אויסלאָזן מיט גאָרנישט. איצטער לאָמיר זיך בעסער אומקערן צו אונזער טעמע: וואָס איז דאָס לעבן דאָ אין דער אמת׳ן? — פּרעגסטו. איך בין שוין דאָ אַרום פופציק יאָר, ריידנדיק מיט דעם אַלטן צייט־באַגריף... כ׳האָב דאָ געהאַלטן מיינע אויגן אָפן, באַטראַכטנדיק און נאָטירנדיק פאַקטן וועגן לעבן און טויט דאָ־הי. מענטשן שטאַרבן דאָ אויך. מיט מאַנכע טיילן פון זייער וועזן שטאַרבן זיי דאָ אָפּ. דו וועסט עס אויך זען נאָך אַ צייט פון זיין דאָ. איך האָב פיל זאַכן באַטראַכט, זעלטן אַ געלעגנהייט געהאַט צו ריידן. כ׳קען זאָגן אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל פאַר מיין צייט דאָ, וואָס איך נוץ ווערטער, וועל איך אפשר זיין אומ־באַהאָלפן אין מיין ענטפער צו דיינע שאלות. פאַרשטייסט דאָך, אַז נאָכאַלעמען קען דאָך דאָ נישט זיין דערזעלבער מין לעבן וואָס דאָרטן. דער קערפּער מיט זיינע מאַטעריעלע פאָדערונגען פון שפּייז און אַנ־דערע פונקציעס זיינען דאָ אויסגעשלאָסן. וואָס מיר האָבן דאָ איז בלויז זכרונות, זכרונות פון ווערטער און וואָס זיי באַדייטן. געדענקסטו, לעאָן, ווי מיר פלעגן זיך אויסלעבן אין ווערטער?! ווערטער האָבן געהאַט דעם כוח אונז קלאָר צו מאַכן זאַכן, אָדער זיי פאַרווירן. ווערטער האָבן אונז געקענט אַריינברענגען אין עקסטאַז און אויך אין בייזן צאָרן, זיי האָבן אונז געקאָנט ברענגען רו, מאַכן אונז ליב האָבן און האַסן. צוערשט זיינען שטענדיק געווען ווערטער, און נאָך זיי זיינען געקומען געדאַנקען, געפילן און מעשים. זיינען זיי פאַרבליבן דאָ אין אונזער זכרון און האַלטן אונז אין זייער כישוף. זיי וועלן אפשר מיט דער צייט זיך אויסוועבן און מיר וועלן אָנהויבן טראַכטן דורך אַנדערע מיטלען און פאָרמען. וואָס פאַראַ מיטלען און פאָרמען דאָס וועלן זיין, ווייס איך נישט. איך בין נאָך דערוויל אָפּהענגיק פון ווערטער נישט ווייניקער ווי אין מיין פריערדיקן לעבן און וועל דורך זיי פּרואוון דיר איבערגעבן וואָס איך בין דאָ־הי."

„רייד אַלבערט, ווערטער פעלן דיר נישט, דו האָסט זיי נאָך נישט פאַרגעסן... רייד..."

„עס האָט מיר גענומען צייט, לעאָן, ביז איך האָב זיך באַפרייט פון דעם אַלטן לעבנס־פלאַנטער, זיך אַרויסגעריסן פונם אַמאָליגן נעץ אָט ווי דו ביסט נאָך איצטער פאַרוויקלט... איך זע עס... עס האָט לאַנג געדויערט ביז אַ נייער עקזיסטענץ־געפיל, אַ באַוואוסטזיין פון אַ נייעם זיין... אַ האַלב־גייסטיקער און האַלב־פיזישער... ס'הייסט נישט, אַז איך האָב מיך אָפּגעריסן פון אַמאָליקער עקזיסטענץ, ניין, ווערטער, חושים, געדאַנקען, עמאָציעס זיינען פאַרבליבן ביז נאָך היינט אין מיר אָבער זיי זיינען געוואָרן וואונדערלעך גערייניקט און געליי־טערט, עפּעס ווי לייכטער אין געוויכט, אַזוי צו זאָגן, מיט אַ מין דורכ־זיכטיקייט. איך דערמאָן זיך אַמאָליקע וויכוחים, אַ פּונקט פון באַטראַכ־טונג און אַ מאָס פון באַטראַכטונג — „פּונקט און סקייל". אַ פּונקט פון באַטראַכטונג האָט געהייסן דאָס שטודירן פון אַ דעטאַל, פון אַן איינצלנע דערשיינונג, לאָמיר זאָגן איין אָרגאַן פון אַ קערפּער, זיין פונקציע, געוועב און כעמישער צונויפשטעל... די „סקייל" פון באַטראַכטונג האָט געהייסן אַ ברייטער און גרויסער אַרומנעם, עפּעס סטאַטיסטישעס, טעלעסקאָפּיש, אַסטראָנאָמיש... עפּעס אַזאַ באַטראַכטונג, וואָס פאַר־בינדט דעם איינצלנעם פאַקט מיט דעם יוניווערס. איך דערמאָן זיך, געלערנט, אָדער געהערט, די אַרגומענטן פאַר דער וויכטיקייט פון אַזאַ גרויסן צוגאַנג... און איך דערמאָן זיך אַזאַ סאָרט אילוסטראַציע: אַ קליין שוואַרץ מוראַשקע קען זיך זיין שטאַרק־שטאַרק פאַרנומען מיט דעם שטודיום פון אַ שפּאַלט אין דעם קלאַנג־ברעט פון אַ פּיאַנאָ, עס וועט אָבער קיינמאָל נישט דערגרייכן דעם שכל פון דער פּיאַנאָ, אַלס אַ מוזיקאַלישער אינסטרומענט... אַ פליג קען זיין פאַראינטערעסירט אין באַטראַכטן דאָס גלאָז פון אַ שויב אין אַ פענסטער, וועט אָבער קיינמאָל נישט פאַרנעמען די באַדייטונג פון אַרכיטעקטור. איך לאָז מיך אָפּט אַרויס פון דאַנען אַהין, פאַר אַ באַזוך צו וויסנשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס און לעקציעס... פאַרשטייסט דאָך, אַז אַלע טירן, טויערן און פענסטער זיינען פאַר אונז אָפן, קיין איינטריטס־קאַרטן דאַרפן מיר נישט האָבן. הער איך זיך איין וועגן די מעטאָדן פון אונטערזוכונגען... מען קוקט געגוי אַריין אין דער סטרוקטור פון שטאָף, מען דערגרייכט דעם אַטאָם, מען צעלייגט, צעשפּאַלט אים אויף שטיקלעך, אויף זיינע טיילן, דעם עלעקטראָן, פּראָטאָן, ניוטראָן... זיי קומען צו אַ פּונקט וועןשטאָף ווערט אַזוי דין, אַזוי נישט צוזעמגלעך, מער גייסט ווי שטאָף, אָדער אינגאַנצן נישט גייסט אָדער אין גאַנצן נישט שטאָף... אַ בלויזע

באַוועגונג... אַ באַוועגונג פון וואָס? דאָס ווייסן זיי שוין נישט... און כדי עפּעס צו זאָגן האָבן זיי צוגעטראַכט אַ וואָרט, און דאָס הייסט די „טעאָריע פון מעגלעכקייט״... אַז אַלץ איז מעגלעך... וואָלטן אָבער די אונטערזוכער גענומען אַ ברייטן מעטאָד פון באַטראַכטונג, וואָלטן זיי אפשר דערגרייכט צום תוך פון דער וועלט... אפשר...״

„האָט עס דען איינשטיין נישט געטאָן?״

„אפשר, לעאָן, איך ווייס נישט. אָבער איך פיל עס אין מיר דאָ. מיר דוכט זיך, אַז איך שטיי אויף אָט אַזאַ הויכן און ברייטן שטייגער פון זעאונג. איך האָב אַ באַשטימטן געפיל, אַז איך טראָג אין זיך עלעמענטן פון דעם גאַנצן יוניווערס, אַלע אַטאָמען און זייערע טיילן אין זיך אין זייער געצווימטן און אין זייער שטורמישן געראַנגל, אין זייער ווילדן געדריי אַרום זיך און אין זייער דיסציפּלינירטן קרייז־לויף... קוקנדיק אָט אויף מיין האַנט, זע איך דורך איר צודעק אַלע מוסקולן, ביינער, אַרטעריעס, בלוט און נערוון, אַלע עלעמענטן אין זיי, אַלע אין געלויף און געדראַנג אין אומאָרדנונג, וואָס איז אויך פּערפעקטע אָרדנונג. איך פיל אין זיך ביליאָנען צעלן, וואָס טראָגן אויף זיך אָפּגעדרוקט זכרונות פון אַלע צייטן פון ערשטן טאָג וועלט־באַשאַף, דורך שטיין, בוים, איינצעליקער אַמעבאָ, חיה, פּרימיטיווער מענטש, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אויפגעהויבן אויף צוויי פיס, איז שטיין געבליבן און דערזען דעם הימל... איך האָב אַ וואונדערלעכן געפיל, אַז איך זע יעדע און אַלע טראָפּנס פון ים און דעם ים אַליין... אַלע קערנדלעך זאַמד, און דעם מדבר וועלכן זיי באַשאַפן. איך פיל אַלץ און אַלעמען, יעדן ברעקעלע אין זיך און זיי אַלע צוזאַמען, וואָס שאַפן אין מיר אַ פּרצוף, וואָס זיין נאָמען איז אַלבערט. איך פיל, אַז מיר אַלע, טויזנטער מיליאָנען מענטשן פון אַלע דורות זיינען זיך צונויפגעקומען אונטער איין דאַך, און אַז דער דאַך איבער זיי הייסט אַלבערט. איך דערמאָן זיך איצט, ווי זיי פלעגן מיך באַזוכן אין מיינע חלומות און קאָשמאַרן... דאָס זיינען אַלץ עלטערן און זיידעס, קינדער און קינד׳ס קינדער, געוועזענע און צוקונפטיקע... אין אומענדלעכקייט, און אינמיטן שטיי א י ך. וואָס איז דאָס אַלץ? ווי אַזוי דאָס איז אַלץ געשען מיט מיר און אין מיר — דאָס וויל איך דערגיין פון מיין הויכן, גאָר־גאָר הויכן אָבסערוואַציע טורעם...״

אַזוי האָבן די אַלטע פריינד זיך אַנטפּלעקט און זייערע הערצער געעפנט. אַלבערט האָט נאָך אַ פּויזע צוגעגעבן: „און מיט מיין גאַנצער

אינטעלעקטועלער קלאָר־זעעניש און איינזעעניש קען איך נישט באַ־הערשן אין זיך אַ ציטער פון פּחד ווען איך דערזע אַ פּרויען־געשטאַלט דאָ... און דענק דיר — אויף אַ זיכערער — דיסטאַנץ און מצב... אין אַן אַבסטראַקטער פאָרם...״

„אָ, אַלבערט, מיר וועלן דאָ דיך מוזן באַפרייען פון דעם. קום באַקען זיך מיט זינאַ, קעיט און ליזאַ... קום, ציטער נישט, קעיט און ליזאַ וועלן אפשר מער מורא האָבן פאַר דיר ווי דו פאַר זיי... קום.״

„ניין, לעאָן, נישט היינט, אַן אַנדערש מאָל, אפשר מאָרגן״.

„יאָ, קום מאָרגן, דינסטאָג, צו זינאַ׳ס קלוב „נאַקעטע נשמות״.

דער קונסט־קאָמיטעט

זשאַן האָט געזאָגט צו לעאָנען: „דער קונסט־קאָמיטעט פאַר מאַרק־און סטעללאַ־אַנגעלעגנהייט, געדענקסט דאָך, האָט געהאַט אַ זיצונג, ווען דו ביסט נישט געווען. מיר האָבן דיך געזוכט און אויף דיר גע־וואַרט. דו האָסט דאָך נישט פאַרגעסן?״

„ניין, כ׳האָב נישט פאַרגעסן. דערציייל מיר, וואָס איז דאָרט פאָר־געקומען? און ווער איז געווען?״

„אַלע און יעדער איינער און אַ סך אַנדערע. רעמבראַנדט און סעזאַן זיינען געקומען און אַביסל שפּעטער אויך די טראַגישע גרופּע, וואַן־גאָה, גאָגען, מאָדיליאַני, סוטין און נאָך״.

„ווער איז געווען פאָרזיצער?״

„זיי האָבן מיך געהייסן זיצן פאָרויס, ביים טיש און פירן די זי־צונג. און ס׳איז נישט געווען אַ גרינגע זאַך, לאָמיך דיר זאָגן, פיל פון זיי רעדן אינאיינעם און אויסער אָרדנונג... כמעט יעדער איינער האָט זיך געכאַפּט דערציילן וועגן די ערשטע אויסשטעלונג, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט, אָדער געזאָלט האָבן און נישט געהאַט. רעמבראַנדט האָט געפרעגט זיין שכן, און זיין שכן איז גראָד געווען סעזאַן, האָט ער אים געפרעגט אין אַ נידעריקן קול, וואָס אַלע האָבן געהערט: „וואָס איז דאָס אַזוינס אַן אויסשטעלונג?״

האָט אים סעזאַן געענטפערט: „דאָס איז אַ זאַך, וואָס קינסטלערס חלומ׳ען צו האָבן, און נאָך דעם ווי זיי האָבן עס געהאַט גייען זיי אַרום מיט אַ האַרצווייטיק... איך ווייס עס, פאַרשאַלטן זאָל עס ווערן...״

„איך האָב זיי שפּעטער פאַרגעשטעלט איינער פאַרן צווייטן. זיי האָבן זיך ביידע לאַנג אָנגעקוקט און דערנאָך האָט סעזאַן געזאָגט:

„זייט איר דאָס דער קעניג פון אַלע מאַלערס?"

„און איר", האָט אים רעמבראַנדט געענטפערט מיט אַ פראַגע, „זייט איר דאָס דער זשעניע מיט אַ שווערן האַמער?"

„און איר זייט דאָס דער דזשענטלמען מיט דעם בעסטן גאָלדיקן הויט־קאָלאָריט וואָס איז ווען געמאָלן געוואָרן?"

„און איר", האָט אים צוריק רעמבראַנדט קאָמפּלימענטירט, „זייט דאָס דער וועגן וועמען אימיצער האָט געזאָגט, אַז אייער אַ געמאָלענער עפּל איז פון גרעסערער באַדייט ווי ראַפאַעלס אַ מאַדאָנאַ."

„אַ, גרויסע נאַרישקייטן ווערן אָפט געזאָגט"... האָט אים סעזאַן באַשיידן געענטפערט, „מיין גאַנצן לעבן־לאַנג האָב איך געוואָלט מאָלן ווי איר, די אַלטע מייסטערס, און נישט געקענט."

„און איך", ענטפערט אים ווייטער רעמבראַנדט, „האָב צום סוף פון מיין לעבן געוואָלט אָנהויבן מאָלן ווי איר, מאָדערניסטן, און האָב עס נישט באַוויזן."

„אַ שאָד טאַקע, וואָס איך בין נישט געווען דערביי", האָט לעאָן געזאָגט. „וואָלט גריילעך געוואָלט זיי ביידן זען און הערן ריידן."

„אַ, זיי זעען ביידע אויס אָט ווי די זעלבסטפּאָרטרעטן וואָס זיי האָבן געמאָלן, נאָר נישט אַזוי גוט".

„און וואָס זיינען געווען די מיינונגען און באַשלוסן?" האָט לעאָן געפרעגט.

„נו, מיינונגען, ווי דו קענסט זיך פאָרשטעלן, זיינען געווען מאָדנע און פערזענלעך שטאַרק באַפאַרבטע; אָבער צום סוף איז מען דאָך גע־קומען צו אַ פאַרנונפטיקן שלוס. די הויפּט־אַרגומענטן האָבן זיך גע־דרייט אַרום דער פראַגע: זיינען מיר באַזאָרגט וועגן קונסט־פּראָב־לעמען, ווען מיר ריידן וועגן דעם פאַרלאַנג פון די צוויי יונגע מענטשן? אָדער וועגן זייערע פערזענלעכע נויטן און דאגות? אויב ס'איז וועגן קונסט אַליין וואָלט דער משפּט געווען אַ נעגאַטיווער... זיי האָבן אַר־גומענטירט, אַז מער קונסט, מער קינסטלער און נאָך מער בילדער איז נישט נייטיק, — פאַרקערט ס'איז אַן איבערפּראָדוקציע. און ווידער, אויב עס האַנדלט זיך וועגן זייערע פערזענלעכע דאגות, איז די באַצי־אונג אויך קיין גינסטיקע געווען. ס'רוב מיינונגען זיינען געווען, אַז זייערע פערזענלעכע נויטן איז זייער פערזענלעכע פּראָבלעם, וואָס זיי

אַליין דאַרפֿן דאָ פֿאַרענטפֿערן... זיי דאַרפֿן אַליין דאָ דורכגיין זייער פּראָצעס פֿון לייטערונג און אַרויסגיין ריין און באַרויִקט... מיר האָבן דאָ נישט קיין אינסטיטוציעס פֿאַר דעם, קיין געריכט און קיין תּפֿיסות".

„וואָס זשע איז געווען דער באַשלוס ?"

„אַ גאָר אומדערוואַרטעטער ! ווען דער פֿאָרשלאָג פֿאַר אַן אויס־שטעלונג איז אַרויפֿגעקומען איז די אַלגעמיינע מיינונג געוואָרן, אַז ס'איז אַ טשיקאַווע זאַך, אָבער אַן אוממעגלעכע פֿאַר די היגע אומ־שטענדן. מיר האָבן דאָ נישט קיין גאַלערייען, קיין נויטיקע באַלייכ־טונג... און די בילדער, וואו ווען מיר דאָ קריגן זיינע בילדער ? קיין קאָלעקטיר־אַגענטור האָבן מיר דאָ נישט, און אַפֿילו ווען מיר האָבן דאָ די בילדער וואָלט געווען אַן אומרעכט זיי דאָ צו ווייזן, ווייל זיי זיינען געמאָלן געוואָרן נישט פֿאַר די היגע אויגן, נישט פֿאַר דער היגער אַטמאָספֿערע, זיי וואָלטן דאָ געשאַפֿן אַ פֿאַלשן עפֿעקט און וואָלטן געווען אויסער פּלאַץ. און אַזוי ריידנדיק איז מען געקומען צו אַ באַשלוס, אַז מען זאָל מאַכן אַן אויסשטעלונג דאָרטן, און אַז בלויז דאָרט קען מען באַשטימען צי ער איז פֿאַר זיי, די לעבעדיקע, געוואונשן און צי ער אַליין וואָלט טאַקע וועלן זיין צוריק. זיין קונסט, ער אַליין און זי מיט אים, וועלן אַזוי אַרום קריגן אַ גערעכטן משפּט. און מיר, דער קאָ־מיטעט וועלן קומען צו דער דערעפֿענונג און זיך איבערציי‍גן וועגן זיין געניאַליטעט."

„אַ גוטער באַשלוס, כ'לעבן."

„„יאָ, לעאָן, און דאָ איז דיין נאָמען דערמאָנט געוואָרן אַלס דער פּאַסנדסטער מאַן צו גיין אַהינצו און אַראַנזשירן די אויסשטעלונג פֿון זיינע ווערק. דאָס הייסט צונויפֿקלייבן די בילדער, אויסגעפֿינען וואו זיי זיינען, קריגן אַ פּאַסנדע גאַלעריע, שאַפֿן גינסטיקע שטימונג פֿאַר זיי, און פֿאַר דעם מאָלער. ס'איז פֿעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דו ביסט פּונקט דער מאַן פֿאַר דעם דעלעגירט צו ווערן, פֿאַרשטייט זיך, אויב דו ביסט ווילִיק. ביסטו עס, לעאָן ? וואָס איז מיט דיר ? ציטערסטו און ביסט בלייך געוואָרן ?..."

„זשאַן, ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך הער אַזעלכע רייד. באַגרייפֿסטו דען נישט, וואָס איר אַלע טוט מיט מיר ? איר שטויסט מיך אַזוי איידל, העפֿלעך און ליבעסווירדיק צוריק אין דעם טומעל און גע־רודער, אין אַ לעבן פֿון פֿלייש און בלוט. אמת, די וועלט איז איינע, גאַנצער שלום און פֿולע רו איז נישטאָ, נישט דאָרט און נישט דאָ...

דאָך וואָלט איך בעסער וועלן פאַרבלייבן דאָ. איך וויל פאַרבלייבן דאָ, פונקט ווי איך האָב געוואָלט פאַרבלייבן דאָרט, ווען איך בין דאָרט געווען. און מעגלעך, און דאָס איז מיין מורא, אַז איך קען זיך דאָרט פאַרפלאָנטערן און נישט וועלן צוריקקומען אַהער נאָכדעם ווי איך וועל דאָרט אָפּזיין... דאָס הייסט, אויב איך זאָל טאַקע אָננעמען דעם פאָר־שלאָג, אַ זאַך וואָס איך האָב נישט באַשטימט... אַחוץ דעם האָט מיר זינאַ ערנסט געוואָרנט, אַז זי וועט עס נישט דערלאָזן... זי איז קעגן...״

זשאַן האָט זיך צוגעהערט און געשמייכלט.

„וואָס שמייכלסטו, וואָס איז דאָ אַזוי קאָמיש?״

„אַזוי זיך, לעאָן, אַזוי זיך.״

אויפגעבראָכענע נשמות

עפּעס גאָר אומדערוואַרטעטעס האָט געטראָפן נעקסטן דינסטאָג אין דעם צונויפקום פון די „נאַקעטע נשמות״ אין זינאַ׳ס ווינקל־הויז. פיל מער געסט זיינען געקומען, מער ווי תמיד. און אַ גאַנץ נייער עלע־מענט האָט זיך באַוויזן פון אַ קענטיק מיליטערישן כאַראַקטער. אַ סך פון זיי קריפּלס, מיט אָפּגעריסענע אברים, פּיס, הענט... קריגס־ווע־טעראַנען אָן צוויפל. ווען זינאַ און זשאַן זיינען אַרויף אויף דער פּלאַט־פאָרמע צו באַגעגענען די פאַרזאַמלטע, האָט זיי קיינער נישט באַמערקט און קיין אויפמערקזאַמקייט געשענקט, נאָר האָבן ווייטער צווישן זיך גערעדט... אין זייער גערייד האָט זיך געהערט דער געברום פון אויפ־געבראַכטע געמיטער. עס איז קלאָר געווען, אַז אַ וויכטיקער ענין באַ־הערשט זיי אַלעמען, און אַז צוליב דעם איז מען געקומען. זיי האָבן אָנגעהויבן וואַרפן אומגעדולדיקע בליקן אויף די עטלעכע געשטאַלטן פון דער בינע.

זינאַ איז נישט זיכער געווען צי זאָל מען עפענען דעם אָוונט אין אַ געוויינטלעכן שטייגער, אָדער לאָזן די פאַרזאַמלטע אויסרעדן זיך אויג צו אויג און האַרץ צו האַרץ. אָבער באַלד האָבן זיך דערהערט רופן... „ס׳איז שוין צייט! עפנט!״ און אומגעדולדיקע אַפּלאָדיסמענטן! „עפנט שוין! אויף וואָס וואַרט מען?״

זינאַ האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט אַ פּאָר באַגריסונגס־ווער־טער און צוגעגעבן אַז אַזוי ווי קיין ספּעציעלע פּראָבלעמען זיינען נישטאָ

אויף דעם סדר־היום, האָט זי געטראַכט, אַז אפשר איז בעסער פאַר היינט אויפצוגעבן פאַרלאַמענטאַרישע פירונגען און לאָזן די געסט זיך באַקענען צווישן זיך און געניסן די גוזעלשאַפט פון זיין שכן. אָבער, זאָגט זי, צייכנס ווייזן אָן, אַז די פאַרזאַמלטע וואָלטן בעסער וועלן די געוויינטלעכע פּראָצעדור, איז גוט. וויל אימיצער עפּעס פאָרשלאָגן וועגן וואָס צו פאַרהאַנדלען היינט ?

אַ הויכער מאַן און אַ דינינקע ווייס־האָריקע פרוי זיינען צוגלייך אויפגעשטאַנען און האָבן פאַרלאַנגט די דערלויבעניש צו ריידן. האָבנ־דיק געקראָגן זינאַ׳ס „יאָ״ האָט דער מאַן אָנגעהויבן מיט אַ שאַרפער הויכער שטימע פול אויפרעגונג:

„עס איז מירווירקלעך אַ שטווינונג צו הערן אייך זאָגן, אַז ס׳איז נישטאָ ביי אייך קיין ספּעציעלע פּראָבלעם אויפן סדר־היום. ווי אַזוי, פרעג איך אייך, קענט איר אַזאַ זאַך זאָגן ? זיינען אייערע אויערן טויב צו די דונערן פון דינאַמיט גרייט אויפצורייסן די וועלט ? איז דאָס מעגלעך אַז איר ווייסט נישט, אָבער מאַכט זיך נישט וויסן, וועגן דער נייער מלחמה, וואָס גרייט זיך אויף דער נאַרישער, אומגליקלעכער מענטשן־וועלט ? ווי שיקט זיך עס, אַז וועגן אַלע לייכטזיניקע זאַכן האָט איר פּלאַץ און אינטערעס אין אייערע אסיפות, וועגן מאָלעריי, מוזיק, ליבעליי, רכילות. פאַר דעם אַלעם האָט איר צייט, אָבער פאַר דעם קאַרדינאַלן פאַקט, פאַר דעם געקלאַפּ פון מיליאָנען יונגע און אַלטע פיס אויף זייער מאַרש צו זייערע קברים, וועגן דעם ווייסט איר גאָר־נישט ! קענט איר דאָס מיר און מיין פרוי פאַרענטפערן, מיר וואָס האָבן פאַרלוירן אין דער לעצטער מלחמה די לעבנס פון אונזערע קינדער און אונזערע אייגענע לעבנס ?״

ער האָט קוים פאַרענדיקט ריידן ווען אַ מענטשלעכער שטורם פון ליידנשאַפטן האָט אויסגעבראָכן. הונדערטער און טויזנטער מענער און פרויען מיט זייערע הענט און פויסטן אין דער הויך האָבן אָנגעהויבן שרייען. אַלע האָבן גערעדט און קיינער האָט אַפילו נישט געפּרוּאווט וועלן פאַרשטיין, וואָס דער אַנדערער האָט גערעדט און געשריען. עס איז געוועזן אַ מענטשהייט אין איר העכסטער אויפברויז. עס האָט אויס־געזען, אַז קיינער וועט נישט וועלן הערן און פאַרשטיין דעם צווייטן, ביז זיין אייגענע אַנטריסטונג, צער און צאָרן וועט נישט ווערן אויס־געשעפּט. עס האָט אָבער נישט אויסגעזען, אַז דאָס וועט אינגיכן געשען. פיל פון זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם רוים, איינציקווייז און

אין גרופּן, נאָך אַלץ שרייענדיק, הויך־ריידנדיק, שלאָגנדיק זייערע ברוסטן מיט די פויסטן.

ווי זינאַ פלעגט עס טאָן פריער, האָט זי אויך איצטער אָנגעהויבן מיט די אויגן זוכן לעאָנען פאַר הילף. די סיטואַציע איז געוואָרן צו געוואַלדיק פאַר איר און פאַר זשאַנען צו באַהערשן. זיי האָבן דערזען לעאָנען און אים אָנגעהויבן רופן, און האָבן פּלוצלינג מיט שרעק דער־זען, אַז ער אַליין איז ענלעך צו זיי אַלעמען, אַז אויך ער איז אַנדערש ווי זיי קענען אים. לעאָן איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער פּלאַטפאָרמע. עפּעס אַ גרויסער כוח האָט אים געטריבן. ער איז געשטאַנען הויך אויפ־געוואָקסן, דעם קאָפּ געהויבן, די אויגן ברייט געעפנט און לויכטענד.

ס׳איז אים אין זינען געקומען, אַז דאָס איז אפשר די פאַרווירק־לעכונג פון זיינע יונגע חלומות וועגן אַ העלדן־לעבן. דאָס זיינען געווען פאַנטאַזיעס, ווי ער וואָלט געשטאַנען אַנטקעגן אַ גרויסע צאָל מענטשן מיט אויגן געווענדט צו אים אין דערוואַרטונג ער זאָל עפּעס פאַר זיי אויפטאָן, אָדער אויסזאָגן. אַמאָל איז דאָס געווען אין דער פאָרם פון אַ צויבערלעך געזאַנג, ווי פון אַ קאַרוזאָ, אָדער שאַליאַפּין, אַמאָל פון אַ גרויסע אָראַטאָרישע לייסטונג, וואָס קען באַוועגן מענטשן צו העלדן־מעשים. דאָס זיינען אַלץ געווען יונגע חלומות צו ווערן אַ פירער פון מענטשן, חלומות פון וועלכע די דערוואַכונג איז שטענדיק געווען אַ פּיינלעכע. דאָס זיינען געווען זיינע זייער פּריוואַטע חלומות פון וועלכע קיינער, אַפילו אַלבערט, האָבן נישט געוואוסט. די דאָזיקע חלומות האָבן אים פאַרלאָזן מיט דעם אָנקומען פון עלטערע און ניכטערע יאָרן, און זיינען איצט, פּלוצלינג אויפגעשוואומען און האָבן אויסגעזען צו ווערן וואָר. ער האָט זיך דערזען שטייענדיק פאַר אומ־צייליקע מאַסן מענטשן מיט פּנימער און אויגן געווענדט צו אים, גרייט אויסצוהערן זיין וואָרט און אָנצונעמען זיין פירערשאַפט. ער האָט אויס־געשטרעקט זיין אָרעם, און דער אויפגעבראַוזטער ים מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן איינצושטעלן, גרייט צו הערן זיינע ווערטער. און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ שטאַרקן קול און איינפאַכע ווערטער:

„איר, וואָס אייערע צאָלן זיינען נישט איבערצוציילן, וואָס זיינען געשטאָרבן אין פריערדיקע מלחמות און וועלן נאָך שטאַרבן אין די קומענדיקע, איר, מיר, מוזן ווערן אַ לעבעדיקער, אַקטיווער כוח אין די מידות פון דער וועלט. אייער גאַנצער צאָרן, און באַדייט, גייט פאַרלוירן אויב מיר, די טויטע ווי זיי רופן אונז, וועלן נישט געפינען אַ וועג צו

זיי, כדי צו ווערן אַ ווירקנדיקער טייל אין מענטשלעכן גורל. מיר, די געשטאָרבענע און גע׳הרג׳עטע מוזן דערקלערן אַ מלחמה נישט נאָר קעגן מלחמות, נאָר אויך קעגן אַלע גרייזן, נאַרישקייטן און פאַלשע נביאים. מיר מוזן אַריינטרעטן אין מענטשלעכן לעבן און צוטראָגן זיי אונזערע העכערע דערקענטענישן און אונזערע גרעסערע צאָלן... מיר מוזן... מיר מוזן!״

און דאָ האָט ווידער אַ שטורם אויסגעבראָכן: „אָבער ווי אַזוי? זאָג אונז ווי אַזוי?״

עס האָט גענומען אַ שטיק צייט ביז ער האָט געקענט זיי זאָגן נאָך עטלעכע איינפאַכע ווערטער:

„מיר מוזן אין זיי, די לעבעדיקע, שאַפן אַ גלויבן אין אונז. צוערשט גלויבן, פון גלויבן ווערט וויסן און פון וויסן ווערן מעשים״.

ווידער האָבן שטימען פאַרדעקט זיינע רייד:

„זאָג עס נאָך איינפאַכער!״

„מיר מוזן גיין צו זיי, און זיך לאָזן דערקענען״.

„זאָג מער!״

די ווייטערדיקע ווערטער וואָס לעאָן האָט געזאָגט און ער אַליין, זיינען אַוועקגעריסן געוואָרן פון מאַסן ווי כוואַליעס פון אַ ים וואָס קומען און גייען. לעאָן האָט זיך געפונען אין דער מיטן פון אַ ים מענ־טשען, געוועזענע מלחמה־מענטשן. ווערטער זיינען געזאָגט און גע־שריען געוואָרן, הימנען געזונגען, ס׳אַלץ געוואָרן איבערגעוואַלדיק און אומבאַגרייפלעך... אָרקעסטרען מוזיק האָבן געשפילט, דונערדיקע אַקאָרדן און כאָרן שטימען האָבן געקלונגען... לעאָן האָט נישט גע־וואוסט, ווי לאַנג דאָס אַלץ האָט געדויערט, און ווען ער האָט זיך ענד־לעך דערשלאָגן צו זיין אייגן ווינקל, האָט ער געטראָפן זינאַ׳ן בלייך און אין גאַנצן דערשעפּט פון מידקייט... זי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און מיט בלייכע ליפּן און ציטער אַרויסגערעדט:

„לעאָן, אָ, לעאָן, זיי נעמען דיך אַוועק פון מיר!״

* * *

לעאָן האָט געזאָגט צו זיין אַלטן יוגנט־פריינד:

„אַלבערט, איך מוז דיר דערציילן, עפּעס וואָס קומט פאָר מיט מיר... איך מוז מיט דיר ריידן...״

אַלבערט האָט אָנגעקוקט לעאָנען און געענטפערט: „איך האָב

אויף דיר געוואַרט. איך בין געווען ביי דער פאַרזאַמלונג לעצטן דינס־טאָג, האָב אַלץ געהערט און געזען... דיין טייל אין דעם... קום און דערצייל מיר וואָס דו האָסט און מוזט.״

זיי האָבן זיך געלאָזן גיין אויף אַ געשלענגלטן וועג, וואָס האָט אויסגעזען ווי דורך גרינע פעלדער, אָדער גרין וואַסער. לעאָן, אַ הויכע פיגור מיט עטוואָס געבויגענע אַקסלען, אַלבערט, אַ דינע געשטאַלט, צערטלעך, איידל, אָבער מענלעך... זיי זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, פלעגן זיך אָפּשטעלן רגע׳ווייז און ווייטער גיין אין שטילשווייגן. ענד־לעך האָט אַלבערט אויסגערופן:

„איך בין גרייט צו הערן, לעאָן.״

„ס׳איז נישט נאָר די זאַכן וואָס דו האָסט געהערט און געזען לעצטן דינסטאָג, ס׳איז דאָס וואָס ס׳קומט פאָר אין מיר די לעצטע צייט, און אפשר גאָר אַלע מאָל, אין אַלע מיינע לעבנס יאָרן, וואָס איך וויל דערציילן. עפּעס אין מיר, אָדער אויסער מיר, סודות׳דיקע כוחות וואָס פירן מיך, אָדער שטופּן מיך פאָרויס, אַהין, אַהער. איך האָב דעם מורא׳דיקן געפיל, אַז די ברירה צו באַשטימען איז צוגענומען געוואָרן פון מיינע הענט, אַז איך בין מער נישט פריי צו פּאָלגן, אָדער נישט צו פּאָלגן אַ רוף, אַ סיגנאַל, אָדער אַ באַפעל. אַלבערט, איך האָב מורא, אַז איך בין נאָך נישט גרייט און רייף פאַר דעם... איך רייד, אָבער מיינע ווערטער זיינען מיר אַליין נישט קלאָר... איך גלויב, אַז דו ביסט מער פּאַסנד פאַר דער מיסיע... וואָס דענקסטו, אַלבערט?״

„ניין, לעאָן, נישט איך. איך בין ווי אַ געשפּאָלטענער גלאָק. מיין שטימע און ווערטער וועלן נישט קלינגען קלאָר און איבערצייגנד. דו אָבער האָסט אַ ריינעם הויכן קלאַנג, מען וועט דיך הערן און פאַרשטיין. גיי אָן מורא. דו ביסט אפשר איצטער נישט זיכער אין דעם וואָס דו האָסט צו טאָן, פּראָפּאַגאַנדירן אָדער אָרגאַניזירן, אָבער דאָס איז נאָר אין אָנהויב... דו וועסט אפשר אַריינגעצויגן ווערן אין ליידנשאַפטן, ביסט דאָך נאָך אַלץ אַ יונגער מענטש, דו גליקלעכער יאָט... אָבער דו האָסט קיינמאָל דיין קאָפּ נישט פאַרלוירן, און פון דיין וועג נישט אָפּגעטראָטן... איז דערפאַר זאָג איך דיר, גיי, לעאָן, כ׳וועל דיר נאָכפּאָלגן פון דער ווייטן, און ווען דו וועסט צוריקקומען וועלן מיר ווידער נעמען אַ לאַנגן שפּאַציר אויף אַ געשלענגלטן וועג דורך אַ גרי־נעם גלאָז...״

און ווידער זיינען זיי אַ שטיק וועג אַפּגעגאַנגען אין דער שטיל צווישן גרינקייטן...

„איך וועל זיך אין דיר נויטיקן, אַלבערט."

„דו וועסט באַלד קריגן תלמידים אַרום זיך", האָט אַלבערט גע־ענטפערט. „זיי וועלן צו דיר קומען פון די רייען וואָס לעבן דאָרט, און זיי וועלן דיינע ווערטער און געדאַנקען פאַרשפּרייטן בעסער ווי איך, אָדער אימיצער אַנדערש פון דאַנען. זיי וועלן פאַנאַנדערטראָגן דיין רוף אין דער שפּראַך פון די וואָס לעבן דאָרט..."

„אַלבערט, מיין אַרבעט וועט זיין, ווי איך זע עס איצט, דערהויפּט אין שאַפן אַ גלויבן אין לעבן נאָכן טויט. מיין שוועריקייט וועט זיין, וואָס איך וועל זיך באַגעגענען מיט אַ וועלט פאַרטאָן אין וויסנשאַפט, אין הוילע פאַקטן, וואָס נעמען נאָר אָן זאַכן, וואָס זיינען אַדורכגעגאַנגען די אַפּאַראַטן פון לאַבאָראַטאָריעס, טיובס, קעסלען, אויוונס, און מאַטע־מאַטישער אויסרעכענונגען. זיי וועלן מיר זאָגן, ווי זיי טוען עס, „הערט זיך אין מיסטער", וועלן זיי מיר זאָגן, „שניידט איבער אַ רעגן־וואָרם אין צווייען, וועט איר זען אַז דער טייל מיטן קאָפּ וואַקסט זיך צו אָן עק, און אַז דער טייל מיטן עק וואַקסט זיך צו אַ קאָפּ. ווען אָבער אַ פריי־מאָרגן פויגל כאַפּט דעם וואָרעם און פאַרשלינגט אים, ענדיקט זיך דערמיט די עקזיסטענץ פון דעם וואָרעם, און אַלץ וואָס דער וואָרעם וואָלט געקענט זיין. קען דען דאָ זיין די רייד פון אַ צווייטע אָדער ווײַ־טערדיקס לעבן פאַר דעם וואָרעם?" אָט דאָס וועלן זיי מיר זאָגן. זיי וועלן פרעגן, לאַכן און מיך אויסלאַכן."

„זאָל דיך נישט אַרן, לעאָן, וואָס זיי קענען און וועלן דיר זאָגן, אָדער פרעגן. זיי קענען בלויז סערווירן ווערעם, דו אָבער ברענגסט זיי בירגערשאַפט אין אַ גרעסערער וועלט אין אַ נייעם לעבן, אַן אַנטייל אין אַ יוניווערס... און נאָך עפּעס, דו קענסט זיי וויזן זיך אַליין!"

„אַלבערט, קום מיט מיר".

„ניין, לעאָן, איך וויל עס נישט. דו ווייסט, אַז איך בין נאָך אַלץ הונגעריק און דורשטיק נאָך זאַכן אויף דער זינדיקער ערד. איך קען נאָך גאָר גרינג אַריינגעצויגן ווערן אין עפּעס אַן אַוואַנטורע און ווערן אַ לאַסט פאַר דיר. ווער ווייסט, איך קען זיך נאָכאַמאָל אָננעמען מיט קוראַזש און אַרויסגיין זוכן אַ פּרוי אויף דער גאַס... מען קען קיינמאָל נישט זיכער זיין מיט אַן אומבאַפרידיקט האַרץ. דו אָבער האָסט דיין לעבן אויסגעלעבט פול... און דו קענסט גרינג אויסמיידן זייער טיש,

בעט און באַנק־ביכלעך. אַחוץ דעם, נישט דו און נישט איך האָבן צו באַשטימען ווער, ווען און וואָס...״

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן האָט לעאָן געזאָגט:

„איך שטיי איצט פאַר מײַן דריטן אַקט אין לעבן... איך וואָלט וועלן וויסן ווי לאַנג דער דריטער אַקט וועט געדויערן... דער צווייטער איז דאַכט זיך, געווען אַ קורצער... איך ווייס אויך נישט ווי אַזוי איך וועל אַהין אָנקומען? ווי אַ יונגער מענטש, אַ רײַפער, אָדער אַן אַלטער אָט ווי אין מײַנע איצטיקע יאָרן?״

„איך גלויב נישט, לעאָן, אַז ס'איז דײַן עסק צו טראַכטן וועגן די אַלע זאַכן, עלטער, שטײַגער און פּלענער, דאָס אַלץ וועט קומען צו דיר ווען דאָס לעבן דאָרט וועט פליסן. וואָס מיך באַזאָרגט איז, דו זאָלסט נישט אָנהויבן בענקען נאָך אונז איידער די צײַט איז רײַף. נאָך אַלעמען לאָזטו דאָ איבער אַ פרוי, זינאַ, פרײַנד, דײַנע עלטערן און זיידעס... און מיך... איך וועל נאָך דיר בענקען, נאָר־וואָס דיך געפונען און ווידער פאַרלוירן.״

„אויב איך וועל בענקען און פּרוּוון צוריקקומען פאַר דער צײַט, וועט עס זײַן צוליב זינאַ.״ און טראַכטנדיק האָט ער ווײַטער ווי צו זיך גערעדט: „און צו מײַן זון פיליפּ, איך ווייס נישט צי דאַרף איך אים באַלעסטיקן נאָכאַמאָל מיט אַ טאַטן? אַלבערט, דו האָסט נאָר־וואָס דערמאָנט מײַנע עלטערן און זיידעס. איך גיי זיך זען מיט זיי... צו לאַנג עס אָפּגעלייגט.

עלטערן און זיידעס

אויפן וועג צו זיינע עלטערן האָט לעאָן זיך פאַרלוירן אין זכרונות. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך פּופּצן יאָר קינדהייט אין הויז פון זיינע טאַטע־מאַמע, באָבע, זיידע, האָט ער פאַרלאָזן דאָס קליין שטעטל און עלטערנס הויז מיט איר אַלטמאָדיש לעבן. ער איז קיינמאָל צוריק נישט געקומען, אָבער האָט אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט זיי אַלעמען דורך בריוו. דאָך זיינען זיי אַלע געבליבן פאַר זיינע אויגן אין קלאָרע פאַרבן און פאָרמען.

זיין פאָטער איז געווען דער הויפּט פון אַ גרויסער משפחה, עלף געבוירענע קינדער, ניין לעבן־געבליבענע... אַ גרויס הויז־געזינד, נאָענט צו צוואַנציק מענטשן, אַחוץ דינסט, אַרבעטער, געסט און אורחים. ער איז נישט געווען קיין גיבור, אָבער אַ שיינער איד מיט אַ קיילעכדיקער שוואַרצער באָרד, איידעלע פּנים־שטריכן און מילדע אויגן. ער איז געווען גוט צו אַלעמען, אַ שאַרף וואָרט האָט מען זעלטן פון אים געהערט. ער איז געווען שטיל און רואיק אין מיטן פון גע־וואַלדיקע קריגערייען און קאָנפליקטן צווישן די מיטגלידער פון דאָס גרויסע הויז־געזינד. אין זיין רואיק־שטילן שטייגער איז ער געווען דער צענטער פון זיין ברויזנדיק וועלטל, פלעגט אויסגלייכן אַלע מחלוקות׳ן, אַחוץ די וואָס פלעגן אויסברעכן צווישן זיין ווייב און זיין פאָטער, אַ גרויס־באָרדיקן, אומעטיקן אַלטן אידן. עס האָט זיך איינגע־שטעלט אַ שנאה צווישן די צוויי מענטשן, ביטער ווי סם, אַ שנאה וואָס האָט געברענט אָן שכל, אָן אָפּהאַלט, וואָס פלעגט אויסברעכן אין לאַנגע ווערטער געפּעכטן, פלעגט אָנהאַלטן עטלעכע טעג און אַריינ־ציען אַלע מיטגלידער פון דער גרויסער משפחה מיטן פאָטער אין צענטער. עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין מיין פאָטערס קעגנער־שאַפט צו זיין אייגן ווייב, מיין מאַמען, און זיין האָס צו זיין אייגענעם פאָטער, מיין זיידן, אין קאָנטראַסט צו זיין געוויינלעכער גוטסקייט.

לעאָן האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען זיין פאָטער זאָל אַמאָל זאָגן אַ גוט וואָרט צו זיין ווייב און נאָך ווייניקער צו זיין טאַטן. איין מאָל

האָט לעאָן געזען זיין פּאָטער אין גרויס אויפּרייץ, ווי ער האָט אַ שטאַרקן שטופּ געטאָן זיין אייגענעם פּאָטער, כמעט אַ זעץ געטאָן, אַ זאַך וואָס לעאָן האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן און פאַרשטיין.

גייענדיק איצט צו טרעפן זיך מיט זיינע עלטערן, פּאָטער, מוטער און זיידעס, האָט ער זיך געטראַכט: „איך וועל פּרוּוון דערגיין דעם סוד פון זייערע הערצער.״

***

לעאָן האָט געטראָפן זיין פּאָטער אין זיין כאַראַקטעריסטישע פּאָזע — גייענדיק לאַנגזאַם הין און צוריק טראַכטנדיק עפּעס און אַרגומענ־טירנדיק פאַר און אַנטקעגן אַן עניין. ער האָט געהאַלטן, ווי ער פלעגט עס אָפט טאָן, דעם עק אַרבל פון זיין מלבוש מיט דער האַנד, און באַ־וועגנדיק די אַנדערע האַנט פאָרויס און צוריק. זיין קורצע שוואַרצע באָרד איז איצטער געווען שטאַרק גרוי און זיין רייך שוואַרצע קאָפּ־האָר איז שיטערער און אויך גרוי געוואָרן. אויף זיין פּאָטערס פּנים איז געלעגן אַ נעץ פון קליינע קנייטשן, צייכנס פון זאָרג, קראַנקהייטן און שווערע צייטן. די מוטער איז געזעסן הינטער אים אויך אין איר גע־וויינלעכער פּאָזע, שטיצנדיק מיט איין האַנט איר באַק און מיט דער צווייטער האַלטנדיק עפּעס אַ שטיקל אַרבעט. זי האָט געטראָגן אַ לייכט־ווייס טיכל איבער איר קאָפּ, דערגרייכנדיק אַראָפּ צו אירע אַקסלען. זי האָט אויך געהאַלטן אַ גרויסן אַלבום אויף אירע קני. זי האָט עס נישט געלייענט, נאָר פון צייט צו צייט אַ קוק געטאָן אויף די פאָטאָ־גראַפישע בילדער דאָרטן, שעפּטשנדיק דעם נאָמען פון איינעם פון אירע קינדער און געשמייכלט שטיל און צאַרט.

לעאָן איז צוגעגאַנגען צום פּאָטער און געזאָגט: „טאַטע, דאָס בין איך דיין זון לייבקע. דער פּאָטער איז צוגעטראָטן נאָענט צום זון, לאַנג געקוקט אויף אים און אַ טיפן זיפץ געגעבן: „אַזוי, אַזוי, לייב, נאָך פיל יאָרן, לאַנגע יאָרן זעען מיר זיך. דו ביסט געווען מיין ערשט־גע־בוירענער, און ביסט אויך דער ערשטער צו קומען אַהער, אַ דערוואַק־סענער, שוין אַ באַיאָרטער... דיין מאַמע און איך האָבן געהערט וועגן דיין אָנקומען, און געוואַרט דו זאָלסט אונז קומען זען, ביסט מסתמא געווען שטאַרק פאַרנומען מיט דאגות, זיי פעלן דאָך ערגעץ נישט.״

אין דער צייט וואָס זיין פּאָטער האָט גערעדט, איז די מוטער צו־געגאַנגען צו איר זון, אים אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן אין באַק און

שטיל געזאָגט, כמעט ווי אויסגעזויגן: „לייבעלע מיין קינד, ביסט דאָך שוין אַן אַלטער מאַן איצט, אָבער נאָך אַלץ מיין קינד, אָרימענקער, טייער קינד... האָסט פיל זיך אָנגעליטן, צרות פעלן נישט!! און אַ שווערע טרער האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון אירע אויגן איבערן פּנים פול מיט קנייטשן. „זאָג מיר לייבעלע, וואָס מאַכן די קינדער? די וואָס זיינען נאָך דאָרטן... איך קען זיי דאָך גאָר נישט, אַלץ וואָס איך האָב פון זיי איז בריוולעך און בילדלעך. האָבן זיי שוין חתונה געהאַט? האָבן זיי שוין קינדער, קינדס־קינדער... וויפיל זיינען ביי מיר אייניקלעך, וויפיל אור־אייניקלעך? דערציילט, לייבעלע, דערציילט..."

דער פאָטער האָט זי אָפּגעשטעלט: „וואָרט, לאה, פרעג נישט אַזויפיל זאַכן מיט אַמאָל. לאָז מיך עפּעס פרעגן. זאָג מיר, זונדעלע, פאַרוואָס איז זינאַ מיט דיר נישט געקומען? איז זי אין גוטן שטאַנד? קום זעץ זיך צו. דו וועסט דאָך בלייבן נעכטיקן מיט אונז, המ, איבערנעכטיקן זאָג איך, און פאַרגעס אויף וואָס פאַר אַ וועלט מיר זיינען. אונזער גאַנצע משפחה, די צוויי זיידעס, באָבעס, פעטערס און קרובים, אַלע פון אונזער שטעטל זיינען דאָ און האָבן געהערט וועגן דיין קומען און זיינען נייגעריק דיך צו זען; זיי האָבן אַלע געהערט וואָס פאַר אַ באַרימטער מאַן דו ביסט געוואָרן. זעץ זיך, זיץ."

לעאָן האָט געקוקט אויף זיין פאָטער מיט ליבע און רחמנות, דערמאָנענדיק זיך זיין שווערן, קורצן לעבן און זיין איינזאַמען טויט ווייט פון דער היים. און ער האָט געזאָגט:

„טאַטע, פון די בריוו וואָס איך האָב געקראָגן פון דער היים מיט די מעלדונגען וועגן דיין טויט, איינזאַם און פאַרוואָרפן... איז דאָס אַלץ אמת?"

לעאָנס פאָטער האָט געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך זיך אָפּגערופן: „וואָס זאָל איך דיר דערציילן, לייב, דו ווייסט דאָך אונזער לעבן, מען האָט אונז אין שטעטל געהאַלטן פאַר גרויסע גבירים, אַ שטעטל פון אָרעמעלייט זיינען מיר געווען די רייכע... אָבער דאָס שטיקל ברויט איז אונז אָנגעקומען שווער. געדענקסט דאָך ווי איך פלעג דאַרפן אַרומפאָרן איבער יאַרידן און פאַרקויפן אונזערע היטעלעך צו פויערים, שלעפּנדיק זיך מיט מיין פערדל און וואָגן דורך ווינטן, רעגנס און שניי... נו, בין איך אַזוי אָנגעקומען אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, געדאַרפט דאָרט נעכטיקן, עפּעס שעדלעכעס אָפּגעגעסן, מיין שלעכטער מאָגן, און שוואַך האַרץ האָבן עס ניט אויסגעהאַלטן... בין איך דאָרט אויסגע־

גאַנגען... וואָס איז דאָ צו דערציילן, כ׳האָב שטאַרק געליטן, און מיט אַמאָל איז מיר גרינג געוואָרן, און לייכט און ליכטיק איז מיר געוואָרן. דיין זיידע איז פּלוצלינג אַריין דורכן פענסטער מיט זיין תהלים׳ל אין דער האַנט און צו מיר געזאָגט: „קום זונעניו, דו דאַרפסט אַביסל רו, געטוג שלעפן אַ פערד מיט וואָגן און זיך דינגען מיט די פויערים איבער אַ גראָשן, קום מיט מיר, ביסט נישט געווען גוט צו מיר, נישט ווי אַ זון דאַרף זיין צו אַ פאָטער, אָבער האָסט געזאָגט קדיש נאָך מיר, בין איך דיר אַלץ מוחל... קום מיט מיר, נפתלי! און אַזוי בין איך געשטאָרבן.״

לעאָן האָט געהערט זיין פאָטערס רייד און דאָס האַרץ איז אים פאַרקלעמט געוואָרן: „זאָג מיר, טאַטע, פאַר וואָס האָסטו אַזוי נישט ליב געהאַט דעם זיידן, דיין אייגענעם טאַטן? איך האָב עס קיינמאָל נישט געקענט פאַרשטיין און באַנעמען — צו זיין גוט צו אַלע מענטשן, און בייז צו דיין אייגן פאָטער. נישט נאָר בייז, נאָר עפּעס ערגער פון בייז... פאַרוואָס?״

לעאָנס פאָטער איז געווען פאַרשעמט, האָט אָפּגעקערט די אויגן און לאַנג נית געענטפערט און דאַן האָט ער געזאָגט: „איך האָב אים פאַרדעכטיקט, אַז ער איז נית מיין פאָטער... מיט מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּנים אין אונזער משפּחה... איך האָב נית געזען קיין איינציקן שטריך, וואָס זאָל שטאַמען פון אים... האָב איך פאַרדעכטיקט, אַז נישט ער, נאָר אַן אומבאַקאַנטער איז מיין פאָטער... און איך האָב אים פיינט געקראָגן... ערשט דאָ, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מיין פאַרדאַכט איז געווען אַ טעות און מיר זיינען דאָ גוט געוואָרן צווישן זיך״.

„כ׳בין זייער צופרידן דאָס צו הערן, טאַטע, ס׳איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן... איך וויל זיך פאַר דיר מתודה זיין, אַז ווען איך האָב דערהערט וועגן דיין איינזאַמען טויט בין איך געווען זייער באַ־טריבט. אָבער אַ שטימעלע אין מיר האָט מיר אַ זאָג געטאָן, אַז דאָס איז דיר געקומען ווי שטראָף פאַר דיין שלעכטער באַציאונג צו דיין פאָטער. און כ׳האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר די דאָזיקע געדאַנקען... ווייל דאָס האָט באַדייט אַ חטא קעגן דיר, מיין אייגן פאָטער... פאַר אַזאַ חטא וועל איך אויך באַקומען אַ שטראָף... און אז ווען מיין זון פיליפּ האָט איינמאָל מיר געענטפערט ווי אַן עזות־פּנים, האָב איך עס אָנגענומען פאַר אַ שטראָף... מיר האָט אויך וויי געטאָן טראַכטנדיק,

אַז אויך מיין זון וועט קריגן זיין שטראָף... און אַזוי וועט זיך רינגלען אַ קייט פון זינד און שטראָף צווישן קינדער און עלטערן.״

„יאָ, לייב, אַזוי איז עס און אַזוי דאַרף עס זיין... און נעם עס ניט אַזוי שטאַרק צום האַרצן. אַלץ איז, ווי ס'באַדאַרף צו זיין... אַלץ איז מיט גרויס חכמה און חסד... אפילו די גרעסטע יסורים״...

זיי זיינען ביידע שטיל געוואָרן, פאַרטראַכט.

„טאַטע, איך וויל דיך עפּעס פרעגן. איך פרעג עס ביי אַנדערע אויך און קריג זעלטן אַ קלאָרע תשובה״.

„וואָס איז עס, לייב?״

„וואָס איז דיין לעבן דאָ? צו וואָס איז עס געגליכן? ווי וואָלט איך עס באַדאַרפט באַשרייבן, ווען עמיצער וואָלט מיר וועגן דעם געפרעגט? פאַר דער צייט וואָס איך בין דאָ בין איך אַזוי שטאַרק פאַרנומען געווען מיט ערדישע דאגות, אַז איך האָב גאָר קיין מעגלעכקייט נישט געהאַט צו פאַרטיפן זיך און דערגיין דעם שכל און שטייגער פון אונזער לעבן דאָ. דו, טאַטע, ביסט דאָך לענגער דאָ, וואָס דענקסטו?״

„יאָ, איך בין טאַקע לענגער, אָבער אויך איך, ווי דו, בין אַזוי שטאַרק פאַרטאָן אין פריערדיקן לעבן. איך האַלט נאָך אַלץ אין קריגן זיך, אין דינגען זיך, און פאַרענטפערן זיך, אין באַשולדיקן, אין חרטה האָבן, אין שעלטן און בענטשן, אַזוי אַז איך האָב זיך נאָך ניט באַפרייט צו קענען זען און פאַרשטיין, וואָס דאָ טוט זיך. אָבער, מיין קינד, אפשר דיין אַנדער זיידע, ר' וואנילער, ער איז אַ גרויסער תלמיד־חכם, ער זיצט שטענדיק איבער גרויסע ספרים, ער זיצט דאָ ניט ווייט פון דאַנען אין זיין שטיבל זיצט ער און לערנט. דו וועסט דאָך אים באַזוכן?״

ר׳ וואַנילער

לעאָן איז אַוועק צו זיין זיידן פון זיין מוטערס צד, ר׳ וואַנילער ביים נאָמען, ווי אַלע האָבן אים גערופן און אַמאָל נאָך צוגעגעבן, דער בלעכער. לעאָן האָט אים געפונען אין אַ באַזונדער ווינקל צו מזרח זייט פון רוים. ס׳איז געווען אַ קליין שולעכל, ענלעך צו אַ קליין בית־המדרש׳ל אין אַלט־ירושלים, אָדער צו דער בינע־שול אין ערשטן אַקט פון „דיבוק" אין דעם טעטאַטער „הבימה". לעאָן געדענקט זיין זיידן, ווי אַ הויכער שוואַר־געבויטער, מיט ברייטע אַקסלען. ער האָט גע־טראָגן אַ ווייסע באָרד מיט געלע טענער אַרום די וואָנסעס. אויך זיין פנים איז געווען ברייט געבויט, זיין נאָז — בולט, באַקן — פול, ברעמען — געדיכטע און לאַנג הענגנדיקע איבער די קליינע שיינענדיקע אויגן פון אַן אומבאַשטימטן קאָליר. ער געדענקט אים שטענדיק אָנגע־לאָדן מיט בלעכוואַרג, פאַנאַנדערטראָגנדיק באַשטעלונגען, אָדער זוכנ־דיק קונים. זיינע טריט זיינען געווען שווערע און לאַנגזאַמע, זיין קול טיף נידעריק און די ווערטער געציילטע.

ניט אַזוי אָבער פלעגט ער זיך אויפפירן אין זיין קליין בית־המדרש׳ל שבת פאַר מנחה. מען האָט אים געקענט זען זיצנדיק איבער אַ גרויסן ספר, לערנענדיק אַ בלאַט גמרא פאַר אַן עדה אויפמערקזאַמע צוהערער. דאָרט איז זיין קול געווען הויך און מעלאָדיש, די שפּראַך פליסנדיק און די געדאַנקען טיף, שאַרפזיניק און אָפט גאַנץ קאָמפּליצירט, ווייט איבער דעם פאַרשטאַנד פון זיינע צוהערער. ער איז דאָרט געווען אַ גאַנץ אַנדער מענטש, אַ לערער, אַ געלערנטער, אַ חסיד, אין גרויסער ליבע צו גאָט, זיין תורה, און צו אַלע פאַרבאָרגענע סודות און אוצרות, וואָס ליגן באַ־האַלטן אין יעדן וואָרט, אות און פּינטעלע. מען האָט וועגן אים גע־שמועסט, אַז ער איז גענייגט צו קבלה.

לעאָן האָט אים איצט געפונען ניט פיל אַנדערש ווי אין זיינע זכרונות וועגן אים. בלויז אַ ביסל פולער און זיין באָרד מער און שטאַר־קער מיט געל באַפלעקט. ער איז געזעסן איינגעבויגן איבער אַ גרויסן ספר, אונטערשפּאַרנדיק זיין גרויסן קאָפּ מיט דער לינקער האַנט.

ווען לעאָן האָט אים באַגריסט האָט דער אַלטער מאַן אַראָפּגעלאָזט זיין ליינקע האַנט און אויפמערקזאַם אים אָנגעקוקט און זעט זיך אָן, אים נישט דערקאָנט.

„איך בין אייער אייניקל, לייב", האָט לעאָן געזאָגט. „איר האָט מיך ניט געזען מער ווי פופציק יאָר, איך בין איצט כמעט פון דעמזעלבן על־טער מיט אייך"...

דער אַלטער מאַן האָט זיך איינגעקוקט נאָכאַמאָל און דאַן זיך אָנגעע־רופן: „יאָ, יאָ, דיין מוטערס אויגן! יאָ, יאָ, דאָס ביסטו לייבקע... זעץ זיך צו, אָט־דאָ, מען האָט מיר געזאָגט וועגן דיר, און אָט ביסטו טאַקע דאָ. האָסטו שוין די משפחה געזען? איך זע זיך ניט אָפּט מיט זיי. מיר זיינען דאָ נאָענט, אָבער דאָך ניט גענוג נאָענט. מיר רעדן ניט קיין סך. מיר האָבן ניט פון וואָס צו רעדן... זיי אינטערעסירן זיך ניט מיט מיינע ספרים, און איך ניט מיט זייערע מעשים, געשעפטן."

„וואָס זיינען דאָס אייערע ספרים, זיידע?"

„די תורה, מיין זון, די תורה. זי איז אַזוי טיף ווי דער ים, ניין, — טיפער. מען קען דערגרייכן דעם גרונט פון ים, קיינמאָל ניט דעם גרונט פון דער תורה. איז, כדי צו דערגרייכן כאָטש נאָענט צום גרונט, דאַרף איך אַ שליסל צו איר טיפקייט, אָט דאָס בוך איז דאָס דער שליסל. ס'איז דער זוהר. איך דאַרף האָבן דעם שליסל אין מיין האַנט איצט מער, ווי ווען עס איז".

„פאַרוואָס איצט מער, ווי ווען עס איז, זיידע?"

„מחמת איך בין איצטער נאָענטער צום מקור פון זיין ליכט, נענ־טער צום כסא־הכבוד, צום טראָן פון מלך־מלכי־המלכים הקדוש ברוך הוא געבענטשט זיין נאָמען".

„זיין נאָמען, זיידע, זיין נאָמען! איז דאָס דער גרונד וואָס איר זוכט, וואָס איר ווילט אַזוי דערגרייכן?"

„יאָ, לייב, דעם סוד פון אַלע סודות".

„דערציילט מיר עפּעס, זיידע, רעדט צו מיר, אַזוי ווי איר פלעגט אַמאָל רעדן, לערנענדיק אַ „בלאַט גמרא" אין אונזער שולכל, אַ שבת נאָכמיטאָג."

„אָה, לייב, וואָס קען איך דיר דערציילן, וואָס דו ווייסט נאָך ניט?"

„יאָ, זיידע, איך מיין אַז יאָ, דערציילט, איך בעט אייך".

„נו, גוט, זעץ זיך צו און הער, אָבער לאָז מיך ניט רעדן צופיל, ווייל איך קען מיך נאָך פאַררעדן".

„כ׳האָב צייט", זאָגט לעאָן, „מיר אַלע האָבן דאָ צייט, אַ גאַנצע, אָדער אַ האַלבע אייביקייט... איך הער זיך צו."

און ר׳ וואַנילער, דער בלעכער, האָט אָנגעהויבן צו געבן זיין אייניקל אַ סך־הכל פון אַ גראַנדיעזער מעשה.

„גאָט, הקדוש ברוך הוא, דער בורא העולם, דער איינציקער באַשאַ־פער. ער איז דער אינעווייניקסטער און דער אויסערסטער תוך פון דער וועלט. דער נסתר, דער פאַרבאָרגענער, האָט קיין באַצייכענונג, קיין אַטריבוטן, קיין נאָמען, וואָס מיר קאָנען זאָגן, אַז עס דערשעפּט זיין תוך. ער איז דער אין־סוף, דער אומענדלעכער, דער אייביקער.

„אָבער דער בורא העולם איז דאָך נישט נאָר אַ נסתר, אַ פאַר־באָרגענער, ער איז אויך אַ נגלה, אַן אָפענער. עס איז דאָך קלאָר, אַז גאָט איז אַקטיוו אויף אַלץ און אויף אַלעמען, איבערן גאַנצן וועלט־אַל ליגן אויסגעשפּרייט זיין שאַפונג, זיין חכמה און זיין רצון. און אין דעם ווייזט ער געוויסע אַספּעקטן פון זיין געטלעכער נאַטור, מען קען עס אפשר אָנרופן זיינע אַטריבוטן, אָדער ווי די מיסטיקער פון דער קבלה רופן עס אָן, די אָרעמס פון גאָט. אָבער דו מוזט פאַרשטיין, אַז די ביידע וועלטן פון דעם בורא, די באַהאַלטענע און אַנטפּלעקטע, זיינען אין דער אמתן נאָר איין וועלט, ווי אַן אָנגעצונדענער קויל און דאָס פייער. דאָס פייער איז דער אַטריבוט דורך וועלכן דאָס קויל אַנטפּלעקט איר נאַטור. פייער קען הייסן דער אַטריבוט פון קוילן. פאַרשטייסטו, לייב? לויט די לערע פון דער קבלה זיינען דאָ צען פונדאַמענטאַלע אַטריבוטן פון גאָט, צען מדרגות פון גאָט׳ס אַנטפּלעקונג. אין דער שפּראַך פון דער קבלה זיינען דאָס די צען ספירות, וואָס דאָס מיינט אויך צען אויס־שטראַלונגען. פון די צען ספירות־מדרגות, באַשטייט די וועלט, וואָס איז צו אונז אַנטפּלעקט.

„בעשרה מאמרות נברא העולם", שטייט אין פּרק. מען קען עס פאַרטייטשן, אַז מיט צען ספירות האָט גאָט די וועלט באַשאַפן. פרעגט זיך טאַקע ווי ס׳שטייט אין פּרק, פאַרוואָס האָט גאָט געדאַרפט צען, ער האָט דאָך געקאָנט די וועלט באַשאַפן מיט איין מאמר, מיט איין באַפעל? גיבן מיר אַן אַנדער תירוץ, ווי דער פּרק. ער, דער בורא העולם, האָט איינגעזען אין זיין גרויס רחמים, אַז גאָרנישט וועט קענען ביישטיין דעם אימפּעט, אַז גאָרנישט וועט קענען אויסהאַלטן דעם גאַנצן פייער פון זיין אָטעם, האָט ער פאַרמינדערט זיין איבערגעוואַלטיקע גבורה אין צען גראַדאַציעס, כדי זיין באַשאַפונג זאָל האָבן אַ קיום.

יעדע ספירה — מדרגה, האָט אַ נאָמען, אַ סימבאָלישן נאָמען, און זיי אַלע צוזאַמען זיינען גאָטס סימבאָלישער נאָמען... אין דעם ים פון דער תורה זיינען זיי איינגעוועבט, אַזוי אַז די תורה אין איר טאָטאַליטעט, מאַכט אויס די גרויסע סימבאָלישע סטרוקטור וואו יעדעס וואָרט, אות און פינטעלע באַדייט אַן אַנדער זאַך. דערפאַר איז נאַריש צו פאַר־טייטשן די תורה אויבערפלעכלעך און געפינען און אָנווייזן אויף ווידערשפּרוכן און אוממעגלעכקייטן... קיין זאַך אין דער תורה איז ניט אָן אַ מיין, אָן אַ באַדייט, כדי אָבער דאָס צו פאַרשטיין דאַרף מען זיך פאַרטיפן אין איר טאָג ווי נאַכט. עס איז גאָר קיין גרעניץ ניטאָ צו די אַנטפּלעקונגען און דערפינדונגען, וואָס אַ דורשטענדיקע נשמה קען געפינען אין דעם ים־התורה. אין דער אמתן איז די תורה אין איר פאַרנעם איין גרויסער נאָמען פון הקדוש ברוך הוא.

„און דערפאַר טאַקע קען די תורה ניט פאַרשטאַנען ווערן ביזן טיפסטן גרונט. די תורה קען בלויז פאַרטייטשט ווערן אויף אַזוי און אַזוי פיל וועגן. די תורה האָט זיבעציק פּנימער, וואָס שיינען פון איר אַרויס, זאָגן די חכמים. ניין, זאָגן אַנדערע חכמים, נישט זיבעציק נאָר זעקס הונדערט! און מער. דאָס קאָן מיינען, אַז יעדער איינער קען און מעג אויסטייטשן די תורה לויט די וואָרצלען פון זיין נשמה. פאַרשטייסטו, לייב, די הייליקע תורה שיקט אַרויס אַ שטראַל ליכט צו יעדן איינעם, וואָס פאַרשט זי, און זוכט אין איר. און דער שטראַל ליכט, ווערט אין גאַנצן דעם מענטשנס ליכט — זיין אייגן ליכט...

„זעסטו, לייב, מע דאַרף עס גוט פאַרשטיין, איינזען און געדענ־קען, אַז אַלץ וואָס מיר זעען, זאַכן און מענטשן, זיינען נאָר גאָטס מלבושים, בלויז שטראַלן, וועלכע ער שיקט אַרויס פון זיך. און נאָך אַ זאַך דאַרפסטו פאַרשטיין און געדענקען און מאַכן אַז אַנדערע זאָלן עס פאַרשטיין און געדענקען, אַז די פון אונז וועלכע זיינען איצט דאָ, די וועלכע מען רופט געשטאָרבענע זיינען פונקט אַזוי גאָטס מלבוש, ווי די וואָס רופן זיך לעבעדיקע און שיידן זיך אָפּ פון אונז. עס דרינגט פון דעם, אַז די וואָס לעבן און די וואָס זיינען געשטאָרבן, באַלאַנגען צו איין וועלט, ביידע זיינען זיי אַנטפּלעקונגען פון איין בורא, פון דעם פאַר־באָרגענעם אין־סוף, און אַז גאָרנישט וואָס איז נוגע די לעבעדיקע איז פרעמד צו אונז, די געשטאָרבענע, און עס דאַרף אויך זיין פאַרקערט, אַז אַלץ וואָס דאָ קומט פאָר מיט אונז, זאָל אויך האָבן אַ שייכות צו זיי.

„נו, לייב, כ׳האַלט, אַז איך האָב גענוג גערעדט פאַר איינמאָל".

„עס איז געווען אַ גרויסער תענוג איך צו הערן רעדן, זיידע. זאָגט מיר נאָך איין זאַך איידער איך פאַרלאָז אייך. וואָס איז עס וואָס מיר טוען דאָ, וואָס דאַרף אָנגיין די לעבעדיקע? און ווי אַזוי קענען מיר זיך מיט זיי צונויפרעדן, ווי פאַרשטענדיקן? און וואָס איז דאָס אַלץ? וואָס זיינען מיר גייסטער, נשמות, געשטאַלטן? זאָגט מיר, איז עפּעס דאָ אין די גרויסע ספרים פון חכמה און ליכטיקייט עפּעס וואָס זאָל דאָס קלאָר מאַכן? וואָס זיינען מענטשן, וואָס?"

„וואָס מענטשן זיינען? פרעגסטו. מענטשן זיינען, וואָלט איך גע־ענטפערט, געשאַפן און באַשטימט געוואָרן צו זוכן און דערגיין אַ פאַר־שטענדעניש פון דעם באַשאַפער און זיין באַשאַפונג. צו דערקלערן גאָטס כבוד, צו מיר זיינען אין פלייש, אָדער גייסט, דאָס איז דעם מענטשנס תכלית. וואָס איז אונזער לעבן דאָ, פרעגסטו? ס'איז זייער געגליכן צו דעם, וואָס מיר האָבן געלאָזן אויף צוריק, ענלעך און אַנדערש. ס'איז ווי זען חלומות אין שלאָף. געדענקסטו דיינע חלומות אויף דער ערד? דו חלומסט ביינאַכט, דאָס וואָס דו זעסט און טוסט בייטאָג — ענלעך, אָבער ניט גענוי. דו נעמסט די דערפאַרונגען פון טאָג, און גרופּירסט זיי אי־בער אין אַן אַנדער צונויפשטעל, אין אַן אַנדער לאָגיק, אין אַן אַנדער שליסל, ווי דער מאָלער פון בילדער טוט עס. אָדער וואָס שאַפט מוזיק. דו אימיטירסט דעם טאָג'ס מעשים און זאַכן, נאָר אימיטירסט עס שעפּע־ריש. אָט דאָס, לייב, טוען מיר דאָ. מיר חלומען דאָס לעבן, וואָס מיר האָבן דאָרטן געלעבט, אָבער ניט גענוי. אין אונזערע חלומות דאָ ענדערן מיר עס איבער שעפּעריש. מיר נעמען שטיקער פון ערדישער עקזיסטענץ און שאַפן פון זיי נייע בילדער. אפשר פאַרווירקלעכן מיר די אידעאַלן, וואָס מיר האָבן ניט דערגרייכט אויף דער ערד. מיר בויען אויף די חרוב'ע שטיקער פון פריערדיקס ניט געראָטן לעבן, שאַפן פון זיי שע־נערע אידעאַלן און שיקן זיי צוריק, צו די לעבעדיקע, צו יענע, וואָס לעבצן נאָך זיי, כדי זיי זאָלן עס פּרואוון פאַרווירקלעכן נאָך אַמאָל. מיר שיקן זיי איבער דורך קאַנאַלן אָפן פאַר אונז?"

„וועלכע קאַנאַלן, זיידע?"

„אָט, ווי מיר האָבן געהאַט נביאים. מיר שיקן ספּעציעלע שליחים ווען די צייט איז אַ געפערלעכע און די נויט איז גרויס. דורך זיי ווערן אונזערע געדאַנקען — חלומות אריינגעוואָרפן אין זייערע נשמות, ווי זאָמען אין אַ צעאַקערט פעלד... אָבער, לייב, מיין קינד, דו פרעגסט צופיל שאלות".

„ס'איז דערפאַר, זיידע, וואָס מיר שטייט פאָר אַ שליחות... צו זיי, צוריק... אויף אַ ווײַלע. קען איך קומען צו אייך נאָך אַמאָל, פרעגן און הערן?"

„יאָ, לייב, קום, און זע זיך מיט דײַן צווייטן זיידן, אברהם נחמיה. און פאַרגעס ניט, נאָך אַמאָל אַ גוטן קוק צו טאָן אויף דער היגער וועלט... איידער..."

„ניין, כ'וועל ניט פאַרגעסן."

אברהם נחמיה

זײַן צווייטן זיידן פון פאָטער'ס צד, אברהם נחמיה, האָט לעאָן גע־טראָפן זיצנדיק אויף אַ באַנק אין אַ ווינקל, ענלעך צו אַ היימישן גרויסן אויוון, ווייס געקאַלכט. ער איז געווען פון קליין וואוקס, באַ־וואַקסן מיט אַ גרויסער גרוי־ווייסער באָרד, פאַרפלאָנטערט, פאַרמישט מיט זײַנע פאות און לאָקנס פון די האָר פונם קאָפּ. עס איז געלעגן אַן אומעט־טרויעריקער אויסדרוק אויף זײַן פאַטריאַרכאַלן פנים. אַנגעטאָן איז ער געווען אין אַ לאַנגן מלבוש, מיט אַ קליין היטעלע אויפן קאָפּ. אויף די פיס, הויכע שטיוול און צווישן די קני האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגן שטעקן, פונקט ווי לעאָן האָט אים דאָס לעצטע מאָל געזען, אַ פינף־און־פופציק יאָר צוריק. ער איז געזעסן אין אַן איינגעבויגענער פּאָזע, האַלטנ־דיק אַ קליין צעשויבערטן ספרל, אַן אַלטן תהלימל.

„זיידעניו, וואָס מאַכט איר?" האָט אים לעאָן באַגריסט.

דער אַלטינקער האָט אים אָנגעקוקט, האָט זיך אויפגעהויבן, אים דערקענט, און אויסגעשטרעקט די אָרעמס צו זײַן אייניקל. ער האָט אָנגעלעגט זײַן רייך באַוואַקסן קאָפּ אויף זײַן אָרעם און אָנגעהויבן ווײַנען מיט אַ געוויין פון אַן אַלטן מאַן.

„זיידע, זיידעניו, וואָס ווײַנט איר, מע דאַרף ניט".

„אָ, לייבעלע, איך האָב נאָך אַלץ אין זיך טרערן, וואָס איך האָב זיי נאָך ניט אויסגעוויינט. זיי זײַנען געווען צופיל אין מײַנע אויגן, און פאַר אויסווײַנען זיי זײַנען די נעכט ניט געווען לאַנג גענוג. מײַן קליין תהלים'ל איז געווען דער איינציקער וואָס האָט מײַן געוויין געהערט און מײַנע טרערן געזען. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט מיטגעפילט, מער קיינער ניט. דו, מײַן קינד, האָסט עס געפילט, אָבער

ביסט אַוועק אין דער ווייטער וועלט, ווען קוים פערצן יאָר אַלט, און אַזוי זיינען מיינע אויגן געבליבן פול מיט טרערן ביזן היינטיקן טאָג.״

„זיידעניו, ווייסט איר, אַז מיר זיינען ביידע איצטער פון דעם זעלבן עלטער? איר זיינט געשטאָרבן, ווען איר זיינט געווען צוויי און זיבעציק, און איך בין אַהער געקומען, ווען מיין עלטער איז געווען צוויי און זי־בעציק״.

„יאָ, יאָ, אָבער איך בין אַזוי פיל־פיל עלטער פאַר דיר״. מיט אַ מאָל האָט ער אַ שמייכל געטאָן דורך זיינע טרערן: „איך דערמאָן זיך אַ זו־מער־פרימאָרגן אין הויף, ביים אַריינגאַנג צו אונזער הויז. אַ טיש איז געשטאַנען באַדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. אַ סאַמאָוואַר איז געשטאַנען און דיך געפייפט מיט פּאַרע, דו, דיין מאַמע, און איך זיינען געזעסן אַרום טיש און געטרונקען טיי. אַ ציגיינערקע איז אָנגעקומען פון גאַס, איינע פון דעם בויד ציגיינער, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער דער שטאָט, לעבן די ווינט־מילן. זי איז צוגעגאַנגען צו אונז און געזאָגט, אַז פאַר דריי קאָפּיקעס וועט זי אונז פאָראויסזאָגן אונזער לעבן. און ניט וואַרטנ־דיק אויף אונזער ענטפער, האָט זי גענומען דיין האַנט, געקוקט אַ מינוט און האָט דיר פאָראויסגעזאָגט, אַז דו וואַקסט צו ווערן אַ באַרימטער מאַן, וואָס צוויי מאָל וועסטו דאַרפן זיין פאַרזיכטיק מיט דיין לעבן, כדי דו זאָלסט נישט האָבן קיין פאַרשניטענע יאָרן: איינמאָל קענסטו שטאַרבן ווען דו וועסט זיין דריי און דרייסיק, און אַ צווייט מאָל, — ווען דו וועסט ווערן דריי און זעכציק. מיר האָבן זי אָוועקגעטריבן פון אונז און זי האָט אַ שפּיי געטאָן און איז אַוועק. געדענק איך, אַז איך האָב דיר דעמאָלט אַן עצה געגעבן, אַז דו זאָלסט ערגעץ אַוועקפאָרן, ווען דו וועסט זיין דריי און דרייסיק, אָדער דריי און זעכציק, און זאָלסט דיין אַדרעס ניט איבערלאָזן, אַזוי אַז דער מלאך־המות זאָל דיך ניט גע־פינען אין דער היים. האָסטו אויסגעפאָלגט מיין עצה?״

און זיין אַלטער פּנים האָט זיך ווידער צעשמייכלט.

„ווייסטו, לייבעלע, אַז דאָס איז ס׳ערשטע מאָל, וואָס איך האָב געקענט עפּעס דערציילן און מען זאָל מיך אויסהערן, ניט איבערשלאָגן און ניט אָפּשטעלן!״ און ווידער האָט ער זיין קאָפּ אין טרויער אַראָפּ־געלאָזן נידעריק איבער זיין תהלים־ספרל.

לעאָן האָט געקוקט אויף אים, זיין זיידן, מיט רחמנות... אַן אַלטע פיגור פון אַ טרויעריקע נשמה. ס׳איז גאָר קיינמאָל ניט געווען, ווען לעאָן זאָל האָבן זיין זיידן געזען ניט אַלס אַן אַלט־אַלטן מאַן. ער גע־

דענקט אים אַ גייענדיקן איבער די שטויביקע גאַסן פון זייער קליין שטעטל. ער פלעגט גיין מיט קליינע, גיכע, דריבנע טריט, כמעט לויפנ־דיק, פאַרפאַלגט פון בייזע הינט, אָדער שלעכטע קינדער, רייצנדיק אים, אָדער לאַכנדיק איבער אים, דעם אַלטן קראַנקן איד ... זיי פלעגן אים אָפט באַוואַרפן מיט שטיינער, אָדער עפּעס אים לייגן אין וועג, ער זאָל זיך אָנשטויסן און פאַלן. און נאָר לעאָנ׳ס קליינע, האַרטע פויסטן פלעגן אַמאָל ראַטעווען זיין זיידן פון צרות. ער גדעדענקט נאָך ווי דער זיידע פלעגט דערשעפּט אָנקומען לויפנדיק אַהיים, און אַנידערפאַלן אויף זיין באַנק שוואַר אָטעמנדיק, און אין אַ ווײַלע אַרום אַרויסנעמען זיין תהלימ׳ל און אָנהויבן זאָגן: אשרי, אשרי האיש אשר לא הלך ... וואויל איז דעם מענטשן, וואָס גייט ניט אין די וועגן פון די שלעכטע ...

לעאָן פלעגט צוקומען צום זיידן, נעמען זיין האַנט שטילערהייט, גלעטן עס און פרעגן:

„זיידע, וואָס זאָגט איר אשרי? וואָס איז אַזוי גוט דעם מענטש?“

דער זיידע האָט קיינמאָל אויף דעם ניט געענטפערט, נאָר אַ זיפץ געטאָן און ווייטער געזאָגט תהלים.

אַזוי האָט זיך לעאָן איצט דערמאָנט די לאַנג פאַרגעסענע יאָרן.

„זיידע, ווי אַזוי פאַרברענגט איר דאָ אייערע טעג? וואָס געפינט איר דאָ פאַר זיך, און וואָס איז דער זין און שכל?“

„וואָס קען איך דיר זאָגן, לייב? ס׳איז כמעט ווי געווען אַמאָל. איך דאַוון דריי מאָל אַ טאָג. מיר האָבן דאָ אַ קליינעם מנין פון אַזעלכע אידן ווי איך בין, דאַווענען מיר אינאיינעם און זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים אינ־איינעם. דערנאָך קערט זיך יעדער פון אונז צוריק צו זיין ווינקל און שפּינט ווייטער דעם פאָדים פון זכרונות, וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אויף אַ ווייל. אין דעם געפין איך מיין שלום, אָבער אויך מיין גרויסן שמערץ און וויי. איך ווייס ניט, מיין קינד, ווי אַזוי איך קען מיט ווערטער, די ווייניקע וואָס אין מיין רשות, דיר דאָס דערקלערן. עס דוכט זיך מיר, אַז איך בין ווי דוד׳ס האַרפע, וואָס האָט געקענט שפּילן נישט נאָר דורך די פינגער און הענט פון דוד המלך, נאָר אויך דורך אַ ווינט, דורך אַ גרויסן שטורם־ווינט, אָדער אַ לייכטן אָטעם פון אַ שטילן־בלאָז ... אפילו אַ קליינע באַוועגונג פון דער לופט איז געווען גענוג, אַז דוד׳ס האַרפע זאָל אָנהויבן שפּילן, וויינען, קלאָגן און לויבן דעם בורא העולם. אַזוי איז אויך מיין האַרץ, אָפן צו דערהאַלטן און ענטפערן צו אַלע צרות און ווייטאָגן אויף דער וועלט. עס דערגרייכט מיך, עס

רירט מיך, און עס ציטערט אין מיר אַלץ אויף. איך ווייס ניט ווי אַזוי, אָבער שטענדיק דערפיל איך גאָר־גאָר דייטלעך, אַז ערגעץ וואו וויינט אַ קינד, אין שרעק צו זיין איבערגעלאָזן אַליין אין דער פינסטער. אָדער דעם קרעכץ פון אַ צעשלאָגענעם שיכור, וואָס וואַלגערט זיך אין זיין בלוט אין אַ רינשטאָק, בלאָטע, ערגעץ וואו הינטער אַ מאַרק־פּלויט. זיין שלוכץ דערגרייכן מיך מיט אַ צופּ פון מיין האַרץ. די צרות פון מיין פאָלק און פון אַלע פעלקער, אַלע דערגרייכן מיך... אַקוראַט ווי הקדוש ברוך הוא וואָלט מיך באַשטימט פאַר אַ שמש צו פאַרצייכענען אַלע אומרעכטן, ער זאָל גאָר ניט פאַרזען און זאָל זיך קענען אויף זיי מרחם זיין. און אַזוי אַלע מיינע טעג האַלט איך דאָס אין איין דערציילן צו מיין באַשאַפער, זאָגנדיק און זינגענדיק מיין תהלים׳ל... און דאָס איז פאַרוואָס איך קען קיינמאָל ניט מיד ווערן צו לייענען די שורות פון תהלים, און דערפאַר האָב איך גאָר קיין צייט ניט אַרומצוקוקן זיך און זען אַנדערע זאַכן ארום מיר דאָ.״

נאָך אַ ווײַלע פאַרטראַכטן זיך, האָט ער צוגעגעבן:

„איך האָב געוואוסט ווען דיין זון איז געווען אין לעבנס־געפאַר, איך האָב אויך געוואוסט ווען דו ביסט געווען ביים שיידן זיך מיט דיין פרוי... איך האָב אויך געוואוסט ווען דו האָסט פאַרלוירן דיין גלויבן אין גאָט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דיין לעבן און ס׳איז דיר געווען אַלץ איינס. איך האָב דאָ צונויפגערופן מיין מנין אידן און מיר האָבן געזאָגט תהלים פאַר דיר״.

לעאָן איז געווען טיף גערירט פון די רייד. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין קליינינקען, אַלטן זיידעניו, און אים אַרומגענומען אין זיינע אָרעמס. צוויי צוויי־און־זיבעציקער, זיינען געשטאַנען פאַראייניקט אין ליבע צו איינעם פאַר וועמענס כבוד אַלע שירים פון תהלים זיינען געזונגען געוואָרן.

אין דער רגע זיינען אַריינגעקומען זיין מוטער לאה מיט דער באָבע גיטל, אַ הויכע געשטאַלט פון הויכן עלטער, איינגעראַמט אין שיין גע־שטריקטע שאַלן, טיכער און קליידער. איר פּנים איז געווען צוגעדעקט זייער רייך מיט קנייטשן און ליניעס אַקוראַט ווי אַ מייסטערווערק פון אַ גרויסן גראַווירער. אירע אויגן זיינען געווען שוואַך אַזוי אַז איר שנור האָט זי געדאַרפט פירן און באַגלייטן. ווען די באָבע האָט זיך פון דער נאָענט איינגעקוקט האָט זי דערקענט איר אייניקל לייב.

„אָ, לייבעלע״, האָט זי אויסגערופן. „אַזוי, אַזוי, ביסטו געקומען צו

גאַסט צו אונז! צעביסלעכווייז קומט זיך דאָס גרויסע הויז ווידער צונויף ווי אין די פריערדיקע טעג. און ווידער וועלן מיר האָבן אונזער גרויסן טיש מיט פינף און צוואַנציק און מער מענטשן אַרום, אייגענע און פרעמד־געלאַדענע אורחים צו דערציילן אונז וואָס עס טוט זיך און הערט זיך אין דער וויטער וועלט. אָ, גרויס איז דער נחת פון האָבן די קינדער און קינדס־קינדער ווידער אַלע צוזאַמען. לייבעלע, ביסט שוין אַן אַלטער מאַן, די אויגן אָבער זיינען נאָך יונג ביי דיר. אוי וויי, איך וואָלט וועלן זען דיין זון און זיינע קינדערלעך... זיינען זיי אַלע ענלעך צו אונזער צד?... איי, איי, אַלץ קומט ווידער צושטאַנד... אַלץ קומט ווידער. עס גייט אַוועק און עס קערט זיך אום...״

אַלבערט און קעיט

ווען לעאָן און אַלבערט זיינען אָנגעקומען צו זינאַ׳ס ווינקל, האָבן זיי דאָרט געטראָפן עטלעכע געסט צעטיילט אין צוויי גרופן. די דריי פרויען, זינאַ, קעיט און ליזאַ האָבן צווישן זיך געשמועסט און אַרומגערעדט ווי צו אַראַנזשירן זאַכן אין זייערע ווינקלען. אָן אַ זייט פון זיי זיינען געשטאַנען פיר מאַנספּאַרשוינען, זשאַן, אָסקאַר, סעם קאָוונער און אַ נייער מאַן מיט שווערע ברילן אויף אַ זייער מידן און פאַרזאָרגטן פּנים. סעם קאָוונער האָט געהאַלטן אין דערציילן עפּעס, האָט אָבער קוים באַוויזן אָנצוהאַלטן זייער אויפמערקזאַמקייט, נאָך אַ ווײַלע האָט ער אויפגעגעבן די האָפנונג צו קענען פאַרענדיקן די געשיכטע און האָט איבערגעלאָזן די סצענע פאַר אָסקאַרן. דער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין אַרומריידן מיט אויפרעגונג די מעלות און חסרונות פון דעם קאָסמישן קאָנצערט...

ווען לעאָן און אַלבערט זיינען אַריינגעקומען, האָבן זיך אַלע אויגן אויף זיי אָנגעשטעלט. לעאָן און זינאַ האָבן זיך באַגעגנט מיט די אויגן און מיט אַ ווײ אין די הערצער. לעאָן האָט באַמערקט, אַז אירע אויגן זיינען געווען זייער מיד און טרויעריק מיט גרויסע שאָטנס אַרומגערינגלט. ער האָט זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע פרויען און מענער: „איך וואָלט וועלן איך פאַרשטעלן מיין אַלטן, טייערן פריינט, אַלבערט. ער איז אַ גוטער, מיט אַ סך מעלות, און איינע פון זיינע מעלות, איז זיין טאַלאַנט פאַר שטיל און שיין שווייגן. ער איז ניט אַזאַ גראַגער ווי איך בין".

די דאַמען האָבן זיך אַלע מיט אינטערעס, נייגער, און פאַרשנדיקע בליקן צוגעקוקט צו אַלבערטן. קעיט האָט עס געטאָן לענגער ווי די אַנדערע. אַלבערט האָט קענטיק דערפילט דעם בליק פון די גרויסע קינדישע אויגן און אַ לייכטער ראָזעווער קאָליר האָט זיך פאַרשפּרייט איבער זיינע בלייכע באַקן. אַלע זיינען פאַר אַ רגע געווען שטיל און אַביסל פאַרווירט. ליזאַ האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעקומען צום מאַן מיט דעם מידן פּנים און שווערע ברילן און אים אָנגענומען ביי

דער האַנט: „דאָס איז מיין מאַן, ער איז די טעג אַהער אָנגעקומען. ער האָט ענדלעך בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו שליסן זײַנע חשבונות־ביכער, אײגענע און פרעמדע, זיך געזעגענען מיט די קינדער... ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער גייט זיך טרעפן מיט זייער מאַמען, דאָס איז מיט מיר. זײַן נאָמען איז ווילִיאַם, אַ גוטער מאַן און מענטש, אויך עקסעלענט אין זײַן שווייגן, אַזוי אַז מיר וועלן זײַן גוט באַוואָרנט מיט דעם שווײַג־אַרטיקל... סיידן סעם קאָוונער וועט צו דעם ניט דערלאָזן". זי האָט זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו איר מאַן און צו אים געזאָגט: „קום, ווילִיאַם, דו דאַרפסט מיר נאָך דערציילן זאַכן וועגן אונזערע קינדער, דו האָסט מיר נאָך גאָר ווייניק דערציילט".

און זי האָט אים אַוועקגעפירט.

„לעאָן", רופט זיך אָפּ זשאַן. „איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איך קען ווערן אײַפערזיכטיק. איך האָב געגלויבט און געלעבט אין דער אילוזיע, אַז נאָך זײַנאַ פאַרנעם איך אין דײַן האַרץ דעם צווייטן פּלאַץ. ווײַזט זיך אַרויס, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות. אָט איז געקומען אַ אינגערער און שענערער פון מיר, מיט אַ פײַנערן נאָמען, אַלבערט, און נעמט דיך אַוועק. מיינסט אַז ס'איז זייער פײַן פון דײַן זײַט, לעאָן?"

לעאָן האָט געשמייכלט ענטפערנדיק אים: „ניין, זשאַן, אַלבערט פאַרנעמט ניט דײַן אָרט. זע נאָר, זע".

לעאָן איז צוגעקומען נאָענט צו זשאַן און אים שטילערהייט אָנגע־וויזן: „זע און קוק זיי אָן, קעיט און אַלבערט, און דו וועסט ניט זײַן אײַפערזיכטיק".

עפּעס זייער מערקווירדיקעס און וואונדערלעכעס האָט מיט זיי ביידן געטראָפן. זינט זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָבן זיי ביידע זייערע אויגן ניט געקענט אָפּרייסן איינער פון צווייטן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע אַנטפּלעקונג איז צו זיי ביידן געקומען, אַ זאַך פאַר וועלכע זיי האָבן געבענקט, געלעכצט און געוואַרט זייער גאַנצן לעבן־לאַנג. זיי זײַנען ביידע, קעיט און אַלבערט, געווען ווי אין אַ כּישוף. זיי האָבן קוים געהערט און געזען וואָס עס געשעט אַרום זיי און וואָס עס ווערט געזאָגט, אַזוי אַז ווען מען זאָל זיי אָנרופן ביים נאָמען אָדער אָנרירן בײַ דער האַנט, וואָלטן זיי אויפגעציטערט.

לעאָן האָט געשמייכלט קוקנדיק אויף זיי און אויך זשאַן האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן פון דעם. אין לעאָנ'ס האַרץ האָט זיך צוגלייך מיט אַ שמייכל אויך באַוויזן אַ דינינקער געפיל פון וויי. עפּעס אַ

שאָטן פון ניט פאַרגינען. עפּעס אַ נאַגעניש. אָבער ער האָט עס באַלד אין זיך דערשטיקט, און דאָס האַרץ איז אין אים ווידער געוואָרן גרינג און לויטער. סעם קאָוונער האָט דאָס פּאָרל אויך באַטראַכט און גאָרניט גע־שמייכלט. ער האָט עפּעס געמורמלט צו זיך, ווי ער וואָלט נישט פאַרגונען אימיצן אַ זאַך וואָס האָט געדאַרפט און געזאָלט ווערן זיינס. אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם וואָס עס וועט זיך לאָזן דערציילן אַ מעשה וועגן דעם ביי אַ געלעגנהייט.

אַלבערט איז צוגעגאַנגען צו קעיט גאָר־גאָר נאָענט, אַ זאַך וואָס ער האָט אין זיינעביידע לעבנס קיינמאָל ניט געוואַגט צו טאָן. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און געזאָגט: „עפּעס מוז קלאָר ווערן וועגן אונזביידן, קעיט. קום, לאָמיר אַרויסגיין, און זיין אַליין... מיר ביידע... קום, קעיט, מיט מיר".

און לעאָן האָט דערזען ווי קעיט האָט זיך אויפגעהויבן און ניט זאָגנדיק קיין וואָרט איז זי נאָכגעגאַנגען אַלבערטן. זיי זיינען אַרויסגע־גאַנגען דרויסן אויף אַ וועג צווישן גרינע פעלדער, וואָס האָבן אויסגע־זען ווי גרין וואַסער, אָדער גרין־גלאָז. זיי זיינען געגאַנגען אַ גרויסן שטיק וועג ניט רעדנדיק קיין וואָרט.

דאַן האָט אַלבערט געזאָגט: „קענסטו מיר דאָס דערקלערן?"

„וואָס?" האָט קעיט געפרעגט.

„דאָס וואָס מיר ביידע האָבן זיך ערשט דאָ געדאַרפט טרעפן? און אַזוי שפּעט?"

„ניט צו שפּעט, אַלבערט."

זיי האָבן פאַרהאַלטן זייערע טריט, זיך אָפּגעשטעלט, צוגעקערט זייערע פּנימער צו אייגאַנדער, אַלץ ווי אין חלום. אַלבערט האָט גענומען איר פּנים אין זיינע הענט, און האָט געקושט אירע ליפּן מיט אַ לאַנגן־לאַנגן קוש, ווי עס וואָלט אַ שטיק אומענדלעכקייט פון צייט און רוים אַרויסגעריסן געוואָרן און אַוועקגעלייגט אויף זייערע ביידנס ליפּן.

**
*

זינאַ און לעאָן זיינען געבליבן אַליין. זי האָט אויסגעזען זייער מיד און האָט קוים געקענט שטיין, אָדער זיצן, אָדער אפילו האַלטן די אויגן אָפן. לעאָן האָט זי צוגעפירט צו איר סאָפע און אונטערגעלייגט אַ קישן, אונטער איר קאָפּ. זינאַ האָט אַזוי פאַרבראַכט רוענדיק אַ לאַנגע

ווײלע. לעאָן איז געזעסן לעבן איר, געקוקט אויף איר, ווײסנדיק ווי טיף געקרענקט און ווײטאָגדיק זי פילט און ווײסנדיק אַז קײן זאַך קען ניט ענדערן זײן באַשטימטן וועג. ער האָט געוואָלט אָנהײבן רעדן, עפּעס איר זאָגן, און האָט זי אָנגערופן בײם נאָמען: „זינאַ". אָבער זי האָט אים באַלד אָפּגעשטעלט:

„בײן, לעאָן, רעד נישט, מען דאַרף עס נישט. איך ווײס דאָך וואָס דו וועסט זאָגן, און איך האָב עס שוין לאַנג געוואוסט, אַז דאָס וועט פּאַרקומען. איך האָב געמאַכט אַ פּאַרזוך דאָס צו פֿאַרהאַלטן, אָבער טוענדיק דאָס, האָב איך געוואוסט, אַז אומזיסט איז מײן מי. איך האָב שוין געדאַרפֿט ווײסן „דעם מאַן וועלכן גאָט האָט מיר געגעבן".

און ווידער זײנען זײ בײדע שטיל געבליבן פֿאַר אַ לאַנגער צײַט.

דערנאָך האָט לעאָן געזאָגט: „איך וועל צוריקקומען. דו ווײסט דאָך אויך, אַז וואוהין איך זאָל ניט זײן פֿאַרוואָגדערט, וואו און ווען איך זאָל ניט זײן, ווײס איך שטענדיק, אַז אין דערהײם איז זי, זינאַ, מײן ווײב... זי וואַרט אויף מיר און ווען איך וועל צוריקקומען און עפֿענען די טיר און זאָגן האַלאָ, זינאַ, וועט זי מיך אויפֿנעמען מיט אַ פֿרײנטלעכן פּנים".

זינאַ האָט אַ טרויעריקן שמײכל געטאָן: „אַ פֿײנע ראָלע איז מיר צוגעטײלט געוואָרן צו וואַרטן אויף מײן מאַן, נאָכאַמאָל און ווידער־אַמאָל, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען דער אײנציקער מאַן אויף דער וועלט. וואָס פֿאַר אַ נאַרישע באַשעפֿעניש איך בין, ווײסנדיק אַז איך בין פֿאַר מײן מאַן ניט די אײנציקע פֿרוי, וואָס גאָט האָט אים געגעבן".

„דו ביזט עס, זינאַ. דו ביזט די אײנציקע פֿרוי, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן. איך האָב פֿאַר זיך קײן בעסערע פֿרוי ניט געקענט ווינשן און געפֿינען. דו האָסט מיר געגעבן ליבע, אַ זון און אַ וועלט מיט פֿרײהײט, קען אַ מאַן בעטן גאָט פֿאַר מער?"

ער האָט גענומען איר האַנט. ס'איז געווען דין, ווײס־בלײך, און זײער גרינג. ער האָט געקוקט אויף איר בלײכן, מאָגערן פּנים מיט צוגעמאַכטע אויגן. זי האָט אויסגעזען זײער פֿאַרעלטערט, זײן אַלטינקע, טײערע ווײב, אָבער זי האָט פֿאַר אים אויסגעזען אַזוי שײן, אַזוי ליכטיק־שײן, ווי דאָס ערשטע מאָל, ווען ער האָט זי באַגעגנט נאָך כמעט אַ קינד.

„פֿריער, ווען דו פֿלעגסט אַוועקוואָנדערן האָב איך די קינדער געהאַט אַרום זיך אָבער איצטער, וועלן נאָר פֿרעמדע זײן אַרום מיר... אמת, טײערע און ליבע מענטשן, אָבער דאָך פֿרעמדע מענטשן"...

נאָך אַ ווײטערן שטילשווײגן האָט זי אים געפֿרעגט:

„האָסטו אַלץ וואָס דו דאַרפסט מיטנעמען?“

„יאָ, זינאַ, איך האָב. זיי געזונט, טייערע“.

„זיי געזונט, לעאָן“.

ער האָט אַ קוש געטאָן איר פּייכטן פּנים, זי איבערגעלאָזן, און איז אַוועק צו זיינע ווייטערע געשעענישן אין זיין מער־זייטיקן לעבן.

זיידענ׳ס עצה

לעאָן האָט ניט פאַרגעסן זיין זיידנ׳ס עצה צו געבן נאָך אַן אויפ־מערקזאַמען קוק און אַ טראַכט וועגן דער וועלט פון וועלכער ער שיידט זיך פאַר זיין מיסיע, טאַקע כדי צו קענען מיט מער דערפאָלג זי אַדורכ־פירן. טראַכטנדיק וועגן זיין זיידנס עצה האָט לעאָן געמוזט צוגעבן, אַז ער האָט ניט געהאַט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס ער איז דאָ אָפּגעווען די נויטיקע רו פאַר זיין געמיט צו באַשאַפן זיך אַ קלאָר בילד פון דער וועלט וועלכער ער קלויבט זיך צו באַשרייבן דאָרטן וואוהין ער ווערט געשיקט. פון אָנהויב אָן איז ער געווען פאַרפּלאָנטערט אין סיטואַציעס פּערזענלעכע און פרעמדע... דאָס לעבן אַליין פילט אויס דאָס לעבן, דאָ, ווי עס האָט אויסגעפילט דאָרט, ניט איבערלאָזנדיק קיין סך צייט צו פאַרטראַכטן און באַטראַכטן. דער טיפסטער סוד פון וועלט־באַשאַף, די נשמה, וואָס איז אין אים געווען און וואָס האָט איבערגעלעבט דעם טויט, און טראָגט דאָ מיט זיך און האַלט ווייטער אָן זיין פּערזענלעכקייט, די נשמה זיינע, וואָס איז אין אים, און פאַר אים געווען, און איז גע־בליבן אויך איצט, אַ ליכטיקע לאַמטערנע, וואָס באַלייכט אַלץ אין אים און אַלץ אַרום אים — איז נאָך אַלץ אַ מיסטעריע, היינט ווי אַמאָל. וועןזשע וועט עס אים קלאָר ווערן, אָדער כאָטש קלערער ווערן? אפשר וויס זיין זיידע מער דורך זיינע אַלטע, גרויסע ספרים, מער ווי זיין אייניקל ?! איין זאַך איז פאַר אים, לעאָן, קלאָר, אַז טויט איז אַ בלוטנ־דיקע וואונד אויף דעם מענשלעכן באַוואוסטזיין. דער געדאַנק אָפּגעווישט צו ווערן אפילו אָן אַ צייכן פון עקזיסטענץ איז אומדערטרעגלעך. אַרויסגערופן צו ווערן פון נישט־זיין אין יאָ־זיין אַריין — און דערנאָך אויף צוריק אָן ווייטערע צערעמאָניעס, איז אַ בייזער שפּאַס, אַ בייזע קרענק, וואָס דאַרף געהיילט ווערן און פאַרהיילט ווערן פון שרעק און זינלאָזיקייט. מען וויל דעם מענטשן טרייסטן מיט אַ סאָרט אומשטערב־לעכקייט וואָס מעשים־טובים גיבן דעם, וואָס לאָזט זיי איבער נאָך זיך. ס׳איז, וואָס אַזעלכע טרייסטער רופן אָן סאָציאַלע אומשטערבלעכקייט, עפּעס ענלעכס צו סאָציאַלע פאַרזיכערונג.

„מענטש, הייסט עס, זאָרג זיך ניט, מיר וועלן דיך געדענקען, אַזוי פּיל און אַזוי לאַנג וויפּיל דו האָסט איינגעצאָלט, מער אומשטערבלעכקייט קענען מיר דיר לײַדער נישט צוזאָגן. צו מער ביזטו נישט באַרעכטיקט...“

„קאַלטע פּריפּאַרקעס“, געדענקט זיך מיר אַ היימישער אויסדרוק.

אַ געפיל, אָדער גלויבן, אַ זיכערקייט און וויסן פון אַ ווייטערע, פאַרלענגערטע עקזיסטענץ מוז געשאַפן ווערן. נישט אַן אייביק לעבן — אייביק לעבט נאָר איינער, נאָר אַ פאַרשפּרייט, אָדער פאַרלענגערט לעבן. ס'איז נויטיק נישט נאָר צוליב אַ ברייטערע עקזיסטענץ אַליין, נאָר אויך צוליב אַ ספּעציעלע מיסיע, וואָס אַזאַ ווייטערע עקזיסטענץ פאַרמאָגט, — נעמלעך די מאָראַלישע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשן.

מאָראַליש איז דער מענטש אויף דער ערד שטיין געבליבן, ניין, געזונקען.

אַזוי האָט לעאָן געטראַכט...

און אויך געדענקט לעאָן, אַז ער האָט צוגעזאָגט זיין זיידן צו זען זיך מיט אים נאָך אַמאָל פאַר זיין אַוועקגיין.

***

געטראָפן האָט לעאָן זיין זיידן, ר' וואַנילער, אויף דעמזעלבן אָרט און פּאָזע ווי ער האָט אים פאַרלאָזן נאָכן ערשטן באַזוך. ער איז געזעסן איבער דעמזעלבן אַלטן ספר מיט בלעטער ענטפאַרבט פון לאַנגן געברויך, צעריבן פון לאַנגן קאָנטאַקט מיט פינגער און הענט, טראָפּן טרערן און ליכט־וואַקס. דער אַלטער מאַן האָט אויפגעהויבן זיין גרויסן לייבן־קאָפּ, ווען לעאָן איז אַריין און האָט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג מיט אַ „שלום עליך“. „קום נענטער און זעץ זיך דאָ, איך האָב דערוואַרט דיין קומען... איך געדענק, אַז דו וואָלסט וועלן הערן נאָך עפּעס פון זוהר. אַ געדאַנק, אַ זעאונג, אָדער אָנווייז. כ'האָב געוואַרט אויף דיר, פריער ווי דו ביסט געקומען... מסתמא געהאַט וויכטיקערע זאַכן! איך אַליין ווייס ניט פון קיין וויכטיקערע זאַך ווי צו קומען נענטער צו די קוואַלן פון אין־סוף און באַגרייפן דאָס ליכט וואָס שטראָמט פון „בורא“.

„יאָ, זיידע, עפּעס אמת וויכטיקס האָט זיך פאַרלאָפן און מיך פאַרהאַלטן. איך בין גרייט פאַר מיין נסיעה און האָב זיך געזעגנט מיט

ווייב און פריינט... און בין איצט געקומען מיט אייך צו געזעגענען זיך און הערן פון אייך אַ נויטיק וואָרט און עצה".

„אַזוי, אַזוי... טאָ הער מיך, לייב. גיי צוערשט צו אונזער הייליק לאַנד, דער מקור פון אונזערע נביאים און נביאות. גיי און באַזוך די שטאָט צפת אין גליל העליון, וויגל פון אונזערע מיסטישע לימודים. דו וועסט דאָרט זיכער טרעפן תלמידי חכמים, וואָס פאַרטיפן זיך אין דער קבלה, רעד מיט זיי, בעסער הער זיך איין אין זייערע רייד. און ברענג מיר צוריק, אויב מעגלעך, אַ תשובה אויף אַ קאָנצעפּט, אַ געדאַנק אַזאַ".

„יאָ, זיידע, וואָס איז עס?"

„אַ געדאַנק, וואָס דערהויבט זיך, אָדער פאַרטיפט זיך צום עיקר וועזן פונם בורא העולם... אַלס מיסטישער „גאָרניט", מיסטישער „אין". איך קען עס ניט באַנעמען:... „אין־סוף" און „אין"... איך קען עס ניט באַנעמען. הער מיך אויס, לייב. גיי וואוהין דו ווערסט געשיקט און דערפיל די שליחות בשלמות און קום צוריק. אַז דו וועסט זיין צוריק און וועסט אָפּגעבן דיין באַריכט צו די וואָס האָבן דיך געשיקט — קום דאַן צו מיר. איך וועל צומאַכן אָט דעם און אַנדערע ספרים, נעמען אין האַנט אַ וואַנדערשטעקן, אַרומבינדן אַ שטריק אַרום די לענדן, גערעדט בלשון מליצה, און אויב דו וועסט זיין גרייט, וועלן מיר זיך איינ־איינעם אַוועקלאָזן זוכן דעם וועג צו דעם ווייט און הויך און טיף פאַרבאָרגענעם. קוק מיך נישט אָן מיט אַזעלכע מאָדנע אויגן! עס זיינען דאָ פאַראַן אַזעלכע וועגן און שטעגן וואָס פירן אַהינצו... אויף די וועגן וועלן מיר אָנטרעפן מענטשן־מלאכים, גאַנצע מלאכים־מענטשן, גרויסע טעמפּלען און הויכע טראָנען, אַרום זיי הויערט בלענדענד ליכט און פלאַמען פייער... מיר וועלן זען און דערקענען סודות פון גרויסער נאָענטקייט צום מקור... אויף די וועגן וועלן מיר אָנטרעפן נאָך אַנ־דערע אַזעלכע זוכער און וואַנדערער אין דורשט און בענקעניש נאָך זיין פנים און זיין נאָמען... און זיין נאָענטקייט... מיר וועלן מיטגיין מיט די וואָס האָבן ווי פריער אויף דער ערד, פאַרלאָזן זייערע ווייבער, קינדער, באַקוועם געלעגער און זאָטן טיש און זיך אָפּגעגעבן צו דער אייביקער זוכעניש. איך גרייט זיך שוין לאַנג צו פאַרלאָזן מיין ווינקל דאָ... כ'האָב מורא צו פאַרשפּעטיקן..."

„וואָס פאַרשפּעטיקן, זיידע?"

איך פיל אַז מיינע איצטיקע יאָרן זיינען דאָ געציילטע. מען שטאַרבט

דאָ אויך מיט אַ וויטערדיקער מדרגה פון טויט... דאָרט וואו מען לעבט שטאַרבט מען אויך... איז אײדער דאָס וועט מיט מיר געשען, וויל איך מאַכן אַ טראַט נעענטער צו אים — דעם בורא עולם".

דער אַלטער מאַן איז שטיל געוואָרן. און דאַן, נאָך עטלעכע ווערטער צוגעגעבן: „און איצטער גיי און דערצייל עס צו די וואָס לעבן דאָרט, צו די וואָס ווייסן גאָר ניט און גלויבן גאָר ניט".

לעאָן איז אויפגעשטאַנען, האָט אַ קוש געטאָן זיין אַלטן זיידן און איז אַוועק צו זיין באַשטימונג.


שדי
אדם קדמון
ספירות
אצילות בריאה
יצירה עשיה
תקון
צמצום
קבלה

דריטער טייל

אינטערמעצאָ

ס'איז געווען ווי חלומען אין אַ חלום. אַ זייער דורכזיכטיקער חלום, אַ חלום אַרויפגעלייגט אויף אַ צווייטן חלום, ווי בילדער געמאָלן אויף אַ גלאָז־פּלאַטע, וואָס איז געלעגן גאָר אויבן, האָט פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון זיין זיידן, רב וואַנילער. דער אַלטער מאַן האָט גערעדט צו לעאָן, און אין דער צייט פון זיין רעדן, זיינען די ווערטער דערשינען מיט ליכטיקע אותיות, ווי אַן עלעקטריש שילד אויף די ווענט פון אַ מאָ־דערנער צייטונגס־געביידע. די נפקא מינה איז געווען, וואָס אין חלום זיינען די ווערטער ניט געלאָפן, נאָר לאַנגזאַם זיך באַוועגט, און צייט־ווייז זיך אָפּגעשטעלט, ווען עס איז נויטיק געווען בעסער דעם זין און שכל צו באַנעמען, און אפילו אומקערן זיך, אויב עס איז נויטיק געווען צו דער פולער פאַרשטענדעניש. און די ווערטער האָבן אים געזאָגט:

„ווען דער רבונו של עולם, געבענטשט זאָל דער נאָמען זיין, האָט די וועלט באַשאַפן, האָט ער אויך געפורעמט אַלע נשמות, וואָס וועלן אין צייט געגעבן ווערן צו מענטשן, יעדע נשמה לויט דעם גוף, וואָס זי וועט באַוואוינען. אין דער באַשטימטער צייט, ווען עס דאַרף געשען, רופט דער בורא די נשמה זי זאָל זיך ווייזן פאַר זיין כסא־הכבוד, איר אָנצוזאָגן מיט די ווערטער: „גיי איצטער און נידער אַראָפּ צו אַזאַ און אַזאַ אָרט, צו אַזאַ און אַזאַ מענטש, טרעט אַריין אין זיין גוף און ווער איינס מיט אים, אין זיין גורל, אין זיין באַנעמען זיך און כאַראַקטער". דאָך פּאַסירט גאַנץ אָפט, אַז די יונגע נשמה'לע נעמט זיך אָן מיט מוט און ענטפערט איר בורא אַזוי רעדנדיק: „האַר מיינער און באַשאַפער, איך האָב גאָר קיין פאַרלאַנג ניט צו זיין ערגעץ אַנדערש, וואו איך קען, חלילה, אַריינגעצויגן ווערן און באַפלעקט ווערן פון זינד". אויף דעם ענטפערט איר דער בורא־עולם, אַז „דיין מזל איז באַשטימט געווען אין דער רגע פון דיין באַשאַפונג, צו גיין און זיין אין מענטשן." דאַן האָט די נשמה'לע איינגעזען אַז זי מוז פאָלגן... און זי איז אַרונטער־געגאַנגען אין דער ערדישער וועלט דורכצוגיין איר אָנגעצייכנטן וועג... אַמאָל מער ווי איין וועג... אַזוי, לעאָן, איז אויך מיט דיין נשמה..."

האָבנדיק אָפּגערעדט די ווערטער אין שטימע און אין שריפט, האָט דער אַלטער זיידע אַרונטערגענומען זיין בילד פון אויבערשטן גלאָז, און דערלויבט די אונטערשטע בילד צו קומען צו איר קלאָרקייט. דאָרט האָט זיך באַוויזן אַלבערט׳ס פּנים און לעבן אים קעיט׳ס געזיכט. אַל־בערטס אויגן האָבן געשיינט מיט יונגע ליבע און זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אין דער פאָרמירונג פון ווערטער. און לעאָן האָט דערהערט און דערזען ווי אין אַ חלום אַט־וואָס: „זע, לעאָן, עס שטייט פאַר דיר אַ באַן מיט רעלסן. עס קען דיך נעמען און ברענגען אין צוויי ריכטונגען אויף די זעלבע רעלסן. ווען דער לאָקאָמאָטיוו שטייט אין פאָדערשטן טייל, פירט עס אין צייט, וואָס מען רופט „די צוקונפט״, שטייט די מאַשין אויפן אַנדער עק, פירט עס אין צייט וואָס מען רופט „פאַר־גאַנגענהייט״. דו ווערסט אַריין אין באַן, זיי זשע נישט איבערראַשט, ווען עס וועט זיך אָפּשטעלן, ברענגנדיק דיך אויף צוריק אַ דריי טוץ יאָרן. גיי אַרונטער אויף דעם אָרט פון אָפּשטעל, דו ווערסט זיך דערזען אין אַ שפּיגל אַלס אַ יוגנטלעכער מענטש, מיט שיינענדיקע, שמייכלענדיקע שוואַרצע אויגן, טונקעלע האָר... ווערסט דערפילן אין זיך אַ האַרץ קלאַפּנדיק פעסט מיט אַ רעגלמעסיקער קראַפט. דו ווערסט זיך נעמען צו דיין אַרבעט מיט חושק און ווען דו ווערסט זיין צוריק, ווערסטו אונז דערציילן וועגן דיין לעבנס דריטן אַקט״.

לעאָן האָט אָנגעקוקט קעיט, זי האָט צו אים געשמייכלט רואיק און פריינטלעך און איר בילד איז געוואָרן אַלץ בלאַסער און באַלד טאַקע אין גאַנצן אַראָפּ פון דעם גלאָז אין זיין חלום, איבערלאָזנדיק עס פאַר זיבנ.

„גיי, לעאָן, און זע וואָס די קינדער מאַכן. פאַרגעס עס ניט. און גיב אויף זיך אַכטונג. האָסטו מיט זיך מיטגענומען דיין סוועטער און קאַלאָשן? ווען דו ווערסט זיין צוריק... ווען... ווערסטו?״

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און האָט טיף אָפּגעזיפצט.

לייב מאיר קאַסטינער

אַט וואָס לעאָן קאַסטינס האָט דערציילט זיין ווייב זינאַ, זיינע פריינט זשאַן און אַלבערט, זיינע עלטערן, זיידעס און אַלעמען, וואָס זיינען געקומען אים הערן נאָך דעם ווי ער האָט זיין שליחות אויסגעפירט און אַ באַפרייטער צוריקגעקומען, כדי ווידער צו זיין מיט זיי און מיט זיינע.

אַט וואָס ער האָט דערציילט:

„אַ קליין פּאַסאַזשיר־שיפל האָט פאַרלאָזן אַ פּאָרט אין דרום־פראַנקרייך, פירנדיק מיט זיך אַ גאַנץ גרויסע גרופּע מענער און פרויען צו די ברעגן פונם הייליקן לאַנד. ווען איך בין אַרויף אויף דער שיף, האָב איך אָנגעגעבן מיין נאָמען אַלס לייב מאיר קאַסטינער, עלטער דריי און פערציק. מיין פּאַספּאָרט איז געווען אַן אַמעריקאַנער. אַ שפּיגל האָט מיר געוויזן אַ טונקל־אויגיקן, און טונקל־האָריקן מיטליאָריקן מאַן פון יוגנטלעכן אויסזען. איך בין געווען פון עטוואָס העכער פון מיטעלן וואוקס, מוסקוליעז, קרעפטיק און געשווינד אין מיינע באַוועגונגען. איך האָב געהאַט אַ קלאָר קלינגנדיקן קול, פליסיק אין מיין רעדן, גיך און טרעפנד אין מיינע תשובות.

איך בין געווען מיט אַלע פּאַסאַזשירן, ווען די שיף האָט אָנגעהויבן אָפּצושווימען. כ׳בין געשטאַנען מיט זיי אויפן דעק פון שיף פאָכנדיק מיט אַ ווייס־טיכעלע צו עטלעכע פריינט מיינע.

מענטשן זיינען ניט געגרן געווען צו פאַרלאָזן די דעק פון שיף, ביז אַ פלוצלונג אויפגעברויזטער ווינט האָט אויפגעהויבן זיינע פליגלען פון אַלע זייטן, רייסנדיק אַרונטער היטלען פון די קעפּ און פאַרגיסנדיק די אויגן מיט טרערן.

עס איז מיטאַמאָל געוואָרן קאַלט, טונקל און שרעקנדיק.

גאַנצע דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט דער מיטללענדישער ים געטריבן זיינע וואַסערן אין הויכע בערג מיט ווייסן גרוי גרינעם שוים, געמישט אין אַ ווילדן שפּיל מיט וואָלקנס און שטיקער וואַסער. און צווישן זיי האָבן זיך געדרייט ווייסע ים־פויגל אין שטוינענדיקע קרייזן און עקן.

ווייך, גליטשיק און נישט־דאָאיק, מיסטעריעז, ווי דער ים אַליין, אין דעמזעלביקן ריטם אַרויף, אַראָפּ און אַרום.

אויפן פערטן טאָג זיינען די פויגל פאַרשוואונדן; די שיף איז אוועק־געשוואומען צו ווייט פון ברעג פאַר זיי. דער ים האָט אויך ביסלעכווייז אויפגעגעבן זיין שטורם־שפּיל, די וואַסערן האָבן זיך באַרואיקט און געשמייכלט מיט אַ שולד־געפיל, ווי זיי וואָלטן זיך אַליין פאַרשעמט פאַר דעם טעמפּעראַמענט־אויפברויז; און די זון האָט זיך באַוויזן אין איר גלאָריע. מען האָט אונז דערציילט, אַז די שיף פירט אין איר אונטערשטע קאַמערן אַן ארון מיט אַ טויטן מאַן, האָבן אייניקע אין דעם געזען אַ דערקלערונג פאַרוואָס דער ים האָט אַזוי געקאָכט.

איך האָב דעם טויטן מאַן געזען שפּעטער אין אַן אָוונט־שעה. אַן איינזאַמע פיגור איז געשטאַנען ביים שפּיץ שיף, מיטן פּנים צו מזרח. ער איז געשטאַנען אין סאַמען פאַרענט פון שיף, אַקוראַט ווי ער וואָלט עס פאַראויס געפירט. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און בין שטיין געבליבן ביי זיין זייט פאַר אַ שטיקל צייט. דאַן האָב איך דערהערט אים זאָגן צו מיר, נישט קוקנדיק אויף מיר: „מיין זון איז מיט מיר אויפן שיף, ער פירט אויס מיין ווילן אין מיין צוואה צו ברענגען מיך צו קבורה אין ארץ ישראל אויפן בית־עולם פון הר־הזיתים. ער איז אַ גוטער זון ביי מיר. האָט איר אים געזען?"

„וועלכער איז דאָס? דער הויכער, טונקל־אויגיקער בחור?" האָב איך געפרעגט.

„יאָ, ער ווייס גאָרניט, אַז איך בין דאָ אויפן דעק פון שיף, און זע אים, און בין מיט אים די גאַנצע צייט. ער ווייסט ניט דאָס וואָס איר ווייסט איצט. איר קענט עס אים זאָגן. איר קענט עס טאָן, איר זיינט איצט אַ בירגער פוןביידע זייטן וועלט. זיי קענען אייך הערן און זען. אפשר וועלן זיי אייך גלויבן. גייט און דערציילט זיי. אָבער שרעקט אים ניט איבער. דערציילט עס אים און די אַנדערע, וואָס זיינען מיט אים. באַשרייבט מיך צו אים און צו זיי, אַזוי אַז ער זאָל ווערן איבערצייגט אין דעם אמת. קוקט מיך אָן גענוי".

ער האָט צוגעקערט זיין פּנים צו מיר און איך האָב דערזען פאַר זיך אַן אַלטן מאַן מיט אַ קורץ געוואַקסן ווייסער באָרד, גרויסע טיף־זיצנדיקע אויגן און א טונקל געוויקס אויף דער לינקער זייט שטערן און נאָך צוויי קלענערע אויף דער רעכטער זייט.

„באַשרייבט דאָס אַלץ צו זיי, כדי זיי זאָלן אייך גלויבן. און זאָגט

זיי, אַז דער מיטעלער פינגער פון מיין לינקער האַנט איז האַלב אָפּגעהאַקט, אָט זעט. און אויב דאָס איז ניט גענוג אַלס באַווייז פאַר זיי, דערציילט זיי, איך האָב עס אייך געזאָגט, אַז ביי מיין זון איז דאָ אַ גרויסער ברוינער פלעק אויף דער לינקער זייט פון דער ברוסט און בויך".

איך האָב זיך צוגעהערט צו זיינע אָנווייזונגען און האָב מיטאַמאָל איינגעזען, אַז איך טרעט דערמיט אַריין אין דער אַרבעט צוליב וועלכער איך בין אַהער געשיקט געוואָרן. און טראַכטנדיק אַזוי האָב איך מיך גלייך געפרעגט: און וואָס איז אייגנטלעך מיין אַרבעט דאָ? און אויפן מאָמענט זיך געענטפערט: עס וועט מיר קלאָר ווערן פון דער אַרבעט גופא.

איך האָב דעם אַלטן מאַן פאַרזיכערט, אַז איך וועל אויספירן אַלץ וואָס ער פאַרלאַנגט פון מיר און ווי ער פאַרלאַנגט עס פון מיר. כ'האָב אים געפרעגט צי קען ער מיר ניט געבן עטלעכע טעכנישע עצות ווי צו אַ נייעם מיטגליד פון דער געגנד־וועלט? האָט ער מיר געענטפערט, אַז אויך ער איז איצט אַ נייער מיטגליד פון עפּעס אַ נייער געגנד־וועלט . . .

איך האָב אים איבערגעלאָזן און זיך אומגעקערט צו דער גרופּע פּאַסאַזשירן אויפן דעק. דער אָוונט האָט זיך צאַרט אַראָפּגעלאָזן איבער דער שווימענדער שיף. פרידן האָט געהערשט איבערן ים און הימל, אַקוראַט, ווי קיינמאָל אין דער וועלט איז קיין שטורם־ווינט און פּחד־שטימונג ניט געווען, ווי דער פּנים פון דער וועלט וואָלט גאָר קיינמאָל אַזאַ בייזן אויסדרוק ניט געהאַט. דער הויכער, יונגער מאַן האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט צו דער גרופּע אידן, וואָס זיינען געזעסן אַרום אים, אַז ס'איז צייט פאַר אים צו זאָגן קדיש נאָך זיין פאָטער, און אַז ער דאַרף האָבן אַ מנין פאַר אַ מנחה דאַווענען. אַ צאָל מענטשן, מער ווי צען, האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער און זיינען אַוועק אין אַ באַזונדערן ווינקל פון שיפס־דעק און זיך געשטעלט דאַווענען. צום שלוס פון דעם האָט דער יונגערמאַן געזאָגט קדיש אין אַ טיף־ברוסטיקער שטימע. די גרופּע דאַווענער האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע פריערדיקע ערטער, און האָבן צוגעגעבן זייערע שטימען צו די, וואָס האָבן געזונגען פאָלקס־לידער און דערנאָך דערציילט וואונדערלעכע מעשה'לעך. גאָר אומדערוואַרטעט האָבן זיי זיך געווענדט צו מיר, בעטנדיק מיך צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. איך האָב זיך אַביסל צוריקגעהאַלטן, און דערנאָך אָנגעהויבן:

„איר האָט מיך אויפגערופן צו זאָגן עפּעס, וואָס זאָל שטימען, פאַרשטיי איך, מיט די סטרונעס פון אייערע הערצער. איר דערוואַרט עפּעס צו הערן אין האַרמאָניע מיט דער איצטיקער שעה. און די שעה איז באמת אַזוי וואונדערלעך! זעט נאָר: אָט איז אַ גרופּע אידן — מענטשן, וואָס האָבן אָנפאַרטרויט זייערע לעבנס צו אַ קליין שיפל צו שניידן ים׳ען און אָקעאַנען. און זעט ווי די בייזע וואַסערן האָבן פּלוצים געביטן זייער פּנים, פון שרעקלעך כמורנעם צו פריינטלעך־שמייכלענ־דיקן, און מער פאַר אַלץ, די גרופּע אידן, פרעמדע צווישן זיך און דאָך געבונדן מיט ליבע צו זייער אַלטן לאַנד וואוהין זיי גייען איצט. דאָס איז דאָך אַלץ אזוי טיף רירנד און וואונדערלעך שיין! און זעט, אָט איז אַ יונגערמאַן, אַ געטרייער, ליבנדער זון, באַגלייט ער זיין אָפּגעשיידטן פאָטער צו זיין אייביקער רו אין לאַנד פון ישראל, זאָגנדיק קדיש נאָך אים, אין ווערטער וואָס לויבן און גרויסן אַזוי הויך דעם בורא, דעם באַשאַפער פון לעבן און טויט. אַזוי וואונדערלעך און אַזוי איינפאַך, גרויס אין איר איינפאַכקייט, איינפאַך אין איר גרויסקייט די מעשה בראשית...

און דאָך מיינע ליבע פריינט, ווי וואונדערלעך די מעשה־בראשית איז, איז זי נאָך וואונדערלעכער אין איר ווייטערדיקן גאַנג און דערשיינונג. איך בין איצט אימשטאַנד צו דערציילן אייך עפּעס וואָס איר וועט ניט גלויבן, ניט באַלד, אָבער אַז איר וועט דערהערן און דערזען וועט איר מוזן גלויבן״.

דער אָנגעשטרענגטער אופן פון זייער צוהערן זיך איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט אויסגעדוכט צו זיין ביים אויסברוך, ווי ביי אַן אי־בערגעצויגענע סטרונע פון אַ פידל.

„איך וויל אייך זאָגן מיינע פריינט, אַז דער מאַן, נאָך וועמען זיין ליבנדער זון האָט נאָר־וואָס געזאָגט קדיש, זיצט איצטער מיט אונז דאָ, אויף דעם דעק פון שיף. שרעקט אייך ניט, ער וועט קיינעם קיין שלעכטס ניט טאָן און דעם אָרון האָט ער ניט געבראָכן. ער איז דאָ מיט אונז אין זיין דורכזיכטיקער, לויטערער געשטאַלט. איר קענט אים ניט זען, ווי איר קענט ניט זען מאַנכע פאַרבן אָדער קענט ניט הערן מאַנכע קלאַנגען, אָדער באַנעמען מער ווי דריי דימענסיעס פון זאַכן אין רוים. אָבער ער קען אייך יאָ זען און הערן.״

דער הויכער יונגערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן אויף זיינע פיס, צעשפרייט די הענט, אומפּעאיק אַ וואָרט אַרויסצורעדן. קיינער פון דער

גרופּע האָט קיין וואָרט ניט געקענט זאָגן, אַלע וואַרטנדיק, וואָס וועט ווייטער געשען.

„איך האָב אים געטראָפן שטייענדיק אין פראָנט פון שיף מיט די אויגן צו מזרח. ער האָט זיך געווענדט צו מיר און האָט מיר אָנגע־וויזן ווער זיין זון איז."

איך האָב זיך געמוזט אָפּשטעלן, ווייל די שפּאַנונג איז געוואָרן צו פיל עס אויסצוהאַלטן. צום סוף האָט דער זון, בלייך און ציטערנדיק, קוים אַרויסגערעדט: „ווי קענט איר דערוואַרטן מיר זאָלן עס אייך גלויבן, גלויבן אין אייערע ווערטער? און ווער זיינט איר?"

האָב איך געענטפערט: „איך פאַרשטיי גוט אייער באַציאונג צו מיינע רייד, און בין אָבער גרייט דאָס צו באַשטעטיקן דורך סימנים. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן אייער פאָטער ניט באַגעגנט, זאָל זיין גוף געפינען רו אין זיין קבר. אָבער לויט דעם ווי איך האָב אים נאָר־וואָס געזען, קען איך אים באַשרייבן ווי ער זעט אויס".

אַ האַלב טוץ שטימען האָבן אויף דעם מיר געענטפערט: „טאָ באַשרייבט אונז זיין פּנים און געשטאַלט, אויב ס'איז אמת, אַז איר האָט אים נאָרוואָס געזען".

„יאָ, איך בין עס גרייט צו טאָן".

און איך האָב פאַר זיי אויסגעלייגט אַלע סימנים און ענלעכקייטן פון דעם אַלטן מאַן.

„אָבער, דאָך, ווי קענען מיר זיכער זיין, אַז איר האָט טאַקע אים קיינמאָל פריער ניט געזען און ניט געקענט. צווייפל האָט קיין גרעניץ ניט, און די זאַך איז צו אומגעווייגלעך. מיר ווייסן ניט ווער איר זיינט... גיט אונז מער באַווייזן."

האָב איך זיי דערציילט וועגן די אַנדערע צייכנס, וואָס דער פאָטער האָט מיר אָנגעמערקט, די וואָס אויף זיין זונ'ס ברוסט און בויך.

דער יונגערמאַן האָט ראַשיק אַרונטערגענומען זיינע קליידער און צום שטוינען פון אַלע אַרומיקע וואָס זיינען צוגעלאָפן, געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן, אָנגערירט מיט די פינגער, זיך איבערצייגט אין דער אמת'דיקייט פון מיינע רייד...

און זיי זיינען טיף, שטיל אַנטשוויגן געוואָרן.

***

די נייעס וועגן דעם האָט זיך גיך פאַרשפּרייט פון אונזער אידישער

גרופּע צו די איטאַליענישע פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען געפאָרן קיין נעאַפּאָל און אויך צו די גרופּע גריכן, וואָס זיינען געפאָרן קיין אַטען. אויך צו די פראַנצויזישע מאַטראָסן, די מאַנשאַפט און אַרבעטער פון שיף. עס האָט אויך דערגרייכט דעם קאַפּיטאַן פון שיף. אַ צאָל מענטשן זיינען מיט אַ סאָרט יראת־הכבוד געקומען מיך אָנקוקן אין עפּעס אַ דערוואַרטונג. עס איז מיר קלאָר געווען, אַז זיי וואָלטן וועלן מיך עפּעס פרעגן, אויב זיי וואָלטן נאָר געקענט קלאָר וויסן, וואָס אייגנטלעך זיי ווילן מיך פרעגן ? און אויף וואָס זיי וואָלטן וועלן האָבן אַן ענטפער. צום סוף האָבן זיי מיך געבעטן איך זאָל צו זיי רעדן, איינפאַך רעדן, אין דער האָפענונג, אַז אין דער צייט פון מיין רעדן וועט זיך דער קנויל אין זייערע נשמות פאַנאַנדערבינדן. איך האָב צו זיי גערעדט כמעט די גאַנ־צע איבערגעבליבענע צען טעג, ביז מיר זיינען אָנגעקומען קיין אַלעק־סאַנדריאַ.

ווען איך דערמאָן זיך ווי מיינע רייד זיינען אויפגענומען געוואָרן און ווי טיף זיי זיינען אַריין אין זייערע נשמות, קען איך מיך ניט דער־טראַכטן צו אַ גרעסערן נס, אָדער וויכטיקערע אַרבעט דורכגעפירט אין מיין לעבן, ווי אָט אין די צען טעג. איך האָב אויך פולער דער־קענט ווי גרויס די נויט איז, וועלכע איך האָב אָנגערירט, ווי ווייטאָג־דיק די וואונד איז, וואָס בלוטעט אין מענטשלעכן האַרץ.

***

אַ יונגערמאַן, אַמעריקאַניש אויסזעענדיקער, איז צוגעקומען צו מיר און געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז גבריאל שטיין, אַז ער איז דער־צויגן געוואָרן אין טראַדיציאָנעלער פרומקייט, און אַז ער וואָלט וועלן וויסן מער וועגן דעם, וואָס איך דערצייל, אַזוי אַז ער זאָל ווערן מער קאָמפּעטענט צו ריידן וועגן דעם צו אַנדערע. ער וואָלט וועלן וויסן, וואו ער קען מיך געפינען אין שפּעטערדיקע טעג און צייטן. און אַזוי האָט מיך אויך געפרעגט דער וואָס האָט קדיש געזאָגט נאָך זיין פאָטער. ער האָט מיר אויך זיין נאָמען אָנגערופן, מיכאל ראָדני, האָט ער געהייסן. ער וואָלט וועלן זיין מיינער אַ תלמיד, צוציען נאָך תלמידים, גרינדן אַ צירקל, עס זאָל ווערן אַ באַוועגונג, כדי צו פאַרשפּרייטן די דאָזיקע געדאַנקען. ער וואָלט וועלן וויסן מער וועגן אירע פילאָזאָפישע, אפשר אויך וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונגען און אין וועלכע באַציאונגען זיי געפינען זיך צו דער אידישער און אַנדערע אמונות.

האָב איך זיי ביידן געענטפערט, אַז איך האָב נאָך מיינע פּלענער פאַר דער נאָענטער צוקונפט ניט פאָרמולירט. עס וואָלט דערפאַר געווען בעסער, ווען זיי גיבן מיר זייערע אַדרעסן, אַזוי אַז איך זאָל זיי קענען דערגרייכן, ווען זאַכן און צייט וועלן ווערן גרייט פאַר דעם.

***

דער קאַפּיטאַן פון שיף איז געקומען מיך זען. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט, מיך געפרעגט ווער איך בין, איבערגעקוקט מיינע דאָקומענטן, זיי מיר צוריקגעגעבן, האָט מיך ווידער אָנגעקוקט מיט אַ לאַנגן און שאַרפן בליק, וואָס איז געוואָרן ווייכער און פאַרטראַכטער. ער האָט מיך פאַרבעטן צו אָנטאָן אים דעם כבוד און אַריינקומען צו אים אין זיין צימער פאַר אַ ווײַלע, ער וויל מיט מיר ריידן.

שפּעטער, ווען איך בין געזעסן אים אַנטקעגן אין זיין קאַבינע און געקוקט אויף זיין צעאַקערטן דורך ווינט, רויטלעכן פּנים, מיט גרויבאַזילבערטע שלייפן, האָב איך זיך צוגעהערט צו זיינע טיף און שמערצלעך דורכגעפילטע ווערטער. דאָס זיינען געווען לאַמענטאַציעס וועגן דעם טראַגישן גורל פון מענטשן, וואָס גייען מיט שיפן איבער ים׳ען, מיט גרויסע שיפן און קליינע פישער־שיפלעך, און שאַפן די גרעסטע צאָל אלמנות און יתומים. זעלטן ווען אַ שיף־מענטש שטאַרבט אין זיין היים־בעט, מייסטנס געשעט עס אין קאַלטן, נאַסן בעט פון ים, דעם ים וואָס ער האָט אַזוי ליב און אַזוי מורא. דער וויסן און גלויבן, אַז דער טויט איז נישט דער סוף פון אונזער עקזיסטענץ איז פון גרויסער היילנדיקער קראַפט פאַר אונזער טראַגישן לעבן און בלוטנדיקעס האַרץ. דער שטייגער ווי איר רעדט און ברענגט עס צו אונז איז ניי און לאָזט זיך אַזוי גערן אָננעמען.

דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ריידן און מיט אויגן ברייט־געעפנטע האָט ער מיך אָנגעקוקט און ווידער אַ פרעג געטאָן: „זאָגט אונז ווער זיינט איר?”

איך האָב ניט געענטפערט, בין אויפגעשטאַנען, גרייט אַרויסצוגיין. פּלוצים איז ער געפאַלן אויף איין פון זיינע קני און אַ קוש געטאָן דעם זוים פון מיין בגד. דאָס איז מיר ניט ליב געווען. עס האָט מיך דערשראָקן. דער צוגיכער טעמפּאָ פון אַנטוויקלונגען האָבן אַ מורא אין מיר דערוועקט. איך האָב מיר צוגעזאָגט צו זיין פאָרזיכטיקער אין מיינע האַנדלונגען מיט מענטשלעכע הערצער און נשמות.

דר. ראַמאַ קאַנדאַ

אַן אַ זייט פון די אַנדערע פּאַסאַזשירן אויף אונזער שיף, האָט מען געקענט זען אַ זייער בילדלעכע קליינע פאַמיליע פון הינדוסן. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע מלבושים, וואָס האָבן זיי מיט שיינער איידלקייט אויסגעצייכנט פון די אַנדערע. איך וואָלט אייגנטלעך זייערע מלבושים געדאַרפט אָנרופן קאָסטיומען, מחמת זייערע פאַלדן פון די קליידער זיינען אַזוי פאָרזיכטיק אַראַנזשירט געווען, די סאַנדאַלן, קאָפּ־באַפּוצונג און יעדע אַנדערע פון זייערע קליידונג האָט אַרויס־געוויזן פיל מעטאָדישע זאָרג און נישט וויניק טעאַטראַלישקייט. אַלע דריי פון דער קליינער משפחה, פאָטער, מוטער און טאָכטער, זיינען געווען אומגעוויינלעך שיין, זיך געהאַלטן און באַוועגט מיט אַזויפיל נאַטירלעכע גראַציע און נאָביליטעט, אַז ס׳האָט אַרויסגערופן צו זיי אינטערעס און דרך־ארץ. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו איינע פון מיינע דרשות אין אַ שפּעטן נאָכמיטאָג און ווען איך בין דערנאָך געבליבן אַליין, זיינען זיי צו מיר צוגעגאַנגען און פאַר מיר זיך פאָרגעשטעלט. האָבן זיי מיר דערציילט, אַז זיי קערן זיך אום צוריק קיין באָמביי, אינדיע, פון לאָנדאָן, וואו דער פאָטער האָט געדינט אין קאָלאָניאַל דעפּאַרט־מענט פאַר אַ גרויסע צאָל יאָרן. זיי האָבן געלעבט אין לאָנדאָן און דאָרט האָט זייער טאָכטער, זייער איינציק קינד, געקראָגן איר דער־ציאונג. ביידע, פאָטער און מוטער האָבן אַ בליק געוואָרפן מיט צאַרטער ליבע אויף זייער טאָכטער, אַן אמתע בלום פון מזרח. זי האָט געהאַט גרויסע, פערפעקט געצייכנטע אויגן, ענטציקענד פאָרמירטע ליפּן, האָר שוואַרץ ווי די פליגלען פון אַ ראָב־פויגל. און דער אָוואַל פון איר פּנים איז געווען די ליבלעכסטע פאָרמירונג פון אַ פּרויען געזיכט. זי איז גע־ווען זייער ענלעך צו איר מוטער, נאָר די מוטער איז געווען העכער אין געשטאַלט, כמעט אַזוי הויך ווי איר מאַן, דר. ראַמאַ קאַנדאַ.

איך קען ניט אַזוי גערן ווייטער פאָרזעצן מיין באַריכט און נישט שטיין בלייבן אַביסל לענגער אויף דעם שיינעם אויסזען פון דער קליינער הינדוס־פאַמיליע. איך קען באמת זאָגן, אַז איך האָב נאָך קיינמאָל

ניט געזען מענטשלעכע פיגורן און פנימער פון גרעסערן רייץ. דער מאַן אפילו שענער פאַר די פרויען. דר. ראַמאַ קאַנדאַ׳ס פנים איז געווען ווי אַ פערפעקטע צייכענונג מיט אַ שוואַרצן פענסיל און קאָלירט מיט אַ גלייכן און צאַרטן עלעפאַנט־ביין־טאָן. די האָר פון זיין קאָפּ, ברעמען און באָרד זיינען ניט נאָר געווען פון טיפן שוואַרץ, נאָר האָבן אויך געהאַט אַ לייכטנדיקן גלאַנץ און זיינען געלעגן אין לאָקן, לייכט געקרייזלט. און די האָר פון קאָפּ — לאַנג, אַזוי אַז זיי האָבן זיך צום סוף פאַרמירט אין געפלעכטע צעפּ. און אויף אַלץ איז געלעגן אַ גרויסע רו און איידלקייט. ער פלעגט אַרויסגיין אין דער פרי אויף דעם שיפ׳ס דעק און אַראַנ־זשירן פאַרן טאָג זיין קאָפּ־פּוץ. איך האָב באַטראַכט די פּראָצעדור מיט שטוינונג. עס איז ניט נאָר געווען אַ הוט פאַרן מאַנס קאָפּ, ניין, עס איז געווען אַ גאַנצע קאָנסטרוקציע, אַן אַרכיטעקטאָנישער אויפשטעל, אַ שטיק אַרבעט, וואָס קען ניט געטאָן ווערן אין איילעניש, מיט אַ נשמה וואָס איז אומרואיק מיט עמאָציעס... ניין, עס מוז געטאָן ווערן אין אַ נשמה־צושטאַנד פון שלום מיט זיך און מיט דער וועלט.

דער מאַטעריאַל פאַר דעם געבוי איז געווען אַ לאַנגער פאַס פון ווייסן טוך, זייד אָדער לייַנווענט, דריי אָדער פיר איילן די לענג. דער מאַן, דר. קאַנדאַ, פלעגט צוערשט פאָרזיכטיק און מעטאָדיש אויס־קעמען זיינע האָר, דערנאָך אויסלייגן זיי אין אַ געוויסן אָרדער, און אויף זיי אויסבינדן מיט דעם ווייסן טוך אין קרייזן און באַנדן אַ טורם מיט אַ הויכן קלימאַקס, אַזוי אַז ווען עס איז פאַרטיק געוואָרן, איז דאָס געווען אַ פעסטונג פון זיכערקייט, כוח און שיינקייט, גוט פאַרן קומנדיקן טאָג־לעבן. עס מאַכט ניט אויס, ווי הייס דער טאָג זאָל ניט זיין, אָדער ווי שטורעמדיק די פּאָליטישע לאַגע פון זיין לאַנד, אָדער וועלט, זאָל זיך ניט ענדערן.

באַטראַכטנדיק דר. קאַנדאַ און זיין אויפשטעלן דעם איבער־געבוי אויף זיין קאָפּ, האָב איך איינגעזען דעם גרונט־אונטערשייד צווישן מזרח און מערב און זייער באַציאונג צום לעבן און טויט. דעם שטילן לאַנגזאַמען אופן פון מזרח און דעם געיעג און געפילדער פונם מערב. מיר האָבן געשמועסט מיט אים וועגן די גרונט נפקא־מינה׳ס, שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך באַפריינדעט, דורך לאַנגע און אָנגענעמע געשפּרעכן מיט דעם דאָקטאָר און זיין שיינער פרוי. די טאָכטער האָט זיך נישט באַטייליקט אין דעם, זי איז אריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פיל־זיסערן

ספּאָרט, ביי וועלכן אירע צוויי גרויסע אויגן האָבן געוואַכט, געשפּילט און פאַרנומען די גאַנצע צייט.

אויפן שיף איז געווען אַ קליין לייען־ווינקל מיט אַ שראַנק האַלב צעשויבערטע ביכער. האָב איך די אינדישע מיידל איינמאָל געטראָפן דאָרט מיט אַ ביכל אין דער האַנט, לייענענדיק עס, איבערקערנדיק די בלעטער מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט, אַקוראַט ווי זי וואָלט גע־לייענט ניט ווערטער, שורות, אָדער אפילו פּאַראַגראַפן, נאָר גאַנצע בלעטער מיט איין קוק. איך האָב מיט גרויס אינטערעס געקוקט אויף דעם בליץ־שנעלן פּראָצעס, ניט געקענט די אויגן אָפּרייסן, און האָב זיך צו איר געווענדט:

„אַנטשולדיקט מיר, יונגע דאַמע, מיר וואָלט זיך זייער געוואָלט וויסן צי לייענט איר טאַקע אייער בוך, אָדער איר קוקט עס בלויז אַדורך?”

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע, שוואַרצע ברעם און אויגן און געפרעגט:

„פאַרוואָס?”

„ס'איז אַזוי, איך אַליין בין אַ גיכער לייענער, אָבער אין פאַר־גלייך מיט אייך, מיט אייער טעמפּאָ, איז מיין גיך־לייענען דער געלויף פון אַ טשערעפּאַכע. איז, ווילט זיך מיר וויסן, צו איז עס טאַקע מעגלעך, אַז עמיצער זאָל קענען לייענען בלעטער, גאַנצע בלעטער מיטאַמאָל און ניט איבערהיפּן שטיקער... זאָגט זשע מיר, בעט איך אייך — לייענט איר זיי, די בלעטער, מיין איך?”

„יאָ, האָט זי ערנסט געענטפערט, אין לייען די בלעטער, אָבער ס'איז אַ גרינג ביכל, אַזוי אַ נאַריש־ליבעס־שפּיל”.

און זי האָט געמאַכט עטלעכע גאַנץ קלוגע באַמערקונגען וועגן דעם סיפּור־המעשה, און דעם שטייגער פון דעם שרייבער. פון די רייד אירע איז געווען צו זען אַ מאָדנער געמיש פון צוויי ציוויליזאַציעס, לאָנדאָן און באָמביי.

מיר האָבן זיך גאָר באַלד געפונען פאַרמישט אין אַ לעבעדיקן און שפּאַסיקן געשפּרעך וועגן מאָדערנער קונסט, טעאַטער, מאָוויס, אַק־טיאָרן און אַקטריסעס אויף אַזוי פיל, אַז מיר האָבן ניט באַמערקט דעם אַריינקום פון אַ דריטער פּערזאָן. איך בין געוואויר געוואָרן וועגן דעם פון די אָפּטע בליקן, וואָס זי האָט אָנגעהויבן וואַרפן צו דער אַנדער זייט טיש. איך האָב זיך אומגעדרייט און דערזען דעם אַמעריקאַנער בחור

גבריאל שטיין, וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט ווען אונזער געשפּרעך וועט אויף אַ וויַיל זיך אָפּשטעלן, כּדי מיך עפּעס צו פרעגן. איך האָב זיך פאַר איר אַנטשולדיקט און זיי פאַרגעשטעלט איינער צום אַנדערן: „דאָס איז גאַראַ, אַ יונגע הינדו פריילין און דאָס איז גבריאל שטיין, אַ יונגער אַמעריקאַנער איד".

זי האָט אַנגעקוקט דעם פיינעם פּנים און פיגור פון גבריאל מיט אירן אין אַלץ־אַרומנעמענדיקן בליק, וואָס האָט אַרויפגעשאָסן אַ שטראָם בלוט אין זיין פּנים. זי האָט דערלאַנגט איר שמוק־קעסטעלע און מיט גרויס קאָנצענטראַציע און געפיל פון גרויסער וויכטיקייט, אָנגעהויבן צוצוגעבן באַרירונג צו אירע באַקן, ליפּן און אויגן. פון דעם מאָמענט אָן האָב איך אויפגעהערט צו עקזיסטירן פאַר איר. זי האָט געהאַט אירע אויגן און אויערן בלויז פאַר גבריאל. זי האָט מיט אים אָנגעהויבן אַ ראַשיקן געשפּרעך אויף דעם שטייגער פון „אינפאָרמאַציע געפּעליקסט" און אין עטלעכע מינוטן אַרום בין איך געוואויר געוואָרן, אַז וואָס שייך מיר, מעג איך פאַרלאָזן דעם צימער, די שיף, אפילו די וועלט אַלץ איינס. גבריאל אַליין איז צוריקגעטראָטן אין זיין שעמעוודיקער נאַטור, און ער וואָלט גערן אַנטלאָפן ווען ניט צוריקגעהאַלטן פון איר מאַגנעטישער קראַפט, וואָס איז שטאַרקער געווען פאַר זיין גאַנצער שעמעוודיקייט.

דער דאָזיקער יונגער שפּיל האָט אַנגעהאַלטן די אַלע טעג, וואָס די שיף האָט געהאַט צו שווימען, ביז זי האָט דערגרייכט דעם פּאָרט פון וועלכן די הינדו־משפּחה האָט געדאַרפט בייטן פאַר אַן אַנדער פאַרקער־מיטל אַנצוקומען אַהיים. זי האָט די גאַנצע צייט געזוכט אים צו באַגעגענען, ריידן צו אים, אָדער בלויז קוקן אויף אים. זי האָט געהאַלטן אין בייטן אירע לופטיקע קליידער מיט פאַלדן, טוניקס, בלומען־צירונג, יעדע עטלעכע שעה. זי איז אָן צווייפל געוואָרן שטאַרק פאַרליבט. איר מוטער האָט זי נאָכגעקוקט, אַביסל באַזאָרגט. דער פאָטער אָבער האָט גאָר ניט באַמערקט. ער איז געווען פאַרטאָן אין אַ לאַנגזאַמען, פּליסנדיקן לאַנגען וויכּוח מיט אונזער גרופּע וועגן זאַכן פון גרינטלעכער און פון פיל לענגערן דויער, ווי אַ יונגע ליבעס־שפּיל.

דאָקטאָר ראַמאַ קאַנדאַ און איך האָבן אָנגעהויבן אונזערע געשפּרעכן נאָכדעם, ווי איך האָב אים איינמאָל איבערגעגעבן אומגינסטיקע איינדרוקן, וואָס איך האָב אַרויסגעטראָגן פון אַ פאַרזאַמלונג „הינדו צענטער פון חכמה" אין ניו־יאָרק. דר. קאַנדאַ האָט אַ זיפץ געטאָן און־

מעטיק איבער מיין באַריכט, אָבער האָט באַמערקט, אַז דאָס איז דער פּאַל מיט אַ סך לערערס, רעליגיעזע און פילאָזאָפּישע, און האָט צו־געגעבן, אַז די הינדו־פילאָזאָפיע ליידט ווייניקער פון אַזאַ אומכבוד ווי אַנדערע לערעס. און האָט ווייטער צוגעגעבן:

„מערקט אייך", זאָגט ער „מיין אויסדרוק „הינדו פילאָזאָפיע"... איך זאָג ניט רעליגיע, מחמת אונזערס איז אייגנטלעך ניט קיין רעליגיע, אונזערס איז חכמה פון לעבן, פּשוט ווי צו לעבן גוט און קלוג... אפשר די עלטסטע חכמה פון לעבן, און די גרינטלעכסטע".

„מיינט דאָס, אַז איר האָט ניט קיין טעמפּלען, גלחים, צערעמאָניעס, ריטואַלן?"

„יאָ, יאָ, מיר האָבן עס, אָבער זיי שפּילן ביי אונז אַן אַנדער ראָלע אין לעבן פון די הינדו־מענטשן. אָבער, כדי דאָס צו פאַרשטיין, אַלע אונזערע אונטערשיידן און שאַטירונגען, מוז מען באַזוכן אונזער לאַנד, די טעמפּלען, די הייזער פון געטער און הייליקע. קומט צו אונז און זייט מיין גאַסט אין באָמביי".

ער האָט מיר געגעבן זיין אַדרעס, אָנווייזונגען און פאַרזיכערונגען, אַז מיין באַזוך וועט זיין אנגענעם און וועט זיך לוינען. זיין שיינע פרוי האָט זיך צוגעהערט און צוגענייגט מיט איר קאָפּ אַ צושטימונג, אַ האַר־ציקייט צו איר מאַנ'ס איינלאַדונג.

מיר זיינען אָבער ביי דעם ניט געבליבן.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג זיינען מיר, אַ גרופּע פון אַ האַלב טוץ מענער, געזעסן אַרום אים און האָבן אים געבעטן צו ריידן נענטער און מער וועגן דער מיסטישער פילאָזאָפיע פון דער אַלטער אינדיע.

האָט ער געענטפערט:

„אין איין קורצן פּאַראַגראַף קען איך אייך געבן אונזער שולחן־ערוך פון אַ מענטשנ'ס לעבן. הערט נאָר אויפמערקזאַם:

„האָב אין זיג דעם טאָג, דעם היינטיקן, וועלכן דו לעבסט. ווייל דאָס איז דאָס אייגנטלעכע לעבן, דער אמת'ער תוך פון לעבן. אין דעם קורצן דויער פון היינט ליגט דער גאַנצער אינהאַלט פון עקזיסטענץ, די פרייד פון וואַקסן, די אַנטוויקלונג פון אויפטאָן זאַכן, און די פּראַכט פון שיינקייט. נעכטן איז שוין בלויז אַ חלום, און מאָרגן איז אַ וויזיע, אָבער היינט, אַ גוט אָפּגעלעבט היינט, מאַכט פון דעם נעכטן אַן אַנגע־נעמען חלום און פון מאָרגן אַ שיינע האָפענונג, אַ צוזאָג. קוק זיך אייז דערפאַר אין דעם היינט — היינטיקן טאָג".

אַלע וואָס האָבן זיך צוגעהערט זיינען געזעסן שטיל־שווייגנד פאַר אַ ווײַלע. דאַן האָט דער יונגערמאַן, מיכאל ראָדני אין טאָן פון דרך ארץ געפרעגט:

„זייט מיר מוחל, דר. קאַנדאַ, אָבער וואָס מאַכט אַ טאָג פאַר אַ גוט אָפּגעלעבטן טאָג?"

דאָקטאָר קאַנדאַ האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם יונגענמאַן מיט אַ גוטן שמייכל און האָט געענטפערט:

„איר זייט וואויל באַרעכטיקט צו וועלן וויסן דעם אינהאַלט פון אַן אידעאַל־געלעבטן טאָג, לויט די הינדו־לערע. זיכער איז עס ניט דאָס וואָס אַמאַר־קאַיאַם מיינט: ווײַן, ווייב און געזאַנג, ניין. און ווידער אַ קורצער פּאַראַגראַף אויס די שריפטן פון אונזערע חכמים וועט עס פאַרענטפערן:

„יעדע נשמה איז פון געטלעכן אָפּשטאַם. דאָס שטרעבן פון יעדן מענטשן איז צו אַנטפּלעקן זיין געטלעכן אָפּשטאַם, דורך באַהערשן און באַפרייען זיין נאַטור, איינערלעך און אויסערלעך. דאָס קען דערגרייכט ווערן דורך אַרבעט איבער זיך, חכמה, דאָס הייסט פילאָזאָפישעס דענקען און טראַכטן! וואָס פירן צו פריי ווערן פון ליידנשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען. אָט דאָס איז די גאַנצע תורה ביי אונז, אַלע אַנדערע דינים, דאָגמעס, ביכער, טעמפּלען און צערעמאָניעס זיינען איינצלהייטן פון צווייטן ראַנג".

און ווידער האָט דער יונגערמאַן, מיכאל ראָדני, געפרעגט נאָך אַ ווײַלע שטילן טראַכטן: „זייט מיר מוחל מיין פרעגן אייך אפשר אַ ניט באַרעכטיקטע קשיא: אָבער וואָס זאָל אַ מענטש טאָן מיט זיין לעבן און וואָס מיט זיין טויט? וואָס איז איבער זיין לעבן און טויט? גאָט? די איינציקע זאַך וואָס איך דריגג אַרויס פון אייערע ווערטער איז די עצה צו באַהערשן זיך כדי צו זיין פריי. פריי, פאַר וועלכע צוועקן? כ'פאַרשטיי, אַז ניט אַלץ קען פאַרענטפערט ווערן אין צוויי קורצע פּאַראַגראַפן, אָבער אפילו אַזוי קען אויך אַ פאַרקירצטע פּראָגראַם מער אין זיך אַריינגעמען: למשל, די אידישע „כולה תורה", האָב ליב דיין שכן ווי זיך אַליין . . . אָט האָט איר דאָ אַ גאַנצע פּראָגראַם אין עטלעכע ווערטער".

איך האָב געטאָן אַ קוק אויף מיכאל ראָדני מיט אַ נייעם אינטערעס און ס'ערשטע מאָל דערזען זיין שיין, אויסדרוקספולן פּנים, די פרייע און דאָך געצוימטע ענערגיע אין זיינע יונגע אויגן, אַ פאַרלאַנג און דורשט נאָך אידייען און די גרייטקייט זיי איבערצוגעבן צו אַנדערע און פאַרשפּרייטן זיי.

דר. קאַנדאַ האָט אויך אויף אים געקוקט מיט אַ מילדן בליק און שמייכל און געזאָגט:

„גערן וויל איך צוגעבן נאָך אַ קורצן פּאַראַגראַף צו דעם געזאָגטן, כדי צו מאַכן די טעמע פאַרשטענדלעכער. איך מוז אָבער אייך אָנדייטן, אַז דאָס הינדו־פאָלק איז אַ פאָלק פון גרויסע צאָלן און פון פאַרשיידענע גלויבונגען, לערעס און מנהגים. אַלס אַ שטייגער קען מען זאָגן, אַז די אידייע פון אַ גאָט פאַרנעמט ניט קיין גרויסן אָרט אין אַלטער פילאָזאָפיע. אמת, מיר האָבן דעם נאָמען בראַהמאַס, דער באַשאַפער, ווישנאַ דער אויפהאַלטער און שיוואַ דער צעשטערער... און אין עטלעכע אַנדערע רעליגיעזע סיסטעמען קען מען געפינען גאָט׳ס אַ נאָמען... אפילו דעם נאָמען פון אַ פערזענלעכן גאָט, אָבער אין ברייטן זין שטעלן מיר די נשמה פון מענטשן אין דערמיטן פון אונזער דענקען און לערעס. די נשמה איז אומשטערבלעך! דער גוף שטאַרבט, ניט די נשמה. די אינדיווידועלע נשמה רעכנט איר עלטער ניט פון דעם געבוירן ווערן אויף דער ערד, נאָר פון אייביקייט אָן. דער כאַראַקטער, אָדער שיקזאַל פון אַ נשמה איז דער רעזולטאַט פון אַ פריערדיקן לעבן, פלוס איר אייגן לעבן, וואָס זי לעבט איצט. אַ מענטש פון וויסן און חכמה איז באַגלויבט צו פירן אַ ריינעם לעבן. ער איז דער מייסטער פון זיין דענקען און פון זיין פילן, ער בלייבט רואיק, מילד, ניט אויפגערעגט, ניט צערודערט אונטער קיינע אומשטענדן. יוגנט, פאַרמעגן, רום און מאַכט. דאָס איז אַלץ פאַרגענגלעך, און ס׳איז ניטאָ מיט וואָס שטאָלץ צו זיין. ער ווייסט, ווי אַלע דאַרפן עס וויסן, אַז זיין נשמה איז דורכגעגאַנגען פילע אינקאַרנאַציעס, און אויב ער לעבט קלוג און ריין, קען זיין נשמה דערגרייכן די פאַראייניקונג מיט בראַהמאַן, דעם באַשאַפער, גאָט־נירוואַנאַ.

דער מענטש פון חכמה דערגרייכט עס דורך זיין אייגענעם באַהערשן זיך, זייענדיק דער מייסטער איבער זיך. ווען ער דערגרייכט דעם צושטאַנד פון פאָלקאָמער פרייהייט, בלייבט גאָר נישט מער פאַר אים, ווי נאָר צו וואַרטן אין גרויסער רו פאַר דעם טאָג פון זיין טויט, עס זאָל אָנקומען און אַרונטערנעמען די לעצטע קייטן וואָס הענגען אויף זיין שטערבלעכן גוף און אין גאַנצן באַפרייען זיין אומשטערבלעכע נשמה״.

דאָקטאָר קאַנדאַ האָט זיין ריידן אָפּגעשטעלט און באַטראַכט זיינע צוהערער מיט זיינע מילדע אויגן און דערנאָך צוגעגעבן:

„דאָס איז אייגנטלעך דער תוך פון דאָס גאַנצע, אַלט־הינדוסישע

לערע. עס בלייבט נאָך אַ פּאָר ווערטער צו זאָגן וועגן די ראָלע פון יאָגאַ.״

„מיר וואָלטן זייער געוואָלט הערן וועגן דעם״.

„דער יאָגאַ איז דער, וואָס דערציט זיך אַליין און דערנאָך אַנ־דערע אין דעם מעטאָד פון זעלבסט־קאָנטראָל, רייניקונג און באַהער־שונג. דאָס איז ניט לייכט און ניט צוגענגלעך צו יעדן איינעם, בלויז צו געקליבענע, צו די, וואָס באַזיצן דעם כוח פון טראַכטן און קאָנצענט־ראַציע. אַזאַ מענטש מוז קענען דערגרייכן אַ מחיצה צווישן גייסט און מאַטעריע, נשמה און גוף, אונטערטעניקן דעם נידעריקן „איך״ צו דעם העכערן „איך״. דער גייסט מוז געמאַכט ווערן אַזוי פעסט און האַרט ווי אַ פעלז אַנטקעגן די ווילדע שטראָמען פון לעבן, צווייפלען, קראַנקהייטן, שטערונגען, צוועקלאָזיקייטן, שונאים, ווייטיקן, האַרץ־קלאַפּ און אָטעם־צוג. אַלץ דאָס זוכט דער יאָגאַ צו באַהערשן דורך דעם וואָס ער פיקסירט זיין גייסטיק אויג אויף הויכע אייגנשאַפטן, ווי רחמנות, פריינדלעכקייט, טוגנד און גוטסקייט. דער רעזולטאַט פון דעם איז: פרידלעכע מילדקייט פון נשמה, דער פאַרגעניגן פון אליין־זיין, פרייהייט פון מורא און שרעק, אָרעמקייט און נויט. דער יאָגאַ האָט אַ גאַנצע סיסטעם פון קערפּערלעכע איבונגען, שטייגער פון אָטעמען, שטייגער פון קאָנצענטראַציע און דערגרייכן אַ צושטאַנד פון טראַנס און זעלבסט־היפּנאָז. דער יאָגאַ דערגרייכט אַ כוח איבער די גרעניצן פון דער נאַטור, ווי פייער, שאַרפע שניטן, טשוועקעס, ווייטיק און גראַווי־טאַציע. נו, איך דענק, אַז איך האָב גענוג גערעדט״, האָט דער דאָקטאָר מיט אַ שמייכל פאַרענדיקט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

מיר אַלע זיינען מיט אים שטיל געבליבן, טראַכטנדיק וועגן זיינע ווערטער. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט האָב איך באַמערקט, אַז די צוויי יונגע מענטשן אין זייער ליבעס־שפּיל, גבריאל און גאָרא, האָבן זיך שטילערהייט צוגעזעצט און צוגעהערט צו איר פּאַטערס רייד. אָבער אויגן האָבן זיי געהאַט נאָר איינער פאַר דעם אַנדערן. ער האָט געפּרואווט אָפּצואווענדן זיין בליק פון איר פּנים, אָבער אָן דערפּאָלג. און זי האָט אפילו ניט פאַרזוכט דאָס צו טאָן, זי האָט אָפן און גלייך געקוקט אויף אים מיט אַ ברייט, שוואַרצאויגיקן, פאַרוואָלקנטן בליק. איך גלויב ניט צי האָט איינער פון זיי געהערט אַ וואָרט פון דאָקטאָר׳ס רייד, אָדער פון דעם, וואָס איך האָב אים דערנאָך געענטפערט. איך האָב געזען, ווי גבריאל האָט געמאַכט אַ העלדישן פאַרזוך זיך איינצוהערן, אָבער גאָראַ׳ס אויגן זיינען געווען צו שטאַרק פאַר אים צו באַמערקן זיי.

איך האָב אין מיין ענטפער צו אים געזאָגט:

„מיר זיינען אַלע דאָ, דר. קאַנדאַ, זייער דאַנקבאַר פאַר אייער פיינער אויפקלערן די לערע פון אייער גרויסן, אַלטן פאָלק, זיין חכמה, פילאָ־זאָפיע און טעאָלאָגיע. אָבער אויסהערנדיק אייערע ווערטער מיט דעם גרעסטן אינטערעס און סימפּאַטיע צו פילע געדאַנקען און טיילן פון געדאַנקען, האָב איך זיך דאָך ניט געקענט באַפרייען פון אַ געפיל, אַז דאָס אַלץ איז דער פּראָדוקט פון אַ טיף־פאַרוואָרצלטן פּעסימיזם פון אַ פאָלק צו די ווערטן פון לעבן. דאָס לעבן שיינט צו זיין פאַר אייך אַן אינ־סטרומענט צו באַפרייען זיך פון לעבן. אַ פולער, טאָטאַלער טויט איז ביי אייך בעסער ווי טיילווייזער טויט, און אַ פולשטענדיק נישט ווערן, איז די העכסטע ברכה. אַזאַ פּעסימיסטישע באַציאונג צום לעבן איז, מסתמא, אַ פועל־יוצא פון לאַנגע און ביטערע פאָלקס־ליידן. אָבער מיין פאָלק, און די גאַנצע מערב־וועלט, האַלט נאָך, אַז דאָס לעבן איז ווערט געלעבט צו ווערן און דער טויט איז גוט ווי אַ פאַרזעצונג פון לעבן. די נאַטור גייט פאָראויס אין איין וועג — איר זאָגט: דאָס איז דער וועג פון טויט; מיר זאָגן: ניין, דאָס איז דער וועג פון לעבן. דער טויט איז גוט דערמיט וואָס ס׳פאַרנעמט אַ לעגיטימען אָרט אין דעם גאַנצן פּלאַן פון לעבן, ניט דורך אינקאַרנאַציע, נאָר ווי אַ נייער מין בירגערשאַפט אין אונזער וועלט, אין דעם אוניווערס אין וועלכן מיר עקזיסטירן. איך זאָג עקזיסטירן, און וואָלט וועלן אַקצענטירן דאָס וואָרט, ווייל איך האַלט אַז ס׳איז גאָר ניטאָ קיין זאַך וואָס עקזיסטירט נישט. ניט־עקזיסטענץ עקזיסטירט נישט. אַזוי באַלד ווי איר גיט אַ טראַכט וועגן אַ זאַך, אַזוי באַלד ווי איר גיט אַ נאָמען אַ זאַך, טרעט עס באַלד אַריין אין עקזיסטענץ, עס מעג זיין אפילו אין דער שאָטנדיקער געשטאַלט פון אַ געדאַנק, אַ חלום, אַ וויזיע... עס עקזיסטירט שוין. נירוואַנאַ, אַלס אַ צושטאַנד פון ניט־עקזיסטענץ איז נישט אָנצונעמען.

„איך בין גערן גרייט אָנצונעמען אייער געפיל פאַר דאָס פאַרבאָר־גענע און דעם געדאַנק, אַז עס פאָדערט זיך אַ ספּעציעלע אייגנשאַפט, אַ מין אינטואיציע, אַ סאָרט גלויבן און קענען טיפער אַריינבליקן אין תוך וועלט. איך בין מסכים מיט אייך, אַז מיר נויטיקן זיך אין אַ ספּעציעלן מין מענטשן מיט פאַרשאַרפטע חושים. פאַר אָט אַזעלכע מענטשן קען זיך עפענען דער צוגאַנג צו די סודות פון די, וואָס לעבן און פון די, וואָס שטאַרבן און זיי קענען אויפשטעלן ליניעס פון קאָמוניקאַציע צווישן זיי. און דאָס אַלץ כדי צו ברענגען ביידע זייטן פון לעבן צו אַ נאָענטערע

באַציאונג, און דערמיט רייכער מאַכן די עקזיסטענץ פון די, וואָס לעבן און פון די וואָס זיינען געשטאָרבן, באַזונדערס פון די וואָס זיינען געשטאָרבן פריצייטיק".

ווען איך האָב דאָס אויסגערעדט, האָב איך ווידער דערהערט אויסרופן: „זאָג אונז וואָס צו טאָן, פיר אונז צו דעם, לערן אונז דעם וועג, דעם שטייגער".

האָב איך זיי געענטפערט: „עס זיינען שוין דאָ, און עס וועלן נאָך זיין פיל מענטשן וואָס וועלן זאָגן די ריכטיקע ווערטער צו אייך. זיי וועלן אייך לערנען די דרכים צו אַזעלכע באַציאונגען. איך ווייס וועגן מער ווי צוויי יונגע מענטשן דאָ, צווישן אייך, וואָס טראָגן אין זיך די זאָמען פון פירערשאַפט און וואָס קענען ענטפערן דעם רוף, און אויפנעמען די אַרבעט ווען די צייט איז רייף".

איך האָב געווענדט מיינע אויגן אויף גבריאל און מיכאל און דערזען זייערע אויגן שיינען מיט אַ העלן ליכט. איך האָב ווייטער ניט געוואָלט צווינגען זיי צו ווערטער אָדער מעשים, איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב דאָ פאַרזייט זאָמען פאַר אַ באַוועגונג, און אַז איך האָב שוין אָפּגעדינט אַ טייל פון מיין שליחות.

„איך האָף, זאָגט דר. ראַמאַ קאַנדאַ, אַז איר וועט געפינען פּאַר מעגלעך צו באַזוכן אינדיע. איר וועט דאָרט טרעפן מענטשן מיט הייליקייט אין זייערע נשמות, זייער עמפּינדלעך צו אַזעלכע ווערטער ווי אייערע זיינען. איך בין זיכער אַז איר ביידע, איר און זיי וועלן געווינען פון דעם געדאַנקען אויסטויש".

„איך דאַנק אייך, דאָקטאָר, איך ווייס נאָך ניט וואוהין מיין וועג וועט מיך פירן. אָבער זיכער בין איך, אַז אַ יונגער מאַן דאָ, זיין נאָמען איז גבריאל שטיין, וועט זיין אַ גאַסט אין אייער לאַנד, צו זען אייערע טייכן, בערג, מענטשן און טעמפּלען. ער וועט זיך טיילן מיט אייערע ברידער די געדאַנקען און דרכים, אָט אַזעלכע, ווי איר האָט געהערט, און מיר האָבן געהערט אויף אונזער קורצן וועג אינאיינעם".

⁂

נאָך טעג פון שווימען דורך אַלע מינים און מדרגות פון בלוי, האָט אונזער קליינע שיף דערגרייכט אַ שמאָלן פּאַס פון געלן ליכט אויפן האָריזאָנט. ס'איז געווען פון זון באַלויכטן אַ שטיק געלער זאַמד,

אָנזאָגנדיק, אַז מיר קומען אָן נאָענט צו מצרים, און אַן אַנדער אָנדייט, אַז מיר זיינען גאָר נאָענט צו אונזער לאַנד... אַן אָנדייט פון אירע פאַרבן, דאָס גליענד געל, גרין און בלוי, בלוי וואַסער, טיף־בלויער הימל, בלוי, ווייס און גאָלד.

מיין האַרץ האָט געגעבן אַן עקסטראַ קלאַפּ.

ס'איז נאָענט!

אין הייליקן לאַנד

עס וואָלט מיך פאַרפירט צו ווייט אַוועק פון מיין טעמאַ, ווען איך זאָל נאָכגעבן מיין חושק צו טיילן מיט אייך געדאַנקען און געפילן, וואָס דאָס לאַנד פון אונזערע אָבות האָבן אין מיר אַרויסגערופן. איר מעגט מיר גלויבן, אַז ס'איז געווען איבערוועלטיק. וועל איך זיך צוריק־האַלטן פון דעם. דאָך מיין קומען צו דעם כותל המערבי מוז איך אַריינ־נעמען אין מיין דערציילונג. ס'איז אַ טייל פון מיין טעמאַ.

איך האָב ביי דער „וואַנט" פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג. ס'איז איינע פון די ווייניקע זאַכן, וואָס איז שווער, אָדער גאָר אוממעגלעך צו באַשרייבן מיט ווערטער, אָדער אַן אַנדער מיטל. עס שטייט פאַר אייך, דוכט זיך, נישט מער ווי אַ פלאַך שטיק וואַנט, די לענג פון אַ קורצן שטאָטישן בלאָק הייזער, די הויך, לאָמיר זאָגן, פון אַ דריי שטאָקיק הויז, צונויפגעלייגט פון קלענערע און גרעסערע פירקאַנטיקע שטיינער, שטאַרק צעגראַבלטע פון ווינטן, רעגנס, און געטראָפן פון אַנדערע נאַטור־עלעמענטן און געשעענישן, דורך דעם לויף פון אַרום צוויי טויזנט יאָר. אַן איבערבלייב פון אַ הייליקן טעמפל. מחמת די טיפע געפילן און אַסאָציאַציעס, וואָס דאָס רופט אַרויס, זיינען ווערטער נישט בכוח עס צו שילדערן. אָבער מענטשן קומען, און פאַרהאַלטן זיך נישט תמיד מיט ווירדע, קומען, געטריבן פון נייגעריקייט, שטופן זיי זיך ענג אין דעם שמאָלן פלאַץ אַנטקעגן דער „וואַנט", טומלען זיך, פילן אָן די לופט מיט דריבנע ווערטער און רעדעריי, דערשטיקן זיי דעם דערהויבענעם פאַטאָס, אַזוי אַז ווערטער, אָדער פענזל, וואַגן שוין צו פּרואוון דערציילן און שילדערן.

איך האָב דאָרט איבערגעלעבט וואונדערלעכע מאָמענטן. שיין זיינען דאָרט די פרימאָרגן שטונדן, ווען די קילע שאָטנס שאַפן די שטימונג פון שטומע תפילות. די עלטלעכע ספרדישע בעטלער גיבן אויף זייערע זיצנדיקע בעטלער־פּאָזיציעס, זיי שטייען מיט די פנימער צו דער „וואַנט", צום שחרית־דאַווענען. זיי זיינען איצט הערלעכע גע־שטאַלטן פול ווירדע און שיינקייט. זיי זיינען ברייטע פיגורן אין זייערע ביבלישע מלבושים, מאָנומענטאַל מיט זייערע גרויסע, רייך־לאָקנדיק באַוואַקסענע קעפּ, מיט ברייטע בערד און לאַנגע געקרייזלטע פאות.

באמת, זיי זיינען די ריטער פון דער הייליקער וואַנט. זיי האָבן זיך אַן אייגנאַרטיקן שטייגער אין זייער דאַווענען, קאָאָרדינירענדיק זייערע שטימען מיט אַן אָריגינעלן מוזיקאַליש־עקזאָטישן כאָר. עס קלינגט אָפט ווי אַן אַנגענעמער דיסאָנאַנס, ווען דער לײדנשאַפטלעכער רעטשעטאַטיוו פון די אַשכנזישע מתפללים רייסט זיך אַריין אין דעם איינגעהאַלטענעם געזאַנג פון די ספרדים. די ספרדים האַלטן אָן פּאָר אַ ווייל זייער טאָן, אָבער ווערן אַלץ שוואַכער און שטילער און גיבן אין גיכן אויף דעם קאַמף און קערן זיך אום צו זייערע פּאַסיווע פּאָזיציעס.

די אַשכנזישע זאָרגן זיך קיינמאָל נישט וועגן דעם אַנסאַמבל־עפעקט. יעדער איינער פּאָר זיך ציט זיין ליניע, זיין תפילה, אָדער זיין טענה אין אַ הויכן קול, אַמאָל גרילצנדיק, אַמאָל אין אָפּגעריסענע שטיקער ווערטער אָדער פראַזן, אַזוי אַז די לופט אַרום דער וואַנט, און די וואַנט גופא הויבט אָן צו דוכטן צו זיין אין שטיקער צעריסן. אַזוי איז דאָס געווען דעם טאָג פון מיין באַזוך. אַ קורצער, רויט־האָריקער פּוילישער איד האָט דערפירט זיין עמאָציאָנעלן אויסגוס העכער פאַר אַלעמען. ער האָט זיך געדריקט צו די שטיינער פון דער וואַנט, זיי געקושט, לײדנ־שאַפטלעך, ווי מיט אַן עראָטישן פייער, כמעט אומאָנשטענדיק. אַ צווייטער איד איז געזעסן מיט די אָרעמס געהויבן און האָט געהאַלטן לאַנגע, פּאָליטישע רעדעס צום „אויבערשטן”, ענדיקנדיק יעדן פּאַראַגראַף מיט אַ היסטערישן אויסגעשריי: „פאַרוואָס זיי אַלץ און אונז גאָרנישט, זיי אַלץ — אונז גאָרנישט?”... ער האָט אָנגעהאַלטן די לאַמענטאַציע אַ שטיק צייט... אַזוי, אַז אַ בלייכער יונגערמאַן, אָנגעטאָן אין שוואַרץ, מיט לאַנגע געקרייזלטע פּאות, ביז די אַקסלען, האָט אַרויסגעלאָזן אַ קורץ געלעכטער. עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צום פּאָליטישן קלאָגער און האָט אים געבעטן מחילה. יענער האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן... „מחילה? פאַרוואָס?”

„כ'האָב אַ לאַך געטאָן. ס'איז אַן עבירה, כ'האָב עס ניט געוואָלט, ס'האָט זיך אַרויסגעריסן, זייט מיר מוחל”.

„עה, וואָס מאַכט איר אַ ווערן פון דעם”, און ער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס און ווייטער אָנגעהויבן זיינע קלאָג־ווערטער.

איך האָב דערפילט אַ קנויל אין מיין האַרץ און מיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן פון דער קליינער, צאַרט־מענטשלעכער סצענקע.

***

שפעטער, נאָכמיטאָג, האָבן אָנגעהויבן אָנקומען זייער שיינע אידן, אָנגעטאָן אין אויסטערליש שיינע קליידער, מיט פוטערנע שטריימלעך, וועלוועט און זיידענע קאַפּאָטעס אין פאַרבן פון געל, בלוי, רויז און גרין. זיי האָבן געטראָגן בערד און פאות פון לאַנגער און טיכטיקער קולטור, שיינעם שוואַרץ און ווייס. די פאות לאַנגע און אין רינגען, די בערד ברייטע און ציכטיק געקעמטע. אידן פרומע, רייך־איידעלע און פיינער האַלטונג. זיי זיינען געשטאַנען אין געאָרדנטע גרופּן און געדאַוונט, אָנגעפירט פון אַ פיין־זינגנדיקן בעל־תפילה אין ווירדע, און טראַדיציאָנעלן חן. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז זיי האָבן מיט אַ באַזונדערן, טיפערן געפיל אַקצענטירט די ווערטער:

„דו, וואָס האַלסט אויף ס׳לעבן מיט חסד, און איז מחיה מתים אין גרויס רחמים; דו, וואָס שטיצסט געפאַלענע, היילסט קראַנקע און באַפרייסט געבונדענע, און האַלטסט אויף גלויבן אין די וואָס שלאָפן אין שטויב. ווער איז ווי דו, אָ, קעניג, און ווער איז גלייך צו דיר, דער וואָס באַשטימט טויט און קערט אום צוריק דאָס לעבן, און וואָס ברענגט ישועה זאָל אויפגיין . . .״

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי האָבן איינגעהאַלטן זייער געזאַנג ביי די דאָזיקע ווערטער, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן טיפער אַריינטראַכטן אין זייער מיין. דאָס זיינען געווען מאָמענטן פון דערהויבונג, ווען דאָס האַרץ ווערט פול ליבע און טרערן.

אַ קליין געוויקסיקער מאַן, וועמען איך האָב שוין ערגעץ־וואו באַגעגנט, מיט העל־בלויע אויגן און רויטע ליפּן, איז צוגעגאַנגען צו מיר און מיך באַגריסט מיט אַ „שלום״. ער איז געווען אָנגעטאָן אין דעמזעלבן מין שטריימל און קאַפּאָטע, די זעלבע מין זייד און פאַרב, קענטיק, איינער פון דער גרופּע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קליין חסידיש קלייזל, וואָס דינט גאָט אין שמחה מיט ליד, טאַנץ און שיינע מעשיות, און אַז זיי וואָלטן עס געהאַלטן פאַר זייער אָנגעלעגט, ווען נאָך דעם מנחה־דאַווענען, זאָלט איר באַוויליקן אָפּשטאָטן אַ באַזוך זייער קליין שולעכל, אָט דאָ ניט ווייט, און פאַרברענגען מיט זיי, מיט אונז, דעם רעשט פון טאָג און אָוונט. ס׳איז ביי אונז אַ מנהג צו דערפרישן אונזער גוף און נשמה מיט עפּעס וואָס איז אויך אַ דינסט צו גאָט, דעם „בורא העולם״.

האָב איך אים געענטפערט, אַז דאָס איז מיר צום האַרצן, און אַז איך וועל מיטגיין מיט אים.

חסידים

מיר זיינען אַריינגעקומען דורך אַ נידעריקע טיר אין אַ שולעכל מיט אַ געוועלבטע שטעלע פון שטיין. זי האָט געהאַט בולט אויסגע־דריקט די דריי עלעמענטן פון אַ בית־תפילה און אַ בית־המדרש: דעם ארון־קודש, דעם עמוד און בימה. אַלע דריי האָבן אויף זיך געטראָגן צייכנס פון אַ פאָלקס־קינסטלער בעל־מלאכה, אין די שניצערייַ פון דעם אָרון און די שטריקערייַ פון דעם פּרוכת, טישטיכער און לייכטער. ווען מיר זיינען אַריין האָבן מיר געטראָפן אַ גרופּע פון אַלטע, עלטערע און איינגערע אידן, זיצנדיק, אָדער שטייענדיק אַרום אַ לאַנג, נאַקעטן טיש, און צוהערנדיק זיך צו איינעם, וואָס האָט אין דער הויך געלערנט „אַ בלאַט”, צוערשט געלערנט און דערנאָך געענטפערט אויף שאלות. דאָס לערנען האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט מיט אונזער אַריינקומען. ס'איז אָבער געווען אַ צייכן פאַר זיי, אַז מען וועט באַלד דאַרפן ברעג־גען דאָס לערנען צו אַ שלוס. און טאַקע, דער ספר איז אין גיכן צוגעמאַכט געוואָרן און אַלע האָבן אָנגעהויבן אַ שטילן אָבער געשמאַק־צופרידענעם שמועס צווישן זיך. אַ פריילעך ניגון האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ ווינקל מיט יוגנטלעכע. דערווייַלע האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען מער און מער פון יענע שיינע אידן ביי דער כותל. דאַן איז מיין באַגלייטער, דער קליינער חסידל מיט זוניק־ליכטיקע בלויע אויגן, צוגעגאַנגען צו דער בימה און דריי מאָל אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פלאַך פון זיין האַנט, רופנדיק דערמיט מען זאָל זיך צוהערן צו דעם, וואָס ער האָט צו מעלדן. און ער האָט געמאָלדן, אַז ער האָט אַ גאַסט מיט זיך פאַר היינטיקן נאָכמיטאָג, אַ גאַסט פון גאַר־גאָר אַ וויטן מקום, אפשר סוף־וועלט, אויב נישט נאָך ווייטער. עס קען זיין, אַז ער וועט איינוויליקן צו ריידן און זאָגן אונז עטלעכע ווערטער. עס קען אויך זיין, אַז ער וועט אונז אָנגעבן זיין אייגן און זיין פאָטערס נאָמען... אפשר, אפשר. מיר האָבן זיך נאָר וואָס געטראָפן ביי דער כותל, דאָרט וואו אַ טיר שטייט אָפן צו העכערע וועלטן.

דאַן האָט ער מיך מיט אַ זשעסט פון זיין האַנט פאַרבעטן צו דער

בימה. האָב איך געזאָגט, אַז איך וואָלט בעסער געוואָלט בלייבן זיצן ביים טיש מיט די אַנדערע אידן, ווי מיר האָבן זיי געטראָפן, ווייל איך וואָלט מער געוואָלט הערן ווי ריידן. מיין געדאַנק איז זיי געפעלן געוואָרן אַזוי, אַז אַלע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם טיש — זיצנדיק, שטייענדיק, אַלע מיט אויגן און אויערן געווענדט צו מיר, דערוואַרטנדיק פון מיר אַ דרשה.

האָב איך אָנגעהויבן מיט דעם וואָס איך האָב נאָר־וואָס געהערט ביים כותל המערבי, די ווערטער, וואָס איך הער דריי מאָל אַ טאָג ביים דאַווענען: „געבענטשט זיי, דו, אונזער האַר, דער וואָס קערט אום לעבן צו די טויטע". „זיינען", האָבן איך געזאָגט, דאָ מער ווי אין שטייגער, ווי צו פאַרשטיין די דאָזיקע ווערטער. אייניקע לאַכן אין גאַנצן זיך אויס פון דעם ענין. עט, זאָגן זיי, ס'איז גלאַט ווערטער, געשריבן און דערנאָך געזאָגט!... ווידער אַנדערע פאַרשטייען דאָס פּסיכאָלאָגיש, ווי אַ באַציאונג פון די וואָס לעבן צו די פאַרשטאָרבענע, געדענקנדיק זיי, קולטיווירנדיק זכרונות וועגן זיי. די טויטע, הייסט עס, לעבן ווייטער אין זייערע ווערק און מעשים טובים, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ גוטן נאָמען. אייניקע פון די גרויסע אמונות גלויבן אין תחית המתים אין זייער אַ ווייטער צוקונפט, צום סוף פון אַלע צייטן, ווען דער גרויסער טאָג פון משפט וועט אָנקומען און גערעכטער לוין, אָדער שטראָף וועט צוגעטיילט ווערן פאַר צדיקים און רשעים. ביז יענער ווייטער צייט איז ניט קלאָר, וואָס עס קומט פאַר מיט די וואָס זיינען געשטאָרבן.

מאַנכע פון די לערערס פון מזרח גלויבן אין ווידערגעבורט, דאָס הייסט, אין צוריקקער אין אַן אַנדער פאָרם־לעבן, אַ העכערע, אָדער נידעריקערע, לויט די מדרגה פון אַ ריינעם, אָדער אומריינעם לעבן פונם פאַרשטאָרבענעם.

ווידער אייניקע, אָקולטיסטן, אַזוי גערופענע, גלויבן אין ספּירי־טואַליזם, אין אַזאַ עקזיסטענץ נאָכן טויט. ווען דער גוף איז טויט אָבער דער גייסט עקזיסטירט ווייטער, שוועבט אַרום אין מאַנכע ספערן, טוט גאָרניט, איז שטאַרק געפּלאָגט פון לאַנגווייל, נודאַטע, און איז גרייט אויף פוילע שטיק און שטיפעריי.

ס'איז נישט מיין כוונה צו האַלטן פאַר אייך אַ דרשה, וועגן דעם דאָ־זיקן ענין, איך וואָלט אָבער שטאַרק וועלן הערן פון אייך, חסידים, וואָס און ווי אַזוי איר גלויבט אין דעם אייביקן לעבן, וואָס הקדוש ברוך הוא,

האָט איינגעפלאַנצט אין אונז. דאָס וואָלט איך פיל מער געוואָלט הערן פון אייך ווי ריידן צו אייך".

איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט און געוואַרט אויף אַן ענטפער. זיי האָבן געקוקט אין פאַרלעגנהייט. זיי האָבן קענטיק זיך ניט געריכט אויף אַזאַ ווענדונג. זיי האָבן דערנאָך גענומען קוקן אויף דער זייט פון אַ זייער שיין־פּנימדיקן, שוואַרץ־אויגיקן, מיט אַ קליין געקרייזלט בערדל, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק. ער איז געזעסן ניט ווייט פון מיר אַרום דעם־זעלבן טיש, האָט געהאַט אַ צוגעמאַכטן ספר ליגן פאַר אים, און האָט זיך איינגעהערט צו מיינע רייד. זיי האָבן אַלע געקוקט אויף אים, קענטיק האַלטנדיק אים פאַר דעם, וואָס איז בכוח מיר צו ענטפערן. נאָך אַ ווײַלע פון טראַכטן האָט ער אָנגעהויבן אין אַ שטילן, לאַנגזאַמען טאָן און רואיקן שטייגער:

„מיר חסידים, זיינען ניט באַקאַנט פאַר פילאָזאָפיש־באַגאַבטע. מיר האָבן פאַר דעם קיין טאַלאַנט ניט. מיר צייכענען זיך ניט אויס מיט פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס. אמת, מען פאַררעכנט אונז פאַר מיסטיקער, נאָענטע קרובים צו די קאַבאַליסטן. איז אויב מיר זיינען קאַבאַליסטן, וואָס דאָס איז מסתמא אמת, זיינען מיר דאָס מער דורך אַ נייגונג פאַר דעם, ווי דורך אַ פּראָצעס פון דענקען און טראַכטן, ווי דאָס איז דער פאַל מיט די עכטע קבלה־מענטשן. איז וואָס מיר זיינען — זיינען מיר, אָבער ניט דורך פילאָזאָפישע דרכים, און דערפאַר טאַקע וועלן מיר אייך שטאַרק אַנטוישן, אויב מיר וועלן אייך ניט קענען געבן אַ באַ־שטימטן ענטפער, וואָס מיר האַלטן וועגן תחית המתים, און אין וואָס דאָס לעבן נאָכן טויט באַשטייט.

„ווי מיר פאַרשטייען, זיינען דאָ צוויי וויכטיקע ענינים, וואָס באַ־שעפטיקן די מיסטיקער. איין ענין איז צו וויסן און פאַרשטיין דעם באַשאַפער, גאָט ברוך הוא. דער צווייטער ענין איז צו וויסן און פאַרשטיין די נשמה, אונזער מענטשלעכע נשמה. די וואָס קאָנצענטרירן זיך אויף איינעם פון די ענינים מינימיזירן, אָדער פאַרנאַכלעסיקן דאָס צווייטע. מיר קענען זאָגן, אַז אונזערע ברידער, די וואָס לערנען קבלה, פאַרטיפן זיך אין די סודות פון דעם בורא, דעם אין־סוף. זיי אינטערע־סירט מער פאַר אַלץ די נאַטור פון באַשאַפער און פון זיין באַשאַפונג, די וועלט. אין דער צייט, וואָס די חכמים פון מזרח, ווי איר ווייסט עס בעסער פאַר מיר, פאַרשן די נשמה פון מענטשן, איר אָפּשטאַם, איר וועג און איר סוף. נו, און מיר, די חסידים, מיר נעמען אַריין די ביידע ענינים,

מיר זוכן צו פאַרשטיין גאָט, הקדוש ברוך הוא, ווי אויך די לעבעדיקע נשמה אין אונז, „נשמה שנתת בי", מיר ווילן וויסן דעם וואָס האָט געגעבן און וואָס ער האָט געגעבן.

„און ווידער מוז איך אייך וואָרנען, נישט צו דערוואַרטן צו געפינען ביי אונז, אַ פאַרענדיקטע געדאַנקען־סיסטעם פוןביידע ענינים — פון גאָט און נשמה. דער בורא עולם האָט זיך פאַרבאָרגן, איז אַרומגערינגלט מיט שטראַלן, און קדושה, מיט כבוד וואָס איז מלא עולם. דאָס נאָענטס־טע צו אונז פון זיין לויטערקייט איז די שכינה, וואָס זי קען און טוט זיך אַנטפּלעקן צו אונז... זיין שכינה הערט אונזער קול, און האָט אויך אַ קול צו ריידן צו אונז. די שכינה לאָזט זיך צו אונז הערן דירעקט, אָדער דורך מלאכים, נביאים, צדיקים און הייליקע... זעט איר דאָך פון וואַנעט מיר נעמען דעם מאַטעריאַל פאַר אונזערע חסידישע מעשיות און וואונדער־לעגענדעס. אַריינגעמענדיק אין אונזער ספערע די מלאכים, האָבן מיר שוין אויך געמוזט אַריינלאָזן די דעמאָנישע עלעמענטן, די סטרא־אחרא, די וואָס באַשעפטיקן זיך מיט שלעכטס, מיט פאַר־פירן גוטע מענטשן צו עבירות, צו לעסטערונג פון גאָטס נאָמען, גאָטס וועגן. אָט דאָס איז דער רייכער מאַטעריאַל פאַר אונזערע מעשיות, וואָס מיר האָבן אַזוי ליב צו דערציילן, און דורך וועלכע מיר דריקן אויס אונזער באַציאונג צו די פראַגן, וואָס איר האָט געשטעלט".

„יאָ, האָב איך געזאָגט, דערציילט מיר עפּעס אַזאַ מעשה, איינע פון אייערע מעשיות".

„זייער גערן, איך קען אייך דערציילן איינע פון אונזערע שענסטע מעשיות, וואָס האָט גראַד אַ שייכות מיט די ווערטער פון דער תפילה, וואָס איר האָט דערמאָנט פריער. ס'איז אַ בעל־שם־טוב לעגענדע, דער פון וועמען די היינטיקע חסידישע באַוועגונג שטאַמט.

עס דערציילט זיך אַזוי:

„בעל־שם־טוב'ס אייגנטלעכער נאָמען איז רבי ישראל, און געהאַט האָט ער אַ שוואָגער, רבי גרשון, אַ גוטער רב, אַן ערלעכער און פרומער; ער האָט בלויז געצווייפלט אין די וואונדערזאַכן, און מיסטישער קראַפט, וואָס מען האָט דערציילט וועגן זיין באַרימטן שוואָגער. ער פלעגט טענה'ן, אַז ער מוז עס זען מיט זיינע אייגענע אויגן, כדי צו גלויבן. איז ער איינמאָל געקומען צו גאַסט אויף איבער שבת צו זיין שוועסטער, וועלכע איז געווען דעם בעל־שם־טוב'ס ווייב. די גאַנצע צייט האָט רבי גרשון געהאַלטן זיינע אויגן אָפן, האָט געקוקט, געפאָרשט און געוואַרט. ווען

דער בעל־שם־טוב האָט זיך געשטעלט מנחה דאַווענען פּריטיק נאָכ־מיטאָג, האָט רבי גרשון צו זיך געזאָגט, אַז ס׳איז נאָך צו פרי, וואָס איז די איילעניש? אָבער ער האָט דעם בעל־שם־טוב גאָר נישט געזאָגט. ווען דער בעל־שם־טוב איז געקומען צו די ווערטער: ונאמן אתה להחיות מתים, איז ער שטיין געבליבן, שווייגנדיק מיט אויסדרוק פון ווייטיק און גרויס צער אויף זיין פּנים. און אַזוי איז ער געשטאַנען אין גרויסע יסורים פאַר עטלעכע שעה.

דאָס האָט רבי גרשון שוין נישט געקענט פאַרשטיין. וואָס פאַר אַ שטיק פראַוועט ער דאָס? האָט ער זיך געטראַכט, און האָט טאַקע גע־פרעגט זיין שוואָגער: צוליב וואָס האָסטו געדאַרפט וואַרטן גאַנצע פיר שעה, כדי צו מאַכן די ברכה?

אויף דעם האָט אים רבי ישראל, דער בעל־שם־טוב געענטפערט: „עס זיינען מיריאַדן פון טויטע נשמות צופליען געקומען פון זייערע איי־ביקע וואַנדערונגען, בעטנדיק רחמים איך זאָל זייער נאָמען אָנרופן אין מיין „תחית המתים״־תפילה, אַזוי אַז זיי זאָלן קאָנען געגומען און אריינ־געלאָזן ווערן אין די הימלען, אויף די פליגלען פון דער ברכה. ווען איך בין געקומען צו די ווערטער „ברוך אתה, מחיה המתים״ איידער איך האָב די ווערטער אַרויסגערעדט זיינען די אַלע אומגליקלעכע נשמות מיך באַפאַלן מיט געשריי און געפּילדער, יאָמער, יללות און געבעט, יעדע איינע פון זיי אין גרויס ווייז, איך זאָל זיי העלפן דערלייזט צו ווערן... אָט די הילף צו זייער אַריינטריט אין דעם אָפענעם הימל האָט פאַרנומען אַזוי פיל צייט... ביז אַ בת־קול, די שטימע פון דער שכינה, האָט אויסגערופן: קדוש, קדוש... אַ צייכן אַז מער קענען נישט אויפ־גענומען ווערן — האָב איך דאַן געזאָגט די שלוס ברכה ווערטער.

פאַרשטייסטו שוין?

און דער בעל־שם־טוב איז צוגעגאַנגען צו זיין שוואָגער און גע־זאָגט: „אויב איך זאָל דיר איבערגעבן אַלע פּרטים, ווי מען דאַרף זיך באַגיין אין דעם, ביסטו וויליק צו פּרוּוון דאָס דורכפירן קומענ־דיקן פריטיק?״

„אַ וואָך שפּעטער, האָט רבי גרשון געפּרוּווט עס טאָן. אָבער ווען די מיריאַדן נשמות זיינען אָנגעפלויגן אים אַרומגערינגלט מיט זייער געפּילדער בעטנדיק, ווייענדיק און קלאָגנדיק אַרום רבי גרשון, איז ער געוואָרן אַזוי איבערוועלטיקט, אַז ער איז אויף זיין פּנים געפאַלן צו דער ערד און גע׳חלש׳ט.״

דאָס איז איינע פון די מעשיות, וואָס ווערט ביי אונז דערציילט וועגן בעל־שם־טוב, דעם מייסטער פון חסידיזם. דרינגט פון דעם אַרויס וואָס מיר פילן וועגן אַזעלכע ענינים. עס איז באמת מער אַ געפיל זאַך, ווי אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג".

אַלע זיינען געבליבן זיצן שטיל, ווען ער האָט געענדיקט דער־ציילן. זיי האָבן קענטיק געוואַרט מיט וואָס איך וועל ענטפערן.

האָב איך געזאָגט:

„פון דעם זייער ווייטן און זייער נאָענטן אָרט, פון וואַנעט איך קום ערשט דאָ־ניט־לאַנג, קען איך אייך זאָגן, אַז נשמות לעבן ווייטער נאָכן טויט פונם גוף. נאָר וואָס דען, זיי וואַנדערן ניט, אפילו ניט די זינדיקע, אין וויסטן רוים אַרום, וואַרטנדיק אויף אַ רגע, אַז דורך אַ ברכה פון אַ תפילה זאָלן זיי צוקומען צו דער נאָענטקייט פון זייער באַשאַפער. ניין, זיי זיינען אָט־דאָ באַלד אַרום אונז, מיט אונז, אַם וויניקסטן אין די ערשטע פעריאָדן פון נאָכ'ן טויט, וואָס קען מיינען פילע טעג, גאָר אַ סך טעג, וואָס דאָס איז ווידער, אין דער שפּראַך פון מיסטיקער, קען געדויערן טויזנטע יאָרן — אַ טאָג. איז אָט די נשמות, וואָס לעבן נאָכן טויט, בענקען זייער און האָבן אַ גרויסן ווילן צו שטיין אין קאָנ־טאַקט מיט די, וואָס זיינען נאָך געבליבן לעבן . . . זיי פילן, אַז זיי, די לעבעדיקע און געשטאָרבענע געהערן צו דערזעלביקער וועלט, די נפקא־מינה איז נאָר אין זייער דערשיינונג, וואָס איז נאָך ניט צוגעגנגלעך פאַר די פינף חושים. האָבן זיי מיך, און אַנדערע ווי איך, געשיקט אַהער צו זאָגן אייך און אַלעמען, אַז דורך גלויבן אין זיי, לעבעדיקע־געשטאָר־בענע, קענען די וואָס לעבן אין זיך אַנטוויקלען אַ זעקסטן חוש, אָדער נייע חושים, וואָס קענען זיי ברייגנען צו אַ קאָנטאַקט מיט די געשטאָר־בענע. אַזאַ קאָנטאַקט פון די צוויי מינים עקזיסטענץ, קען פירן צו אַן אויסשפּרייטונג פון אונזער לעבן ווייט־ווייט איבער די קלאַסישע זיבע־ציק, אָדער אַכציק, אָדער אפילו הונדערט און צוואַנציק יאָר לעבן. עס קען אונז פירן און ברענגען צו דער שוועל פון גאָר גרויסע אַנט־פּלעקונגען, נאָענט גאָר נאָענט, הויך זייער הויך!

„איך מיין, אַז דאָס קען אונז דינען פאַר אַן אינהאַלט פון אַ ניי־חסידישע באַוועגונג".

זיי האָבן אַלע געקוקט אויף מיר מיט ווייט־צעעפנטע אויגן. אין זייערע אויגן איז געלעגן אַ ליכט פון עקסטאַז. זיי זיינען לאַנגזאַם אויפ־געשטאַנען פון זייערע ערטער, האָבן אַרויפגעלייגט זייערע הענט אויף

איינער דעם אַנדערנס אַקסלען און זיך אַוועקגעלאָזן אין אַ טאַנץ, קאָפּ און אויגן אַרויפצו געווענדט, זינגענדיק, און ווידערהאָלנדיק די ווערטער:

„וטהר לבנו לעבדך באמת".

„און רייניק אונזערע הערצער מיר זאָלן דיך קענען אין אמת דינען".

⁂

דער קליינער מאַן מיט די שטראַלנדיקע העל־בלויע אויגן און רויטע ליפּן איז צוגעגאַנגען צו מיר און אין אַ שטילן קול צו מיר געזאָגט:

„זאָמען זיינען פּאַרזייט און שפּראָצונגען וועלן זיך ווייזן. נו, און איצט גייט קיין צפת און געפינט דאָרט אויס די אַלטע שולעכל פון אר"י הקדוש. דאָרט וועט איר באַגעגענען אַ מאַן טיף פאַרטאָן אין די אַלע מיסטישע לערן. עס זיינען אויך אין ירושלים צו געפינען אַזעלכע, איינצלנע, און אין גרופּן, וואָס זיצן און לערנען קבלה. אָבער צוערשט גייט קיין צפת, דאָרט זיצט דער מאַן, וואָס אייער זיידע האָט אויך גע־ראָטן צו באַזוכן און מיט איםריידן".

איך האָב אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. אָבער ער האָט מיין בליק באַגעגנט מיט אַ שמייכל און צוגעגעבן: זייט ניט אַזוי נתפעל, איר זיינט ניט דער איינציקער און אויך ניט דער ערשטער אויף דער שליחות. צו פיל־צאָליק זיינען די טויטע און צו גרויס איז די בענקעניש, פּחד און נויט ביי די לעבעדיקע.

מיריאַם

איידער איך וועל אייך דערציילן וועגן דער שטאָט צפת און וואָס איך האָב דאָרט געפונען, ווילט זיך מיר אייך איבערגעבן וועגן אַ קורצן, אומשולדיקן האַלב־ראָמאַן, ציכטיק און פּאָעטיש, וואָס איך האָב פאַרבייגעלעבט גאָר אומגעריכט. עס האָט זיך מיר פאַרוואָלט צו מאַכן אַ טור איבערן גליל התחתון, וואו נייע חלוצים־ישובים זיינען אויפגעקומען און זיינען, זאָגט מען, ווערט געזען צו ווערן. איך האָב געדאַרפט נעמען אַ באַן פון ירושלים צו אַ פּונקט אין עמק־הירדן און פון דאָרט גיין צופוס, אָדער קריגן אַ פור צו אַזאַ ישוב. איך האָב מיר צוגעגרייט אַ קליין פּעקל פון בלויז גאַנץ נויטיקע זאַכן, כדי צו זיין אַ גרינגער פּאַסאַזשיר און בין אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַנציע פון וואַנעט דער צוג גייט אָפּ צום צפון פון לאַנד. די באַן־סטאַנציע איז געשטאַנען דרויסן פון די ירושלימער ווענט און דער צוגאַנג איז געווען באַרג אַרויפצו, דורך אַ זיג־זאַג דרך. ווען איך בין אַהין אָנגעקומען האָב איך געטראָפן אַ לאַנגע רייע רייזענדע, וואַרטנדיק ביים פענסטער צו קויפן בילעטן. האָב איך זיך אָנגעשלאָסן אָן דער קייט מיט מיין קליין פּעקל אין דער האַנט. דער טאָג איז געווען אַ הייסער און אַלע וואָס זיינען געשטאַנען וואַרטנדיק זיינען געווען אומגעדולדיק און אומרואיק און זיך הויך באַקלאָגט אויף דעם.

אַ דינינקע מיידלשע פיגור, וואָס איז געשטאַנען מיר פאָראויס, האָט אויך אַרויסגעוויזן סימנים פון אומבאַקוועמלעכקייט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט ווייסע שיך, און האָט אויך געהאַט אַ קליין טוריסטן־פּעקל איבער איר אַקסל. באַוועגנדיק זיך אין אומגעדולד האָט זי מיר פון צייט צו צייט געוויזן אַן איידעלן פּראָפיל און אַ זייטן־בליק פון אַ גרויסן ברוינעם אויג. זי איז געווען אַ שיין יונג מיידל און האָט פאַרדינט מיטגעפיל, און איך בין געווען דער נאָענסטער צו ווייזן איר, אַז די וועלט איז ניט גלייכגילטיק.

זאָג איך צו איר, אַז ס׳איז הייס, זייער הייס. זי האָט באַלד איינגעשטימט און האָט אַ זיפץ געטאָן. איך האָב איר דאַן פאַרגעלייגט צו

באַפרייען זיך פאַר אַ ווייל פון איר פעקל, אַם ווייניקסטן, פאַר דער צייט, וואָס זי שטייט דאָ אין דער ריי: „לאָזט עס שטיין צופוסנס". זי האָט זיך צעלאַכט, צוגעבנדיק, אַז ס'איז ווירקלעך נאַריש געווען דאָס ניט צו טאָן פריער.

דערווייל האָבן מיר אָנגעהויבן קומען נענטער צום פענסטערל פון די בילעטן. איך האָב איר אָנגעבאָטן צו העלפן מיט איר פעקל, און ריידנדיק אַזוי האָב איך אויסגעפונען, אַז זי קומט פון ניו־יאָרק, אַז זי איז דאָרט אַ לערערין און האָט עטלעכע וואָכן פריי און האָט בדעה צו מאַכן אַ טור איבער דעם גליל, ביידע טיילן גליל, התחתון און העליון. אַזוי ווייט ווי צפת. איצט האַלט זי אין אָנהויב און דענקט צו פאָרן מיטן באַן ביז אַ פונקט פון וועלכן זי וועט ווייטער גיין צופוס.

ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז דאָס איז פונקט מיין פּראָגראַם, האָט זי מיך אָנגעקוקט אַביסל דערשראָקן, אָבער קענטיק אַז מיין מיטל־יאָריקער אויסזען, האָט זי אַביסל באַרואיקט און זי האָט זיך צעשמייכלט און מיר געוויזן איר גאַנצן פנים, ביידע אויגן, וואָס האָבן זיך אַרויס־באַקומען צו זיין זייער ליבנסווירדיק.

„לאָמיר דאָס דורכגיין אינאיינעם", האָבן מיר עס גלייכצייטיק אַרויסגערעדט, און ביידע האָבן מיר גלייך אָנגענומען דעם פאָרשלאַג. בילעטן זיינען געקויפט געוואָרן און אינגיכן זיינען מיר שוין געזעסן אין אַ הילצערנעם וואַגאָן פון דער באַן, וואָס איז געפאָרן צו אַ פונקט אין גליל התחתון.

זי האָט אויך פאַרמאָגט אַ רייצנדן שטייגער צו לאַכן, גרייט, גרינג און אויפריכטיק פריילעך, ווייזנדיק אַ רייע קליינע, ווייסע ציין און פאַררייסנדיק איר קורץ נעזל זייער ליבלעך, קאָמיש. כדי זי זאָל האָבן געלעגנהייטן דאָס צו טאָן אַזוי אָפט ווי מעגלעך, האָב איך מאָביליזירט אַלע מיינע טאַלאַנטן, דערציילט איר קאָמישע מעשות און אַנעקדאָטן, ס'איז מיר גלאָט געגאַנגען, איך בין געווען אין מיין בעסטער שטימונג.

זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי הייסט מיריאַם, האָב איך איר אַנטדעקט, אַז מיך רופט מען לייב, האָט זי מיר ווייטער געזאָגט, אַז זי איז געוואָרן דריי און צוואַנציק, האָב איך איר געענטפערט, אַז ווען זי לייגט צו נאָך צוואַנציק וועט זי וויסן דעם צאָל פון מיינע יאָרן. זי האָט עס ניט גע־וואָלט גלויבן און מיך אָנגעקוקט פאַר אַ ווייליע זייער קאָנצענטרירט מיט אַן אויסדרוק אויף איר פנים, ווי זי וואָלט זיך וועלן עפּעס דער־מאָנען. זי האָט דאַן אַ קורצן לאַך געטאָן און געזאָגט: „ס'איז מאָדנע און

קאַמיש, איר דערמאָנט מיר אַ מאָלער וואָס איך האָב געהערט האַלטן אַ לעקציע עטלעכע יאָר צוריק אין ניו־יאָרק, אָבער ער איז געווען פיל עלטער״.

אויף דעם האָב איך איר גאָר ניט געענטפערט.

מיר האָבן געעפנט אונזערע שפייז־פּעקלעך און זיך געביטן מיט זייער אינהאַלט. מיר האָבן געהאַט פיל שפּאַס מיט די אַראַבישע פרויען און קינדער, וואָס האָבן אונז געהאַלטן אין פאַרקויפן בלומען, פּרוכטן, מאַסלינעס ביי די אַראַבישע דערפער. איך האָב געקויפט עטלעכע זאַכן פון זיי, קריגנדיק אַלס צוגאָב אַ שמייכל פון פייערדיקע שוואַרצע אויגן און פנימער פון אָפּטמאָל זייער שיינע באַשעפענישן.

מיר האָבן ניט באַמערקט ווי גיך מיר האָבן דערגרייכט אונזער באַשטימטן פּונקט, וואו מיר דאַרפן זיך אָפּשטעלן. מיר האָבן זיך ניט גערייכט אַז מיר וועלן אַזוי גיך אָנקומען. האָבן מיר אויפגעכאַפּט אונ־זער לייכטן באַגאַזש און זיך דערזען אונטער אַן אָפענעם, גרויסן הימל און קיין לעבעדיקע נשמה אַרום אונז. דער אַרבעטער ישוב, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר אונזער ציל איז געלעגן קוים אָנגעדייט אויפן האָרי־זאָנט מיט קליינע קעסטעלעך און שפּיציקייטן. דער אָוונט האָט אָנגע־הויבן צו דערנענטערן זיך געשווינט. די איינציקע זאַך וואָס איז פאַר־בליבן צו טאָן איז נישט צו טראַכטן לאַנג, נישט צו פאַרלירן קיין מינוט, נאָר אויפצוהויבן אונזערע פּעקלעך און אונזערע פיס און זיך לאָזן גיין אַזוי געשווינט ווי מיר קענען צו די פינטעלעך אויפן האָריזאָנט.

מיר זיינען אַזוי אָפּגעגאַנגען פאַר אַ האַלבע שעה צייט, ביז מיר זיי־נען צוגעקומען צו אַ צעאַקערט פעלד, שוואַרץ, ברוין, נאַס און בלאָטיק. מיר זיינען שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט. אינמיטן דער בלאָטע האָבן מיר דערזען אַ פּרדה (אַ געמיש צווישן פערד און אייזל), געשפּאַנט צו אַ וואָגן און אַרום דעם עטלעכע אידישע אַרבעטער. מיר זיינען צו־געקומען נענטער צו זיי, אָפּגעגעבן אַ „שלום״, אויף וועלכן זיי האָבן אונז געענטפערט מיט אַ פריינטלעכן „שלום״.

דערמוטיקט פון דער פריינטלעכקייט פרעגן מיר זיי אָנווייזנדיק אויפן פעלד: „וואָס איז דאָס״?

ענטפערן זיי: „ס׳איז אַ בלאָטע״.

„נו, און וואָס טוט איר דאָ אין דער בלאָטע?״ פרעגן מיר ווייטער.

„מיר האַלטן דאָ שבת״, ענטפערן זיי לאַכענדיק.

„און צוליב וואָס האָט איר דאָ אַוועקגעלייגט אַ בלאָטעביים אַריינגאַנג צום ישוב״?

„דאָס, ענטפערן זיי, איז אַ קבלת־פּנים פאַר געסט״, און זיי לאַכן פריילעך.

„אָבער ערנסט גערעדט, וואָס מיינט עס?״

„ס׳איז פּראָסט און פּשוט, מיר האָבן באַוואָסערט אַ שטיק באָדן, עטלעכע מייל צו יעדער זייט פון דעם אָרט, וואו מיר שטייען איצט, אַזוי אַז אויב איר ווילט אָנקומען אין קיבוץ צום אָוונט־עסן, וועט די גברת מוזן אַרונטערנעמען אירע שיכעלעך און זאָקן... אָדער דער אדון — קאַוואַלער וועט דאַרפן נעמען די דאַמע אויף די הענט און אַריבערטראָגן זי איבער דעם קורצן שטיק בלאָטע פון דאַנען. עס גלויבט זיך, אַז דער צווייטער אופן וועט זיין מער צום געשמאַק פון אַ גאַלאַנטן דזשענטלמען, און ניט שווער, קוים ווי עס דוכט זיך, אַ הונדערט פונט.״

און לאַכנדיק גיט איינער פון זיי צו: „עס טוט אונז לייד, וואָס מיר קענען אייך ניט העלפן מער, ווי מיט אַן עצה, מיר זיינען דאָ שטעקן געבליבן פאַר אַ שטיק צייט״.

פרעג איך אייך, וואָס איז מיר געבליבן צו טאָן נאָך די רייד? איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו האַנדלען לויט זייערע דערוואַרטונגען. האָב איך זי אויפגעהויבן, איר פּעקל האָט זי געהאַלטן אין איר האַנט, מיינס אין מיין האַנט און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו דער קריעת־הבלאָטע. ביי דער צייט ווען מיר האָבן דערגרייכט די אַנדער זייט מיט מיין משא, בין איך געווען מיט מיין אָטעם שווער צו כאַפּן און מיין האַרץ קלאַפּנדיק אַרויף, אַזש צו מיין האַלדז... אָבער כ׳האָב געהאַלטן פאַסאָן. זי האָט מיר געזאָגט אַ ניט דייטלעכן, עמאָציאָנעלן „דאַנק אייך״, האָט עס אָבער ניט אַקצענטירט מיט אַ קוש, וואָס דאָס איז געווען צו דערוואַרטן נאָך אַזאַ קאָמפּליצירטן קנעטן די בלאָטע. נאָר אַזוי ווי צייט פאַר באַטראַכטונגען איז געווען קורץ, די מזרח־נאַכט האָט זיך געאיילט אַראָפּצופאַלן, האָבן מיר ווידער אויפגעהויבן אונזערע קליינע פּעקלעך און זיך געלאָזט צום ארבעטער ישוב, מיטן נאָמען תל־יוסף.

דאָרטן האָט מען געקענט זען מאָדערנע באַראַקן און אויך לייוונטענעביידלעך, אייניקע האָבן געהאַט ליכט אָנגעצונדן אין זייער פראָנט. איין אַזאַ באַראַק איז געווען גאַנץ גרויס און שטאַרק באַלויכטן. פון

דאָרטן האָבן זיך געטראָגן געוויש פון שטימען און רייד, און אויך שטימען אין געזאַנג האָבן זיך פון דאָרט געהערט. עס איז קענטיק געווען, אַז דאָס איז דער עס־צימער און דער זאַמל־פּונקט פון דעם ישוב. זיינען מיר אַהינצו אַוועק, און ווירקלעך, מיר זיינען אָנגעקומען פּונקט צום אָונט־ברויט. מיידלעך זיינען געלאָפן הין־און־צוריק טראָגנדיק גרויסע כלים מיט עסנוואַרג, טיילנדיק פּאָרציעס צו די הונגעריקע און דורשטיקע יונגוואַרג, וואָס זיינען געווען אויסגעזעצט אויף ביידע זייטן פון לאַנגע הילצערנע טישן. אַ פריילעך געפילדער האָט אָנגעפילט די לופט, מענער, פרויען עסנדיק און רעדנדיק. יענע פון זיי וואָס זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער מאָלצייט האָבן אָנגעהויבן זינגען, באַנוצנדיק זייערע בלעכערנע טעלער, מעסער, גאָפּל און לעפל פאַר טאַמ־בורינען אויסצוקלאַפּן דעם טאַקט. דער בלעכערנער אָרקעסטער איז זיך צעוואַקסן גרעסער מיט יעדער רגע, אַזוי אַז מען האָט קוים געקענט הערן אַ וואָרט אויסגערעדט. מען האָט אונז ביידען אַריינגעשטופּט אינצווישן אַנדערע און ניט אָנפרעגנדיק ביי אונז, האָט מען אַוועק־געשטעלט טעלער שפּייז פאַר יעדן, פולע טעלער, פּראָסטע, ערלעכע שפּייז, און מיט דעם אַפּעטיט, וואָס מיר ביידע האָבן אָנגעזאַמלט, האָט אונז די שפּייז געשמעקט גרויסאַרטיק.

„עס גרייט זיך אַ האָראַ־טאַנץ, באַלד נאָכן עסן", האָב איך דער־הערט אימיצן זאָגן לעבן מיר. און תל־יוסף איז באַקאַנט מיט אירע בעסטע האָראַ־טענצער.

און באַלד טאַקע האָט מען אָנגעהויבן אָפּרייניקן די טישן און בענק, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר דעם טאַנץ. עטלעכע פרעכטיקע יונגען מיט טיפע פון דער זון פאַרברענטע פּנימער, מיט גליענדן גאָלד־ברוין, רויט און שוואַרץ, מיט בערג קודלאַטע האָר אויף די קעפּ, און מיידלעך מיט רונדע היפטן און שפּיציקע בריסטן, אַזוי אַרום דרייסיק אין צאָל, יונגען און מוידן, הענט אויף די אַקסלען האָבן אָנגעהויבן דעם חלוצים־טאַנץ.

אַ רויט־האָריקער בחור איז אויסגעוואַקסן אין דער מיטן פונם קרייז, מיט אַ האַרמאָניקע אין מויל צו דערלאַנגען מוזיק פאַר דעם די־נאַמישסטן טאַנץ וואָס מען קען זיך פאָרשטעלן. דער אָנהויב איז געווען אַ געלאַסן־וויגן זיך רעכט־לינקס — לינקס־רעכטס... און פלוצים — אַ שטאַרקער קלאַפּ פון דרייסיק פאָר פיס, אַ מעכטיקער צי, שטויס, אַ שפּרונג־געדריי. און אַזוי קרעשטשענדאָ, אַ שטייגן אַלץ ווילדער, אַלץ מעכטיקער, וואָס האָט באַלד אויסגעזען ווי אַ ווואולקאַן, וואָס באַפרייט

אָנגעזאַמלטן פייער און פלאַם. און ווידער שטילער, אַ כוואַליע אײנגעהאַל־טענעם ריטמישן באַוועגן זיך רעכטס־לינקס — לינקס־רעכטס, מיט אַ טייל טענצער פרעגנדיק „מי יבנה הגליל״? און דער ענטפער קומט באַלד פון אַנדערע: „חלוצים יבנו הגליל״. און אַזוי ווידער און אַזוי ווייטער, פאַר אַ שעה, צוויי און מער. אײנע פאַלן אַרויס, אַנדערע שליסן זיך אָן, פאַרמירנדיק אַ צווייטן רינג אינם ערשטן.

מיריאַם איז אַרײנגעצויגן געוואָרן אין טאַנץ, אין מיטעלערן רינג, און האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזוי געשיקט, אונערמידלעך און דינאַ־מיש ווי די אַנדערע.

דערווייל איז אַ בחור, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַ סאָרט פאַרוואַל־טער, געשעפטס־פירער, צוגעקומען צו מיר און געזאָגט:

„מיר פרעגן אייך ניט, ווער איר זיינט, וואָס און פון וואַנעט איר קומט, איר זיינט אונז ווילקאָמען, אויב איר האָט בדעה צו זיין אונזער גאַסט פאַר אַ וואָך צייט, אָדער אומגעפער״.

„אַ דאַנק אייך, האָב איך געענטפערט, דאָס איז באמת אַ האַר־ציקע גאַסטפריינטלעכקייט, אָבער איך האָב אין זינען צו פאַרבלייבן ביי אייך נישט מער ווי אַרום דריי טעג״.

„וואָס איז די איילעניש? איר קענט געפינען אַ סך זאַכן ביי אונז צו זען און צו לערנען. אויב איך האָב קיין טעות ניט, זיינט איר אַ שרייבער, אָדער אַ מאָלער, איר קענט געפינען גענוג מאַטעריאַל פאַר ביידע זאַכן. זאָלט איר בייטן אייער פּלאַן און וועלן בלייבן לענגער, וועלן מיר זיין צופרידן. מיין איינציקע זאָרג איז פאַר היינט נאַכט, וואו צו געפינען אַ בעט פאַר אייך צום שלאָפן. מיר האָבן גראָד היינט אַ גערע־טעניש אין געסט, אַלע בעטן זיינען פאַרנומען. לאָמיר זען, זייט איר גרייט פאַר אייער נאַכט־אָפּרו?״

„יאָ,״ זאָג איך.

„טאָ קומט מיט מיר״.

איך האָב באַגעגנט מיריאַם׳ס בליק. זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ חברה מיט וועלכע זי וועט נעכטיקן, האָב איך איר אָפּגעגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט „אַ גוט נאַכט״, אויפגענומען מיין פּעקל און נאָכגעגאַנגען מיין חבר. ער האָט מיך געפירט דורך טונקעלן רוים, האָט קענטיק גע־וואוסט יעדן בויג און קער. פאַר אַ צייט פון עטלעכע מינוטן זיינען מיר געגאַנגען שווייגנדיק, דאַן האָט ער זיך אָנגערופן: „איר וועט דאַרפן שלאָפן מיט דריי מיידלעך״.

און דערפילנדיק, אַז זיין דערקלערונג האָט מיך געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט ער צוגעגעבן:

„שרעקט אייך ניט, זיי וועלן אייך גאָר גישט ניט טאָן".

און כדי מיך נאָך מער צו באַרואיקן, האָט ער ווייטער דערקלערט, אַז ס'איז נאָך איין בעט פריי געבליבן אין אַ געצעלט, וואָס איז פאַרנומען מיט דריי אַנדערע בעטן אין וועלכער ס'שלאָפן דריי חברות פון דער גרופּע. און אָט זיינען מיר דאָ".

מיר זיינען צוגעקומען צו אַ גרויסן געצעלט, באַלויכטן אינעווייניק פון עלעקטרישע לעמפּלעך. ער האָט אויסגערופן: „חברות, איך ברענג אייך אַן אורח פאַר דאָס פערטע בעט. אַ פּריינט, אַ חבר. זייט אַזוי גוט און נעמט אים אויף מיט אַ פריינטלעכער באַציאונג. ער קומט פון אַ ווייטן לאַנד. איז אַ מאָלער פון בילדער. גוטע נאַכט"!

ער האָט מיך איבערגעלאָזן אין דער סיטואַציע: עס זיינען גע־שטאַנען דריי בעטן און יעדע פון זיי איז שוין געווען פאַרנומען מיט אַ מיידל, גרייט פאַר דער נאַכט־רו. יעדע פון זיי האָט נאָך געהאַלטן אַ בוך אין דער האַנט, איידער דאָס ליכט פון לעמפּל ווערט אויסגעלאָשן. איינע פון די מיידלעך, אָנווייזנדיק אויף דער פערטער, ליידיקער בעט האָט זיך אָפּגערופן:

„אָט, דאָרט, איז אייער געלעגער, מיר וועלן באַלד אויסדרייען אַלע ליכט, און וועלן אייך געבן פינף מינוט צייט, איר זאָלט זיך קענען אויס־טאָן, איבערבייטן און אַריין אונטער דער קאָלדרע."

אַלץ דאָס אין פינף מינוט.

אַ העלפט פון דער צייט האָט מיר גענומען צו דערגרייכן מיין ווינקל און פאַרבאַרייטונגען. איך האָב קוים געהאַט צייט אַרונטערצו־כאַפּן זיך אונטערן צודעק, האַלב אויסגעטאָן, אַזוי אַז ווען דאָס ליכט איז ווידער אָנגעצונדן געוואָרן האָב איך בלויז באַוויזן מיין רעקל און שיך אויסצוטאָן. אָבער קיינע פון זיי האָט ניט געוואוסט מיין סוד און עס האָט זיי, קענטיק, ניט געאַרט. זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער אונטערבראָכענעם לייענען.

אין אַ האַלב שעה אַרום האָט איינע פון זיי צוגעמאַכט איר בוך, גע־שמאַק אַ געניץ געטאָן, האָט אַ קוק געטאָן אין מיין זייט און אויסגערופן:

„זעט נאָר, איר זיינט נאָך ניט איינגעשלאָפן?"

„ניין, נאָך ניט", ענטפער איך.

„ער האָט געזאָגט, אַז איר זיינט אַ מאָלער".

„אַזוי האָט ער געזאָגט".

„זיינט איר עס ?"

„יאָ, איך פּרואוו".

„וואָס מאָלט איר און ווי אַזוי" ? האָט זי געהאַלטן אין פרעגן.

איך האָב נישט דערוואַרט אַזאַ פראַגע און בין געווען איבערראַשט, און האָב טאַקע אַזוי אויסגעזען פאַר אַ ווײַלע, און דאַן געענטפערט :

„וואָס איך מאָל ? אַלץ וואָס עס קומט מיר אַנטקעגן און געפעלט מיינע אויגן. און צו דער פראַגע „ווי איך מאָל", וואָלט איך ווען וויסן גענויער וואָס איר מיינט דערמיט ? ווילט איר וויסן צי איך מאָל גוט, אָדער שלעכט ?"

„ניין, ניט דאָס, האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל. איך וואָלט וועלן וויסן צו מאָלט איר ווי רעמבראַנדט אָדער ווי פּיקאַסאָ ?"

בין איך ווייטער געבליבן פאַרוואונדערט און ווידער געפרעגט :

„צו מיינט איר מיט אייער פרעגן, אַז אויב איך מאָל ווי רעמבראַנדט איז שלעכט, און אויב איך מאָל ווי פּיקאַסאָ איז גוט ?"

זי האָט זיך צעלאַכט. די אַנדערע צוויי מיידלעך האָבן זיך פאַר־אינטערעסירט, צוגעמאַכט זייערע ביכער און מיך באַטראַכט מיט אַ שמייכלענדיקן בליק.

„זיינט איר אַ מאָדערניסט ? האָט די ערשטע ווייטער געפרעגט. מיר האָבן נישט ליב צו קוקן אויף בילדער פון די מאָדערניסטן, אָבער מיר האָבן ליב צו הערן ווי זיי ריידן, איז אויב איר זיינט אַ מאָדערניסט און ווילט ריידן, וואָלטן מיר אייך געקענט הערן פאַר, נו, פינף־זעקס מינוטן צייט. מיר מוזן גיין שלאָפן, מיר דאַרפן פרי אויפשטיין, מיר זיינען באַשטימט צו אַרבעטן מאָרגן אין קיך, צוגרייטן פרישטיק פאַר הונדערט און פופציק געסט, אייך אַריינגערעכנט... איז דערפאַר — הויבט אָן, מיר וועלן הערן".

„ניין, חברות, איך וועל ניט ריידן. ערשטנס בין איך ניט קיין מאָ־דערניסט, און צווייטנס, בין איך זיכער, אַז איר וועט אַנטשלאָפן ווערן אין דריי מינוט אַרום, ווען איר וועט מיך דערהערן ריידן."

„ניין, ניין, האָט זיך אָפּגערופן אַ צווייט מיידל. איך קען הערן אי־מיצן ריידן פאַר זיבן מינוט און ניט אַנטשלאָפן ווערן."

„און איך, כאַפּט אונטער די דריטע, קען הערן פאַר אַכט מינוטן און ניט איינשלאָפן".

„מיידלעך", האָב איך געענטפערט, „איר זיינט צו קלוג פאַר מיר. ווי וואָלט געווען, אַז איר רעדט און איך זאָל הערן?"

„ניין", זאָגט די ערשטע, „קיינער וועט ניט ריידן, אַלע זאָלן שלאָפן. איר קומט מאָרגן אין קיך און זעט ווי מיר קאָכן, און דערנאָך, שפּעטער, ווען מיר קומען זען ווי איר מאַלט. גוטע נאַכט".

זי האָט געהאַלטן אין אויסדרייען דאָס עלעקטריש לעמפּל, אָבער האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע צו געבן אויף מיר נאָך אַ קוק. זי האָט זיך פאַרהאַלטן און מיט אַ ניט זיכערן קול, ריידנדיק ווי צו זיך, האָט זי געזאָגט: „איז עס ... איך ... מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז כ'האָב נאָר וואָס דערזען אַ קורץ ווייס באָרד אויף אייער פּנים..."

די אַנדערע מיידלעך האָבן פּראָטעסטירט: „וואָס פאַר אַן אַבסורד דו רעדסט, חנה, ער איז דאָך אַ יונגערמאַן, און אַ גאַנץ שיינער".

די דריטע מיידל האָט מיט אַ געלעכטער צוגעגעבן:

„איר וואָלט בעסער זיך געדאַרפט אויסלערנען ווי אויסצוטאָן זיך אין גאַנצן אין פינף מינוטן, ווען דאָס ליכט איז אויסגעדרייט".

און אַ לוסטיק, מיידלשער געלעכטער האָט אָנגעפילט דאָס געצעלט.

***

כ'האָב פאַרבראַכט אין תל־יוסף דריי אנגענעמע טעג. האָב ניט פיל געמאָלן, ניט פיל זיך געזען מיט מיריאַם, און ווען איך האָב זי יאָ געזען, איז זי געווען לעבן אָדער מיט איינעם פון די פּרעכטיקע חברה, מיט אַ זעלטן שיינעם קאָפּ און פּנים, שוואַרצע אויגן און ברעמען, אַ פלאַמיקער בחור פון בעסטן מין.

ווען ביים סוף פון דריטן טאָג, האָב איך זי געטראָפן אין עס־צימער און איר געזאָגט, אַז איך האַלט אין וויטער גיין, איז זי געוואָרן צעמישט און אין פאַרלעגנהייט צוגעגעבן, אַז זי וואָלט ווען דאָ פאַר־בלייבן נאָך עטלעכע טעג. איך האָב זי ניט געפרעגט, פאַרוואָס אַזוי, כ'האָב איר בלויז געזאָגט אַ געזעגנונגס „שלום" און איר פאַרזיכערט, אַז ס'איז געווען אַ גרויס פאַרגעניגן מיט איר זיך צו באַקענען. זי איז פּלוצלינג צוגעגאַנגען צו מיר נאָענט, גענומען מיין האַנט און געזאָגט אין אַ זייער צאַרטן טאָן און שטילן קול:

„איך וואָלט אייך געדאַרפט געבן אַ געזעגענונגס קוש, אָבער איך

קען ניט, כ'האָב נאַר־וואָס געקושט אָט דעם בחור דאָרטן... כ'האָב מורא אַז איך בין פאַרליבט". און טרערן האָבן אָנגעהויבן פליסן איבער איר שמייכלענדיקן פּנים.

„נו, איז וואָס זשע וויינט איר?"

„ווער זיינט איר, לייב?" האָט זי געפרעגט נאָך אַ לאַנגן קוק אויף מיר, איר זיינט עפּעס אַנדערש, אַזוי זעלטן אַנדערש".

„וואָס איז אַזוי זעלטן אַנדערש אין מיר?"

„איך ווייס נישט, אָט זיינט איר אַזוי יונג, און אָט פיל־פיל עלטער. און די גאַנצע צייט עפּעס פיל מער, העכער און ווייטער פאַר אַלעמען דאָ. וואָס איז דאָס? פאַר וואָס אַזוי?"

„זאָרגט אייך ניט וועגן דעם, מיריאַם, דאָס נעכסטע מאָל ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען וועל איך אייך ניט דאַרפן דערקלערן, איר וועט עס אַליין וויסן. און איצט, גיט דעם קוש, וואָס איר פילט, אַז איר וואָלט געדאַרפט מיר געבן".

זי האָט אויפגעהויבן איר פּנים צו מיר און מיר דערלאַנגט אירע ליפּן.

און עס איז געווען זיס.

אין צפת

דער וועג צו צפת לויפט דורך אַ פּרעכטיקע אויסשטעלונג פון גאָט'ס געשאַפענע נאַטור־שיינקייטן. גרינע בערג אין פאָרדערגרונד, בלויע און פיאָלעטע בערג אין הינטערגרונד. און צווישן די בײדע ליגן פעלזן פון פאַנטאַסטישע פאָרמאַציעס. מאַנכע זעען אויס ווי פּרע־היסטאָרישע חיות, וואָס גליטשן זיך אַראָפּ פון שטיינערנע הויכקייטן און האָבן זיך איינגעקלאַמערט מיט זייערע ציין און נעגל ביט אַראָפּצופאַלן אין אָפּגרונט. מיט אַמאָל באַווייזט זיך דער ים כנרת אין זיין גאַנצער פּילפאַרביקייט און מאָדנער קאָנטור. דער ים ליגט טיף אין דער לאַנד־שאַפט, צום גרויסן געווס און פרייד פאַר די אויגן. און אַזוי די גאַנצע צייט וואָס דער וועג לויפט צו דער כישוף־שטאָט צפת. און די שטאָט אַליין איז צעשפּרייט איבער עטלעכע בערג ווי נעסט אויף אַ וואַלד פון בלעטער, בלומען און ביימער.

די שיינקייט און כישוף ווערט באַדייטנדיק קלענער, ווען מען דער־גרייכט די שטאָט. האַלב־צעשטערטע הייזער, ריינקייט זייער אַ צווייפל־האַפטע, אָרעמקייט אַ זיכערע, און פעסטע, מענטשן מאָגערע און בלאַסע מיט אַסקעטישע פּנימער.

אָבער אויך דאָס ענדערט זיך ווען מען קומט טאַקע נאָענט צו די הייזער און מען טרעט אַריין אין די היימען, און מען באַגעגענט זייערע באַוואוינער. עס דערזעט זיך אין זייערע אויגן, און עס דערהערט זיך אין זייער לשון אַ פּראַקטישקייט. עס דערקענט זיך אַ מיסטיציזם פון אַ פּראַקטישן מין, וואָס דערלאָזט זיי נישט צו פאַרלירן דעם חוש פאַר רעאַלען לעבן. און די אַלטע צעקרימטע הייזער ווען זיי בינדן זיך מיט אַנאַנדער, שאַפן זיי גרופּירונגען פון גאָר פיינעם דעקאָראַטיוון חן. די ענג־געשלענגלטע געסלעך לויפן אַראָפּ, אַרויף און ווידער אין טיפערן אַראָפּ, פירן מיט אַמאָל צו אַ פאַרמאַכטן סוף, און אויך צו אַן אומדער־וואַרטעטן אויסגאַנג און אויסבליק. און צום סוף ברענגען זיי אייך צו אַן אַלטינקע שול, וואָס ווערט גערופן „די שול פון אר״י הקדוש״, אַ

נאָמען נאָכן לעצטן גרויסן גאון אין אידישער מיסטיק, דעם גרינדער פון דער צפת'ער שיטה אין דער קבלה, רבי יצחק לוריע.

די שול, ווי אַלט זי איז, פאַרמאָגט אין זיך די זיסקייט פון אַ מקום, וואו קדושה און פרידן רוען דאָרטן, נישט טראַגנדיק אויף זיך די שטי־מונג פון אַ גרויען אומעט.

עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז די שכינה האָט גערוט דאָ אַרום יעדער געשטאַלט און פּנים פון די צען אידן, וואָס זיינען געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש און זיך אַריינגעטאָן אין לערנען פון אַ גרויסן ספר. דער וואָס האָט געלערנט אין דער הויך פונם ספר איז געווען אַ טיף אַלטער מאַן מיט אַ הויכן שטערן און האָט געהאַט פיין געבויטע, אויסדרוקספולע הענט מיט וועלכע ער האָט געהאַלטן דעם שטערן, און אויך געהאָלפן אין זיינע קאָמענטאַרן. ניט אַלע האָבן מיט אים גלייך איינגעשטימט. און אַ וויכוח פלעגט זיך אַנטוויקלען און עטלעכע פּאַראַגראַפן האָבן דערגרייכט מיין געהער:

„אַ פרומער איד, הער איך, איז געגליכן צו אַ בלינדן מענטשן. וואָס טוט אַ בלינדער טאָן, כדי נישט אריינצופאַלן אין אַ גרוב, אָדער אָנ־שטויסן זיך אָן אַ שטיין? ער האַלט זיך אָן ביי אַ האַנט פון אַ זעענדיקן, צו וועלכן ער האָט פולן צוטרוי. און וואָס איז מער ווי אַ פירנדיקע האַנט, פרעגט זיך, ווי די תורה?“

לויט זייער כוונה און איפער האָט זיך מיר געגלויבט, אַז זיי וועלן אַזוי פאַרברענגען גוטע עטלעכע שעה צייט. און אַזוי ווי איך האָב מיט זיך געהאַט מיין סקיצן־ביכל, האָב איך מיר אויפגעזוכט אַ ווינקל און זיך גענומען צייכענען די גרופּע אידן לערנען תורה. ווי האָב איך זיך דען געקאָנט אָפּזאָגן פון אַזאַ זעלטענע געלעגנהייט?!

איך האָב אַזוי אָפּגעאַרבעט אַ צוויי שעה. איך האָב פּלוצלינג באַ־מערקט, אַז זיי פאַרענדיקן ס'לערנען און הויבן אָן צומאַכן זייערע ספרים און איינער נאָכן אַנדערן הויבן זיך אויף פון זייערע ערטער און קומען אַריבער צו מיר, אין מיין ווינקל, בעטנדיק דערלויבעניש אַ קוק צו טאָן אויף מיין אויפטו. אויך דער שיינער איד, דער פאַרלערנער, איז צוגע־קומען האָט זיך איינגעקוקט און באַמערקט: „איר האָט אַ שיינעם כתב־יד, עס געפעלט מיר, פון וואַנעט קומט אַ איד?“

און איידער איך האָב געענטפערט, האָט ער און דערנאָך די אַנדערע מיר אָפּגעגעבן אַ פיינעם שלום־עליכם, און געבעטן מחילה, פאַר צוקומען און אַריינקוקן ניט־געבעטענערהייט. איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך

דאַרף ביי זיי בעטן מחילה פאַר צייכענען זיי, ניט אָנפרעגנדיק פאַר זייער דערלויבעניש. איך האָב צוגעגעבן, אַז מיך האָט טאַקע געוואונדערט, וואָס זיי טאָלערירן איינעם, וואָס מאַכט פון זיי צייכענונגען־אָפּבילדונגען.

האָט דער אַלטער איד מיר אויף דעם געענטפערט, אַזוי רעדנדיק:

„די וואָס פאַרווערן דאָס, ווייסן אייגנטלעך ניט דעם ענין. ס'איז אַזוי: ווען איר וואָלט געקומען אַהער מיט אַ פאָטאָגראַפישע מאַשין, און וואָלט ווען אַראָפּגענומען פון אונז פאָרטרעטן, וואָלטן מיר מסתמא אייך געבעטן, דאָס נישט צו טאָן. וואָרום, ווער זיינען מיר, אַז אונזערע ענלעכקייטן זאָלן געמאַכט און אויפגעהאַלטן ווערן? אָבער איר זיינט דאָך ניט געקומען מיט אַ מאַשין, איר נוצט דאָך אייער האַנט און מוח, כדי צו מאַכן פון מיר, למשל, אַ צייכענונג. איז וואָס מאַכט איר דער־מיט אייגנטלעך? איר מאַכט ניט מיין אמת'ן פאָרטרעט, נאָר אייער מיינונג וועגן מיר, אייער געדאַנק וועגן מיר, וואָס אייך דוכט זיך, אַז איך בין, אָדער קען זיין. ס'איז אייער השערה. איז וואָס דאַרף מיך אַרן וואָס איר דענקט און האַלט פון מיר, אָדער וועגן מיר?"

איך בין באמת געווען שטאַרק איבערראַשט פון אַזאַ ליבעראַלע באַ־ציאונג. איך האָב עס אים געזאָגט:

„איז אייך באַוואוסט, אַז איר האָט נאָר־וואָס אויסגעדריקט אַ פיין שטיק קונסט־קריטיק, אָדער קונסט פילאָזאָפיע? קונסט, הייסט עס, האָט איר געזאָגט, איז ניט רעפּראָדוקציע, נאָר אינטערפּרעטאַציע. ווי אַזוי זיינט איר געקומען צו אַזאַ פיינע קונסט אויפפאַסונג?"

„אָה", איז געווען זיין ענטפער, „מיר, אַלט־מאָדישע אידן ווייסן מער וועגן זאַכן, ווי איר שטעלט אייך פאָר".

„איך זע דאָס איין, איר האָט מיר געגעבן אַ גוטן באַוויז פאַר דעם".

ער איז צוגעקומען נאָענט צו מיר, און אָנווייזנדיק אויף אַ גע־שטאַלט פון אַ מאַן, וואָס איז געזעסן גאַנץ אַליין אין אַ ווייטן ווינקל פון דער שול, האָט ער געזאָגט:

„אָט דאָרט זיצט אַן אמת'ער גריבלער איבער פילע פּראָבלעמען. ער לאָזט זיך שווימען איבער די טיפסטע וואַסערן פון תורה און חכמה און פליט הויך אין די הימלען פון קבלה. האָט מיט אים אַ שמועס... דאָס הייסט, אויב ער וועט זיך לאָזן... וועט ער זיך יאָ לאָזן — וועט עס אייך רייך באַלוינען. און אַ „שלום" אייך".

זיי זיינען זיך צעגאַנגען איינער נאָכן אַנדערן, איבערלאָזנדיק מיך אַליין מיט דעם איינזאַמען אידן אין דעם שול־ווינקל. איך האָב אים

אנגעקוקט. — אַ מיטל־יאָריקער מאַן מיט אַ מאָגערן פּנים באַוואַקסן מיט אַ שיטערע באָרד און דינע לאַנגע פּאות. אַ שוואַרצע אָפּגעריבענע יאַר־מולקע איז ווי צופּעליק פון אַ ווינט געבראַכט געוואָרן און איז זיצן געבליבן אויף אַ זייט פון זיין קאָפּ. דער קאָפּ אַליין איז געווען אונטער־שטיצט פון זיין האַנט. אַנגעטאָן איז ער געווען אין אַלטע טונקעלע מלבושים, צו וועלכע ער האָט קענטיק געגעבן גאָר ווינציק דאגות. ער איז געזעסן אין זיין ווינקל, אַקוראַט ווי דאָס וואָלט געווען זיין שטענדיקע דירה. און אַקוראַט ווי אַלץ, ער אַליין, קליידער, און אומגעבונג זיינען נעבן־זאַכן צום גרויסן אַלטן ספר, וואָס איז אָפן געלעגן פאַר אים. זיינע אויגן זיינען געווען גאַנץ אָדער האַלב געשלאָסן אין אַ פאַרחלום׳טע קאָנטעמפּלאַציע.

איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן פון צוטרעטן צו אים. האָב איך גע־עפנט אַ נייַ בלאַט אין מיין סקיצן־בוך, כדי צו מאַכן עטלעכע שטריכן פון אים. אין דער רגע האָט ער געעפנט זיינע אויגן, מיך באַמערקט און אַ שאָקל געטאָן זיין קאָפּ אויף ניין, בעסער ניט. איך האָב צוגעמאַכט מיין ביכל און צוגעקומען צו אים מיט די ווערטער:

„איך וועל זיכער גאָרניט טאָן, וואָס ס׳איז אייך דערווידער, אָדער וואָס קען שטערן אין אייער לערנען.“

האָט ער געענטפערט, אַז געצייכנט צו ווערן ווילט זיך אים ניט, אָבער שטערן מעג מען.

דאָס האָט מיר צוגעגעבן מוט און איך האָב זיך אָפּגערופן:

„די אידן, וואָס זיינען דאָ געווען פריער, האָבן זיך אויסגעדריקט וועגן אייך, אַז איר שווימט און טויכט טיף אין דעם ים פון תורה און חכמה. איך וואָלט זייער געשאַצט, ווען איר דערציילט מיר עפּעס וועגן די וואונדער־זאַכן, וואָס איר האָט געפונען אויפן גרונט פון יענע טיפענישן, ווי מיין זיידע האָט עס פאַר מיר געטאָן...“

„דעם גרונט“, האָט ער מיר געענטפערט „האָב איך נאָך ווייט ניט דערגרייכט, מסתמא אייער זיידע אויך ניט, ווי קיינער קען עס ניט, אָבער עטלעכע פערלען פון חכמה וואָלט איך יאָ געפּרוואווט פאַר אייך אַרויסדערציילן. איינע טאַקע וועגן דער תורה אַליין.“

ער האָט אָנגעהויבן ריידן. איך האָב זיך איינגעהערט פאַרזיכטיק און דאָרשטיק, פילנדיק, כמעט ווי זיכער, אַז דאָס איז דער מאַן וועגן וועלכן מיין זיידע, רב וואָנילער, האָט מיר געראָטן צו טרעפן. ער האָט גערעדט אין אַן אָנגענעמען, זינגנדיקן שטייגער, שאָקלענדיק זיך לייכט

הין און צוריק, אָפּשטעלנדיק זיך ווען אַ קאָמפּליצירטער געדאַנק האָט פאַרלאַנגט אונטערשטרייכונג. ער האָט דאַן געענדערט זיינע באַוועגונגען פון הין־און־צוריק אויף רעכטס־און־לינקס — לינקס־און־רעכטס.

און ער האָט געזאָגט:

„ווען גאָט, ברוך הוא, האָט געגעבן זיין תורה צו ישראל, זיין פאָלק, האָט ער געעפנט פאַר זיי זיבן הימלען. און ווען זיי האָבן אַריינגעקוקט אַהין האָבן זיי קיין אַנדער זאַך ניט געזען ווי זיין כבוד, זיין גדולה.

„האָט „ער" געעפנט פאַר זיי די זיבן טיפקייטן, און ווידער האָבן זיי דאָרט גאָרניט מער דערזען ווי זיין כבוד. און ווען „ער" האָט געעפנט פאַר זייערע אויגן אַלע זיבן וועלטן, האָבן זיי אויך דאָרטן נישט דער־זען מער ווי זיין כבוד. וואָס זשע איז דערפון געדרונגען? פרעגט מען.

„דער ענטפער איז, אַז גאָט׳ס כבוד איז מלא עולם, אַז ער, דער בורא, פילט אָן זיין באַשאַפונג אין גאַנצן, אַז באַשאַפער און זיין באַ־שאַפונג איז איינס.

„יאָ? אָבער אויב דאָס זאָל זיין דער איינציקער און גאַנצער ענט־פער, קען זיך איינער אויפשטעלן און פרעגן: אויב אַלץ אין אומעטום איז, געווען, איז, און וועט זיין, „היה, הוה ויהיה", גאָרנישט אויסער און מחוץ אים, ווי די פאַנטעאיסטן לערנען, איז קען מען פרעגן: פון וואַנען איז די באַשאַפענע באַשאַפונג געקומען? הייסט דען ניט צו באַשאַפן עפּעס, דאָרט, וואו פריער איז גאָרנישט געווען, און דורך דעם אַקט פון באַשאַפונג פון גאָרנישט „ מ א י ן " געוואָרן אַ „ י ש ".

דאָ קומען מיט אַמאָל אַרויף צוויי פראַגן: ערשטנס, וואו האָט דער בורא העולם געפונען פּלאַץ פאַר זיין באַשאַפונג, אויב ער אַליין פאַרנעמט דעם גאַנצן רוים? און צווייטנס — אויב באַשאַפן מיינט אַז ע פּ ע ס ז אָ ל ו ו ע ר ן פ ו ן ג אָ ר נ י ש ט , און אויב באַשאַפער און באַ־שאַפונג איז ע ר אַ ל י י ן , „ער" אידענטיפיצירט זיך מיט זיין באַ־שאַפונג, איז דאָך ער אַליין, דער בורא, ג אָ ר נ י ש ט , דער „מאין" פון וועלכן זיין באַשאַפונג איז געשאַפן געוואָרן. ער אַליין איז גאָר־נישט, אויב אַזוי.

„פאַרשטייט איר, מיין פריינט, דעם צער פון אַ מענטשלעכער נשמה, ווען ער ווערט אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אַזעלכע צוויי שאלות?"

און ער האָט ווייטער גערעדט:

„אַוועקשטעלן זיך און צעפירן מיט די הענט און זאָגן, אַז ניט אַלץ איז דעם מענטשלעכן שכל געגעבן געוואָרן צו באַנעמען... און אַז מיר

מוזן זיך באַנוגענען און זאָגן אַז פאַר דעם בורא העולם איז אַלץ מעג־לעך, ווייל ער איז דער אַלמעכטיקער... ניין, אַזאַ ענטפער איז קיין ענטפער ניט. מען טאָר נישט שטעלן קיין שאלות אויב מען קען קיין תשובות ניט געבן. זיינען געקומען אונזערע מיסטיקער, די לערער פון דער קבלה, מיט דעם גרויסן מייסטער, רבי יצחק לוריע, דער אַר״י הקדוש, פון צפת, און האָט געשאַפן דעם נביאישן געדאַנק, דעם באַגריף צ מ צ ו ם.

„דאָס מיינט, אַז כדי צו מאַכן ליידיקן רוים פאַר אַ וועלט באַשאַפן צו ווערן, האָט דער בורא געמוזט זיך צוריקציען אין זיך אַליין, אין אַ מיס־טישן פונקט, אין זיין צמצום, אין אַ געטלעכע קאָנצענטראַציע פון זיין אומענדלעכער גבורה און פאָטענץ, אַזוי, אַז ווען ליידיקייט איז געעפנט געוואָרן, האָט דער בורא געקענט אַרויסשטראָמען פון זיין מיסטישן פונקט מיט זיין געוואַלטיק־אָנגעזאַמלטער ענערגיע... און ווען אַ נייער מאָמענט פון באַשאַפונג ווערט נויטיק, ציט זיך דער בורא ווידער צוריק אַריין אין זיין צמצום, כדי ווידער אַרויסצושטורעמען, אָדער, בעסער געזאָגט, אַרויסצושטראַלן. און אַזוי כסדר, ווי אַ האַרץ וואָלט געשלאָגן, אָדער דער געטלעכער אין־סוף וואָלט געאָטעמט, אַרויס פון זיך און אַריין אין זיך.״

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, מיט אויגן האַלב־צוגעמאַכטע.

איך האָב זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט צו מאַכן אַ באַמערקונג:

„איר האָט אַביסל פריער באַמערקט, רעדנדיק וועגן דעם קבלה־לערער, רבי יצחק לוריע, אַז ער האָט מיט זיין צמצום אַרויסגעבראַכט אַ נביאישע אַנטפּלעקונג... דאָס קען באַשטעטיקט ווערן מיט דעם וואָס אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט, דורך אירן אַ פירשפּרעכער, ווי דאָק־טאָר טאָלמאַן פון קאַליפאָרניער אינסטיטוט פון טעכנאָלאָגיע, זאָגט זיך אַרויס מיט זייער אַן ענלעכע סברא, אַז דער יוניווערס איז ווי אַ פּול־סירנדיקער כדור, מיט צייטן פון צעשפּרייטונג און איינשרענקונג, איינס נאָך דעם צווייטן, און אַזוי אין דער אייביקייט. מיט אַנדערע ווערטער, קען עס הייסן — וועלטן ווערן געשאַפן, חרוב, און ווידערגעשאַפן, אָן אַ צאָל, אָן אויפהער אין דער אייביקייט.

ער האָט מיט אינטערעס אויסגעהערט מיין באַמערקונג און בלויז געענטפערט אויף דעם מיט:

„אַזוי, אַזוי...״ און האָט ווייטער געצויגן זיין געדאַנקען־פאָדעם:

„קומען מיר צו דער צווייטער שאלה, די באַשאַפונג אַליין — א ל ץ

פ ו ן ג אָ ר נ י ש ט, אַז ג אָ ר נ י ש ט איז דער „בורא״ אַליין, ווייל די וועלט איז דאָך באַשאַפן געוואָרן פון אצילות, דאָס הייסט, אויס־שטראַלונג פון צמצום־פונקט. די שאלה איז — ווי קען פון מיסטישן גאָר־נישט שטאַמען דער מיסטישער אַלץ?

„און ווידער קומט די קבלה און גיט אַן ענטפער, אַ מין געאָמעטריש־פילאָזאָפישן ענטפער. איר מעגט עס הערן. אָט נעמט אַ צירקל, אַ קרייז. וואָס איז עס? ס'איז די אויסשפרייטונג פון דעם פונקט אין מיטן, אין דעם צענטער פון צירקל. אָבער דער פונקט אין צענטער איז דאָך אַן אַבסטראַקציע, ס'איז אַ זאַך וואָס איז דאָ, און איז נישטאָ. ס'איז אַ מיס־טישער פונקט וואָס איז ניטאָ, וואָס איז אַ סאָרט מיסטישער ניט־זיין, און דאָך פון דעם פונקט וואָס איז ניטאָ איז געקומען דער קרייז וואָס איז אַלץ... אַלץ פון גאָרניט. פון דעם מאַטעמאַטישן צמצום־פונקט, וואָס אַליין האָט ער קיינע דימענסיעס, באַשאַפט זיך אַלע דימענסיעס. אָט אַזאַ ענטפער געפינט מען אין דעם ים פון דער קבלה. עס ווערט אויפ־געהויבן אַ געוואַלדיק געפערלעכע קשיא, און ווערט פאַרענטפערט מיט אַ נאָך גלענצענדיקן תירוץ.״

„קלינגט עס ניט עפּעס ווי אַ פּלפּול?״ האָב איך געפרעגט.

„אויב אַ פּלפּול, איז עס אַ געניאַלער פּלפּול, וואָס קאָן נאָר געבוירן ווערן אינם מוח פון אַ גאון, אינספּירירט פון געטלעכע קוואַלן,״ האָט ער מיר געענטפערט.

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן. האָב איך זיך באַנוצט מיט דער פּויזע און באַמערקט: „עס האָט דאָ געטראָפן, אַז די מאָדערנע וויסנ־שאַפט אין איר דראַנג צו פאָרשן ווייטער און טיפער איז דערגאַנגען צו אַ מין „גאָרנישט״. זיי רופן עס ניט מיסטישער גאָרנישט, נאָר פּראָסט „ליידיקייט״. נאָך דעם גאַנצן באַרוישנדיקן לויף פון וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, לאַבאָראַטאָרישע עקספּערימענטן, שפּאַלטונג פון אַטאָ־מען, אַז ווען מען איז צוגעקומען נאָענט צום לעצטן פאַרהאַנג און גע־וואָלט אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט געפינט זיך, האָבן די וויסנשאַפטס־לייט באַקומען דעם ענטפער אַז דאָרט איז דאָ ג אָ ר נ י ש ט.

„דר. איינשטיין האָט אַ זאָג געטאָן, אַז די העכסטע וויסנשאַפטלעכע טעמפּלען זיינען געקויפט געוואָרן פאַר דעם פּרייז פון אַ „ליידיקן איינ־האַלט״. וואָס זאָגט איר צו דעם?״

„וואָס איך זאָג? אַ מצווה אויף זיי! זאָל זיי דער ליידיקער גאָרנישט וואויל באַקומען! איך אָבער קען זיך ניט איינלעבן אפילו ניט מיט אַ

מיסטישן גאָרנישט. פאַר מיר איז נאָך קיין מוז ניט, אַז ס'איז קיין מחיצה נישטאָ צווישן באַשאַפער און באַשאַפונג. כדי מיט אַ משל עס קלאָר צו מאַכן, וואָלט איך גענומען אייער באַרוף, די קונסט פון מאלעריי. איר, קינסטלער, באַנעמט זיך אייגנטלעך אין אַ קליינעם שטייגער ווי דער בורא אין זיין גרויסן. אויך איר שאַפט עפּעס פון גאָרנישט, עפּעס וואָס איז פריער ניט געווען. די אידייע, די פאָרמע, ווערט געבוירן, ליגט טיף פאַרבאָרגן אין צענטער פון אייער וועזן, אין דעם „צמצום" פון אייער נשמה ביז איר קענט עס מער ניט צוריקהאַלטן און עס באַפרייט זיך און ווערט אַ „יש" אויף אַ בויגן פּאַפּיר, שטיק שטיין, אָדער ביין. עס איז פריער געווען אייערס, אַ טייל פון אייך, און איז עס ניט מער. עס לעבט אַן אייגן לעבן פריי פון זיין באַשאַפער. עס קען קריטיקירט ווערן, געלויבט אָדער געטאַדלט ווערן פאַר מעלות און פאַר חסרונות, אין דער צייט, וואָס זיין באַשאַפער קען זיין דער גרעסטער מייסטער.

„ס'איז אויך ווי אַ פאָטער און זיין קינד. דאָס קינד איז פריי פון זיין פאָטער, דאָך איז דער פאָטער ניט אָפּגעפרעמדט, ער האָלט אַן אויג אויף אים און איז טיף באַזאָרגט ווען זיין קינד גייט אין שלעכטע וועגן און פאַרשאַפט אומכבוד זיין פאָטער.

„און דאָ קומט די מאַכט פון תפילה, ווען זיין קינד, זיין ווערק, ווערט שלעכט פאַרשטאַנען, שלעכט באַהאַנדלט, האָט חרטה, טוט תשובה און ווענדעט זיך צו זיין פאָטער, זיין באַשאַפער אין צייט פון נויט...

„אָבער אַ געוויסע פרייהייט, אָפּגעטיילטקייט, פרייער ווילן, בחירה, בלייבט ביים מענטשן כל זמן ער לעבט, און ווייטער, נאָך דעם ווי ער שטאַרבט, אויך נאָך זיין טויט."

„זייט מיר מוחל, האָב איך ניט ווילנדיק אים אונטערגעבראָכן, איר האָט נאָרוואָס געזאָגט אַ וואָרט. איר האָט געזאָגט „אויך נאָך זיין טויט". זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס האָט איר געמיינט מיט די ווערטער? איך וואָלט געוואָלט הערן פון אייך, וואָס איר האָט געמיינט מיט די ווערטער וועגן לעבן און טויט, שכר ועונש, גאולה, וועגן אַלץ, אָדער גאָרנישט, וואָס איז עס?"

„ס'איז אַלץ וואָס איר האָט דאָ דערמאָנט בלויז ניט גאָרנישט... מער ווי דאָס קען איך אייך ניט זאָגן", זיינען געווען זיינע ווערטער.

זיינע אויגן זיינען אָפן געווען, רוענדיק אויף מיר, אין דערוואַרטונג וואָס איך וועל זאָגן, ענטפערן, טאָן, אַוועקגיין אָדער בלייבן.

און ער האָט צוגעגעבן: „האָט איר דערוואַרט מער פון מיר, אָדער עפּעס אַנדערש?“

„ניין“, האָב איך געענטפערט. „כ'האָב ניט דערוואַרט עפּעס מער, אָדער אַנדערש. ס'איז בלויז מיר געווען וויכטיק צו הערן פון אייך וועגן טויט און לעבן, וועגן לעבן נאָכן טויט... מער ווי דאָס וואָס איך אַליין ווייס וועגן לעבן נאָכן טויט. דאָס וואָס איך אַליין ווייס — קען זיין עפּעס אַנדערש“.

ער האָט ברייטער געעפנט זיינע אויגן, און שרעק איז געלעגן אין זיי.

„האָב איך אייך ריכטיק געהערט און פאַרשטאַנען? איר האָט געזאָגט אַז איר ווייסט... וואָס ווייסט איר? זאָגט עס מיר.“

און איך האָב אים דערציילט אַלץ וואָס איך האָב געוואוסט. מיר האָבן ניט געמערקט וועגן די צייט, ווי שפּעט עס איז. ווען איך בין פון אים אַרויס איז געווען נאָך האַלבע נאַכט. ער איז געבליבן זיצן מיט זיינע אויגן פאַרמאַכט און האָט געציטערט. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט ווי אין אַ תפילה, און איך גלויב אַז איך האָב געהערט די ווערטער:

„רבונו של עולם, העלף מיר צו פאַרשטיין דאָס וואָס איך האָב געהערט, און העלף מיר טראָגן דאָס פאַרשטאַנענע צו אַנדערע. גאָט מיינער, פאָטער און באַשאַפער, שענק מיר קלאָרקייט אין מיין וויסן, אַזוי אַז איך זאָל עס קענען קלאָר מאַכן פאַר אַנדערע. און גיב מיר כוח און פעסטקייט פאַר דעם, און האַלט מיך אויף, ווען עס וועט מיר שווער ווערן דער וועג“.

אין ניו־יאָרק

עס איז גראַד געווען דער אָנהויב פון קונסט־סעזאָן, ווען איך בין אָנגעקומען אין ניו־יאָרק. קונסט־גאַלערייען און מוזעאומס האָבן אָנגעהויבן אַנאָנסירן זייערע פּלענער פאַר אויסשטעלונגען, פּייערונגען, קורסן אין קונסט־אונטערריכט, מוזיק־קאָנצערטן אין פאַרבינדונג מיט די אויסשטעלונגען, און פּרייזן אויסטיילונגען. דאָס זיינען געווען אָנדייטונגען, אַז דער קומענדיקער סעזאָן וועט זיין רייך אין קונסט־גענוס און אפילו איבערראַשונגען.

אין די קונסט־זשורנאַלן און אויף די קונסט־זייטן פון דער טעגלעכער פּרעסע האָבן קריטיקער ווידער אויפגענומען די שטענדיקע און ניט פאַרענטפערטע דיסקוסיע: וואָס קונסט איז? די אַלטע און די נייע... אַקאַדעמישע, מאָדערנע און מאָדערניסטישע? צי ליגט מער קונסט אין בלויזע אָנדייטונגען, אָדער אין פולע פאַרענדיגונגען? זיינען עמאָציאָנעלע עלעמענטן וויכטיקער ווי אינטעלעקטועלע? פאַרוואָס איז נאַטור צעשניטן אין קובן, צילינדרען, דרייעקן און קרייזן פּראָגרעסיווער ווי נאַטור ניט געאָמעטריש צעפּאַלמעסטע? און ווידעראַמאָל — זאָל אַ זשורי, אָדער ניט־זשורי באַשטימען דעם אויסקלייב פון קונסט־ווערק צו אַן אויסשטעלונג? און צו זאָלן פּרייזן פאַרטיילט ווערן, אָדער ניט?

קינסטלער האָבן אָנגעהויבן צוריקצוקומען פון זייערע זומער־עטיודן, זיך גענומען אָנציען זייערע לעצטנס געמאָלענע לייוונטן אויף האָלץ און אויסגעבן זייערע עטלעכע נאָך געבליבענע גראָשן אויף ראַ־מען און באַטראַכטן דערנאָך זייערע נייע ווערק דורך לאַנגע שעהן, גריילעך גלוסטנדיק זיי אימיצן צו ווייזן, און צו דערזעלבער צייט אין גרויס שרעק פאַר דעם. זיי האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין איבער גאַלערייען נייגעריק עפּעס צו הערן און דערגיין בייעסן ווענן אַ מעגלעכקייט צו ווייזן און צו פאַרקויפן. זיי האָבן גאָר אינגיכן געקראָגן צו וויסן, אַז געשעפטן אין קונסט שטייט נידעריק, ערגער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען. זיי האָבן אויך אויסגעפונען אַז אַ טוץ עטאַבלירטע גאַלערייען האַלטן זיך אין שליסן. זיי האָבן אויך אויסגעפונען ווי דערעסן זיי זיינען געוואָרן צו

די דירעקטאָרן און באַאַמטע פון קונסט־אינסטיטוציעס, אַז זיי ווערן באַטראַכט ווי פליגן, וואָס קריכן אין פּנים אַריין, וויפל מען טרייבט זיי ניט אָפּ. די דירעקטאָרן האָבן אַנגעהויבן זיך אָפּצוזאָגן אָנצוקוקן דעם קינסטלערס ווערק. „עס האָט קיין צוועק, זאָגן זיי, אָנצוקוקן״ ; דער צעטל פאַר אויסשטעלונגען איז פאַרנומען פאַר דריי יאָר פאָראויס. בלויז אין זעלטענע פאַלן, ווען דער דירעקטאָר איז אין גוטער שטימונג, אָדער דער מאָלער האָט אין אים אַרויסגערופן רחמנות, דערלויבט מען אים צו עפענען זיין פעקל און וויזן זיינע שאַפונגען פאַר די שופטים, וועמענס משפּט ער פאַראַכטעט און ציטערט. נאָך עטלעכע מינוטן פון אָנקוקן בעט מען דעם מאָלער, וואָס איז געשטאַנען אין אַגאָניע, ער זאָל אי־בערלאָזן זיין אַדרעס אין פאַל עפּעס וועט זיך געשטאַלטן, אַ זאַך וואָס ביידע ווייסן אַז ס׳איז פּוסטע רייד.

איך האָב אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן מיין שליחות צו אַראַנזשירן אַן אויסשטעלונג פאַר מאַרק׳ס בילדער, אַ מעמאָריאַל־אויסשטעלונג ווי מען רופט עס דאָרטן.

איך ווייס אַליין ניט, ווי אַזוי ס׳איז צו מיר געקומען. עפּעס האָב איך דערפילט אין זכרון אַ בלאַסן איינדרוק פון אַן אַנאָנס, אָדער רעצענזיע פון אַן אויסשטעלונג עטלעכע יאָר צוריק אין דער וואַלדגרין גאַלעריע, איבער די בילדער פון אַ קינסטלער מאַרק. איך האָב געפונען די גאַ־לעריי, אין דער נאָענט פון דער זיבן־און־פופציקסטער גאַס און בין גלייך אַוועק אַהינצו, אָפּצוגעבן דאָרט מיין ערשטן וויזיט.

די גאַלערייע איז געווען אויף דעם ערשטן שטאָק. דאָס צימער וואָס האָט געדינט פאַר אויסשטעלונגען האָט געהאַט אַ סך וואַנט־רוים פאַר בילדער, גוטן ליכט, אַ רואיקע אַטמאָספערע, גינסטיק פאַר קונסט־גענוס. עס איז באַשטאַנען פון איין גרויסן צימער און דריי קלענערע. די קלענערע צימערן זיינען געווען באַשטימט פאַר דער פאַרוואַלטונג און פאַר אויפהאַלטן בילדער און זאַכן.

ווען איך בין אַריין האָב איך דערזען אויף די ווענט אַן אויסשטעל־לונג פון אַ גרופּע קינסטלער, כ׳האָב געפונען דעם קאַטאַלאָג און דער־זען דאָרט די נעמען פון די קינסטלער, די נעמען פון די בילדער און אַנ־דערע אינפאָרמאַציעס. איך האָב זיך איינגעקוקט אויף די בילדער, אַלע פון מיטעלן פאָרמאַט, אומרואיק אין פאַרבן, צעמישט אין פאָרמען, און מיך געוואונדערט פאַרוואָס זיי ווערן אין דעם קאַטאַלאָג אָנגערופן „עקסטראַ סוביעקטיוו״. איך האָב ניט געקענט דערגיין מיט וואָס זיי

זיינען אַנדערש פון די בילדער וואָס רופן זיך אימפּרעסיאָניזם, אַב־סטראַקטע דאַ־דאַ, אָדער קוביזם, מיט וואָס זיי פאַרדינען דאָס צו טראָגן אַ נייעם, באַזונדערן נאָמען ?...

אָבער אַזוי ווי אָנקוקן און רעאַגירן אויף דער אויסשטעלונג איז ניט געווען דער צוועק פון מיין באַזוך בין איך פון זיי אָפּגעטראָטן. און איך האָב זיך געווענדט צו אַן אָנגעשטעלטן און געפרעגט אים צי איך קען זען דעם אייגנטימער, אָדער דירעקטאָר פון דער גאַלעריי. עס האָט גראָד געטראָפן, אַז דער מאַן וועמען איך האָב דאָס געפרעגט איז גע־ווען ער אַליין, דער בעל־הבית, מר. וואַלדגרין.

איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און געזאָגט, אַז איך וואָלט זייער געשעצט אַ געלעגנהייט צו האָבן אַ געשפּרעך מיט אים.

האָט ער מיר געענטפערט, אַז מיט פאַרגעניגן, אויב נישט אַ צו לאַנגן, „ווייל מיר זיינען איצט שטאַרק פאַרנומען, פאַרשטייט איר דאָך, אָנהויב סעזאָן".

איך האָב אים צוגעזאָגט צו זיין קורץ, האָט ער מיך פאַרבעטן אין איינעם פון זיינע קלענערע צימערלעך, דערלאַנגט מיר אַ שטול, אַליין איז ער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויפן עק טיש.

זאָגט ער: „איך הער אייך".

איך האָב ניט געוואַרט אויף אַ צווייטע איינלאַדונג צו ריידן און האָב געזאָגט:

„איך בין אַליין אַ מאָלער, אָבער איך בין ניט געקומען אין מיינע אייגענע אינטערעסן. איך בין געקומען צו אייך ריידן וועגן אַ מאָלער, וועלכער האָט געהאַט אַן אויסשטעלונג אין אייער גאַלעריי עטלעכע יאָר צוריק, אַן אויסשטעלונג וואָס איז געווען באַשערט פאַר אים צו זיין די ערשטע און די לעצטע. ער איז געשטאָרבן און האָט נאָך זיך איבער־געלאָזן ווערק, ניט צופיל אין צאָל, אָבער גענוג וויכטיקע, אַז זיי זאָלן באַרעכטיקן די מי צונויפצוברענגען זיי אין אַ מעמאָריאַל אויסשטעלונג. דאָס איז דער מאלער מאַרק, אַן אַקוואַרעליסט.

„יאָ, יאָ", ענטפערט מיר מר. וואַלדגרין, צונויפציענדיק זיינע ברע־מען און רייבנדיק זיין שטערן, עטוואָס באַזאָרגט. „יאָ, יאָ, ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן, יאָ, געווען אַ צוזאָגנדיקער יונגער קינסטלער, זייער צו באַדויערן, אָבער איך ווייס ניט וואָס מיר קענען טאָן ?"...

איך האָב אים ווייטער ניט געלאָזט ריידן, כדי ער זאָל נישט אַרויסזאָגן אַ דעפיניטיוון ניין. „מיסטער וואַלדגרין, וואַרט, איך בעט

איך, זאָגט אים דאָס נאָך ניט אָפּ. איר האָט דאָ אַן אויסשטעלונג אויף אייערע ווענט מיט אַן אַבסורדן נאָמען, אַבסורדע מאַלעריי, וואָס וועלן אייך נישט ברענגען ניט כבוד און ניט איינקונפט... אין דער צייט, וואָס אַן אויסשטעלונג פון אַ יונגן, טראַגישן קינסטלער, באַגלייט מיט ניט־ווייניקער טראַגישן טויט פון זיין פרוי, קען פיל זיכערער ברענגען פּרעסטיזש און פאַרקויף. איך נעם זיך אונטער צו זאַמלען זיינע צוואָר־פענע בילדער, און וועל אויך העלפן אייך צו מאַכן די דערעפענונג סענ־סאַציאָנעל, איך וועל זען אַז צווישן די געסט צו דער דערעפענונג זאָלן זיין רעמבראַנדט און סעזאַן, פּערזענלעך״.

„וואָס, וואָס האָט איר גאָרוואָס געזאָגט״?

ער האָט מיך אָנגעקוקט פון דער זייט, מיט אויגן און מויל ברייט אָפן.

„אָ, גאָר ניט, זאָג איך, עס איז בלויז געווען אַזוי צו זאָגן״.

ער האָט פאַרלייכטערט אַ שמייכל געטאָן. „איר ווייסט, זאָגט ער, איר האָט מיך באמת איבערגעשראָקן״.

„וואָס איז דאָ זיך צו שרעקן? זיי זיינען פרידלעכע דזשענטל־לייט, און זיי זיינען ניט אַזוי טויט ווי מען גלויבט אַז זיי זיינען דאָס״.

און ווידער איז זיין פּנים געוואָרן ערנסט און ווי פריער האָט ער מיך אָנגעקוקט פון דער זייט מיט אַ שאָטן פון מורא אין זיין בליק.

„וואָס זיינען דאָס פאַר אַ מין ווערטער, וואָס איך הער פון אייך?״

„אָ, גאָרנישט, אַזוי זיך, גלאַט גערעדט. זאָגט מיר, מר. וואַלדגרין, וויפיל בילדער פון דעם קינסטלער מאַרק האָט איר נאָך אין אייער הינ־טערצימער, נאָך זיין אויסשטעלונג ביי אייך, כ׳מיין, ניט פאַרקויפטע?״

„אָרום זיבעצן, גלויב איך, אַרום צען זיינען געווען פאַרקויפט.״

האָב איך אים געפרעגט צו האָט ער נאָך די אַדרעסן פון די וואָס האָבן די בילדער געקויפט? ער איז געווען ניט זיכער, אָבער עס קען זיין, האָט ער צוגעגעבן, אַז די סעקרעטאַרשע האָט זיי אויפבאַוואַרט, מסתמא האָט זי עס געטאָן, ווייל אַזוי פירט זיך עס ביי אונז.

„אין פאַל די אַדרעסן זיינען פאַראַן, קענען מיר זיך ווענדן צו די וואָס באַזיצן די געקויפטע בילדער זיי זאָלן זיי אונז אויסלייען פאַר דער אויסשטעלונג, זייערע נעמען וועלן אָנגעמערקט ווערן מיט דאַנקבאַרקייט אין דעם קאַטאַלאָג״.

מיר האָבן זיך פאַרשטענדיקט וועגן די צאָל בילדער וואָס אַזאַ אויס־שטעלונג וואָלט געדאַרפט האָבן — אַזוי אַרום פינף און דרייסיק־פערציק.

איך האָב אים צוגעזאָגט אַזאַ צאָל צונויפברייגנגען, וועל שרייבן צו זיינע פריינט און באַקאַנטע, אָדער וועל אָנפרעגן ביים קינסטלער אַליין, וואו זיינע בעסטע ווערק געפינען זיך.

ער האָט מיך ווידער אָנגעקוקט מיט אַ גיכן בליק, אָבער האָט גאָר־נישט געזאָגט, בלויז די אויגן זיינע האָבן געקראָגן אַ טונקעלן שאָטן פון פחד. מיר האָבן אויך באַשטימט די צייט פון דער אויסשטעלונג — צוויי וואָכן אין נאָוועמבער. מיר האָבן עס געמוזט אָפּלייגן אויף אַזוי וויט, ווייל צייט איז נויטיק געווען פאַר די פילע צוגרייטונגען, דרוקען דעם קאַטאַלאָג מיט אַן הקדמה, וואָס איך דאַרף אָנשרייבן, איינלאַדונגען, מעלדונגען, רעקלאַמע און אַנדערע זאַכן. אַ חוץ דעם זיינען דאָס געווען די איינציקע פרייע צוויי וואָכן, וואָס די גאַלעריע האָט געהאַט.

„ס׳איז נאָך אַ גליק, וואָס מיר האָבן די צוויי וואָכן פריי״, זאָגט ער מיר. און מיר האָבן אָפּגערעדט צו שטיין אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט אַנאַנדער, און טיילן זיך מיט אינפאָרמאַציע וועגן אַלע טריט, געמאַכטע, אָדער נאָך ניט געמאַכטע. מיר האָבן זיך געזעגנט,ביידע גלייך צופרידן וועגן דעם, וואָס מיר האָבן זיך פאַרנומען צו טאָן. אָם מייסטן בין איך געווען צופרידן מיט דעם וואָס אַזוי גרינג און אומדערוואַרטעט גיך איז מיר געלונגען אָפּצוטאָן אַ טייל פון מיין שליחות.

אויפן וועג צו מיין האָטעל־צימער, האָב איך מיר געטראַכט ווי מאָדנע עס איז וואָס איך אַרבעט אַזוי פלייסיק צו אַראַנזשירן אַן אויס־שטעלונג פאַר אַ קינסטלער וועמעס אַרבעטן איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען, און ווייס אַפילו ניט ווי גוט אָדער שלעכט זיי זיינען. און ווי אַז זיי וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר שוואַך, אָדער גאָר אין גאַנצן ווערטלאָז? האָב איך זיך מיט שרעק געפרעגט. „וואָס וועל איך קענען ענטפערן אין מיין פאַרטיידיקונג?״

ווען איך בין אָנגעקומען אין מיין האָטעל־צימער נאָך אַ קורצן אָונט־ברויט, האָב איך מיך דערפילט גענוג מיד צו באַרעכטיקן מיין גיין שלאָפן טאַקע באַלד. און אַזוי האָב איך עס געטאָן און אין גיכן איינגעשלאָפן מיט אַ געשמאַקן זיסן שלאָף, גרייט פאַר אַן אנגענעמען חלום. און אָט וואָס דער חלום איז געווען:

מאַרק איז געקומען מיט זיין ווייב סטעללאַ, הינטער אים טראָגנדיק אַ גרויסן פאָרטפעל. מאַרק איז געשטאַנען עפּעס ווי מיט זיין פּראָפיל צו מיר, קערנדיק בלויז די אויגן צו מיר און רעדנדיק אין אַ ני־דעריקער שטימע, קוים וואָס איך האָב געקענט הערן. דאָך האָב איך

פאַרשטאַנען אָט וואָס: „איר זאָגט אַז איר האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען מיינע בילדער, נו, אָט זײַנען מיר דאָ, סטעללאַ און איך, און מיר האָבן מיטגעבראַכט אַ פּאָרטפעל מיט עטלעכע פון מיינע אַרבעטן, אַזוי אַז איר זאָלט וויסן און זיין זיכער אַז איר זייט אויף דער זייט פון אַ זשעניע. סטעללאַ, ווייז דאָס בילד מיט די בלומען און וואָלקנס צוערשט. מערקט מיינע פאַרבן. גלויבט זיי קיינמאָל נישט, די פּסיכאָלאָגיסטן, ווען זיי זאָגן אייך אַז חלומות זיינען נאָר אין שוואַרץ און ווייס, קיינמאָל ניט אין פאַרבן. ס'איז אַ ליגן אַז חלומות זיינען פאַרבן — בלינד, איר וועט באַלד זען פאַרבן, און נאָך וואָס פאַראַ פאַרבן!"

סטעללאַ האָט געעפנט דעם פּאָרטפעל און אַנידערגעשטעלט אַ געמאָלן פּאַפּיר אויף דער ערד דורך מאַרק'ס סילועט געזען, דאָס פּאַפּיר אָנגעשפּאַרט אויף איר פוס. זי האָט אויפגעהויבן איר קליידל צו מאַכן פּלאַץ פאַרן בילד און האָט מיר אַ ווינק געטאָן מיט אַן אויג. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז נאַריש צו טאָן אַזאַ זאַך, און זיך באַמיט נישט צו קוקן און נישט צו מערקן סטעללאַ'ס פוס, און קאָנצענטרירן זיך אויף מאַרק'ס בילדער. מאַרק האָט באַמערקט מיין שווערע פּראָבלעם און האָט זי אָפּגעשטופּט ביי־זלעך אָן אַ זייט און צוגענומען דאָס פּאַפּיר פון איר האַנט און האָט דאָס בילד געהאַלטן אַנטקעגן מיינע אויגן. ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן די גאַנצע צייט, וואָס די בילדער זיינען מיר געוויזן געוואָרן... „ווען איר וועט הערן, זאָגט ער אויפגערעגט, אַז איך מאַך־נאָך זשאַן דאַרין, גלויבט עס ניט, עס איז אַ פאַרדאַמטער ליגן. אָדער זיי וועלן אייך זאָגן, אַז איך בין באַאיינפלוסט פון דעם פראַנצויז מאַרסעל דיבואַ, נעמט עס אָן פאַר נאָך אַ בייזוויליקייט. אויב זיי וועלן אייך דערקלערן אַז איך בין אַ פּראָווינציאַל, אָדער אַן עם־הארץ, אָדער אַ כבד־פּה — הערט זיך ניט איין צו זייערע רכילות..."
ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן באַגלייט פון שטאַרקע זשעסטיקולאַציעס און הינטער אים האָט סטעללאַ געפּרואווט דאָס אַלץ אויסטאַנצן. ס'איז געווען אַן אומרואיקער חלום, שווער עפּעס צו דערגיין. זאָג איך אים: „מאַרק, הערט אויף ריידן, און סטעללאַ — הערט אויף טאַנצן און לאָזט מיך קוקן אין רו".

זיי האָבן ביידע גלייך אויפגעהערט. ער — ריידן, זי — טאַנצן. האָבן ביידע שטייף זיך אַוועקגעשטעלט, פעסט פאַרמאַכט די אויגן און געוואַרט איך זאָל קוקן און זאָגן.

די בילדער האָבן זיך געביטן אַליין פון זיך, געשווינד, פלעגן

אַרויספּליען פון פּאָרטפעל און צוריק אַריינפּליען, אַזוי גיך, אַז איך האָב קוים צייט געהאַט זיי גוט אָנצוקוקן. איך האָב באַלד איינגעזען אַז איך וועל מוזן זען אַליין די אָריגינאַלן, און האָב געזאָגט מאַרקן: „איך דאַנק איך, גריסט פון מיר זינאַ, און זאָגט איר, אַז איך וועל זיין צוריק, גיכער ווי זי דענקט... כ׳וועל אייך זען ביי דער דערעפענונג... און איצט... איצט.. בעט איך אייך... איך בין מיד״.

אין דער רגע האָט מאַרק זיך צוגעקערט מיט זיין גאַנצן פּנים צו מיר און אויסגערופן בעטנדיק: „בלויז נאָך איינס, גיט אַ קוק אויף אָט דאָס״.

און ער האָט אַרויסגעבראַכט פון דעם פּאָרטפעל נאָך אַ וואַסער־פאַרב־בילד און עס פאַרגעשטעלט פאַר מיר, נאָכפאָלגנדיק מיט ברייט צעעפנטע אויגן דעם איינדרוק אויף מיר און וואַרטנדיק וואָס איך וועל זאָגן.

איך האָב אָנגעקוקט דאָס בילד, פון מיטעלן גרויס, באַדעקט מיט זעלטענע פאָרמען און פאַרבן, גליענדיקע און פייערדיקע. פלוצלונג האָט דאָס בילד אָנגעהויבן וואַקסן אין גרויס. פאָרמען האָבן אָנגעהויבן ענלעך צו ווערן צו אַ לויפנדיקן ים, מיט פאָרמאַציעס פון כוואַליעס טורם־הויך, איין איבער דער אַנדער, אַרויסרופנדיק אַ וועט־קאַמף צו אַן אַנדער פאָרמירונג, די פעסט־שטייענדיקע, די פעלזן שטייענדיקע אויך טורעמ־דיק געוואַלטיק איבער די כוואַליעס, הויך צום הימל, גרייט צום קאַמף, זיכער אויף אַ זיג, ווייל איבערצייגט, אַז אויף זיי רוט דער קיום פון דער וועלט. און איבער זיי איז געהאַנגען פאַרשפּרייט דער הימל, צעריסן אין ווייכע שטיקער פייער און קרישטאָל, געוואַלטיק און דאָך צאַרט, ווי אין אַ רעגנבויגן, ווי אַ דערמאָנונג צו זייביידן אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ דריטער צד, אַ גרעסערע מאַכט פון זיי ביידן. פלוצלונג האָבן די דריי עלעמענטן, פעלזן, ים און הימל, שטיין, וואַסער און פייער, זיך אַריינגע־וועבט אין אַ באַוועגונג פון שטראַלן, בינטל־ליכט און אָפּגלאַנץ, העלע בליצן און שוואַרצע פינסטערניש, ווי דער בורא אַליין וואָלט אַרויס פון זיין פאַרבאָרגעניש און באַשלאָסן צו ווייזן זיין פּנים און דערמאָנען זיי ווער ס׳איז איבער זיי אַלעמען...

עס איז געווען איבערוועלטיקענד. איך האָב איבערגעלעבט אַ גרויסן געפיל פון עקזאַלטאַציע... האָב עפּעס געוואָלט זאָגן און ניט געקענט.

זיי האָבן אין איילעניש צונויפגעקליבן די בילדער און געוואָלט

אַרויסגיין. מאַרק האָט בלויז צוגעגעבן שטייענדיק מיט אַ האַלבן פּנים צו מיר: „זוכט אויף דאָס בילד אין דעם שלאָס־קאַסטן פון דער גאַלעריי״. און זיי זיינען אַרויס פון מיין חלום. איך האָב געוואָלט זיי נאָך עפּעס פרעגן, אָדער זאָגן, זיי פאַרהאַלטן פאַר נאָך אַ רגע, כ׳האָב אויסגע־שטרעקט מיינע הענט נאָך זיי, און האָב זיך אויפגעוועקט פון שלאָף.

איך בין געלעגן לאַנג וואַך, און געטראַכט וועגן דעם חלום. וויפיל אמת עס קאָן דאָ זיין? איך בין שפּעטער איינגעשלאָפן מיט אַ טיפן, טונקעלן שלאָף, אָן חלומות ביזן העלן זונשיין.

⁂

אויף מאָרגן אין דער פרי האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו צום מעיאָר פון שטעטל פון וואַנען מאַרק איז געקומען. איך האָב אים דערציילט, אַז אַ גרויס כבוד ווערט צוגעגרייט און צוגעטיילט צו אַ קינסטלער, אַ מיטגליד פון זיין שטאָט. די שטאָט זיינע וועט ווערן באַרימט דורך דעם קינסטלער און אַזוי אויך דער מעיאָר, וועלכער וועט העלפן צו פאַר־ווירקלעכן די אויסשטעלונג פון זיינע בילדער. פאַרלאַנג איך פון אים ער זאָל אויפזוכן אַלע די בילדער וואָס געפינען זיך אין די הענט פון פּריוואַטע בירגער און ער זאָל זיי צושיקן צו דער גאַלעריי. די בילדער וועלן געוויזן ווערן אַלס אַנטליהענע, די נעמען פון די אַנטלייער וועלן אָנגעגעבן ווערן אין קאַטאַלאָג און אומגעקערט ווערן באַלד נאָך דער אויסשטעלונג.

אין אַרום צוויי וואָכן איז דער ענטפער אָנגעקומען צו דער גאַ־לעריע. פערצן בילדער זיינען אָנגעקומען, אַלע וואַסער־פאַרבן אויף דיקן פּאַפּיר געמאָלן. אַ ספּעציעלע אַגענטור איז געווען אָנגעשטעלט פון דעם מעיאָר איינצופּאַקן זיי פאָרזיכטיק, און דערנאָך געשיקט דורך עקספּרעס, טראַנספּאָרטאַציע־קאַסטן, אין פאָראויס באַצאָלט. אַ דעטאַלנע באַשרייבונג פון די נעמען פון די בילדער און צו וועמען זיי געהערן איצטער. צו דער זעלבער צייט האָט די סעקרעטאַרשע פון דער גאַ־לעריע, אַ הויכע, דינע און בלאַסע מויד, אויסגעפונען אַלע אַדרעסן פון די וואָס האָבן געקויפט מאַרק׳ס בילדער אין ניו־יאָרק, האָט צו זיי גע־שריבן און זיי אַלע האָבן געענטפערט מיט אַ צוזאָג צו אַנטלייען זייער אייגנטום.

אין דריי וואָכן אַרום האָבן מיר געהאַט אַלע בילדער איינגעזאַמלט.

ווען מיר האָבן זיי איבערגעציילט זיינען געווען דריי און פערציק זאַכן, אַ זייער פיינע גרופּע. מאַנכע האָבן געדאַרפט איינגעראַמט ווערן אויפסניי, און אייניקע זיינען געווען אָן טיטלען. די סעקרעטאַרשע האָט אַנטדעקט אַן אַלטן קאַטאַלאָג פון דער פריערדיקער אויסשטעלונג. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע געווינס, עס האָט מיר געהאָלפן ביים אָנשרייבן די הקדמה צום קאַטאַלאָג.

ווען אַלע בילדער זיינען געווען געבראַכט אין פולער אָרדענונג און אויסגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע פון דער גאַלעריי, האָבן מיר מיט צופרידנקייט דערזען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ זאַמלונג פון גאַנץ פיינע זאַכן, אויב נישט קיין אויסערגעוויינלעכע. איך האָב געהאַלטן אין זוכן דאָס בילד פון מיין חלום און ניט געקענט עס געפינען. קיין איינע פון זיי האָט נישט געפּאַסט צו דער פּראַכט פון חלום. האָב איך זיך דער־מאָנט מאַרקס לעצטע ווערטער, אַז איך זאָל עס זוכן אין מיסטער וואַלד־גרינ׳ס זיכערקייט־שראַנק. האָב איך באַשלאָסן צו אונטערזוכן דעם ענין.

איך האָב זיך געווענדט צו מר. וואַלדגרין, וועלכער איז גראָד געווען אין דער גאַלעריע און האָט אויסגעזען מיד און פאַרזאָרגט:

„מר. וואַלדגרין, האָב איך געזאָגט מיט דערמוטיקונג, מיר וועלן האָבן אַ גאָר פיינע אויסשטעלונג, עס פעלט בלויז נאָך איין בילד, אַ צענטראַלע ווערק, אפשר זיין בעסטע אַרבעט. עס וואונדערט מיך פאַר־וואָס איר האַלט עס צוריק און ווילט עס נישט ווייזן?“.

ער האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט.

„וואָס מיינט איר? וואָס פאַר אַ בילד איז עס? און דערהויפּט וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע?“

איך האָב אים געענטפערט אַזוי רואיק ווי איך האָב עס געקענט מאַכן, אַז ס׳איז דאָ נאָך אַ בילד זיינס, דאָ אין דער גאַלעריי, ערגעץ אין אַ ווינקל“.

מיסטער וואַלדגרין האָט מיך נאָך אַמאָל אָנגעקוקט אויפריכטיק פאַראינטריגירט:

„וואָס איז עס, איך בעט אייך, וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?“

ער האָט עס אַרויסגערעדט מיט קלאָרע סימנים פון אויפרעגונג און אומצופרידנקייט אין דעם אויסדרוק פון זיינע מידע אויגן.

„איך מיין צו זאָגן, אַז ס׳איז אפשר אין אייער שראַנק. מעג איך אייך בעטן צו עפענען דעם שראַנק און זען? אפשר ליגט עס דאָרטן פאַרגעסן?“

„נו, הם, נו, איך... איך...“

ער האָט קוים געקענט זאָגן אַ וואָרט. שווייגנדיק איז ער צוגעגאַנגען צו זיין גרויסן — שוואַרץ־מעטאַלענעם שראַנק, געעפנט דעם שלאָס און אָנגעהויבן זוכן און פאַרשן. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַ גרויסן פּאָרטפעל, עס אַרויסגעשלעפּט, געעפנט און אָנגעהויבן איבערקלייבן די גרויסע צאָל פּאַפּירן און לייוונטן, וואָס זיינען דאָרט געלעגן. און מיטאַמאָל האָט ער אַרויסגעצויגן אַ גרויסן וואַסער־פאַרב־בילד, ניט געראַמט, אין אַ פּאַספּאַרטו, און ער האָט עס אָנגעקוקט. איך האָב געהאַלטן מיינע אויגן אויף זיין פּנים, און האָב אויך דאָס בילד אָנגעקוקט און עס באַלד דערקענט.

„דאָס איז עס", האָב איך אויסגערופן.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מר. וואַלדגרין, זיין פּנים איז געווען בלאָס ווי אַ מאַסקע פון שרעק, זיינע הענט האָבן געציטערט, ער האָט קוים געקענט אַ וואָרט אויסריידן. צום סוף האָט ער שטיל אויסגעמורמלט:

„איר זיינט גערעכט, כ'האָב עס פאַרגעסן... ווי אַזוי האָט איר עס געוואוסט? ווי האָט עס אימיצער געקענט וויסן?"

איך האָב אים געענטפערט, אַז ער וואָלט מיר סיי־ווי ניט געגלויבט, ווען איך זאָג עס אים... און עס מאַכט סיי־ווי ניט אויס. די הויפּט זאַך איז, וואָס מיר האָבן געפונען אַ צענטראַלן עפעקט פאַר אונזער אויסשטעלונג. דאָס איז אַ מערקווירדיק בילד, מען דאַרף עס געהעריק איינראַמען".

„יאָ, יאָ, ריכטיק".

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט געקענט זאָגן. ער האָט אויסגעזען ווי אין אַ היפּנאָז, איז צוגעקומען נאָענט צו מיר און מיט די ליפּן בלויז אויסגערעדט: „איר מוזט מיר זאָגן, וויאַזוי איר האָט עס געוואוסט? און ווער איר זיינט? זאָגט מיר, ווער זיינט איר?"

איך האָב געשמייכלט, גענומען אים ביי דער האַנט און אין אַ באַרויקנדיקן טאָן אים געענטפערט:

„איר וועט זיך וואונדערן ווי איינפאַך אַלע סודות זיינען! זייט ניט אומרויִק, שיקט דאָס בילד צום איינראַמער... מיר וועלן זיך זען מאָרגן. אַ גוטע נאַכט, מר. וואַלדגרין".

נאָראַ

עס איז שוין באַלד צוויי חדשים זינט איך בין אין ניו־יאָרק און האָב נאָך ניט געזען מיין זון פיליפ, זיין פרוי און די קינדער. איך האָב באַשלאָסן נישט צו באַווייזן זיך צו אים אַלס זיין פאָטער, וואָס האָט זיך אומגעקערט צו אַ צווייט לעבן. דאָס, האָב איך געטראַכט, וואָלט גע־שאַפן אַ מאָדנע סיטואַציע, אַ פאָטער פאַר אים, וואָס איז כמעט פון דעם זעלבן עלטער ווי ער אַליין איז. אַ יונגער שווער פאַר זיין פרוי, און אַ יוגנטלעכן זיידע פאַר די אייניקלעך. און דערהויפּט בין איך געווען זי־כער, אַז קיין ליבע וועט דאָס ניט דערוועקן אין זייערע הערצער צו מיר... אפשר גאָר אַ שרעק און אַ האַס.

צוליב נאָך אַנדערע געפילן, נישט גאָר קלאָרע פאַר מיר אַליין, האָב איך באַשלאָסן צו טרעפן זיך מיט אים ווי אַ פרעמדער, אָדער אפשר גאָר באַטראַכטן אים פון דער זייט, פון דער ווייטן, אים און זיין קליין משפחה. ניט ריידן נאָר קוקן אויף זיי, נאָענט גענוג צו זען ווי זיי זיינען, וואָס זיי טוען און ווי עס לעבט זיך זיי אָן טאַטע־מאַמע. אמת, איך האָב עס פריער אויך געקענט טאָן... אָבער עס האָט זיך מיר געדוכט אַז איצטער איז עפּעס אַנדערש.

איך האָב געוואוסט, אַז ער האָט פאַרלאָזן זיין לערער־פּראָפעסיע, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט שרייבן בעלעטריסטיק, האַלב־בעלעטריסטיק, פעליטאָנען, רעצענזיעס איבער ביכער, בילדער, טעאַטער, פאַר וועכנט־לעכע און אַנדערע פּעריאָדישע זשורנאַלן, אונטער זיין פּסעוודאָנים אַלעקס פיליפּס. כ׳האָב געלייענט עטלעכע זאַכן זיינע: אַ קורצע דער־ציילונג און אַ רעצענזיע.ביידע זאַכן האָבן אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אינטענסיוון טראַכטן און פילן, און אַ דראַנג לויז צו ווערן פון דער שפּאַנונג, און אַ מורא אַז ס׳וועט זיך אים ניט איינגעבן.

ס׳איז געווען אַ קאַלטער, רעגנדיקער נאָוועמבער טאָג ווען איך האָב אים דערזען גאָר אומדערוואַרטעט אין די וואַלדגרין־גאַלעריע. אַ נייע אויסשטעלונג איז געווען אויסגעהאַנגען אויף די ווענט, אַ איין מענטש־אויסשטעלונג פון אַ עלטערן אַמעריקאַנער קינסטלער, וועמעס רע־פּוטאַציע איז שוין געווען פעסט עטאַבלירט, אַ מאָלער פון גוטער צייכ־כענונג און טיפע פאַרבן־טענער, אין אנגענעמען קאָנטראַסט. דאָס זיינען געווען מייסטנס פּאָרטרעטן־בילדער פון יונגע מענטשן מיט אַ זייער אײדעלן, און צוציענדיקן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון זייער כאַראַקטער אין

פּנים, פיגור, און האַלטונג. איך האָב געקענט דעם דאָזיקן מאָלער׳ס אַר־בעטן, האָב זיי ליב געהאַט און בין גערן געקומען די אויסשטעלונג צו זען, און אַ חוץ מיר זיינען אויך פיל אַנדערע מענטשן געקומען. די גאַ־לעריי איז געווען געהעריק באַזוכט. מענטשן זיינען קענטיק געקומען צוליב די בילדער און ניט צוליב צייט־פאַרטרייב. און מיטאַמאָל האָט מיין האַרץ אַ ציטער געטאָן, כ׳האָב מיין זון דערזען; פיליפּ איז געווען צווישן דעם עולם. כ׳האָב באַלד דערקענט זיין דינע, הויכע פיגור, זיין גלייכע האַלטונג, נאָך איידער כ׳האָב דערזען זיין פּנים. ער האָט גע־האַלטן אַ קאַטאַלאָג און ביים אָנקוקן די בילדער געמאַכט נאָטיצן אויף דעם פּאַפּיר, קענטיק צוגרייטנדיק אַ רעצענזיע פון דער אויסשטעלונג. איך האָב זיך געהיט נישט צו קוקן צו שטאַרק און נישט צו לאַנג אויף אים, כדי נישט צו מאַכן אים אויפמערקזאַם און נישט צו שטערן אים אין זיין אַרבעט. כ׳האָב אים בלויז נאָכגעפאָלגט מיט אַ זייטיקן בליק פון מיינע אויגן, כדי נישט צו פאַרלירן די זעלטענע מינוטן פון זען אים. איך בין געשטאַנען לעבן אַ בילד און געזוכט אין קאַטאַלאָג דעם נאָמען און דעם טיטל פון דעם בילד. ס׳איז געווען אַ לאַנדשאַפט, אַ סוזשעט, וואָס דער דאָזיקער מאָלער האָט זעלטן ווען געמאָלן. איך האָב ניט באַמערקט אַז אַ פרויען געשטאַלט שטייט לעבן מיר, אויך פאַראינטע־רעסירט אין דעם זעלביקן בילד און דוכט זיך, צוליב דערזעלבער סיבה. אימיצער האָט מיך אומגערן אַ שטופּ געטאָן און זיך אַנטשולדיקט, איך האָב אויך אַזוי ניט ווילנדיק די פרוי אַ שטופּ געטאָן און זיך אויך אַנטשולדיקט. זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און אירע אויגן, איך האָב אין זיי דערזען אַן אָפּגלאַנץ ווי פון עפּעס אַ ווייטע דעראינערונג. איך אָבער האָב זי באַלד דערקענט נאָך אירע טיף־בלויע אויגן און רויטע האָר, דאָס מיידל, וואָס איז געקומען צו מיין לויה און האָט געוויינט נאָך מיר ווי זי האָט עס מיר צוגעזאָגט.

עס איז נאָך פריש געווען אין מיין זכרון, ווי מיר האָבן צווישן זיך קולטיווירט אַן אַנגענעמע פריינטשאַפט, זי נאָך אַ יונגע פערזאָן, אויב נישט פון דער ערשטער יוגנט, און איך, שוין אַן עלטערער מאַן, מיט ווייסע האָר אויפן קאָפּ און פּנים. מיר פלעגן זיך באַגעגענען אויף וויכ־טיקע קונסט־פּאַסירונגען און קאָנצערטן פון פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער. איך פלעג זי אָפט זען ביי מיינע לעקציעס, שטענדיק זיצנדיק אין די לעצטע רייען, הערנדיק אויפמערקזאַם און שטענדיק צופרידן צו האָבן אַ גלאָז טיי, אָדער קאַפע מיט מיר נאָך דער לעקציע אין איינע פון די

דערבייאיקע קאַפּעטירעס. זי איז געווען אַ טיפּיסטן אין איינע פון די פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער האָט געהאַט אַן ערנסטן און לעבעדיקן אינטערעס אין קונסט אין פאַרשיידענע פאָרמען. מיר פלעגן קיינמאָל ניט אָפּמאַכן קיין באַשטימטע באַגעגענישן, אָבער שטענדיק צופרידן זיך צו באַגעגענען און זיך טיילן מיט מיינונגען און איינדרוקן. זי האָט געהאַט אַ דערפרישנדיקן געפיל פאַר הומאָר, פלעגט גרינג כאַפּן דעם זין פון אַ וויץ, אַ וואָרט, אַ באַמערקונג, צוטראָגנדיק איר טייל צו אונזער אונטערהאַלטונג. מענטשן האָבן אונז אָפט געזען אינאיינעם און פלעגן מסתמא וועגן אונז טראַכטן ווי פון אַ מאָדנע פּאָרל, — ווייס און רויט.

אַ חוץ וואָס מיר פלעגן זיך טיילן מיט קונסט איינדרוקן, פלעגן מיר אַמאָל אויך אָנרירן פּערזענלעכע מאָמענטן. זי האָט זיך געפילט פריי צו ריידן און דערציילן מיר, אפשר צוליב מיין עלטער, אַזוי פיל העכער פון אירן. זי פלעגט מיר דערציילן וועגן אירע ראָמאַנען אָדער ראָמאַנסירן, געוועזענע און איצטיקע, וועגן יונגעלייט, וואָס דרייען זיך אַרום איר, און זוכן איר פריינטשאַפט.

און איינמאָל, קוקנדיק אויף מיר מיט פאַרטראַכטע אויגן, האָט זי מיט אַ לייכטן שמייכל אַ זאָג געטאָן, אַז ווען איך וואָלט געווען אַ דרייסיק יאָר יונגער, וואָלט זי זיכער געמאַכט אַן ענערגישן פאַרזוך מיך צו פאַנגען.

איך האָב זיך דערמאָנט וועגן דער דאָזיקער לעצטער פּראָפּאָזיציע, שטייענדיק דאָ לעבן איר און טראַכטנדיק צי עס איז גוט און ריכטיק צו באַנייען אונזער אַלטע באַקאַנטשאַפט. איך האָב מער געהאַט דעם געפיל, אַז ניט, אַז עס וואָלט ניט גוט געווען און ניט ערלעך דאָס צו טאָן.

איך האָב שוין געהאַלטן אַריבערצוגיין ווייטער צו אַן אַנדער בילד און ווייטער נאָכפאָלגן פיליפּ׳ס באַוועגונגען, אָבער אין דעם מאָמענט פון מיין טראַכטן איז צוגעקומען מר. וואַלדגרין צו איר, ווי צו אַן אַלטער באַקאַנטער און גוטער פריינט פון קונסט, און האָט זי באַגריסט הויך אויפן קול, און געזאָגט אַז ער איז געווען זיכער זי צו זען היינט דאָ, ווייל זי קומט דאָך שטענדיק צו זען גוטע בילדער, אַ געטרייע גאַלערייעבאַזוכערין ; ווי וואָלט זי געקענט דורכלאָזן אַט די קונסט-געשעעניש ?... און אַז ער האָט געהאַט אין זינען, איר באַקאַנט צו מאַכן די קומענדיקע קונסט-אויסשטעלונג, בילדער פון אַ יונגן זשעני, דעם מאָלער מאַרק . . .

ער האָט נאָך מער גערעדט הויך און פריינטלעך... עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ שטראָם פון ווערטער, זיך געוואָלט אָפּשטעלן און ניט געקענט... געזוכט ווערטער פאַר אַ פינאַל און ניט געקענט געפינען. פּלוצלינג האָט ער מיך דער־זען און זיך אָנגעכאַפּט אָן מיר ווי צו אַ וועג אַרויס: „אָה, האָט ער אויסגערופן, אָט איז דאָך דער שולדיקער, דער וואָס האָט די גאַנצע זאַך אויפגעבראַכט... מיסטער... מר... עה?"

„קאַסטינער", האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן.

„דערלויבט מיר אייך פאָרצושטעלן מיס.. מיס.. עה, מיס".

„האַלפער", האָט זי אים אַרויסגעהאָלפן.

מיר האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט. און פּלוצלונג האָבן מיר זיך דערפילט ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע. איך האָב זי געפרעגט ווי דער אַלטער מאָלער דאָ געפעלט איר? זי האָט געענטפערט, אַז זי איז נאָך ניט גרייט אין קורצע ווערטער צו דעפינירן איר באַציאונג צו אַזאַ קאָמפּליצירטן קינסטלער, מיט אַזוי פיל מעלות.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט צו זען, אויב פיליפּ איז נאָך אין דער גאַלעריע, אָבער איך האָב אים מער ניט געפונען. ער האָט מסתמא פאַר־ענדיקט זיין אַרבעט און איז אַוועקגעגאַנגען. מיך האָט פאַרדראָסן דער איבעררייס פון מיין נאָכפאָלגן אים, איך בין כמעט ווי בייז געוואָרן אויף מיס האַלפער. איך האָב אָבער ניט געקענט אָפּזאָגן אַ פאָרשלאַג פון איר זייט צו האָבן אַ גלאָז טיי, אָדער קאָפע אין איינעם פון די אַרומיקע קאַפעטיריעס. מיר האָבן געפונען אַ קליין טישל אין אַ ווינקל פון דעם פּלאַץ. איך האָב געבראַכט צוויי טעפּעלעך קאָפע און קעיק און זיך דערפילט ווי אין די אַלטע צייטן.

מיר זיינען געזעסן פּנים צו פּנים, קוקנדיק גלייך אין יעדן איינעמס אויגן. זי האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַ צאָל יאָרן עלטער, אָבער נאָך אַלץ שיין מיט אירע אומגעווײנלעך טיף־בלויע אויגן, און גלייך אומגע־ווײנלעך קופּער־רויטע הויפּן האָר. זי האָט געהאַט אַ קליין גלייך נעזל און אַ קליין סענסועל מויל מיט רויטע ליפּן...

זאָגט זי צו מיר: „איר ווייסט, איר דערמאָנט מיר, זייער אויפפאַלנ־דיק, אַ פריינט מיינעם, וועלכן איך האָב פאַרלוירן א פיר יאָר צוריק. ער איז געווען אַ מאָלער, שוין אַן עלטערער מאַן, מיט ווייסע האָר אויפן קאָפּ... אָבער וואונדערלעך, מיר זיינען געווען ווי קינדער פון דעמ־זעלביקן עלטער, ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען, גייענדיק צו אַן

אויסשטעלונג, אַמאָל צו אַ מוזיי. איינמאָל, דערציילט זי ווייטער, האָבן מיר געזען אַ מוזיי, וואו דער הויפּט העלד איז געשטאָרבן. ביים לעבן איז ער געווען אַן אויסוואורף, פאַרהאַסט פון יעדן וואָס האָט אים גע־קענט, און וויל קיינער האָט קיין טרער ניט פאַרגאָסן אויף זיין טויט, האָט מען אים אויף יענער וועלט ניט אויפגענומען און אים צוריק־געשיקט ביז אימיצער וועט וויינען נאָך אים. נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען מיר זיינען געזעסן אין אַ קאַפעטעריע, טרינקנדיק אונזער קאַפע, האָט מיין אַלטער פריינט מיך געפרעגט, שפּאַסיקערהייט צו וועל איך וויינען נאָך אים? האָב איך אים אין דעמזעלביקן טאָן געענטפערט, אַז יאָ.

„איז עס אַ צוזאָג?"

„יאָ, אַ צוזאָג. און איך האָב דעם צוזאָג געהאַלטן. ווען ער איז גע־שטאָרבן בין איך געווען ביי זיין לויה און האָב געוויינט אויפריכטיק, ער איז מיר געווען ליב, איך וואָלט אים אפשר ליב געקראָגן, ווען ער וואָלט געווען אַ דרייסיק יאָר יונגער".

איך האָב געשמייכלט הערנדיק זי אַזוי ריידן. און האָב זי געפרעגט:

„און איר זאָגט, אַז איך בין צו אים ענלעך?"

„יאָ, האָט זי באַלד געענטפערט, זייער ענלעך, נישט קוקנדיק, וואָס אייערע האָר זיינען שוואַרץ און קיין באָרד טראָגט איר ניט, און אַזוי פיל יונגער."

„זע איך אויס צו זיין דרייסיק יאָר יונגער?"

„יאָ, איך וואָלט אָנגענומען אַזוי, אַז איר זיינט עס..."

„וואָלט איר, אויב אַזוי, זיך געקענט אין מיר פאַרליבן?"

איך האָב באַלד זיך געכאַפּט, אַז איך האָב עס ניט געדאַרפט זאָגן. זי האָט מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט, נאָר איז רויט געוואָרן, כמעט ביז טרערן, און האָט טיף אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ צום טעפּעלע קאַפע.

„איך וויל אייך וואָרענען, זאָג איך איר — דאָס ניט צו טאָן".

מיר זיינען ביידע געזעסן שטיל־שווייגנדיק, צוהערנדיק זיך צו אונזערע אינערע שטימען. זי האָט געטרונקען איר קאַפע מיט אַ קליין לעפעלע, ביסלעכווייז, און ווען זי האָט איר קאָפּ אויפגעהויבן, איז דאָס אינטענסיווע רויט צוריקגעטראָטן צו איר פריערדיקן ראָזע־וויס. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

„וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן מיר ריידן דאָס"!

„יאָ,ווירקלעך, נאַרישקייטן", בין איך מיט איר מסכים געווען.

דער ראַדיאָ האָט אָנגעהויבן געבן לעצטע נייעס.

„לאָמיר הערן די לעצטע".

„אַ סטרייק איז אין דער מעגלעכקייט... אייזנבאַן אַרבעטער... אויך קויל־גרעבער... שטאָל, אָטאָמאָבילן... די „פיר גרויסע" האָבן זיך ווידער געטראָפן און זיך ניט געקענט אייניקן אויף גאָר נישט... אַ שווערער וואָלקן פון מלחמה הענגט ווידער איבער דער וועלט."

מיר האָבן פאַר אַ ווייל זיך צוגעהערט צו אַנדערע נייעס און זיינען שוין גרייט געווען אויפצושטיין, ווען דער באַריטאָן־קול פון דעם אויסרופער, האָט אָנגעזאָגט: „און איצט אַ שטיקל קונסט מעלדונג, וואָס גייט פאָרקומען אין אונזער קונסט־מעטראָפּאָליע... דאָ, אין אונזער וואונדערלעכער שטאָט ניו־יאָרק... אין דער גוט באַקאַנטער קונסט־גאַלעריע... איז איצטער אַן אויסשטעלונג פון די ווערק פון אַ גרויסן אַמעריקאַנער מאָלער... פּאָרטרעטן, פיגורן, לאַנדשאַפטן... איר זיינט אַלע איינגעלאַדן... דער אַדרעס איז... און גאָר אין גיכן וועט צו־געגרייט ביי מר. וואָלדגרין, דער אייגנטימער און דירעקטאָר פון דער גאַלעריע אַ סענסאַציאָנעלע, ווי ער באַהויפּטעט, קונסט־אויסשטעלונג, סענסאַציאָנעל ניט נאָר אין די הויכע קוואַליטעט פון די ווערק, פון אַ יונג־פאַרשטאָרבענעם קינסטלער, נאָר ספּעציעל אין די געסט וואָס וועלן דערוואַרט צו קומען צו דער דערעפענונג... איר וועט ניט גלויבן אייערע אויערן, ווען איר הערט ווער... ווער די געסט וועלן זיין, אַזוי ווערט געזאָגט... פאַר ווייטערדיקע מעלדונגען הערט זיך איין צו אונ־זער סטאַנציע..."

זי האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט:

„וואָס איז דאָס? וואָס פאַר אומגלויבלעכע סענסאַציעס קענען דאָס זיין?"

און זי האָט מיך געפרעגט צו קען איך דעם מאָלער, וואָס זיינע ווערק וועלן געוויזן ווערן?

„יאָ, איך קען אים, זיין נאָמען איז מאַרק. פאַר ווייטערדיקע אינ־פאָרמאַציעס וועגן דעם קינסטלער און זיינע ווערק — הערט זיך איין צו די ווייטערדיקע באַריכטן אויף אונזער סטאַנציע..."

זי האָט אַ לייכטן שמייכל געטאָן און געזאָגט, אַז אפשר איז צייט פאַר אונז אַהיים צו גיין.

מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון קאַפעטעריע. ווען מיר זיינען געווען דרויסן, האָב איך איר געזאָגט: „אַ גוטן טאָג, מיס האַלפער."

זי האָט מיר געענטפערט און צוגעגעבן, קענטיק מיט שעמעוודיקייט:

„איך האָב אין זינען געהאַט צו גיין זען די נייע קאָלעקציע אין מאָדער־נעם מוזעי... איך אַרבעט מאָרגן ביז דריי נאָכמיטאָג... אויב איר האָט עס נאָך ניט געזען... קענען מיר זיך דאָרט באַגעגענען".

און ווידער איז זי פייער־רויט געוואָרן.

האָב איך איר געענטפערט: „בעסער ניט, נאַראַ".

זי האָט מיך אָנגעקוקט דערשראָקן: „פון וואַנעט ווייסט איר מיין נאָמען? מען האָט מיך פאַר אייך פאָרגעשטעלט אַלס מיס האַלפער? איז פון וואַנעט ווייסט איר?"

„איך האָב בלויז געטראָפן... איך האָב עס ניט געוואוסט. גוטע נאַכט, מיס האַלפער".

איך האָב זי איבערגעלאָזן אויף אַ זייער ניט גאַלאַנטן אופן, און בין אין איילעניש אַוועק צו זיך אין האָטעל. דאָרט האָב איך זיך אויס־געטאָן, גענומען אַ וואַרימע וואַנע און זיך געלייגט אין בעט פריער ווי געוויינלעך, זייער אומצופרידן מיט זיך אַליין. כ'האָב דערפילט אַ בענ־קעניש נאָך דער עקזיסטענץ, וואָס איך האָב פאַרלאָזן: נאָך זינאַ, פריינט, פאָטער, מוטער, זיידעס... כ'האָב צו זיך געזאָגט: „ווי גרויס איז, און דאַרף זיין מיין שליחות? ווער איז דער, וואָס דאַרף עס באַשטימען? און ווען דאַרף און מעג איך צוריקגיין? איך פיל, אַז קיין סך האָב איך ביז איצט ניט אויפגעטאָן... אָבער מורא האָב איך פאַר נעצן און פלאָנטערס. לייב, האַלט זיך פון דערווייטנס, מייד אויס די דאָזיקע נאַראַ. הער וואָס איך רייד צו דיר, לייב מאיר קאַסטינער? מייד אויס, היט זיך פאַר דער רויט־האָריקער".

בין נישט גוט געשלאָפן די נאַכט.

**
*

די צייט פאַר דער דערעפענונג פון דער מאַרק־אויסשטעלונג האָט אָנגעהויבן צו ווערן נעענטער, בלויז צוויי וואָכן זיינען פאַרבליבן. קאַ־טאַלאָגן זיינען געווען פאַרטיק. זיי האָבן אויסגעזען צו זיין פון גוטן געשמאַק, גאַנץ גרויס אין פאָרמאַט און געוויכטיק. זיי זיינען געלעגן גרייט אַרויסגעשיקט צו ווערן לויט די ליסטע פון איינלאַדונגען. די קונסט־קריטיקער פון די מייסטע ניו־יאָרקער צייטונגען און זשורנאַלן זיינען אינפאָרמירט געוואָרן, און אפילו מוזעאומס האָט מען געלאָזט וויסן, אַז דאָ וועט געוויזן ווערן קונסט־ווערק פון אַ מוזעאום־מדרגה.

אַלץ איז זיך געגאַנגען דעם נאָרמאַלן וועג, אויף וועלכע וויכטיקע קונסט־אויסשטעלונגען גייען. דאָך איז מר. וואַלדגרין אַרומגעגאַנגען אומרואיק און האָט אויסגעזען עפּעס שטאַרק פאַרזאָרגט, מיד און דערשראָקן.

איין נאָכמיטאָג, ווען מיר זיינען פאַרבליבן אַליין אין אַ קליין צי־מערל פון דער גאַלערייע האָב איך אים באטראַכט און דערזען זיין צושטאַנד פון זאָרג ערגער ווי פריער. ער איז געווען מיט איינגעפאַלענע באַקן. האָר אויף זיין קאָפּ — גרוילעך, מיט שיטערקייט, וויַיזנדיק אַ הויכן שטערן מיט טיף איינגראַווירטע האָריזאָנטאַלע קנייטשן. די קנייטשן אויף זיין שטערן זיינען דעם טאָג געווען טיפער ווי געוויינלעך, די באַקן איינגעפאַלענער און די אויגן האָבן געהאַט שווערערע זעקלעך אַראָפּהענגענדיק, מיט עטוואָס אַ רויטלעכן קאָליר. ער האָט אויף מיר געקוקט אַ לאַנגע צייט נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט, קענטיק אַז ער האָט געהאַט עפּעס מיר צו זאָגן, האָט אָבער ניט געוואוסט, ווי עס אָנצוהויבן, אָדער אין וואָס פאַר אַ פאָרם דאָס צו טאָן.

האָב איך אים געזאָגט: „וואָס איז דער מער, מר. וואַלדגרין, זאָגט עס.‟

„אָ, גאָרנישט באַזונדערס...‟

„נו, זאָגט עס, וואָס דאָס זאָל ניט זיין. איך זע דאָך, אַז איר זיינט שטאַרק באַזאָרגט וועגן עפּעס... איז עס אין פאַרבינדונג מיט דער קומענדיקער מאַרק־אויסשטעלונג?‟

„יאָ, אין אַ געוויסן זין, איז עס‟, האָט ער געענטפערט, קוקנדיק מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער ווייטער מיט שווערקייט אָנגעהויבן:

„איר ווייסט, מיסטער... הע... מר...‟

„קאַסטינער‟, האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן.

מר. קאַסטינער, דאַנק אייך, זייט מיר מוחל... איר ווייסט, איך קען ניט פאַרגעסן, עס איז נאַריש פון מיר, זייער נאַריש, איך גיב עס צו... איר האָט איינמאָל געזאָגט, פאַרשטייט זיך, אין שפּאַס, אָבער מאָדנע, איך קען עס ניט פאַרגעסן‟.

„נו, נו, וואָס איז עס? קומט אַרויס דערמיט... לייגט עס ניט אָפּ‟.

„ס'איז, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן דעם, אַז איר דערוואַרט רעמ־בראַנדט און סעזאַן זאָלן קומען צו דער דערעפענונג... פּערזענלעך... פּ ע ר ז ע נ ל ע ך האָט איר געזאָגט‟.

ער האָט עס אַרויסגערעדט מיט אַ שטייגער ווי איינער שפּרינגט אַריין אין אַ קאַלטן־וואַסער, כמעט מיט צוגעמאַכטע אויגן... זיינע הענט און ליפּן האָבן געציטערט, און ער האָט מיר אויסגעזען צו זיין, ווי אַט חלש'ט ער.

איצט האָט מיך אַ זאָרג באַהערשט וועגן אים. איך האָב אים אָנגענומען פאַר ביידע הענט און געזוכט אים צו באַרואיקן:

„איז וואָס? ווארום זאָל עס אייך אַזוי שרעקן?"

„כ'ווייס ניט, האָט ער געענטפערט, איך בין זיך מודה אַז איך בין גאַנץ אויסער זיך, עס פאַרפאָלגט מיך... עס מאַטערט מיך דער געפיל, אַז אפשר האָט איר עס טאַקע, באמת, געמיינט?"

„און אפשר האָב איך עס טאַקע, באמת געמיינט..." האָב איך געענטפערט.

„איר האָט עס געמיינט, באמת! איר ווייסט, איר זיינט אַן אומגעוויינלעכער מענטש, איר שרעקט מיך אומגעהויער... איך בין אַליין דערצו געניגט, דאַרפט איר דאָס וויסן... אויב איר האָט עסווירקלעך געמיינט, קענען מיר עס פאַרעפנטלעכן... איך מיין אין דער פּרעסע... ראַדיאָ... איך האָב ניט ווילנדיק שוין געלאָזט אַ וואָרט פאַלן... ניט ווילנדיק עס געזאָגט..."

האָב איך געענטפערט, אַז מען קען עס. די איינציקע שוועריקייט קען זיין ווי צו מאַכן אַז די מענטשן זאָלן טאַקע דערזען, דאָס וואָס זיי דערוואַרטן צו זען... און אויב זיי וועלן דערזען זאָלן זיי ניט וועלן דריקן די האַנט ביי רעמבראַנדט און ניט בעטן אַן אויטאָגראַף ביי סעזאַן".

„יאָ, יאָ", זאָגט ער, רייבנדיק די קאַלעקציע קנייטשן אויף זיין שטערן. און ער זאָגט נאָך:

„און וועט איר זיי זען? און וועל איך זיי זען"?

„איך וועל", האָב איך געענטפערט, „און איר אויך, אויב איר גלויבט, און אויב מיר קענען מאַכן זיי אַלעמען גלויבן, וועלן זיי אויך זען".

„המ־מ־מ... אָבער ווי קענען מיר מאַכן אַז אָט די וואָס ג ל ו י ב ן נ י ט זאָלן זיי זען?"

„דאָס ווייס איך נאָך ניט, דאָס דאַרף זיין מיין פּראָבלעם צו פאַרענטפערן. עס מוז זיין אַ מעגלעכקייט, ווייל די שיידונגס ליניע צווישן לעבן און טויט איז אַזאַ שמאָלינקע, בלויז איין איינציק טראָטעלע, איין קליין שאָטן... לעבן און טויט זיינען דאָך בלויז צוויי אַספּעקטן פון דער־

זעלביקער עקזיסטענץ... מוז זיין אַ וועג פון קאָמוניקאַציע... אַזאַ וועג ווערט געזוכט, לאַנג שוין געזוכט... געפונען, אָבער ניט עטאַבלירט... אַזאַ וועג מוז דאָך ענדלעך געפונען און עטאַבלירט ווערן... עפּעס, לאָמיר זאָגן, ווי עקס־רעי, אָדער מעטאַפּיזישע טעלעוויזשאָן... איר ווייסט דאָך דעם שטייגער פון וויסנשאַפט, צו מאַכן פון אוממעגלעכעס, אומגלויבלעכעס, פון מיסטעריעזע זאַכן, מאַכט די וויסנשאַפט אַרטיקלען פון טעגלעכן געברויך, פאַבריצירט און פאַרקויפט דירעקט פאַר קעש אָדער אויסצאָל... באַמיאונגען ווערן געמאַכט פוןביידע זייטן, פאַר אַ קאָנטאַקט מיט איינאַנאַנדער".

זיינע אויגן האָבן עפּעס געקוקט אין דער ווייטן, הערנדיק מיינע רייד.

„יאָ, יאָ, דאָס האָב איך אַליין געטראַכט, באַשטענדיק, טאָג און נעכט געטראַכט, זינט מיין פאָטער און מיין זון זיינען געשטאָרבן. דערפאַר האָבן מיך אייערע ווערטער אַזוי טיף גערירט און דערשיטערט. ווער זיינט איר, זאָגט מיר, איך בעט אייך, זאָגט מיר."

„איר און איך, מיר ביידע, זיינען צוויי באַמיאונגען פון ביידע זייטן פון דער לעבנס־ליניע צו בויען אַ פאַרבינדונג צווישן זיי. גייט און אַנאָנסירט, אַז רעמבראַנדט וואָס איז געשטאָרבן דריי הונדערט יאָר צוריק און סעזאַן אויך טויט אַ היפּש ביסל יאָרן, וועלן פּערזענלעך זיין ביי דער דערעפענונג פון מאַרק'ס אויסשטעלונג און לאָמיר זען וואָס ס'וועט געשען".

ס'האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל אויף זיין מאָגערן פּנים און מידע אויגן, ווען איך האָב אים פאַרלאָזן דעם נאָכמיטאָג.

**
*

עטלעכע טעג שפּעטער איז געווען געדרוקט אין איינע פון די הויפּט צייטונגען אין ניו־יאָרק אַ מעלדונג אויף דער ליטעראַטור־און־קונסט־זייט, מיט אַ גרויסן קעפּל, אַז רעמבראַנדט און סעזאַן, די צוויי גרויסע מייסטערס פון אַלטע און מאָדערנע צייטן, וועלן קומען צו דער וואָסער־פאַרב אויסשטעלונג פון דעם פאַרשטאָרבענעם מאָלער מאַרק. די מעלדונג איז דערשינען אין דער פאָרם פון אַן אינטערוויו מיט דעם דירעקטאָר פון דער גאַלעריע, מר. וואַלדגרין, לייגנדיק דערמיט די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט אויף אים, ניט אויף דער צייטונג. דער אינטערוויו

איז געשריבן געוואָרן אין אַ טאָן פון לייכטן שפּאַס, מיינענדיק דערמיט צו זאָגן, אַז עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מינים מענטשן אויף דער וועלט, אייניקע פון זיי אַביסל, אַזוי צו זאָגן, צעדרייט, אָבער אַזוי גאַנץ וואוילע מענטשן, איר דאַרפט ניט גראָד אַלץ גלויבן, וואָס זיי זאָגן, אָבער זיי פאַרדינען מען זאָל זיי אויסהערן אין אַזאַ ליבעראַלער צייטונג ווי אונזערע...

דער עפעקט פון דער שטיקל קונסט־נייעס איז געווען דערשטוינענד. רעפּאָרטערס פון כמעט אַלע צייטונגען, מאַרגנדיקע און נאָכמיטאָגדיקע, זיינען געקומען צו לויפן פאַר אַ געשפּרעך מיט מר. וואַלדגרין. ער האָט געמוזט נאָך אַמאָל, און ווידעראַמאָל דערציילן וועגן דער מעלדונג און מיט מער איינצלהייטן... צו וועלן זיי ריידן? צו וועט מען זיי קענען שטעלן פראַגן?

טעלעפאָן־אָנפראַגן, וועסטערן־יוניאָן־טעלעגראַמעס, אַלע סאָרטן מינדלעכע און שריפטלעכע פאַרלאַנגען, אויפקלערונגען, האָבן געהאַלטן אין אָנקומען פון מוזייען, אינסטיטוציעס פון כל המינים פלעצער, אפילו אויסער דער שטאָט. די גאַלעריי איז פּלוצלינג געוואָרן אַ זאַמלפּונקט פון אַ גרויסע צאָל מענטשן מיט אויגן און מיילער ברייט געעפנט פון ניי־געריקייט, מיט אַן אונטערשלאַק פון פּחד און אויך פריידיקע איבערלע־בונג. אפילו מענטשן פון רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דערפילט אומרואיק צוליב דעם, וואָס אַ פאַרזוך ווערט געמאַכט צו פאַרכאַפּן זייער טעריטאָריע, די וועלטן פון טויט און טויטן־דערשיינונג. זיי זיינען געווען אַזוי אויפגעבראַכט אַז זיי האָבן אָנגעדייט, אַז זיי וועלן לייגן אַ פאַרבאָט אויף אַזאַ לעסטערונג און זיי וועלן זיך ווענדן צום געריכט קעגן אַזאַ אומדערהערטן שווינדל.

עס זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין צייטונגען בריוו פון לייענער מיט זייערע דערקלערונגען וועגן דער פּראָפּאָזיציע „רעמבראַנדט און סעזאַן", אין „פּערסאָן", אַז די גאַלעריי איז גאַנץ געשיקט אין אירע שטיק, אָנ־שטעלנדיק צוויי אַקטיאָרן, פאַרגרימירט אין די פּנימער, געשטאַלטן און קליידונג פון די צוויי מייסטער־מאָלערס, כדי צו פאַרנאַרן מענטשן און פאַרקויפן זיי בילדער, מסתמא ווערטלאָזע זאַכן, פאַר גרויסע געלטער.

און אויך די פּאָליציי איז אָנגעקומען. אין שאַרפע ווערטער האָבן זיי פאַרלאַנגט אַ דערקלערונג פון דער גאַנצער אַפערע. צו מיין אָנגענעמער איבעראַשונג, האָט מר. וואַלדגרין אין גאַנצן פאַרלוירן זיין פריערדיקע נערוועזיטעט וועגן דעם ענין, האָט צוריק געוואונען זיין רואיקע, וויר־

דיקע האַלטונג, זיין זעלבסט־קאָנטראָל האָט אפילו באַוויזן אַ שפּילעוו־דיקן חוש פאַר הומאָר, אַ סאָרט אַרויסרוף. איך ווייס באמת ניט, ווי דאָס צו דערקלערן. ער האָט קענטיק הנאה געהאַט פון דער גאַנצער מעשה, אנשטאָט צו זיין בייז אויף מיר, און באַשולדיקן מיך אין דעם וואָס איך האָב דאָ פאַרקאָכט, האָט ער מיר פריינטלעך געדריקט די האַנט און מיר געראָטן נישט צו זאָרגן. איך האָב אים צוגעזאָגט נישט צו זאָרגן און וועל באַגעגענען די שטרענגע פּנימער פון דער פּאָליציי אָן אַ ברעקל מורא.

און שטרענגע פּנימער האָט די פּאָליציי געהאַט. זיי האָבן אונז פאָראויסגעוואָרנט אַז זיי וועלן אַרעסטירן די צוויי פאַרשויבענע, ווען זיי וועלן דערשיינען אַלס רעמבראַנדט און סעזאַן. מר. וואַלדגרין האָט זיי באַלד אויף דעם געענטפערט: „איך גלויב ניט, ניין, איך בין טאָקע אי־בערצייגט, אַז איך קען ניט אָפּהאַלטן אָדער פאַרווערן צו אַרעסטירן די צוויי מענער, אויב איר דענקט טאָקע אַז איר זיינט בכוח אַנצוטאָן קייטן אויף די הענט פון די צוויי אומשטערבלעכע זשעניען".

דער פּאָליציי־שעף האָט אים אָנגעקוקט פון דער זייט און געזאָגט: „עה, איר חוזק־מאַכער"! און האָט נאָך צוגעגעבן: „מיר ווייסן גאַנץ גוט ווי זיך צו באַנעמען מיט כל־ערליי סאָרטן גענגסטערס, שווינדלערס, אָפּנאַרער און פאַלסיפיקאַטאָרס."

„דאָס קען זיך טאָקע זיין ריכטיק", האָט מר. וואַלדגרין צוגעגעבן העפלעך, „אָבער האָט איר אַמאָל באַהאַנדלט מענטשן, וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן, אָבער וואָס זיינען ניט אַזוי טויט ווי אייך גלויבט זיך, אַז זיי זיינען דאָס?"

דער פּאָליציי־מאַן האָט אים ווידער אָנגעקוקט, זיך צוגעקערט צו אים מיט זיין גאַנצער ברייט פון קערפּער:

„וואָס מיינט איר צו זאָגן? רעדט קלאָרע ווערטער, וואָס דאָס מיינט, אָדער איך וועל אייך גופא מוזן אַרעסטירן."

„פּרוּווט עס בעסער ניט, דזשענטלמען, איך פאַרזיכער אייך, בעסער טוט עס ניט", האָט מר. וואַלדגרין הויך אויסגערופן; „מיר זיינען נאָך אַלץ אַ פאָלק מיט אַ קרעפטיקן חוש פאַר פרייהייט".

דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אים געזען אין כעס און אויפגעבראַכט.

ווען די פּאָליסלייט האָבן פאַרלאָזן די גאַלעריע זיינען אָנגעקומען פאָרשטייער פון עטלעכע טעאַזאָפּישע געזעלשאַפטן, בעטנדיק אויפ־

קלערונגען. אַ רינג פון ספּיריטואַליסטן, אינקאַרנאַציסטן, הינדו־קולטור־צענטער, אַ פאַרשטייער פון אַ וועדאַנטאַ־גרופּע און אַנדערע מיסטישע און אָקולטיסטישע קרייזן, אַלע מיט מאָגערע פּנימער און גרויסע אויגן, אַלע שטאַרק פאַראינטערעסירט, און טיף פאַרכאַפּט, האָפנדיק צו הערן און זען עפּעס וועגן דעם קומען פון יענער וועלט.

מר. וואַלדגרין האָט זיי אַלעמען דערקלערט אין אַ הויכקלינגנדיקער, גאָר אומדערוואַרטעט שטאַרקער און רייכער שטימע, אַז ער האָט ניט מער וואָס זיי צו דערציילן, און אַז אויב מען וועט אים ווייטער באַלעסטיקן וועט ער מוזן שליסן די טירן פאַר אומגעוואונשענע באַזוכער. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז מענטשן קומען אין אַ קונסט־גאַלעריע צו קוקן אויף בילדער און נישט צו שטעלן פראַגן און פאַרלאַנגען דערקלערונגען. ער איז אַריין צו זיך אין צימער און האָט פעסט צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר.

ווען אַ צאָל מענטשן האָבן פאַרלאָזן די גאַלעריע, האָב איך באַמערקט הינטער צוויי דאַמען, וואָס האָבן באַטראַכט די בילדער אויף די ווענט, אַ דינינקע פרויען־פיגור, און באַלד דערקענט אין איר די מיס נאָרא האַלפּער. אונזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, זי האָט צו מיר אַ שמייכל געטאָן, האָב איך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צוצוגיין צו איר און באַגריסן זי מיט אַ „העללאָ, וואָס מאַכט איר?"

זי האָט קוים געענטפערט אויף מיין באַגריסונג, האָט אַנטשלאָסן אָנגענומען מיין אָרעם, און האָט מיך צוגעפירט צו אַ ווינקל־זייט פון צימער, צו אַ סאָפע פאַר צווייען און מיך געבעטן זיך זעצן:

„זיצט, מר. קאַסטינער, און דערציילט מיר וואָס טוט זיך דאָ? וואָס זיינען דאָס פאַר מיסטעריעס? ווי איך שטויס מיך אָן, ווייסט איר מער וועגן דעם ווי מר. וואַלדגרין... אָבער איידער איר הויבט אָן דערציילן, אויב איר האַלט פאַר וויכטיק מיר עס צו דערציילן, וואַלט איך אייך וועלן פרעגן: פאַרוואָס מיידט איר מיך אויס?"

איך האָב זי אָנגעקוקט. אירע אויגן זיינען געווען נאָענט צו טרערן. זי האָט אויסגעזען אַזוי אַנדערש פון דער רואיקער, יונגער פרוי, ווי איך האָב זי געקענט עטלעכע יאָר צוריק. זי איז קענטיק געווען עמאָציאָנעל צערודערט. איך האָב אין דעם מאָמענט ניט געקענט קלאָר פאַרשטיין די סיבה. איך האָב איר געענטפערט:

„אָבער, מיס האַלפּער, האָבן מיר דען געהאַט אָפּגעמאַכט צו טרעפן

זיך און איך האָב עס ניט געהאַלטן? ווי קומט איר מיר פאָרצואוואַרפן, אַז איך מייד אייך אויס?"

„יאָ, איר טוט, איר טוט עס".

ס'איז געווען געזאָגט אַביסל אין אַ היסטערישן טאָן אין איר קול. האָב איך מיר געטראַכט, אַז ס'וועט זיין בעסער צו נעמען זי אין דער קאַפעטעריע, אַוועקשטעלן אַ טעלער עסנוואַרג פאַר איר, אַ זאַך וואָס באַרואיקט שטענדיק... האָב איך איר געזאָגט שטילערהייט:

„מיס האַלפּער, איך בעט אייך, קומט, מיר וועלן נעמען אַ ביים, איך בין הונגעריק, אַ גלעזל עפּעס און נאָך... קומט, איך בעט אייך".

מיר האָבן געפונען דעמזעלביקן טישל אין דער זעלביקער קאַפע־טעריע... כ'האָב געבראַכט עפּעס צו עסן און עפּעס צו טרינקען און זיינען געווען פאַרנומען דערמיט אַ שטיקל צייט. דאַן האָב איך צו איר געזאָגט:

„איך האַלט, אַז ווען איך וועל אייך ענטפערן אויף דעם ערשטן טייל פון אייער פראַגע וועט איר שוין געפינען דעם צווייטן טייל פאַר־ענטפערט. איר האָט מיך געפרעגט וואָס איך ווייס וועגן דער סענסאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט דער מעלדונג אַז רעמבראַנדט און סעזאַן וועלן קומען צו דער דערעפענונג? איך וועל עס אייך צוגעבן, און, איך בעט אייך עס ווייטער ניט דערציילן, אַז דאָס האָב איך עס פאָרגעלייגט פאַר מר. וואַלדגרין".

זי האָט געהאַלטן די טאַז קאַפע גרייט צו טרינקען. די האַנט וואָס האָט די טאַז געהאַלטן האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, און צו קלאַפן דריבנע אַנטקעגן אירע ציין.

„וואָס האָט איר געזאָגט? איר ווילט זיי ברענגען פון זייערע קברים צו דער אויסשטעלונג?"

„ניין, ניט אַזוי, ניט פון זייערע קברים, נאָר פון דער וועלט, וואָס מען זעט ניט פון דאַנען, וועל איך זיי ברענגען צו דער וועלט, וואָס מען קען זען."

זי האָט נאָך אַלץ געציטערט מיט אַ אינערן פּחד.

„מר. קאַסטינער, איר מיינט ערנסט, ווען איר זאָגט עס? אָדער... אָדער... איך בעט אייך, זאָגט מיר, ווי זאָל איך עס פאַרשטיין? מר. קאַסטינער, זאָגט מיר, זאָגט מיר ווער איר זיינט? איר דערמאָנט מיר אַזוי שטאַרק מיין אַלטן פריינט, וואָס איז געשטאָרבן עטלעכע יאָר צוריק. אייערע אויגן דיזעלביקע... און אייער קול... איך בין אין גרויס

שרעק.. איך האָב מורא... איך קען ניט שלאָפן נעכט... חלומות, חלומות... דערקלערט עס מיר, איך בעט אייך. דער אַלטער פריינט מיינער, וואָס איך האָב געהאַט, ניט נאָר האָב איך נאָך אים געוויינט ביי זיין לויה, נאָר אויך שפּעטער, פיל מאָל.. ווען איך האָב איינגעזען ווי ער האָט מיר געפעלט. איך בין געווען צוגעבונדן צו אים פיל נעענטער, ווי איך האָב געמיינט. איך האָב באַדויערט, וואָס איך האָב דערלאָזן, אַז דער אונטערשייד אין יאָרן זאָל שטיין צווישן אונז און ניט דערלויבט אַ נעענטערע באַציאונג. איך פלעג זיך אָפט זאָגן, אויב ער וואָלט געווען אַ דרייסיק יאָר יונגער... זייט מוחל, אויב איך ווייז אייך אויס צו זיין אַגרעסיוו געגן אייך, אָבער איך קען מיינע געפילן נישט באַהאַלטן".

זי האָט צוגעדעקט דעם פּנים מיט אירע הענט און איך האָב גע־קענט דערהערן אַ דערשטיקטן געוויין. איך בין געווען ווי פאַרלוירן, נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָב איך געזאָגט:

„וואַרט פאַר דעם דערעפענונגס־טאָג פון דער אויסשטעלונג, אפשר וועט אַלץ וואָס איר פרעגט מיך און בעט מיך, זיין פאַרענטפערט. און איצטער באַהערשט זיך... לאָמיך אייך ברייגען אַהיים."

מיר האָבן פאַרלאָזן די קאַפעטעריע. דרויסן איז געשטאַנען אַ ליידי־קע טעקסי, זיינען מיר אַריין אין איר. זי האָט אָנגעגעבן דעם אַדרעס. און אין אַרום צוואַנציק מינוט, שטיל־שווייגנדיק פאָרן האָבן מיר דער־גרייכט איר וואוינונג. איך האָב געבעטן דעם טעקסי־מאַן צו וואַרטן פאַר מיר, כ'וועל באַלד זיין צוריק.

כ'האָב זי צוגעפירט צו איר טיר. זי האָט ניט אַרויסגעלאָזט מיין אָרעם. כ'האָב איר געזאָגט:

„ניין, מיין טייערע, ניין. גוטע נאַכט".

***

ס'איז בלויז איין וואָך איבערגעבליבן ביז די דערעפענונג פון דער מאַרק־אויסשטעלונג. עס איז געווען באַשטימט פאַר דינסטיק און אַ טאָג פריער — פאַר דער פּרעסע און ספּעציעל פאַר אַ באַגרעניצטע צאָל קונסט־זאַמלער. מר. וואַלדגרין האָט מער ניט געדאַרפט זאָרגן וועגן רעקלאַמע פאַר דער פאַסירונג. רעפּאָרטערן פון אַלע מינים זשור־נאַלן האָבן זיך געבעטן ביי אים פאַר אַ וואָרט, אַ פאָטאָגראַפיע, עפּעס אַ שטיקל נייעס וועגן עפּעס אַ נייער ווענדונג, עפּעס וועגן דעם קינסטלער גופא, אָבער מער פאַר אַלץ וועגן דער מיסטעריע, סוד, אָדער טריק, אָדער איינפאַל, מיט רעמבראַנדט און סעזאַן.

אַ פּיפּיק־אונטערנעמערישע פירמע, רעקלאַמירנדיק אירן אַ פּראָ־דוקט, האָט פאָרגעשלאָגן צו באַצאָלן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט פאַר אַ דערלויבעניש צוצוטשעפּן איר פּראָדוקט צו דער קונסט־אויסשטעלונג.

אַן אַנדער געזעלשאַפט האָט פאָרגעשלאָגן אַריבערצופירן די אויס־שטעלונג אין אַ גרעסערער געביידע מיט מער רוים פאַר מאַסן־באַזוכער און רעכענען איינטריטס־געלט.

די דערעפענונג קומט אַלץ נעענטער. אָט באַלד, אין אַ וואָך בלויז. אַ סך מענטשן פלעגן קומען אין די וואַלדגרין גאַלעריע, גלאַט קוקן אויף דעם פּלאַץ, קוקן מיט ווייט און ברייט געעפנטע אויגן, דערוואַרטנ־דיק עפּעס זאָל פּלוצלינג זיך באַווייזן, עפּעס זאָנדערבאַרעס זאָל גע־שען, פריער נאָך, פאַר דער אָנגעגעבענער צייט. די גאַלעריע איז שוין געוואָרן צו קליין און ענג פאַר די גרויסע צאָל באַזוכער, אַזוי, אַז ווען איינע פון די וויכטיקסטע קונסט־מוזעען, נאָכדעם, ווי איר דירעקטאָר האָט געהאַט אַ פּריוואַטע אינספּעקציע פון מאַרק׳ס בילדער, האָט פאַר־געשלאָגן אַריבערצונעמען די אויסשטעלונג אין דעם גרויסן מוזעי מיט אַזויפיל מער רוים פאַר די בילדער און פאַר אַלע מעגלעכע מאַסן מענטשן, האָט וואַלדגרין איינגעשטימט.

גאָר באַלד זיינען דערשינען אימפּאָזאַנטע מעלדונגען אין אַלע צייַ־טונגען, אַז די מאַרק־אויסשטעלונג וועט פאָרקומען אין דעם גרויסן מוזעי, אפשר דעם גרעסטן קונסט־מוזעי פון לאַנד.

***

איך ווייס ניט ווי אַזוי עס איז געוואָרן, אָבער מענטשן האָבן אָנ־געהויבן טראַכטן אַז איך בין אין אַ געוויסן זין און שטייגער פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ, וואָס עס קומט דאָ פאָר. איך פלעג אָפט טרעפן אויגן אָנגעשטעלט אויף מיר. גאָר אין גיכן בין איך געוואויר גע־וואָרן, אַז מענטשן האָבן אָנגעהויבן מיר זוכן, מיך נאָכגיין, צוערשט פון דערווייטן, דערנאָך פון דער נאָענט, און באַלד ווענדן זיך צו מיר מיט אַ ביט זיכערן טאָן איך זאָל ריידן צו זיי... עפּעס זאָל איך זיי זאָגן, נישט וויסנדיק, וואָס אייגנטלעך זיי ווילן וויסן. זיי האָבן עס קלאָר ניט געוואוסט, אָבער איך האָב עס יאָ געוואוסט. עס איז געווען דאָס זעלבע וואָס די געסט, וועלכע זיינען געקומען באַגריסן לאַזאַרוס, ווען ער איז צוריקגעקומען נאָך דעם ווי ער איז געווען טויט פיר

טעג. זיי זיינען געקומען צו אים צו הערן עפּעס וועגן דער וועלט, וואו אייביקייט און דער זין פון לעבן געפינען זיך.

ס׳איז מסתמא עפּעס געווען אין מיר, וואָס האָט זיי געגעבן אַ גע־פיל פון אַן אַנדער עקזיסטענץ.

איך אַליין האָב עס געוואָלט וויסן. איך פלעג פאַרשן אין שפּיגל מיין פּנים און געשטאַלט און האָב עס ניט געקענט מערקן.

אַזוי איז עס געשען אַ נאָכמיטאָג אין אַ פּאַרק, האָט אַן עולם מיך אַרומגערינגלט, קוקנדיק אויף מיר מיט פרעגנדיקע אויגן... איך האָב מיך דערפילט שולדיק און געגנויטיקט צו ענטפערן זייער פאַר־לאַנג. איך בין אַרויף אויף אַ באַנק און אָנגעהויבן ריידן:

„וואָס איז עס אייגנטלעך, וואָס איר ווילט איך זאָל אייך דערציילן? איך ווייס עס, איך ווייס. איר דאַרפט עס מיר ניט זאָגן, טאָ הערט זשע: דאָס איז א י י ן ו ו ע ל ט. אין וועלכער מיר לעבן, ניט צוויי, ניט די וועלט און יענע וועלט, נאָר איין־איינציקע וועלט, די מענטשן וואָס ווערן גערופן לעבעדיקע, טראָגן — שטערבלעכקייט אין זיך אַרום, די וואָס ווערן גערופן טויט, זיי טראָגן אין זיך לעבן. זיי זיינען דאָ, אָט־דאָ טאַקע, אַרום און צווישן אונז, אויך איבער אונז, נאָענט און ווייט, אַרום און אויך אַוועק פון אונז. די אָפּגעשיידענע פון אונז, אונזערע על־טערן, ברידער און שוועסטער, קינדער, פריינט, טייערע און געליבטע זיי זיינען אַלע מיט אונז. ווי ווייס איך דאָס? ווי קענט איר עס מיר גלויבן? פרעגט איר מיך: איר זאָגט, אַז איר קענט זיי ניט זען, ניט הערן. ניין, איר קענט עס נאָך ניט, דערווייל נאָך ניט. אָבער אין צייט, וועט איר עס יאָ קענען זען און הערן... אַ סך זאַכן האָבן געטראָפן וואָס פריער האָט קיינער ניט געגלויבט, אַז מען קען זיי זען און הערן. איר וועט אין זיך אַנטוויקלען אַ נייעם חוש — אַ זעקסטן, אָדער אַ זיבעטן... אפשר אַ צענטן... איר קענט עס נאָך ניט, אָבער א י ך ק ע ן. איר פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל עס אייך ווייזן. איר זאָגט עס ניט, אָבער איך ווייס, אַז אַנדערש וועט איר מיר נישט גלויבן... גוט, וועל איך אייך ווייזן... קלויבט אייך אַליין אויס, איינעם פון אייך, זאָל ער אַרויס־טרעטן, און איך וועל אָנרופן ווער עס געפינט זיך לעבן אים, וועמען ער האָט נאָר וואָס פאַרלוירן..."

זיי האָבן זיך איבערגעקוקט... אריינגעקוקט אין פנימער און אויגן... איר? איר? אפשר איר? וועמען זאָלן מיר אויסקלייבן?

איינער האָט מיט אַ הויכן, חוצפה׳דיק־קלינגענדיקן קול אויסגע־

שריגן: ס׳איז ווי אין אַ טעאַטער... געוויזן כישוף־טריקס... פריער אַנגעשטעלט איינעם...

האָב איך דעם וואָס האָט עס אויסגעשריען געענטפערט: „טאָ זייט איר אַליין דער וואָס קלייבט איינעם אַזאַ..."

האָט זיך פון זיי אַלעמען, ווי פון זיך אַליין, אַרויסגערוקט איינער, אַ צעשויבערט אויסזעענדיקער מיטליאָריקער מאַן, אָרעמלעך אָנגעטאָן, אָבער מיט אַ געוויסע איידלקייט אין פּנים, אַ געוויסע גוטסקייט. ער איז צוגעקומען נעענטער, אַ צען פוס ווייט פון מיר. דער עולם האָט געמאַכט רוים פאַר אים, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן וועלן מאַכן פּלאַץ פאַר מיר איך זאָל קענען זען ווער עס באַגלייט אים.

איך האָב אים אָנגעקוקט און דערזען! און אים דערציילט: נעבן אייך זע איך אַ טרייע, אַלטע פרוי, פול אין קערפּער, די האָר אויפן קאָפּ צעטיילט אין מיטן... די האָר דעקן צו אירע אויערן. אַ שאַל איבער אירע אַקסלען... זי קוקט אויף אייך מיט צערטלעכקייט און ליבע, ווי בלויז מאַמעס קוקן אויף זייערע קינדער. נעבן איר געפינט זיך אַ מאַן, זעט אויס צו זיין אייער ברודער, יונגער פאַר אייך. ער האַלט אייער מוטער׳ס האַנט. וואַרט, וואַרט אויס, זיי ווילן איך זאָל אייך זאָגן, אַז אייער פאָטער נייטיקט זיך אין אייך".

און איך האָב פאַרענדיקט: „דאָס וועט זיין גענוג, דענק איך, אויב נסים זיינען נויטיק, כדי צו מאַכן אייך גלויבן, האָט איר עטוואָס געקראָגן פון דעם, וואָס מען רופט וואונדער־נסים, וואָס וועט מיט דער צייט אויפהערן צו זיין וואונדער און נסים".

איך האָב ניט באַמערקט, אַז רעפּאָרטערן מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן זיינען געווען אין פּאַרק, און צווישן דעם עולם אַרום מיר. אויף מאָרגן איז אין די ביליקע צייטונגען געווען געדרוקט אַ גאַנצע זייט בילדער מיט סצענעס ווי איך האָב געהאַלטן מיין רעדע צום עולם, מיט דעם צעשויבערטן מאַן אַרום מיר. אויך אַנדערע בילדער מיט זייטן סצענקעס און אַ פּאָליסמאַן ווי ער האַלט אַן אויג אויף אונז אַלעמען. דאָרט איז אויך געווען אַ האַלבער קאָלום מיט באַשרייבונגען אונטערן קעפּל: „איין־וועלט־פּרעדיקער". דער שרייבער, ניט אָנגעבנדיק זיין נאָמען, האָט דערלאַנגט אַ קרומען באַריכט פון דעם וואָס ס׳איז ווירקלעך געשען. ער האָט עס אַזוי דערציילט ווי ער וואָלט וועלן וויזן: אָט האָט איר נאָך אַ שטייגער ווי צו אַרבעטן, כדי צו מאַכן אַ לעבן. אָבער אַז די פּאָליציי האַלט אַן אויג אויף אים, אַז ווי נאָר ער וועט אָנהויבן בעטן געלט, אָדער

מאַכן אַ געלט־זאַמלונג, אָדער פאַרקויפן ליטעראַטור, ווען מען אים פּאַקן און פאַרפּאַקן.

אַנדערע צייטונגען זיינען געווען ערלעכער אין זייערע באַריכטן. זיי האָבן באַמערקט, אַז איך האָב אָנגערירט אַ טיפע בענקשאַפט אין מענטש־לעכע הערצער, אַ ווייטיק וועגן אונזער טראַגישער עקזיסטענץ. אַז עס קען זיין דער געבורט פון אַ נייער סעקטע, אַ נייע רעליגיעזע באַוועגונג קען געבוירן ווערן, אָדער אַ סאָרט אידעלער, ערנסטערער ספּיריטו־אַליזם... זיי האָבן מיך אָנגערופן ביים נאָמען, און צוגעגעבן, אַז איך באַזיץ „פּערזענלעכקייט״, און פאָדערט דרך־ארץ צו זיך און צו זיינע רייד.

די דערעפענונג

דערווייל איז דער טאָג אָנגעקומען פון מאַרק'ס ערב־אויסשטעלונג, אַ טאָג באַשטימט פאַר ספּעציעלע באַזוכער אינם קונסט מוזיי. אָנ־הויב איינס־אַ־זייגער נאָכמיטאָג האָבן אָנגעהויבן קומען קריטיקער פון די וויכטיקסטע צייטונגען. אויך קינסטלער פון הויכן שטאַנד און רעפּו־טאַציעס, און אַנדערע פּערזאָנען פון באַדייטונג האָבן אָנגעהויבן דער־שיינען, איינציקע מיט זייערע דאַמען. איך האָב זיך צוגעקוקט צו זייער שטייגער פון באַטראַכטן די בילדער און זיך געפּרואווט פאַרשטעלן ווי די בילדער באַטראַכטן די באַטראַכטער, און בין געבליבן צופרידן פון ביידע זייטן. די קריטיקער זיינען, קענטיק, געווען גענייגט אָנצוקוקן די ביל־דער און אורטיילן זיי לויט זייערע מעלות, ניט זייענדיק געשטערט אָדער באַאיינפלוסט פון דער אויפרעגונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די מעגלעכע דערשיינונג פון די פאַרשטאָרבענע מייסטערס.

די קריטיקער האָבן אויפמערקזאַם באַטראַכט די וואַסער־פאַרבן, געמאַכט נאָטיצן, דורכגעגאַנגען די אויסשטעלונג נאָכאַמאָל און ווי־דעראַמאָל מיט ערנסטע פּנימער, די גאַנצע צייט מיט זייערע אויגן גע־ווענדט צו די בילדער און ניט צו זייערע באַגלייטערס, ניט אַריינ־לאָזנדיק זיך אין פּריוואַטע געשפּרעכן און קונסט־רכילות. איך בין דערמיט געווען צופרידן און גלויב, אַז אויך מאַרק און סטעללאַ האָבן געהאַט דעמזעלביקן גוטן געפיל. זיי זיינען ביידע געשטאַנען אין אַ ווייטערן ווינקל, איינער לעבן דעם צווייטן, און נאָכגעפאָלגט די געשעע־ניש, פון גרויס באַדייטונג און ווירדע, אַ זאַך וואָס אין זייער פריערדיקן לעבן האָבן זיי ניט געוואָגט צו זען אפילו אין חלום.

און די בילדער אַליין, האָבן זיך מיר געדאַכט צו פילן, אביסל צו־ריקגעצויגן, נישט געוואוינט צו אַזאַ גראַנדיעזע אומגעבונג אין דער שכנה'שאַפט פון אומשטערבלעכע מייסטערווערק פון די פראַנצויזישע, איטאַליענישע, האָלענדישע, שפּאַנישע שולן, אַלטע און מאָדערנע. עס זיינען ווירקלעך געהאַנגען אין אַ דערבייאיקן צימער עטלעכע גרויסע רעמבראַנדס און באַרימטע שטיל־לעבנס פון סעזאַן. בלויז אַ קאָרידאָר

און אַ צימער אָפּגעטיילט פון זיי. איך האָב טאַקע גערעכנט, אַז זאָל חלילה טרעפן, אַז די צוויי הויכגעשעצטע געסט זאָלן פאַרפעלן צו דער־שיינען, ווי דערוואַרט, וועל איך זיך קענען באַרופן אויף זייערע ווערק, אין דערבייאיקן צימער, אַלס אַ ווירדיקער סאַבסטיטוט.

עטלעכע קריטיקער זיינען גיכער פאַרטיק געוואָרן מיט זייער אַר־בעט און זיינען מסתמא אַוועק שרייבן זייערע רעצענזיעס פאַר דער מאָרגן־אויפלאַגע. אַנדערע זיינען נאָך פאַרבליבן, פאַרווײַלנדיק נאָך אַלץ אַרום די בילדער, קענטיק שטאַרק פאַראינטערעסירט. דאָך די רעצענזיעס, וואָס זיינען אויף מאָרגן דערשינען זיינען ניט אַלע גע־ווען פריינטלעכע, מיט עטלעכע גוטע ווערטער און אַן איינגעהאַלטענעם טאָן. און מערקווירדיק איז געווען, וואָס זיי האָבן נאָכגעזאָגט כמעט וואָרט נאָך וואָרט אַלץ, וואָס מאַרק האָט מיך געוואָרנט און אָנגעזאָגט אַז איך זאָל ניט גלויבן, וואָס די קריטיקער וועלן שרייבן און אים אויפוואַרפן. איייניקע האָבן געשריבן, אַז מאַרק האָט אימיטירט דעם אַמעריקאַנער אַקוואַרעליסט זשאַן דאַרין, בלויז אָנגענומען אַ מאַזשאָרנעם טאָן. און ווידער אַנדערע האָבן דערמאָנט דעם נאָמען פון דעם פראַנצויזישן מאָלער מאַרסעל דובואַ אַלס דעם קוואַל פון מאַרק׳ס אַספּיראַציעס... בלויז די רעזולטאַטן זיינען ווייניקער אינספּירירענד... עס איז אויך מיט אַ וואונק דערמאָנט געוואָרן דאָס וואָרט „פּראָווינציעל״... וואָס דאָס האָט געזאָלט מיינען האָט דער שרייבער ניט געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערקלערן. זיי האָבן אַלע איינגעשטימט אַז דאָס צענטראַלע בילד איז גלענצנד. אַן אָנדייט, אַז וואָלט דער גורל פון דעם יונג־פּאַרשניטע־נעם מאָלער געווען אַ גינסטיקערער, וואָלט ער מסתמא דערגרייכט אַ הויכן גראַד פון קינסטלערישן אויסדרוק.

די אַלע האַלב־גינסטיקע קריטיקן האָבן אָבער ניט אָפּגעהאַלטן מאַסן מענטשן צוצוקומען און אָנפילן דעם מוזעי אין דעם דערעפענונגס־טאָג. זיי זיינען געקומען אָנצוקוקן די בילדער און נאָך מער ניט צו פאַרפעלן די וואונדער־דערשיינונג, דעם גרויסן נס, אָדער אַנטפּלע־קונג, וואָס דאַרף געשען אין טאָג פון דער דערעפענונג. דער צימער, וואו די בילדער זיינען געווען אויסגעהאַנגען איז געווען גענוג גרויס אַריינצו־נעמען אַ דריי־פיר־הונדערט מענטשן מיט איינמאָל. ס׳איז געווען אַ גרויסער צימער, אפשר אַביסל צו גרויס פאַר די בילדער אַליין, קיין שטולן זיינען איצטער נישט געשטאַנען, אָבער אַ קליינע פּלאַטפאָרמע

איז יאָ געבליבן, פריער גענוצט פאַר לעקציעס, דערעפענונגס צערע־מאָניעס און ענלעכע פייערלעכקייטן.

די טירן זיינען געעפנט געוואָרן צו עלף אַזייגער פאַרמיטאָג און אַ האַלבע שעה שפּעטער איז דער הויפּט־צימער און די דערבייאיקע צימערן געווען פאַרפילט. די אָנגעשטעלטע פון מוזעי האָבן געראָטן דעם עולם צו באַוועגן זיך פאָראויס, די וואָס האָבן געזען די בילדער זאָלן לאָזן פּלאַץ פאַר אַנדערע, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן, די וואָס זיינען אַריינגעקומען האָבן זיך ניט געלאָזט איינרעדן און האָבן זיך ניט געלאָזט רירן פון אָרט. זיי זיינען געבליבן שטיין אין דער דערוואַרטונג, אַז דאָס אומגעווייגלעכע זאָל מקוים ווערן פאַר זייערע אויגן. זיי האָבן, קען מען זאָגן, געפאָדערט מיט זייער האַלטונג, אַז דאָס צוגעזאָגטע וואונדערזאַך זאָל געוויזן ווערן, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן באַצאָלט פאַרן אַריינגאַנג. זייער האַלטונג איז געווען געשפּאַנט, אומרואיק און דראָענדיק.

מר. וואַלדגרין איז גערופן געוואָרן פון דעם מוזעי־דירעקטאָר צו ריידן צום עולם פון דער פּלאַטפאָרמע, ער זאָל זיי עפּעס זאָגן, דער־קלערן און באַרואיקן.

ווען דער דירעקטאָר איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע פאָרצו־שטעלן מר. וואַלדגרין האָט ער שוין ביי זיין ערשטן וואָרט געקראָגן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דעם געשפּאַנט־דערוואַרטנדיקן עולם. זיין שטימע איז ניט הויך און שטאַרק געווען צו דערגרייכן די וואָס זיינען געווען אין די דערבייאיקע צימערן, האָבן זיך שטימען געלאָזט הערן, מען זאָל די קול־פאַרשטאַרקערס אָנשטעלן, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין עטלעכע מינוטן אַרום.

פאָרשטעלנדיק מר. וואַלדגרין האָט דער דירעקטאָר געזאָגט, אַז דאָס איז דער מאַן וואָס האַלט אויף די קונסט־גאַלעריע, גערופן אַ פּריוואַט־געשעפטלעכע אונטערנעמונג, ווערט ניט אויפגעהאַלטן, אָדער געשטיצט פון קיינעם ניט, ניט פון שטאָט און ניט פון פאָלק, נייך, ער אַליין דעקט זיינע דעפיציטן און איז צופרידן מיט די געווינסן, וואָס עס ברייגט אים אַמאָל. און די געווינסן זיינען מייסטנס ריינער קונסט־גענוס, זעלטן ווען זיי זיינען מאַטעריעלע. ער וואָלט קיינמאָל ניט געהאַט אַ פולע באַפרידיקונג סיידן ער קען פּרעזענטירן פאַר זיין ווערטן פובליקום קונסט פון פיינסטן גראַד. אָט־דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ ביישפּיל פון זיין געטרייער דינסט צו העכער קונסט, געבנדיק אונז אַ מעמאָריאַל אויסשטעלונג פון אַ גרויסן קינסטלער'ס אַרבעטן, אַ גרויסן

רעמבראַנדט וואַן־רין

געבוירן — 1606 ; **געשטאָרבן** — 1669

טאַלאַנט, אפשר אַ זשעניע, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ טראַגישן טויט. מיר האָבן די אויסשטעלונג געפונען אויף אַזוי פיל וויכטיק, אַז מיר האָבן פאָרגעשלאָגן אונזערע גרעסערע און באַקוועמערע רוימען, כדי אונזער קונסט־ליבענדע פובליקום זאָל האָבן די געלעגנהייט פאַר אַ פיינעם קונסט־געניוס. אַז אונזערע מוזעי־באַזוכערס שעצן דאָס אָפּ, באַ־ווייזט זייער קומען היינט אַהער אין אַזאַ גרויסער צאָל... אָבער צו וואָס זאָל איך פאַרנעמען אַזוי פיל צייט וועגן אַ מאַן, ווען איך קען אים אייך טאַקע באַלד פאָרשטעלן? ער קען אייך פיל מער דערציילן וועגן דעם מאָלער און זיינע ווערק... איך האָב דעם כבוד... מר. וואַלדגרין!״

עטלעכע שיטערע און שוואַכע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגריסט מר. וואַלדגרין, ווען ער איז אַרויף נישט גאָר גערן אויף דער פּלאַטפאָרמע. עס איז קלאָר געווען, אַז דער פאַרזאַמלטער עולם איז געווען ווייניק פאַר־אינטערעסירט אין רעדעס, כיבודים און פאָרמאַליטעטן. זיי זיינען גע־קומען אַהער צוליב עפּעס זייער ערנסטעס, און זיי האָבן געוואַרט אויף דעם.

מר. וואַלדגרין האָט עס געפילט און איז געווען נישט אין דער שטי־מונג צו ריידן. ער האָט אַרויסגענומען אַ טאַשנטיכל פון דער אויבער־שטער קעשענע, זיך אָפּגעווישט דעם שטערן און נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהוסט זיין האַלז, האָט ער עטוואָס שטאַמלענדיק געזאָגט, אַז ער שעצט די שיינע ווערטער וועגן אים אַרויסגערעדט פון דעם ווירדיקן דירעקטאָר פון גרעסטן קונסט־מוזעי פון לאַנד. „אָבער ווי שטאָלץ איך בין ניט מיט דער געלעגנהייט, האָט ער געזאָגט, צו ברענגען פאַר דער וועלט די אַרבעטן פון אַ וויכטיק יונגן קינסטלער, קען איך אָבער, אין געפיל פון ערלעכקייט, ניט נעמען זיך דעם כבוד און פאַרדינסט אין ברענגען די אויסשטעלונג צו שטאַנד. אַ מאַן איז געקומען צו מיר אין איינעם אַ שיינעם טאָג, געקומען אין זיין אייגנאַרטיקן שטייגער, כ׳וואָלט געזאָגט, מנצח׳דיקן שטייגער, פאָרגעלייגט דעם פּראָיעקט פאַר מיר, און נישט נאָר דאָס, ער האָט עס אין דער ווירקלעכקייט דורכ־געפירט מיט אַלע שטוינעדיקע איינצלהייטן. דער מאַן איז דאָ, ער קען דעם קינסטלער נעענטער, פיל אינטימער פאַר מיר. ער ווייס און קען אים מער און בעסער ווי וועלכער שטערבלעכער קען עס באַווייזן. איך וואָלט געקענט זאָגן נאָך פיל מער וועגן אים, אויב איך וואָלט נאָר גע־קענט געפינען ווערטער פאַר זיינע אומגעוויינלעכע, כ׳וואָלט געזאָגט, מיסטעריעזע מעלות און קראַפט... אָבער, ניין, איך וועל בעסער וויני־

פּאָול סעזאַן

1906 — געבוירן — 1839 ; געשטאָרבן

קער ריידן, כדי ניט אַריינצופאַלן אין גרייזן, ווען איך זאָל אָנהויבן צו וועלן באַצייכענען זאַכן און אייגנשאַפטן וואָס לאָזן זיך ניט באַצייכענען. איך האַלט אַז דאָס בעסטע וואָס איך קען און דאַרף טאָן איז אים פאַר אייך פאָרשטעלן, אין דער האָפענונג, ניין, אין איבערצייגונג, אַז ער וועט אייך באַפרידיקן אין אייער פאַרלאַנג צו וויסן אַלץ וועגן דעם עניך, קונסט, קינסטלער, אויסשטעלונג און אַלץ, אַלץ... אָט איז ער מר... עה... קאַסטינער... מר. קאַסטינער, זייט אַזוי גוט און קומט אַרויף".

מען האָט מיך באַגעגנט מיט אַ טיפערן שטילשווייגן. איך בין אַרויף די קליינע פּלאַטפאָרמע, און האָב פאַר זיך דערזען הונדערטע ברייט געעפנטע אויגן און זייער ערנסטע פּנימער פון מענער און פרויען, מער פרויען ווי מענער. איך האָב דערפילט אַז אַ זייער וויכטיקער מאָמענט אין מיין איצטיקן לעבן איז פאַר מיר אָנגעקומען און אַז איך מוז עס גוט מאַכן, אפילו ווען איך זאָל דאַרפן זיך באַנוצן מיט אַ זייער גע־וואַגטן טראָט. און איך האָב געזאָגט:

„יאָ, מר. וואַלדגרין, איך וועל דערציילן אַלץ וואָס איך ווייס וועגן דעם קינסטלער, זיין טויט און זיין ווידער און ווייטער לעבן. און איך וועל אייך דערציילן ווי די אויסשטעלונג איז צושטאַנד געקומען:

„דער יונגער מאָלער מאַרק איז געווען אַן אָרעמער, ביטער קעמפנ־דיקער מאָלער, נישט קוקנדיק אויף זיין ערשטער גאַנץ פיין געלונגענער אויסשטעלונג אַ שטיקל צייט פאַר זיין טויט. אַלע טירן זיינען דאָך גע־ווען פאַר אים געשלאָסן אין דער גרויסער, וואוילער און דאָך גרוי־זאַמער שטאָט און וועלט. און אַזוי איז עס געווען פאַר זיין יונגער פרוי, אַ באַגאַבטע טענצערין. פאַרצווייפלונג, וויסטער מזל, טונקעלע ווינקלען, שלעכטע פריינט, האָבן אים און זי געבראַכט צום לעצטן ראַנד, צו דעם פאַרברעכן אויף זיך, נעמען זיך זייערע אייגענע לעבנס. צוויי לעבנס פון צוויי יונגע באַגאַבטע מענטשן זיינען איבערגעריסן געוואָרן אין סאַמע אָנהויב. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויף דער אַנדער גרעניץ האָבן זיי זיך ווידער באַגעגנט אין גרויסער ליבע און אין גרויס באַגער צו ברענגען צו אַ פולן אויסדרוק דאָס וואָס זיי האָבן אין זייער פריערדיקער עק־זיסטענץ קוים אָנגעהויבן. זיי זיינען ביידע אויפגעטראָטן פאַר אַ פאַר־זאַמלונג פון קינסטלער, גרויסע קינסטלער, די גרעסטע פון אַלע צייטן, צווישן זיי רעמבראַנדט און סעזאַן און האָבן געבעטן זייער דערלויבע־ניש און הילף צוריק צו קומען צו זייער פריערדיקער עקזיסטענץ, כדי

לעבנדיק אויף דער ערד צו שאַפן די קונסט־פאָרמען וואָס זיי טראָגן אין זיך, באַגערן און מ ו ז ן פון זיך ארויסברייגנען.

„נאָך פילע אַרגומענטן פאַר און קעגן זייער פאַרלאַנג איז צום סוף באַשלאָסן געוואָרן מיך צו דעלעגירן אַהערצו, איך זאָל זען אַראַנזשירן אַן אויסשטעלונג פון זיינע ווערק, אַזוי פאָלקאָמען ווי ער האָט פריער ניט געהאַט, און די וועלט זאָל קענען קלאָר זען און באַשטימען צי מען בויטיקט זיך אין זיין טאַלאַנט, אָדער ניט ... און אויך, כדי ער אַליין און זיין פרוי זאָלן ביי זיך זיין זיכער, אַז זיי ווילן טאַקע זיין צוריק.

„צו דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג האָבן געזאָלט צווישן אַנדערע קאָלעגן־קינסטלער, אויך קומען די צוויי גרויסע מייסטערס פון דער אַלטער און נייער קונסט — רעמבראַנדט און סעזאַן. מיר דערוואַרטן זיי דאָ, זיי זאָלן דאָ זיין פערזענלעך ... דער מאַלער מאַרק און זיין פרוי סטעללא זיינען דאָ, זיי הערן זיך איין צו אַלץ וואָס איך זאָג ... אָט זיינען זיי, אין דער רעכטער זייט צימער ... און אָט ... אָט ... טרעט אַריין דער קעניג פון אַלע מאָלערס, רעמבראַנדט וואַן־רין און דער זשעניע, ווי מען רופט אים, דער זשעניע מיטן שווערן האַמער, פּאָול סעזאַן.

ניט אַלע, וואָס זיינען דאָ, האָב איך מורא, קענען זיי זען ... איך וואָלט שטאַרק וועלן אַז אַלע, אַלע זאָלן זיי קענען זען. זיי בידע זיינען דאָ, זיי דערנענטערן זיך צו דער פּלאַטפאָרמע, זיי האָבן צוגעקערט זייערע פּנימער צו איך ... זאָגט מיר, צו אימיצער פון איך דאָ, זעט זיי ?"

אַ שאַרפער קול פון אַ פרוי, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ קוויטש האָט דורכגעשניטן די דיקע לופט פונם צימער :

„איך זע זיי, איך זע ... מיין גאָט, איך זע זיי !"

נאָך עטלעכע שטימען, אַלע זייער הילכיקע און שאַרפע האָבן זיך דערהערט שרייענדיק דאָסזעלבע : „יאָ, יאָ, מיר זעען ... זיי זיינען דאָ ! !"

און באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַרקער טומל. אייניקע האָבן געשריען :

„וואו, וואו" ?

אַנדערע : „מיר זעען גאָר ניט, גאָר ניט !"

אָבער פיל מער און העכער זיינען געווען די שטימען וואָס האָבן דערקלערט אַז זיי זעען די צוויי מענער צוקערן זייערע פּנימער צו די ווענט מיט די בילדער און באַטראַכטן זיי.

און איבער אַלע אויסרופן האָבן זיך קלאָר געהערט פאָדערונגען :

„זאָגט אונז ווי זאָלן מיר עס פאַרשטיין? זאָגט אונז ווי צו לעבן? ווי צו גלויבן? זאָגט אונז, ווי מיר זאָלן קענען קומען צו דעם? און באַנעמען?? און ווער, ווער זיינט איר?"

איך האָב עטלעכע מאָל געפּרואווט ריידן און נישט געקענט, בלויז ווען מר. וואַלדגרין איז אַרויף אויף דער בינע און האָט אַריינגעשריען אַ פאַרלאַנג פאַר רו און שטילזיין אין דעם מיקראָפאָן, האָט זיך דער עולם איינגעשטילט און איז גרייט געווען צו הערן. האָב איך געזאָגט:

„איך וואָלט גערן געווען צו ענטפערן אייערע פראַגן און פאַרלאַנגען, אין דער אמתן וואָלט דאָס געווען פאַר מיר די וויכטיקסטע זאַך דאָס צו קענען טאָן, ווייל דאָס איז אייגנטלעך מיין מיסיע, ווען מען האָט מיך געשיקט אַהערצו האָט מען מיר געזאָגט: „גיי, און דערצייל זיי"... אָבער דאָ איז ניט דער פּלאַץ פאַר דעם, דאָ איז אַ קונסט־מוזעי, און דאָ איז אַ קונסט־אויסשטעלונג, געווידמעט די ווערק פון מאַרק. איך גלויב ניט אַז דער קינסטלער איז זייער צופרידן צו זען ווי פון זיין אויסשטעלונג ווערט אַ מאַס־מיטינג, און די אויפמערקזאַמקייט ווערט אַוועקגענומען פון זיינע בילדער, וועלכע ער וויל איר זאָלט אָנקוקן, באַטראַכטן און אורטיילן. איך וואָלט דערפאַר פאַרגעלייגט אַז אַנדער אָרט זאָל באַשטימט ווערן."

אַ הויכער גרוי־האָריקער מאַן איז צוגעקומען נאָענט צו דער בינע און געזאָגט מיט אַ הויכער שטימע אַזוי אַז אַלע האָבן עס געהערט:

„איך בין אַנדריו וואָלטאָן, פּראָפעסאָר איבער כעמיע און ביאָלאָגיע, פאַרבונדן מיט דער וויסנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. אונזער אָרגאַניזאַציע איז איינע פון די פילע צווייגן און זיי אַלע קומען זיך צונויף אויף אַ קאָנווענציע, וואָס מיר האַלטן אָפּ אין אַ וואָך אַרום אין קאַרנעגיע האָל. אַלס דער פאָרזיצער פון דעם פּראָגראַם־קאָמיטעט, בין איך אינסטרואירט איינצולאַדן רעדנער און זאָרגן פאַר אונטערהאַלטונג. איך לאַד אייך איין דערפאַר צו אונזער קאָנווענציע, איר זאָלט דאָרט האַלטן אייערע רעדעס און זאָגן אַלץ וואָס איר האָט צו זאָגן און דערציילן וועגן דעם פענאָמען, וואָס מיר האָבן דאָ, פאַר אונזערע אויגן. איבער צוויי טויזנט מענער און פרויען מיט מוחות טרעניערט, געשולט אין עקזאַקטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן און מאַטעריאַלן, וועלן אייך הערן און גוט אויסהערן, און אויב איר וועט זיי געווינען דורך אייער לאָגיק, וועלן זיי ברייינגען אייערע געדאַנקען און אייערע ווערטער צו אַלע טיילן פון אונזערע שטאַטן, מער ווי דאָס — צו אַלע ווינקעלעך

פון דער וועלט. אַט האָט איר אַ זעלטענע געלעגנהייט. און מיר וועלן זיין העכסט צופרידן, אויב איר זאָלט וועלן אָננעמען די איינלאַדונג."

איך האָב געענטפערט, אַז איך נעם אָן, און וועל ניט פאַרפעלן צו קומען.

***

איך בין אַרונטערגעגאַנגען פון דער פלאַטפאָרמע און געפּרואווט אַרויסגיין פונם צימער, אָבער איך בין אַרומגערינגלט געוואָרן פון מע־נער און פרויען קוקנדיק אויף מיר מיט גרויסע אויגן, אָנרירנדיק מיי־נע קליידער, פרעגנדיק מיך נישט קלאָרע זאַכן אין נישט קלאָרע ווערטער. איך האָב געוואָלט ווייטער גיין, אָבער דער קרייז אַרום מיר האָט זיך באַוועגט מיט מיר. פּלוצים האָב איך דערפילט אַז מען טראָגט מיך אויף די הענט און אַרעמס און פּלייצעס. איך האָב זיך מיטאַמאָל דערזען הויך איבער אַלעמענס קעפּ. גאָר באַלד בין איך געבראַכט גע־וואָרן דרויסן פון מוזעי, דרויסן אויף דער גאַס, מיט אַ ים מענטשן אַרום מיר אויף אַלע זייטן. כ'האָב זיך דערפילט פאַרשעמט און שטאַרק זיך געוואָלט באַפרייען פון דער לאַגע, אָבער ניט געוואוסט ווי אַזוי. אין דעם מאָמענט האָב איך דערזען אַ פּאָליציי־מאַן. רואיק איז ער געשטאַנען און באַטראַכט די סצענע מיט אַן אויסדרוק פון נייגעריקייט. האָב איך צו אים געמאַכט פאַרצווייפלטע צייכנס, רופנדיק אים מיר צו הילף. האָט ער זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם, מיך באַפרייט און צוגעפירט צו אַ טעקסי. האָב איך געבעטן דעם טעקסי־מאַן צו ברענגען מיך צו מיין האָטעל דורך אומוועגן, כדי צו האַלטן בסוד וואו איך שטיי איין.

ס'איז נאָך ניט געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען איך האָב זיך גע־פונען אין מיין צימער. כ'האָב זיך אָבער דערפילט מיד און אויפגערעגט, אָבער צופרידן און זיך אָוועקגעלייגט פאַר אַן אָפּרו. איך האָב אָנגעהויבן אַריינצופאַלן אין אַ לייכטן דרימל.

אין מיין זכרון, האַלב חלומ'נדיק, האָבן זיך געדרייט די פּאַסירונ־גען פון טאָג, מיט דער הויכער געשטאַלט פון פּראָפעסאָר אַנדריו וואָלטאָן, ווינקנדיק צו מיר מיט אַן אויג: „קום צו אונז, זאָג עס אונז, צו אונזערע וויסנשאַפטלעך טרענירטע מוחות און לאָמיר זען, וואָס פון דיר וועט בלייבן".

מיין דרימל האָט ניט לאַנג געדויערט, אפשר אַ צען מינוט. עס

האָט מיך אויפגעוועקט אַ זייער לייכטער קלאַפּ אין מיין טיר. עס איז געווען מער ענלעך צו אַ קראַץ פון אַ פינגער־נאָגל ווי אַ קלאַפּ. איך האָב זיך ניט גערירט פון אָרט, נאָר געבליבן ליגן און געוואַרט פאַר אַ ווידער־האָלונג. און ס'איז געקומען נאָך אַ מינוט־צוויי וואַרטן — אַ לייכטער קראַץ־קלאַפּ.

בין איך אויפגעשטאַנען, צוגעקומען צו דער טיר און געפרעגט:

„ווער איז עס?"

אַ דינינקע, נישט דרייסטע שטימע האָט געענטפערט: „ס'איז נאָראַ".

האָב איך געעפנט די טיר. זי איז געשטאַנען דאָרט בלאַס און רחמנות'דיק.

„טייערס קינד, קומט אַריין, וואָס איז? איר זעט אויס זייער באַטריבט, וואָס איז, וואָס שרעקט אייך? דערציילט".

זי איז אַריין געטראָטן, און איז שטיין געבליבן אַ ווילע, קיין וואָרט ניט געקענט זאָגן. און דאַן שטיל, קוים צו הערן, אַרויסגערעדט:

„איר ווייסט דאָך".

זי האָט געקוקט אַראָפּצו, זייער צעמישט אין געפילן. און וואָס האָב איך איר געקענט זאָגן:

„אָבער, נאָראַ, ס'איז דאָך אוממעגלעך, איך וועל אין גיכן מוזן צוריקגיין, פאַרלאָזן..."

„איך ווייס, זאָגט זי, איך בין געווען ביי דער דערעפענונג, כ'האָב אַלץ געזען און אַלץ געהערט, און איך ווייס... לעאָן... איך ווייס, אָבער איך קען אייך ניט פאַרלירן אַ צווייטן מאָל... נעמט מיך מיט, וואוהין איר וועט גיין..."

זי האָט אָנגעכאַפּט מיין האַנט און באַדעקט עס מיט קושן.

„נאָראַ, וואָס טוט איר?" האָב איך זי אָפּגעשטעלט, „באַרואיקט אייך, טוט עס ניט".

אָבער זי האָט מיך ניט געוואָלט הערן, אירע טרערן זיינען געפלאָסן אויף מיין האַנט, און דורך די טרערן האָב איך דערהערט זי זאָגן:

„גייט ניט צו דער וויסנשאַפטס־קאָנווענציע".

„פאַרוואָס נישט"?

„איך האָב זיי ניט ליב", האָט זי אַרויסגעשריען.

איך האָב אָנגענומען איר קאָפּ אין מיינע הענט און אויפגעהויבן איר פּנים צו מיר. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע גרויסע, בלויע אויגן,

נאָך אַלץ אין טרערן... אירע ליפּן אין אַ לייכטער באַוועגונג, אָבער מיט אַ שמייכל דורכשיינענדיק. זי האָט נאָכאַמאָל אַרויסגערעדט מיט האַרץ:

„איך האָב זיי נישט ליב".

„פאַרוואָס ?"

„ווייל זיי ווילן אייך אויסלאַכן, פאַרשעמען... זיי וועלן דאָך אייך ניט גלויבן".

„אָבער איך מוז, איר הערט, איך מוז, און וועל זיי מאַכן גלויבן".

„לעאָן, האָט זי ווידער אָנגעהויבן. „וואָרום מוזט איר צוריקגיין ? בלייבט דאָ". איר גאַנצע בלוט האָט צוגעשטראָמט צו איר פּנים...

„ניין, נאָראַ, ליבעס קינד, ניין... איך בין ניט צוליב דעם געשיקט געוואָרן אַהער. ניין... ניין... קומט אַרונטער נאָראַ. איך האָב דעם גאַנצן טאָג גאָרנישט גענומען אין מויל... ס'איז געווען אַ שווערער טאָג... איך בין הונגעריק... ערשט איצט דערפילט. און אויך איר, קומט."

פאַר דעם צונױפּפאָר

עס זײַנען פאַרבליבן נאָך עטלעכע טעג פאַר דעם צונױפקום פון די װיסנשאַפטס־לײַט. איך האָב געהאַט אין זיך אַ זיכערן פאַרגעפיל, אַז דאָס װעט זײַן דער װיכטיקסטער מאָמענט אין מײַן שליחות. עטלעכע זאַכן זײַנען אָבער פאַרבליבן ניט דערפילט: דאָס איז צו זען נאָכאַמאָל מײַן זון פיליפּ, זײַן פרױ און מײַנע אײניקלעך. איך האָב בלױז נישט געװאוסט װי עס דורכצופירן און נישט ברײַנגען זײ דערמיט שאָדן און לײד.

איך האָב געװאוסט װאו זײ װאױנען, זײ האָבן אָנגעהאַלטן זײער פריערדיקע דירה. בין איך אַװעק אַהין אין אַ שײנעם פרימאָרגן, אין דער האָפענונג זײ אָנצוקוקן פון דער װײַטן, נישט־באַמערקטערהײט. און באַלד טאַקע זײַנען די קינדער אַרױס פון הױז מיט זײער לײַכטן, ליכטיקן, מאָרגנדיקן פּנים, רײן געװאַשן און צוגעקעמט, מיט זײער העלן געשפּרעך און אונטערשפּרינגנדיקן, לױפנדיקן גאַנג. איך בין צוגעקומען נאָענט צו זײ, אָנגעקוקט יעדן מיט אַן אַנדער אָנבליק און זײ דערקענט, יעדן אײנעם מיט זײַן באַזונדערקײט, דעם עלטערן און דעם אינגערן. זײ זײַנען בײדע עלטער געװאָרן, אונטערגעװאַקסן, אָבער נאָך אַלץ ענלעך צו זיך. איך האָב אומיסטנע געלאָזט פאַלן מײַן צײַטונג לעבן זײ, כדי אָנצוהײבן עפּעס אַ שמועס. דער יונגערער האָט עס מיר אױפגעהױבן, און מיר דערלאַנגט מיט די װערטער: „אָט, גרענפּאַ".

„אַ דאַנק דיר, אינגעלע! פאַרװאָס רופסטו מיך גרענפּאַ, זײדע? בין איך דען אַזױ אַלט גערופן צו װערן זײדע?"

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ גאַנצן אָפענעם אױגן־בליק און געענטפערט:

„בײַן, איר זעט עס ניט, איך װײס ניט פאַרװאָס כ'האָב געזאָגט גרענפּאַ, איר האָט ניט קײן באָרד, זײדע האָט געהאַט".

דער עלטערער האָט מיך אױך אָנגעקוקט און צוגעגעבן: „אָבער איר זײַנט ענלעך צו אונזער זײדן, און איך גלױב, אַז איר קענט אױך דערצײלן אַ מעשה אַזױ װי ער פלעגט דערצײלן".

„װאו איז ער, אײער זײדע?" האָב איך געפרעגט.

זיי האָבןביידע געענטפערט אינאיינעם: „ער איז געשטאָרבן און זינט דאַן גייען מיר אין שול אַליין... ער פלעגט אונז ברענגען טעגלעך אין סקול און פלעגט אין שפּאַס זאָגן, אַז מיר, קינדער, פירן אים אין חדר..."

און דער עלטערער האָט צוגעגעבן: „מיר האָבן מיט אים געהאַט פיל שפּאַס און געלעכטער".

„פעלט ער אייך אויס?" האָב איך געפרעגט.

„יאָ", האָט ער געענטפערט ניט גאָר זיכער. און האָט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן:

„מיר האָבן קיין סך צייט צו בענקען נאָך קיינעם ניט... מיר האָבן אַזוי פיל שפּילזאַכן צו שפּילן מיט קינדער, און די סקול נעמט אַוועק אַזוי פיל צייט".

דער אינגערער האָט אונטערגעכאַפּט די טעמע: „כ'האָב ניט ליב סקול".

„וואָלסטו בעסער וועלן בלייבן זיצן אין דערהיים?"

„ניין, אָבער איך האָב ניט ליב סקול".

„האָסט ניט ליב די לערער?"

„אָה, כ'האָב ליב די לערער, אָבער כ'האָב פיינט סקול".

„כ'פאַרשטיי, האָסט ניט ליב די קינדער, די אינגלעך און מיידלעך דאָרט".

„אָ, כ'האָב זיי אַלע ליב, אָבער אַלץ איינס, כ'האָב סקול ניט ליב."

„נו, איך גלויב, האָב איך געענטפערט, אַז דו האָסט ליב סקול, אָבער דו מיינסט, אַז ניט".

„אָט דאָס פלעגט אונזער זיידע זאָגן", האָט דער עלטערער לעבעדיק אונטערגעכאַפּט. ער איז געווען אַ אינגל פון עלף־צוועלף יאָר, גאַנץ הויך געוואַקסן מיט צאַרטע פאַרחלומ'טע אויגן און אַ פיינעם שמייכל אויף די ליפּן.

„געדיינקסטו דיין זיידן?"

„יאָ, איך זע אים אָפּט אין חלום, נאָר איך פאַרגעס אין דער פרי וועגן וואָס דער חלום איז געווען".

„וואָלסטו וועלן ער זאָל צוריקקומען צו דיר אַהער?"

„כ'וויים נישט", האָט ער געענטפערט פאַרטראַכט...

„העי, קינדער, לאָמיר גיין גיכער, מיר זיינען שוין שפּעט".

זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט לויפן, ניט זאָגנדיק קיין „גוטן טאָג". איך האָב זיי נאָכגעקוקט, ביז זיי זיינען פאַרלוירן געגאַנגען פון מיינע אויגן אין דער וויטקייט פון דער גאַס, איבערלאָזנדיק מיין האַרץ פול מיט פרייד און ליבע צו זיי. איך וועל דאָס אַלץ דערציילן זינאַ׳ן. זי וועט עס מיט נחת אויסהערן.

**
*

כ׳האָב לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטן, נאָכדעם ווי די קינדער זיינען אַוועק, צו דערזען מיין זון און מיין שנור. זיי זיינען אַרויס פון הויז אָנגעטאָן פאַר עפּעס אַ באַזוך. איך בין אויף גיך אַריבער די גאַס, כדי צו קענען זיי נאָכפאָלגן פון דער וויטנס און זיך אויסצוהיטן פיליפּ זאָל מיך ניט דערזען. איך בין זיכער געווען, אַז זאָל ער מיך דערזען, וועט ער מיך גלייך דערקענען. און דאָס דאַרף ניט געשען.

כ׳האָב זיי דערזען אַריינגיין אין אַ קאַפעטעריע אויף דער עק־גאַס, וואו זיי פלעגן שטענדיק עסן פרישטיק, ווען אין איילעניש. זיי זיינען ביידע געווען פון כמעט דערזעלבער הויך, ביידע גלייך אין געשטאַלט, צאַרט און דין, צוויי ווערטיקאַלע ליניעס אין זייער האַלטונג. זיי האָבן זיך מיר שטענדיק אויסגעוויזן ווי צוויי גלייכע ליניעס, געצייכנט איינע לעבן דער אַנדערער, לויפנדיק פּאַראַלעל. זי האָט געטראָגן קורצע, בלאָנדע האָר אויף איר קליינעם קאָפּ, מיט גרוי־בלאָע אויגן, קוקנדיק ווייך און נאָכגיביק, אין דער צייט וואָס איר מויל מיט קלאָר־געצייכנטע ליפּן האָבן אָנגעדייט אויף אַן אייגן ווילן, באַשטענדיק און אַנטשידן.

יעדער פון זיי ביידן האָט געהאַט אַ טאַלאַנט, אָדער צוויי צו קולטיווירן, צוזאַמען — אַ גאַנצע קאָלעקציע טאַלאַנטן — מאָלן, זינגען, שפּילן און שרייבן. און ביידע האָבן געהאַט אַ בשותפות׳דיקן טאַלאַנט צו מאַכן זיך באַליבט ביי מענטשן און קריגן פריינט אַזוי, אַז זייערע אָוונטן זיינען זעלטן געווען ליידיק. זייער הייראַט איז געווען אַ געראָטענע, אַזוי האָט יעדער וועגן זיי געזאָגט.

איך האָב זיי ביידן ליב געהאַט באַזונדערס נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן מיך צוויי מאָל געמאַכט פאַר אַ זיידן.

אַ ווייל אַרום האָב איך זיי דערזען דורכן פענסטער פון דער קאַפעטעריע

טעריע, וואו זיי האָבן פאַרנומען אַ טישל און באַשטעלט שפּייז. איך בין אַריין אין דעם פּלאַץ און זיך געזעצט ביי אַ טישל הינטער זיי, אַזוי אַז איך האָב זיי געקענט הערןריידן און נישט געזען צו ווערן.

זיי זיינען געווען פאַרנומען מיט זייער פרישטיק און האָבן ניט גערעדט קיין זאַך, אָבער ווען זיי האָבן דערגרייכט זייער קאַפע און אָנגעצונדן די סיגאַרעטן האָט פיליפּ געזאָגט צו זיין פרוי: „מיר האָבן אַ זייער גערדיכטן טאָג און וואָך פאַר זיך, צו גערדיכט פאַר אַ מאָס־צייט, וואָס איז בלויז זיבן טעג און זיבן נעכט דער לענג. דריי פּיעסן דאַרפן מיר זען, צוויי ביכער איבערצולייענען און רעצענזירן, סיידן מען קען זיי רעצענזירן נישט לייענענדיק און אַ לעקציע דאַרף איך געבן...

„און, האָט זי צוגעגעבן, מיר האָבן נאָך ניט געזען די וואַסער־פאַרבן אויף דער מאַרק־אויסשטעלונג".

„יאָ, טאַקע ס'איז דאָך פון ספּעציעלן אינטערעס. וואָס דענקסטו וועגן דער מיסטעריע אַרום דעם? איך מיין מיט רעמבראַנד און סעזאַנ'ס פערזענלעכע דערשיינונג? איך וועל דיר גאַנץ אָפן זאָגן, אַז מיך שרעקן אָט די אַלע גייסטער דערשיינונגען זינט דער פאָטער איז געשטאָרבן. איך בין זייער עמפּינדלעך געוואָרן צו אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט יענער וועלט און לעבן..."

„האָסטו געהערט וועגן יענעם מאַן? זיין נאָמען קלינגט אַביסל ענלעך צו אונזערס, מען זאָגט אַז דער מאַן, דער דאָזיקער, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויסשטעלונג און פאַר אַנדערע זאַכן. אַ מאַן אַ סודות'דיקער?"

„יאָ, כ'האָב געהערט, אַז ער וועט ריידן ביי דעם צוזאַמענפאָר פון די וויסנשאַפטלער... כ'האָב, דאַכט זיך געלייענט... ס'איז געווען אַ נאָטיץ אין דער צייטונג... איך ווייס ניט צו וואָלט איך וועלן גיין הערן דעם סודות'דיקן מאַן?"

„אַ חוץ דעם, האָט זי צו אים געזאָגט, דאַרף איך דערמאָנען מיין צעטראָגענעם פּראָפעסאָר, אַז מיר האָבן צוגעזאָגט מיינע עלטערן צו פאַרברענגען עטלעכע טעג ביי זיי אין שטאָט.. מיר האָבן גערעכנט צו נעמען די מאָרגן־אייזנבאַן, וואָס גייט אָפּ נאָכמיטאָג... און מיר וועלן נעמען די קינדער מיט זיך... מיר אַלע נויטיקן זיך אין אַן אָפּרו... אַזוי אַז, מיין טייערער, פאַרגעס דיין מיסטערי־מאַן און אַלע וויסנשאַפטלעכע סעאַנסן... זאָגסט מיר צו?"

„זאָג עס צו, טייער ווייבעלע, ביסט גערעכט, שטענדיק גערעכט,

פאַרדריסלעך גערעכט״. און זיי האָבן ביידע געלאַכט ווען זיי זיינען אויפֿ־געשטאַנען צו גיין.

און ווידער האָב איך מיט אַ וואַרעם האַרץ צו זיך געזאָגט:

„איך האָב זיי ביידן ליב און זינאַ וועט מיט פרייד און נחת הערן, ווען איך וועל דאָס איר דערציילן.״

מיינע בילדער

אין אַ פאַרוואָרפן ווינקעלע פון מיין האַרצן איז געלעגן באַהאַלטן, וואַרטנדיק אויף אַ געלעגנהייט אַ ריין פּערזענלעכער פאַרלאַנג. מיר האָט זיך געגלוסט צו געפינען די גאַלעריי, וואָס האָט איבערגענומען אַ גרופּע מיינע צייכענונגען און בילדער נאָך מיין טויט. איך האָב געוואָלט זיי נאָכאַמאָל אָנקוקן, אויסגעפינען, וואָס די גאַלעריי האָט אויפגעטאָן מיט זיי, און וואָס פאַר אַ שטאַנד זיי פאַרנעמען איצט, צי זיי זיינען גע־שטיגן אַרויף דעם לייטער פון אנערקענונג, אָדער ניט. און אַזוי בין איך אין אַ נאָכמיטאָג אַריינגעקומען אין אַ קונסט־גאַלעריי, וואָס האָט זיך געפונען אויף איינעם פון די הויכע עטאַזשן פון אַ הויכער געביידע, אויף דער זיבן־און־פופציקסטער גאַס. איך האָב אַרומגעקוקט אַלע ווענט מיט די בילדער, וואָס זיינען אויף זיי געהאַנגען, און האָב קיינע פון מיינע זאַכן דאָרט ניט געפונען. איך מוז זיך מודה זיין, אַז ס׳האָט מיר גאַנץ ווייטאָגדיק פאַרדראָסן.

איך האָב זיך געווענדט צו אַ מאַן אין דער גאַלעריי און געפרעגט אים צי עס איז דאָ צו געפינען די ווערק פון אַ מאָלער מיטן נאָמען קאָסטינס? איך בין פאַראינטערעסירט אין דעם קינסטלער׳ס אַרבעט און וואָלט וועלן אָנקוקן עטלעכע פּראָדוקטן פון זיין פּינזל, האָב איך צוגע־געבן.

„מיט דער אָבזיכט?...״ האָט ער מיך געפרעגט פיל באַדייטנדיק.

„יאָ, האָב איך אים געענטפערט, מיט דער אָבזיכט, אויב ס׳וועט מיר געפעלן און אויב דער פּרייז וועט זיין צוגעגנגלעך״.

ער איז גלייך געוואָרן זייער אויפגעלייגט און טעטיק, און זייער באַרעדעוודיק:

„יאָ, יאָ, מיר זיינען גליקלעך צו קענען זאָגן, אַז מיר פאַרמאָגן אַ צאָל זייער פיינע עקזעמפּליאַרן פון דעם זעלטן פיינעם קינסטלער. מיר האָבן זיינע בילדער געהאַט די גאַנצע צייט אויף די ווענט דאָ, אָבער, איר ווייסט דאָך, אַ גאַלעריי, נייע בילדער קומען אָן באַשטענדיק און

פאַרלאַנגען אַ געלעגנהייט געזען צו ווערן... נו, פאַרנעמען זיי די ווענט... נאָר פאַר אַ ווײַלע... איין מינוט... זײַט מוחל".

ער איז אַרײַן אין אַ דערבײַיִקן צימער און איז גיכן צוריקגעקומען מיט אַ האַלב טוץ קלענערע בילדער אין אויל און וואַסער־פאַרבן. ער האָט זיי אַלע צעשטעלט אַנטקעגן דער וואַנט פאַר מיר אָנצוקוקן און האָט זיי אַליין אויך אָנגעהויבן באַטראַכטן אַקוראַט, ווי ער וואָלט זיי פריער קיינמאָל ניט געזען.

„זײַנען זיי דען ניט מערקווירדיק?, האָט ער אויסגערופן מיט אַנט־ציקונג, מערקט די קאָמפּאָזיציע, די וואונדער שיינע פאַרבן, באַלאַנס, ריטם, רומלעכקייט־געפיל און די שטימונג... די שטימונג... אומגע־ווײַנלעך זעלטן... זייער!"

איך האָב צוגעשטימט צו אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט; איך האָב אים געפרעגט:

„האָט איר פיל פון זיי שוין פאַרקויפט מיט אַזוי פיל מעלות?"

„ניין, ניט, לויט מײַן וויסן, איז געווען זייער ענטפער. איר מוזט פאַר־שטיין, אַז מיר מוזן אַ סך פאַרקויפן, כדי צו דעקן אונזער בודזשעט... פאַרקויפן מיר צוערשט זאַכן, וואָס לאָזן זיך גרינג פאַרקויפן, דאָס הייסט, בילדער, וואָס זײַנען לײַכט, פאַרשטענדלעך און צוגעפּאַסט צום געוויינ־לעכן געשמאַק; די בילדער אָבער פון דעם קינסטלער אין וועלכן איר זײַנט פאַראינטערעסירט, פאַרלאַנגען אַן אינדיווידועלן צוגאַנג און דער־פאַר איז דער פאַרקויף פון זיי שווערער".

„הם, האָב איך געענטפערט, אַ זייער קלוגע באַרעכטיקונג פאַר ניט מאַכן קיין אָנשטרענגונג צו פאַרקויפן מאַנכע בילדער פון מאַנכע קינסטלער".

איך האָב דערפילט אַ קאַמף אין זיך. זאָל איך קויפן מײַן אייגן בילד, אָדער ניט? דערווײַל ניט ווילנדיק האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם פרייז פון איין קלענערעס בילדל אין אויל, אַ גוט שטיקל מאַלערײַ, אפשר פון מײַנע געלונגענסטע. דער פרייז איז געווען באמת קליין. האָב איך באַלד דערקלערט, אַז איך נעם עס און האָב טאַקע באַלד באַצאָלט אין מזומן.

ער האָט מיר דאָס בילדל אײַנגעוויקלט און איך האָב זיך געלאָזט גיין. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט, געוואָלט וויסן מײַן נאָמען און אַדרעס, כדי צו מעלדן מיר וועגן אַנדערע קונסט־אינטערעסן אין זײַן גאַלעריע.

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָף צו טרעפן אויף די ווענט

דאָ אויסגעשטעלט נאָך אַנדערע בילדער פון דעם דאָזיקן קינסטלער, און ניט באַהאַלטן זיי אין אַ פּריוואַטן צימער.

ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז קיין זאַך איז אים נישט נענטער צום האַרצן, ווי גראָד דאָס, וואָס איך האָב נאַרוואָס געזאָגט.

איך האָב פאַרלאָזן די גאַלערייע מיט מיין אייגן־געקויפט בילדל, און מיט אַ געמישטן געפיל אין מיין האַרץ. ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ שפּיגל האָב איך זיך דערזען מיט אַ שמייכל אויף מיינע ליפּן און אַ פאַרדראָסיקן קנייטש פון מיינע ברעמען:

„וואָס וועט זינאַ זאָגן צו דעם?"

שוועסטער און ברידער

נאָך איין באַזוך האָב איך צו מאַכן, נאָך איין איינציקן.

איך מוז זען מיין שוועסטער און ברידער. די שוועסטער חנה, וואָס האָט פאַרלוירן איר טייער־געליבטן מאַן פינף יאָר צוריק און לעבט איצט בלויז מיט זכרונות וועגן אים. זי איז שטענדיק פאַרנומען און פאַרטאָן אין פיל־פיל, קליינע און קלייניקע זאַכן, שטענדיק גייענדיק ערגעץ וואוהין אין איילעניש, שטענדיק מיט עטלעכע נישט פאַרענ־דיקטע, נישט געלייזטע פּראָבלעמען. זי האָט נאָך קיינמאָל נישט דער־גרייכט אַ פּונקט, אַז דאָס צעטל פון פליכטן זאָל אין גאַנצן דערפילט ווערן. זי האָט געלעבט אַליין אין דעמזעלבן הויז און אין דער זעלביקער דירה, וואו זי האָט געוואוינט, ווען איר מאַן האָט געלעבט.

ווען איך האָב אָנגעקלונגען אין איר טיר־גלעקל, האָב איך גלייך דערהערט איר קורץ און אייליק טראָט, לויפנדיק צו דער טיר באַ־געגענען דעם באַזוכער. איך האָב זי, פאַרשטייט זיך, באַלד דערקענט, מיין גוטע און געטרייע שוועסטער, זי אָבער מיך — ניט.

זי האָט אָנגעקוקט דעם פרעמדן באַזוכער, געפרעגט וואָס ברענגט מיך צו איר טיר און מאַכט מיך קלינגען איר גלעקל?

איך האָב איר געענטפערט, אַז כ׳האָב פאַר איר אַ גרוס פון אַ וויטן קרוב פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. זי האָט מיך איינגעלאַדן אַריינצוקומען, געבעטן זיך זעצן, זיך אַליין אַוועקגעזעצט מיר אַנט־קעגן, גרייט צו הערן, וואָס איך האָב צו דערציילן. איך האָב אָנגעהויבן איר צו דערציילן, וואו איך האָב דעם קרוב געטראָפן אין מיין קורצן זיין אין תל־אביב. זי האָט מיך געפרעגט, וואָס דער קרוב טוט דאָרט? האָב איך איר אָנגעהויבן צו באַשרייבן די סיטואַציע מיט פיל איינצל־הייטן און ברייטלעך.

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב גערעדט האָט זי די אויגן אויף קיין רגע פון מיר ניט אַראָפּגעלאָזן, געקוקט אויף מיר מיט גרויס דערוואַר־טונג. זי איז קענטיק געוואָרן זייער אומרואיק, האָט קוים זיך איינגעהערט אין מיינע שילדערונגען.

זי איז פלוצלונג אויפגעשפרונגען פון איר שטול, האָט אויפגעהויבן אירע הענט און היסטעריש אויסגעשריען:

„לעאָן דאָס ביסטו", און איז געפאַלן אויף מיר. איך האָב זי אויפגעכאַפּט אין מיינע אָרעמס און דערפילט, אַז זי האָט גע'חלש'ט. זי איז צו זיך געקומען אין עטלעכע מינוטן אַרום. כ'האָב איר געבראַכט אַ גלאָז וואַסער, זי האָט אָפּגעטרונקען עטוואָס פון גלאָז און האָט ווידער אויפגעשטעלט אויף מיר אירע צעשראָקענע אויגן און איז ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ היסטערישן געוויין און געלעכטער.

„איז דאָס ווירקלעך דו? דו, לעאָן? גאָט, מיין גאָט! ביסט דערזעלבער, לעאָן, נאָר אַ סך, אַ סך יונגער, מיט אַזויפיל יאָרן יונגער. איך האָב מורא, איך וועל שטאַרבן פאַר מורא"!

איך האָב געפּרוּווט זי באַרואיקן: „שרעק דיך ניש, שוועסטער, איך בין ניט געקומען דיר שלעכטס טאָן, איך בין ניט געקומען דיך מיטצונעמען מיט זיך. איך בין בלויז געקומען צו זען דיך, צו מאַכן דיר אַ וויזיט, איידער איך קער זיך אום צוריק פון וואַנעט איך בין געקומען".

„אָבער, לעאָן, דו ביסט דאָך אַ לעבעדיקער, איך פיל עס! ביסט דען ניט אַ לעבעדיקער?"

זי איז צוגעקומען נאָענט צו מיר, מיך אָנגערירט, אַרומגעלייגט אירע אָרעמס אַרום מיין האַלז און מיך אָנגעהויבן קושן, קושן און וויינען און ריידן אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, ווייזנדיק סימנים פון פאַלן ווידער אין חלשות.

„חנה, האָב איך אַ געשריי געטאָן אויף איר אין אַ באַפעלנדיקן טאָן, וועסטו אויפהערן דיין היסטעריקע, אָדער איך גיי באַלד אַוועק".

דאָס האָט, ווי עס זעט אויס, זי געבראַכט צו זיך. זי האָט זיך באַרואיקט און האָט מיך אָנגעהויבן באַשיטן מיט פראַגן: „ווען בין איך געקומען? פון וואַנעט בין איך געקומען? און פאַרוואָס? וואָרום? און פאַרוואָס בין איך אויף אַזויפיל אינגער?" פלוצלינג איז זי געוואָרן בלייך און אין אַ שטילן קול, קוים צו הערן, געפרעגט: „האָסטו דאָרט געטראָפן מיין דודן? ניין, ניין, האָט זי זיך איבערגעריסן, זאָג גאָרנישט, וואָרט איך וועל אָפרופן די אַנדערע, די משפחה, כ'וועל טעלעפאָנירן צו דער אַנדער שוועסטער, די ברידער און קרובים... זיי וועלן, זיי מוזן גלייך קומען, אָן אָפּהאַלט, אָט אַזוי באַלד... ס'האָט דאָך געטראָפן עפּעס וואונדערבאַרעס, אָ, עפּעס אוממעגלעכעס האָט געטראָפן..."

זי האָט זיך געשטעלט ביים טעלעפאָן:

„וואָס? איר הערט, לעאָן, אונזער לעאָן, איז דאָ, ביי מיר אין הויז, אויף גיך, קומט, איילט זיך... איך זאָג אייך לעאָן איז דאָ, ביי מיר, דאָ ביי מיר..."

זי האָט זיך אומגעקערט צו מיר.

„זיי וועלן דאָ אַלע זיין, אין אַ האַלבע שעה אַרום. ביסט ניט אין איילעניש אַוועקצוגיין? ביסט אפשר הונגעריק, לעאָן? דו נעמסט אין זיך שפּייז? עסטו? ווי דו פלעגסט עסן? וואָס האָסטו ליב? וואו האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? וואָלסט אפשר וועלן זיין דאָ מיט מיר? ווייסט דאָך אַז איך בין אַליין! אָ, מיין גאָט, איך ווייס ניט וואָס איך זאָל זאָגן, וואָס איך זאָל טראַכטן, און וואָס איך זאָל גלויבן. דו מוזט מיר זאָגן אין וואָס איך זאָל איצט גלויבן?... איך פלעג דאָך אין גאָר ניט גלויבן".

איך האָב זי געפּרואווט באַרואיקן און איר געזאָגט, אַז איך וואָלט טאָקע עפּעס געגעסן, אויב זי האָט עפּעס געשמאַקעס, אפשר אַ שטיקל הינדל, אַ קאַלט שטיקל... אפשר, איך געדענק, דו פלעגסט שטענדיק האָבן אַ קאַלט שטיקל אַזאַ אין דיין אייזקאַסטן".

זי איז צוגעלאָפן צום אייז־קאַסטן און זיך אומגעקערט מיט עטלעכע שטיקלעך אָנגעשניטן הינער־פלייש, עטלעכע שניט טאָמאַטאָס, און אַ גלאָז רויטן ווין.

דאָס גלאָז רויטן ווין איז געווען אַן אָנגענעמער סורפּריז. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף מיין שוועסטער חנה, זי אויף מיר און מיר האָבן זיך צעשמייכלט, ווי אין די פריערדיקע גוטע, אַלטע טעג. פאַר דער צייט וואָס איך האָב געגעסן מיין טעלער שפּייז האָט זי די אויגן פון מיר ניט אַראָפּגענומען, ווי זי וואָלט געווען טיף היפּנאָטיזירט פון מיין דערשיינונג. טרערן זיינען איר געלאָפן איבער די באַקן און די ליפּן האָבן ניט אויפגעהערט צו שעפּטשען: „אָ, מיין גאָט, לעאָנטשיק איז צוריק פון קבר, וואונדערלעך און ווי שרעקלעך... וואָס וועט איצט זיין? דוד, מיין דוד?"

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ריידן און מיט גרויס מי אַרויסגערעדט:

„האָסט אים דאָרט באַגעגנט?"

„יאָ, חנה, כ'האָב אים דאָרט געטראָפן... ס'איז געווען... און איך האָב איר איבערגעגעבן זיינע ווערטער: ער האָט זיך גע־חידושט אויף דיר, שוועסטער; ער זאָגט מיר אַזוי: איך האָב, ווי דו ווייסט, לעאָן, איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ ליבנדיקע פרוי, אַ געטרייען חבר אויף אונזער לעבנס־וועג. ווען איך בין געשטאָרבן איז זי אַריינגעפאַלן

אין אַ טיפן טרויער און איינזאַמקייט, זי איז נאָך אַלץ פאַרוויקלט אין אומעט, האַלט טייער אַלץ, וואָס עס דערמאָנט איר אָן מיר, האַלט פאַר־טרעטן פון מיר, בריוו, קליידער, געדענק־זאַכן אויסגעשטעלט און אויפבאַוואַכט אין הויז. זי קומט צו מיין קבר אָפט, ברענגט בלומען, באַשטעלט מענטשן זאָלן האַלטן דעם אָרט אין שיינער אָרדענונג, מיין געבורטסטאָג, יאָרצייט האַלט זי און באַצירט זיי מיט שיינע, געטרייע ווערטער און מעשים... אָבער גלויבן אין מיר גלויבט זי ניט. זי גלויבט ניט, אַז איך בין ניט טויט. זי גלויבט ניט, אַז איך קען זי זען, אַז איך הער זי און וואַך איבער איר. זי גלויבט ניט אַז מיר וועלן זיך וועלן ווי־דערזען. איך ווייס ניט, און פאַרשטיי ניט צוליב וואָס זי טוט די אַלע זאַכן פאַר מיר, אַז זי גלויבט ניט אין מיר. מיר קומט עס פאָר, ווי איינער וואָלט געהאַלטן אין איין רעדן אויף אַ טעלעפאָן און ניט גלויבן, אַז אימיצער הערט אים דאָרט, אויף דער אַנדער זייט.״

***

אין דער צייט וואָס איך האָב געקייט מיין טעלער שפייז און דער־ציילט מיין שוועסטער חנה וועגן איר דוד׳ן, זיינען די קרובים אָנגעקומען איינציקווייז, די אַנדער שוועסטער רחל, מיינע ברידער און אַנדערע מיטגלידער פון אונזער משפחה. זיי האָבן זיך ניט געוואָרפן קושן, האַלזן און אויפרופן... זיי האָבן מיך פאַרזיכטיק באַטראַכט פון פאַר־שיידענע זייטן, אָנגערירט מיינע אַקסלען, האָר, געשמייכלט צו מיר איינגעהאַלטן, מיך געפרעגט ווי איך פיל זיך? ווען איך בין אָנגעקומען, און צוליב וואָס? זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס וואָס זיי פרעגן מיך, איז ניט פּאַסיק, אַז אַזעלכע זאַכן פרעגט מען ניט, און ווען מען פרעגט ענטפערט מען ניט. און זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. אָבער נאָך אַ שעה פון פאַרלעגנהייט, זעענדיק מיך לאַכנדיק, ריידנדיק און שפּאַסנדיק אין דעם שטייגער, ווי זיי האָבן מיר געקאָנט פון פריער און פון אַמאָל, האָבן זיי מיך אָנגענומען אַלס אַ פאַקט, וועלכן זיי וועלן זיך דערקלערן שפּעטער, אין דער ריכטיקער צייט. דערווייל האָבן זיי זיך אַלע גרופּירט אַרום מיר. איך אַליין בין געזעסן ביים טיש מיט דעם טעלער שפייז און גלאָז רויטן וויין, און מיין האַנט איז געלעגן רואיק אויפן עק טיש. מיין ברודער, דער יונגערער נאָך מיר, אין דער משפחה, האָט מיך געפרעגט און געבעטן צו דערציילן, ווי די וועלט זעט אויס דאָרטן, ״די יענע וועלט״, פון וועלכער איך בין נאָרוואָס צוריקגעקומען.

כ׳האָב זיך ניט געקענט איינהאַלטן נישט צו באַמערקן, אַז אָט די סצענקע איז זייער ענלעך צו דעם וואָס לעאָניד אַנדרייעוו האָט באַשריבן, ווי לאַזאַרוס איז צוריקגעקומען נאָך עטלעכע טעג זיין טויט, צוריק צו זיין משפחה, ווי זיינע שוועסטער און פריינט זיינען געקומען אים באַגריסן און זיך מיט אים פרייען, געקומען זיצן מיט אים, אַרום אים, און אים געבעטן זיי דערציילן ווי די וועלט זעט אויס פון וועלכער ער איז נאָר וואָס געקומען? און ווי לאַזאַרוס האָט זיי מיט קיין וואָרט ניט געענטפערט און האָט געשוויגן, מיט זיינע אויגן געקוקט ליידיק־שרעקנדיק, פוסט און וויסט, אַזוי שרעקנדיק מיט זייער גאָרנישט, אַז נאָך אַ ווײַלע, זיינען זיי זיך צעלאָפן פון אים.

אָבער עס וועט ניט זיין אַזוי מיט מיר. ניין, איך וועל אייך נישט שרעקן מיט אַ וויסטן בליק פון ליידיקע אויגן. ניין, איך קען אייך זאָגן, אַז ליידיקייט איז ערגעץ נישטאָ, אַז גאָר־גאָרנישט איז ערגעץ נישטאָ... פאַרקערט איך קען אייך דערציילן וועגן וואונדער־זאַכן, וועגן אונזער דודן, עלטערן, זיידעס, באָבעס, זינאַ און פריינט, פריינט פון גאָר דער וועלט... כהאָב זיי געזען, גערעדט...״

זיי האָבן מיך שוין אויפגענומען ווי אַ פולבאַרעכטיקטן פאַקט. און באַלד בין איך געוואָרן ווי איינער פון זיי. זיי האָבן געהערט, זיך איינגע־הערט און זיינען גרייט געווען צו הערן ביז שפעט נאָך מיטנאַכט... אַ גאַנצע נאַכט...

איך האָב אָבער דערקלערט, אַז איך מוז גיין. שוועסטער חנה האָט נאָך אַמאָל אייפריק מיר פאַרגעשלאָגן אַ בעט און רו פאַר דער נאַכט, אָבער איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, אונטערן אויסרייד, אַז איך האָב אַ פלאַץ.

„וואו״?

„נו, איך האָב עס...״

„וואָס טוסטו אין דיין צייט?״

„דאָס וועל איך אייך גערן דערציילן אַן אַנדערש מאָל.״

„ווען וועט עס זיין דאָס אַנדערש מאָל?״

„דאָס ווייס איך ניט, אפשר וועט עס מער ניט זיין!״

זיי זיינען ווידער געוואָרן אומרואיק און דערשראָקן. אָבער קוקנדיק אויף מיר, מיט מיין פנים און באַקן אין גוטן קאָליר, מיט מיינע פריי־לעכע, לויכטנדיקע אויגן, האָבן זיי צוריק צו מיר געשמייכלט און אָנ־גענומען פאַר ליב מיין „גוטע נאַכט״.

„אָ, יאָ, חנה, אָט נעם אַ קליין מתנהלע, אַ געדענק־זאַכעלע... אָט דאָס קליין בילדל״.

איך האָב איר איבערגעגעבן דאָס בילדל, וואָס איך האָב די טעג איינגעהאַנדלט.

„נו, אַ גוטע נאַכט איך אַלעמען״

אויפן וועג צו זיך האָב איר מיר געטראַכט :

„וואָס וועלן זיי אַלע איצטער טאָן מיט זייערע לעבנס ? זייערע גלויבנס און אומגלויבנס ?״.

***

כ׳האָב כמעט ווי פאַרגעסן, אַז מאַרק׳ס בילדער־אויסשטעלונג גייט נאָך אָן. האָב איך מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף עס באַזוכן נאָך אַמאָל, און אויב איך וועל דאָרט טרעפן מאַרק און סטעללאַ וועל איך זיי פרעגן, וואָס זיי טראַכטן און פילן וועגן דער גאַנצער זאַך, צו זיי זיינען צופרידן, צו זיי באַשטייען נאָך אַלץ אויף זייער פאַרלאַנג אומצוקערן זיך צו דער פריערדיקער עקזיסטענץ, כדי אויסצולעבן זיך אין מאָלן און טאַנצן?

ווען איך בין אָנגעקומען אין מוזעי האָב איך דאָרט געטראָפן, אין דעם גרויסן אויסשטעלונגס־רום בלויז עטלעכע מענטשן. עס זיינען געווען אַ פּאָר מיטליאָריקע פרויען, וואָס האָבן געפירט ביי דער האַנט יעדע פון זיי אַן אייניקל. די קינדער האָבן זיך געריסן צו באַפרייען פון זייערע באַצווינגערס. עס האָט מיר דערמאָנט, ווי אַ פרוי פירט אויף אַ קייטל אַ לעבעדיק, פריילעך הינטל, וואָס רייסט זיך צו פרייהייט.

עס איז אויך דאָרט געווען אַ יונגערמאַן. ער האָט אויפמערקזאַם שטודירט די בילדער, ווי קונסט־סטודענטן טוען דאָס, געמאַכט נאָטיצן, גערייניקט די ברילן, און נאָך אַמאָל געקוקט.

עס זיינען דאָרט נאָך געווען עטלעכע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך געפלייסט דורכצולויפן די אויסשטעלונג וואָס גיכער און פאַרטיק ווערן דערמיט, און אויס.

אין אַ באַזונדערן ווינקל האָב איך דערזען מאַרק און סטעללאַ. זיי זיינען געשטאַנען נאָענט צווישן זיך. זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענט און באַקוקט מיט אַ לאַנגזאַמען בליק דעם גאַנצן רוים, די בילדער און מענטשן מיט אַן אויסדרוק, וואָס איז געווען ווייט פון פרייד. איך בין צוגעגאַנגען צו זיי, באַגריסט זיי און געפרעגט:

„פאַרוואָס אַזעלכע אומעטיקע אויגן?"

„ווייל מיר האָבן ניט קיין ברעקל פרייד, נחת... באַפרידיקונג ניט געפונען".

„האָט איר עפּעס צו דערקלערן, האָב איך געפרעגט, אויף עפּעס זיך באַקלאָגן? רעדט עס אַרויס, שווייגט נישט, לאָמיר הערן."

מאַרק האָט אָנגעוויזן אויף זיין צענטראַלן בילד און געזאָגט:

„סטעללאַ און איך זיינען איינפאַרשטאַנען, אַז אָט דאָס בילד איז אויף אַזויפיל בעסער פאַר די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן געמאָלן געוואָרן

פון צוויי באַזונדערע קינסטלער, איינער פון געוויינלעכע פעאיקייטן, דער אַנדערער פון עכטן געניוס. איך אַליין, אויפריכטיק גערעדט, הויב ניט אָן צו וויסן, ווי אַזוי עס איז צו מיר געקומען, ווי אַזוי עס איז ביי מיר אַרויס. עס האָט אַזוי ביי מיר געטראָפן. איך קען ניט נאָכפאָרשן דעם גאַנג פון איר באַשאַפונג, דעם מעטאָד וואָס איך האָב באַנוצט ביי דער אַרבעט, איך געדענק גאָר ניט גענוי. זאָל איך דערלויבט ווערן צו קומען אַהער צוריק, וואָלט איך על־פּי־נויטווענדיקייט געניגט זיין צו ווידערהאָלן אָט דאָס בילד און וואָלט עס קיינמאָל ניט דערגרייכט, שוין ניט ריידנדיק פון אַריבערשטייגן. איך וואָלט בלויז זיך אַליין קאָ־פּירט און ווידערהאָלט. דאָס ברענגט קיינמאָל ניט קיין גוטע רעזולטאַטן. אַ צווייטע ווערסיע איז קיינמאָל ניט העכער פאַר דער ערשטער, פאַר דער ערשט־געבוירענער. און ווידער, זאָל איך דורך אַ גרויסן ווילנס־אַקט פועלן ביי זיך צו פאַרלאָזן דאָס צענטראַלע ווערק, און זוכן פאַר זיך אַנדערע קאָנצעפּציעס און עקזעקוציעס; צווייפל איך צו וועל איך עס געפינען... איך צווייפל אַז איך האָב אין זיך די טרייב־קראַפט דאָס צו דערגרייכן, איך וואָלט דורכגעפאַלן... עפּעס האָט זיך איבערגעריסן אין מיין האַרצן. די דערפאַרונגען וואָס סטעללאַ און איך האָבן געהאַט פאַר דער לענג פון אונזער נאָכן־טויט־פּעריאָדע, און דאָ דורך דער צייט פון דער אויסשטעלונג, פירן אונז ערגעץ וואוהין אַוועק... און ספּעציעל דאָ, דאָ איז עפּעס פאַראַן, וואָס שטויסט אונזביידן אָפּ... עפּעס וואָס דעגראַדירט... דערנידעריקט..."

מיר וועלן גאָר אין גיכן זען זינאַ'ן, און וועלן דאָס איר דערציילן.

**
*

אין דעם מאָמענט האָבן איך דערזען מר. וואַלדגרין אַריינטרעטנ־דיק אין זאַל. ער האָט מיך אויך דערזען און איז קענטיק געווען צו־פרידן דערמיט.

„אָ, מר. קעסטינער, וואָס מאַכט איר? מיט וועמען האָט איר נאָר־וואָס גערעדט? כ׳האָב אייך שוין ניט געזען פּאָר עטלעכע טעג; קומט זעצט זיך צו, איך האָב עפּעס צו ריידן מיט אייך״.

מיר האָבן געפונען אַ שטילן ווינקל אין אַ דערבייאיקן צימער און ווען מיר זיינען געבליבן אַליין האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין גרייט צו הערן.

„עס האָט געטראָפן, זאָגט ער, אַז איך בין אַריינגעקומען די טעג אין אַ קונסט־גאַלעריי אויף דער זיבן־און־פופציקסטער גאַס. דאָרט האָב איך באַמערקט אויף די ווענט עטלעכע בילדער פון אַ קינסטלער, וואָס זיין אונטערגעשריבענער נאָמען איז שטאַרק ענלעך צו אייערן. איך בין געוואָרן צוגעצויגן, זייער פאַראינטערעסירט מיט די לייוונטן, זיך באמת פאַראינטערעסירט... דער קונסט־יעגער אין מיר איז וואַך געוואָרן, פאַרשטייט איר דאָך... האָב איך זיך נאָכגעפרעגט ווער דער קינסטלער איז, וואו ער איז? און וואו עס געפינען זיך זיינע ווערק? האָט מען מיר געענטפערט אַז דער מאָלער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן. איז מיר איינגעפאַלן אייך צו פרעגן צו איז אפשר דער קינסטלער אייך באַקאַנט? זיין ביאָגראַפיע, זיינע ווערק? עה, וואָס זאָגט איר? ווייסט איר עפּעס וועגן דעם? אפשר אַן אויסשטעלונג, אָט ווי די דאָזיקע?״

„יאָ, האָב איך אים געענטפערט, איך קען די גאַלעריע, איך ווייס ווער דער מאָלער איז, און געווען. איך קען זיינע אַרבעטן, זיין לעבן, און זיין טויט און ווידערלעבן... אָבער איך וויל גאָרנישט ניט טאָן צו העלפן אייך, אָדער אימיצן אַנדערש, צו רעאַליזירן אַן אויסשטעלונג פון זיינע אַרבעטן. ניין, מיין הער, ניט איך.״

עס איז קענטיק געווען פאַר אים אַן אַנטוישונג, און מיין ענטפער, אַזאַ שאַרפער... ער האָט עס ניט דערוואַרט. ער האָט מיך אָנגע־קוקט פאַרוואונדערט, האָט אָבער גאָרניט געזאָגט. ער האָט בלויז אַרויס־גערעדט: „נו, גוט, מילא, ווי געפעלט אייך די אויסשטעלונג, ווי זי גייט

פאָראויס?״ און ניט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן פרעגנדיק:

„איר קלייבט זיך צו ריידן פאַר דעם צוזאַמענפאָר פון די וויסנשאַפטלער?... צו דענקט איר ניט, אַז איר ריזיקירט דירעקט אַריינצופאַלן אין אַ לייבן־גרוב...״

„יאָ, האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכל, איך גרייט זיך צו קומען און אַריינשפּרינגען אין לייבן־גרוב... אָבער, אנשטאט זיי זאָלן מיך צערייסן אין שטיקער, האָף איך, אַז זיי וועלן פרידלעך־געצוימטע ליגן בלייבן צו מיינע פיס, ווען איך וועל האַלטן אין פאַרלאָזן דעם גרוב״.

„איך וועל אויך דאָרט זיין״, האָט מר. וואַלדגרין געענטפערט.

„איך וויל דאָרט זיין און צוזען ווי נאָך אַ נס געשעט״.

פערטער טייל

אין דעם לייבן־גרוב

פראָפעסאָר אַנדריו וואָלטאָן האָט מיך פאַרגעשטעלט צו אַן עולם, וואָס האָט אָנגעפילט יעדן זיץ־פּלאַץ פון איינעם פון די שענסטע זאַלן אין ניו־יאָרק — קאַרנעגיע־האָל. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט אַלס דעם מאַן, וועלכן ער ווייס ניט ווי פאַרצושטעלן, קוים וויסנדיק מיין נאָמען, שטאַנד און פּראָפעסיע. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז איך האָב עפּעס וואָס צו זאָגן. איך בין אויפגענומען געוואָרן פון אַ צוויי־דריי טויזנדיקן עולם מיט אַ פריינטלעכן אַפּלאָדיסמענט, דערמוטיקנדיק מיך אויפצוטרעטן און ריידן.

און אָט איז מיין רעדע, כמעט אין גאַנצן, ווי איך האָב זי געהאַלטן:

„מיינע פריינט האָבן מיך געוואָרנט, אַז אָננעמענדיק די איינלאַדונג צו ריידן פאַר אייך, האָט דאָס געמיינט פאַר מיר אַריינצוגיין אין אַ לייבן־גרוב.

פאַרשטיי איך דעם זין דערפון. איך, דער מיסטיקער, וואָס פּרע־דיקט שיינע חלומות, „ווישפול טהינקינג", ווי עס רעדט זיך, אַ רעדנער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף די גרייטקייט פון זיינע צוהערער צו גלויבן אים אויפן וואָרט, אין דער צייט, וואָס איר, וויסנשאַפטלער, פיזיקער, כע־מיקער, ביאָלאָגן, בויט אייער גלויבן אויף דעם באַזיס פון עקזאַקט וויסן, בלויז וויסן. פאַרשטיי איך די געפאַר פון אַזאַ באַגעגעניש.

אפשר קען זיין, אַז איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו ריידן פאַר אייך, אויב ניט צוליב אייער אונטערהאַלטונג, איז כדי צו געבן אייך אַ ביישפּיל פון אַ מין דענקען, וואָס איר דאַרפט פאַרזיכטיק אויסמיידן — נעמליך: מעטאַפיזיקס אַנטקעגן פיזיקס.

זעט איר דאָך, אַז איך ווייס גאַנץ גוט אין וואָס פאַר אַ סיטואַציע איך האָב מיך אַליין אַריינגעבראַכט. מיר איז גאַנץ גוט באַוואוסט די געפאַר, וואָס אייער שאַרפער אַנאַליטישער מעסער פאַרמאָגט. אָבער מיר איז אויך באַוואוסט אייער באַגרעניצטקייט, אייערע בלינדע קאָרי־דאָרן אָן אויסוועג.

איך ווייס אויך פון דעם פונדאַמענטאַלן טעות, וואָס איר מאַכט,

אָפּטיילנדיק שאַרף גלויבן פון וויסן, מעטאַפיזיק פון פיזיק, מיסטיציזם פון רעאַליזם. האָט איר דען ניט באַמערקט אַזוי אָפט, ווי פון פאַנטאַס־טישע מעשות ווערן אַלטעגלעכע פאַקטן? דאַרף איך דען אילוסטרירן פאַר אייך דאָס נאָרוואָס געזאָגטע מיט אַזאַ, למשל, פאַקט, וואָס מיר זעען און הערן זאַכן טויזנטער מייל ווייט אַוועק... וואָס מיר זעען דורך מאַסיווע, סאָלידע ווענט, וואָס מיר פילן אַן אַ צימער מיט ליכט דורך אַ דרוק מיט אַ פינגער אויף אַ קנעפּל, אַן אַקט ניט פיל אַנדערש פון גאָטס „יהי אור", זאָל ווערן ליכט?! מיר באַנוצן דערביי פינגער אַנשטאָט ווערטער. טירן עפענען זיך אַליין פאַר אונז אין פענסילוועניאַ סטאַנציע, אַזוי נאָר ווי מיר קומען צו נאָענט ... מיסטיקער האָבן באַשאַפן אַ „גולם", און דאָסגלייכן שאַפן מעכאַניקער רעכן־אַפּאַראַטן, אַרבעטס־אָטאָמאַטן... הערט זיך נאָר צו וואָס די נייע וויסנשאַפט, סיבערנעטיקס, גרייט זיך צו טאָן!

ניין, איך גיי אייך נישט באַלעסטיקן מיטן דערציילן זאַכן, וואָס איר אַליין און די וועלט האָט שוין פאַררעכנט פאַר ג ע ו ו י י נ ל ע כ ן ו ו י ס ן.

געוויינלעכעס וויסן, — פאַר וועמען?

געוויינלעכעס וויסן פאַר אייך, אָבער ניט פאַר יעדן געוויינלעכן מענטשן.

פאַר יענע איז דאָס ניט אַ זאַך פון וויסן, נאָר אַ זאַך פון גלויבן. כמעט יעדער געוויינלעכער מענטש נעמט אָן פאַר גילטיק אַן ענטפער, וואָס ער קריגט ווען ער פרעגט: „ווי אַזוי טוט די ראַדיאָ ריידן?"

„אָ, ס'איז דורך עלעקטריציטעט", הערט ער דעם ענטפער.

ער ווייסט דאָך אייגנטלעך ניט, ווי אַזוי עלעקטריציטעט מאַכט זיין ראַדיאָ־מאַשין ריידן, אָבער פונדעסטוועגן נעמט ער אָן דעם ענטפער אויף גלויבן, פונקט, ווי אַנדערע נעמען אָן גאָטס נאָמען אַלס ענטפער אויף פראַגן ווי אַזוי די וועלט עקזיסטירט? מאַנכע מענטשן ווערן דורך אַ צופאַל, אָדער איינפלוס אַריינגעצויגן אין אַטעאיזם, זיי זיינען גרייט אָנצונעמען עלעקטריציטעט פאַר די סיבה פון אַלע דערשיינונגען אין דער וועלט, פּרובירט אָבער זיי דערמאָנען גאָט אַלס די מעגלעכע סיבה פון דעם וועלט־סדר, וועלן זיי מיט כעס עס אָפּוואַרפן, נישט מערקנדיק, אַז עלעקטריציטעט האָט ביי זיי פאַרנומען די ראָל פון גאָט.

אָבער וואָרום רייד איך בלויז וועגן דעם ג ע ו ו י י נ ל ע כ ן מענטשן, וואָס נעמט אָן זאַכן ניט וויסנדיק, ניט פאַרשטייענדיק? דער־

ליבט מיר וועגן אייך, מענער און פרויען פון וויסנשאַפט, עפּעס דער־ציילן, אייך עפּעס פרעגן:

אָט וועגן דעם רעקאָרד, וואָס זינגט און שפּילט פאַר אייך אויף אייער פאָנאָגראַף:

יעדע מוזיקאַלישע נאָטע האָט אַ געוויסע צאָל וויבראַציעס, וואָס ווערן אַריינגעקריצט אין דער רעקאָרד־פּלאַטע און דערנאָך צוריקגע־געבן פון דער נאָדל, וואָס לויפט איבער דער איינגעקריצטער ליניע. ווי אַזוי זשע ווערט רעקאָרדירט אַ גאַנצער אָרקעסטער און אַ כאָר שטי־מען דערביי, ווי, למשל, אין בעטהאָווענס ניינטע סימפאָניע, הונדערטע אינסטרומענטן, הונדערטע שטימען און טענער, וואָס יעדע פון זיי פאַרמאָגט אַן אַנדער צאָל וויבראַציעס, אַלע אויף איין ליניע צו דער־זעלבער צייט, צוריקגעגעבן פון דער איינציקער ליניע, צו דער איינצי־קער נאָדל, און ווערן אַלע געהערט פון אונזער אויער, וואָס האָט אויך בלויז איין איינציקן דראָם־פּויק? ווי אַזוי פאַרשטייט איר עס?

איר פאַרשטייט עס? ניין, **איר פאַרשטייט עס ניט**.

מאַטעמאַטיקער צווישן אייך דאָ, וועלן מיר אפשר זאָגן, אַז די צאָל וויבראַציעס פון דער העכסטער נאָטע און די צאָל וויבראַציעס פון דער נידעריקסטער נאָטע געפינען אַ סינטעז אין אַ נייער צאָל... אומגעפער אַזאַ ענטפער וועלן מיר געבן די טעכנאָלאָגן, פיזיקער און מעכאַניקער צווישן אייך... און ווען איך וועל ניט זיין צופרידן מיט די אַלע דער־קלערונגען און וועל ווייטער האַלטן אין פרעגן, וועט איר, ווי איך האָב עס אַליין דורכגעלעבט, צעפירן מיט די הענט און זאָגן:

„אָט זעט איר דאָך"!

„אָט זעט איר דאָך", ענטפערט דער גלויביקער, ווען ער וויל פאַר־ענטפערן געטלעכע פּראָפּאָזיציעס. קיינמאָל, דאַכט זיך מיר, איז די מחיצה צווישן וויסן און גלויבן ניט געווען אַזוי אומקלאָר, אַזוי פאַר־ווישט ווי היינט צו טאָג. אָט דערלויבט מיר פאַר אַ רגע צו ריידן אין אייער לשון, ווערטער וואָס איך האָב געהערט, אָדער געלייענט, כ׳געדענק ניט גענוי:

„ס׳איז אפשר זינלאָז, זאָגט אַ וויסנשאַפטס מאַן, צו פרעגן וויפל פּלאַץ עס פאַרנעמט אַן עלעקטראָן, ווי צו פרעגן וויפל רוים עס פאַר־נעמט אַ געפיל פון מורא, ליבע, האַס אָדער פרייד"... וואָס־זשע פאַרט איז אַן עלעקטראָן? „ס׳איז אַ טייל פון אַן אַטאָם", ענטפערט די וויסנשאַפט, „אָנגעלאָדן מיט עלעקטריציטעט". און וואָס איז עלעקטרי־

ציטעט? „ס׳איז ניט קיין זאַך, ס׳איז אַ שטייגער״, קומט אַן ענטפער, „ס׳איז אַן אופן ווי עס באַנעמט זיך״.

וואָס און ווער „ע ס ב אַ נ ע מ ט ז י ך?״

און דאָ בלייבט דאָס וויסן שטיין. צעפּירט מיט די הענט און זאָגט: ס׳זיינען אפשר כוואַלעס „וויווס אָוו פּראָבאַביליטי״, כוואַלעס פון עפּעס אַ מעגלעכקייט.

וואָס פאַר אַ מעגלעכקייט?

אויב קיין פאַרשלאַג איז ניטאָ אויפן טיש, מעג מען דאָך פאַרשלאָגן גאָט אַלס אַ מעגלעכקייט? ניין? גאָט אַלס אַ היפּאָטעזע איז אַזוי גוט, ווי וועלכע ניט איז אַנדערע היפּאָטעזע. ניין, איך ווייס, אַז איר זיינט נאָך ניט גרייט צו געבן גאָט דיזעלבע גלייכע־רעכט... אייער טענה איז, אַז אַ גאָט־היפּאָטעזע וועט פאַרצוימען דעם וועג צו ווייטערע פאָרשונגען. גאָט, מיינט איר, איז אַ פינאַלער ענטפער, נעמט איר אים אָן — איז ווייטער ניטאָ וואָס צו זוכן. ס׳איז אָבער ניט אַזוי. איר ווייסט אַליין פון אַ גאַנצע רייע גרויסע, גאַר גרויסע וויסנשאַפטסלייט, וואָס האָבן אָנגענומען גאָט, און אים ניט באַטראַכט פאַר אַ שטערונג צו זייערע ווייטערדיקע פאָרשונגען. אפשר האָט זיי גאָט געהאָלפן אין זייער אַרבעט?!

**
*

אָבער, מיינע דאַמען און הערן, איך בין דאָך ניט געקומען צו פּראָפּאַגאַנדירן גאָט פאַר אייך. ניין, איך בין ניט קיין נביא. ס׳איז ד ע ר מ ע נ ט ש, ז י י ן ל ע ב ן א ו ן ז י י ן ט ו י ט, וואָס איך בין דאָ אַהער געקומען פאַרצולייגן פאַר אייך.

„גאָט, האָט, דאַכט זיך, דאָסטאָיעווסקי געזאָגט, איז אַ טרער פאַרגאָסן איבער דעם טראַגישן גורל פון מענטשלעכער עקזיסטענץ״. איך וואָלט געזאָגט, אַז גענוג טרערן זיינען שוין פאַרגאָסן געוואָרן ביי מענטשן אַליין איבער זייער קורצן לעבן, וואָס ענדיקט זיך אַזוי פּלוצלינג, גראָד, ווען עס הויבט אָן צו ווערן געשמאַק און שכל׳דיק.

איך בין צו אייך געקומען פּרוואוון אָפּשטעלן דעם שטראָם פון טרערן אויף דעם אומגליק און ברענגען אַנשטאָט דעם אַ שמייכל פון צוטרוי און נשמה־רו.

איז, בעט איך אייך, איר זאָלט זיך צו דעם צוהערן.

דער אייביקער גלויבן און חלום פון מענטשן איז ווייטער צו לעבן

נאָכן טויט. ווייל איך זיך אָפּשטעלן אויפֿן נאָר־וואָס אַרויסגעזאָגטן וואָרט א י י ב י ק ע ר. איך מיין דערמיט צו זאָגן — אַזוי לאַנג ווי דער מענטש איז געוואָרן מענטש, דאָס מיינט, לויט די ביאָלאָגישע חשבונות צוריק מיט אַ מיליאָן יאָרן. זיי, די ביאָלאָגן, געפינען סימנים פון דעם ביי די גאָר־גאָר פּרימיטיווע מענטשן, די אַזוי־גערופענע נעאַנדערטאַל־מענטשן, אַרום הונדערט און פופציק טויזנט יאָר צוריק, אין דעם שטייגער ווי זיי פּלעגן באַגראָבן זייערע טויטע... סימנים ביי ענלעכע פּרימיטיווע פון אַ פינף און צוואָנציק טויזנט יאָר צוריק, פופצן טויזנט יאָר צוריק, ביי פעלקער פון פּרי־היסטאָרישע און היסטאָרישע צייטן... פּערסיער, עגיפּטער, ביי וועמען דאָס לעבן נאָכן טויט איז געווען וויכטי־קער ווי דאָס לעבן פאַרן טויט, און אַזוי איז עס ביז צום היינטיקן טאָג ביי מענטשן, פעלקער, קולטורן, ציוויליזאַציעס פון כל המינים, ניט ווייניקער אינטענסיוו, אָננעמענדיק פאַרשיידענע געדאַנקלעכע, רעלי־גיעזע, פילאָזאָפישע און מיסטישע באַגרינדונגען.

מיט וואָס דערקלערט זיך אַזאַ טיפער, אייביקער באַגער ביי מענטשן?

דערלויבט מיר, אין מיין ענטפער אויף דער פראַגע, צו באַנוצן זיך מיט אייער שפּראַך, מיט די ווערטער פון ביאָלאָגישער וויסנשאַפט:

***

דער מענטשלעכער אָרגאַניזם איז אַ געזעלשאַפט פון ביליאָנען צעלן. נישט אַלע זיינען פון דעמזעלבן מין. זיי זיינען צעטיילט אין גרופּן, וואָס יעדע פון זיי האָט זיך איר פונקציע, אויפגאַבע און אַרבעט. עס זיינען דאָ צעלן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט געהער, זען, פאַרדייאונג, אָטעם, בלוט א. א. די קאָמפּליצירטסטע גרופּע צעלן זיינען די, וואָס פאַר־מירן דעם מאַרך, וואָס צוזאַמען מיטן רוקן־מאַרך און נערוון בילדן דעם פּסיכישן אַפּאַראַט פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. אַהין שיקן אַלע אַנ־דערע נערוון־גרופּן זייערע איינדרוקן און באַריכטן. דאָס ווערט דאָרט סאָרטירט, באַטראַכט און אַריבערגעשיקט מיט דירעקטיוון צו דעם עקזעקוטיוו־צענטער פאַר האַנדלונגען. אומצייליקע שטאַפעטן לויפן הין־און־הער מיט אומגעהויער שנעלקייט און פּינקטלעכקייט, וואָס קיין גלייכן צו דעם איז ניטאָ צו געפינען אין גאַנצן וועלט־באַשאַף.

**
*

אַזוי אַרום ווערן באַשלאָסן האַנדלונגען, וואָס היילן ווייטאָגן, פאַר־ריכטן פעלערן און שוואַכקייטן און ווערן אונטערגענומען נייע פּראָ־יעקטן, פאַר נייע פאָדערונגען און נויטן. דאָס פירט צו דער באַשאַפונג פון נייע אָרגאַנען, דריזן, צעלן־גרופּן, נייע צעלן פונקציעס. ווי אַזוי ס'איז געוואָרן, אַז פון איין־צעל, אַמעביע, דעם איינפאַכסטן לעבן־אָרגאַניזם, זאָל ביסלעכווייז ווערן אַ ביליאָן־צעליקער מענטשלעכער אָר־גאַניזם, קען אפשר פאַרענטפערט ווערן אויף דעם דאָזיקן שטייגער, אָדער אין גאַנצן ניט פאַרענטפערט ווערן. פרעגט מען אָבער, וואָס איז די טרייב־קראַפט פאַר די צעלן און צענטערן צו טאָן דאָס וואָס זיי טוען? איז דער ענטפער אַ באַשטימטער: ס'איז דער ר צ ו ן צו עקזיסטירן, דער ווילן צו ז י י ן, צו ל ע ב ן און ל ע ב ן ב ע ס ע ר, ו ו י י ט ע ר און ל ע נ ג ע ר. אויסמיידן לייד, קרענק, טויט און לעבן — לעבן — לעבן. אָט דער רצון צו לעבן מער און ווייטער שטויסט דעם אינטעליגענץ־צענטער אויסצואַרבעטן פּראָ־יעקטן, באַשאַפן פאַר דעם די נויטיקע דריזן, נייע צעלן, נייע אָרגאַנען מיט זייערע נערוון־גרופּן, וואָס זייער אויפגאַבע דאַרף זיין צו שאַפן אַ לעבן וואָס לענגער. דער מיליאָן־יאָריקער רצון ביי מענטשן פאַר אַ לעבן נאָכן טויט, האָט געמוזט ווערן אַ ביאָלאָגישע ווירקלעכקייט. קיינער אין דער אינערער געעזלשאַפט פון צעלן, נערוון און מאַרך קענען דאָך ניט טאָלערירן טויט און וואָס שטאַרקער און לענגער דער דאָזיקער באַ־וואוסטזיין איז, אַלץ באַשטענדיקער איז דער פאַרלאַנג דאָס צו פאַר־ווירקלעכן, אויסצוטיילן פון צווישן זיך אַ קאָמיסיע, וואָס אַרבעט אויס וועגן און מיטלען פאַר דעם.

**
*

פון דעם איז לאָגיש געדרונגען, אַז וואָס וויניקער דער אָרגאַניזם מיט זיין פסיכישן אַפּאַראַט טראַגט דעם ווילן און באַוואוסטזיין דערפון, אַלץ קלענער איז זיין מעגלעכקייט פאַר אַ לעבן נאָכן טויט.

זיינען מעגלעך געשאַפן געוואָרן אַזאַ גרופּע צעלן וואָס באַשטייען פון זייער אַ דינעם סובסטאַנץ, צעלן פון אַזאַ פייאיקייט אָפּצוטיילן זיך פון אַנדערע צעלן, ווען די לעצטע האָבן מער קיין כוח ניט צו לעבן. זיי טיילן זיך אָפּ, מיטנעמענדיק מיט זיך די פערזענלעכקייט פון דעם

מענטש. דאָס רופן מיר אַן זיין נשמה, און דאָס הייסט אויך לעבן נאָכן טויט.

ס'איז דער ענטפער, וואָס דער אָרגאַניזם האָט געגעבן, אָדער גיט, צו דעם דרינגנדיקן פאַרלאַנג פון זיינע מיטגלידער.

איינער, אַ גרויסער וויסנשאַפטסמאַן, פּראָפעסאָר מאַלינאָווסקי, זאָגט אַזאַ זאַך: „דאָס ווייטער לעבן נאָכן טויט איז אפשר אַ היפּאָטעזע, וואָס שטאַמט פון אַ טיף פאַרוואָרצלטן ביאָלאָגישן באַגער פון אונזער אָרגאַניזם צו לעבן ווייטער..." און אַ דייטשער ביאָלאָג, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן טיטל „גרויסער", אוגוסט וויסמאַן, רעדט וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון איין צעל־אָרגאַניזמען אַזוי: „דאָס הייסט, זאָגט ער, צעלן שטאַרבן, אָבער ניט די גאַנצע צעל שטאַרבט, אַ טייל פון דער צעל לעבט ווייטער... וועלכער טייל?... און דאָ זאָגט ער, אַז „עס לעבט ווייטער אין צעל ניט איר מאַטעריע, נאָר אַ געוויסע פאָרם פון אַ באַוועגונג, אַ געוויסער שטייגער פון לעבן איז אומשטערבלעך"...

אָט וועגן דעם ריידן מיר דאָך דאָ!

***

נאָך דעם ווי מיר האָבן באַטראַכט און אַרויסגעבראַכט דעם אייביקן, טיף פאַרוואָרצלטן פאַרלאַנג נאָך אַ תחית־המתים און מיר קומען צו דער פאָרשטעלונג, דאָס הייסט, צו אַ בילד פון דעם וואָס אַזוינס דאָס איז, אָדער קען זיין, ווערן מיר אנטוישט פון די בילדער, וואָס די מענטשהייט האָט געשאַפן וועגן דעם דאָזיקן אייביקן חלום. זיי זענען אָפט אויס פלאַך, ניט ווירדיק אפילו צו חלומען וועגן זיי. די מייסטע פון די גרויסע רעליגיעזע סיסטעמען לייגן פאָר פּראָיעקטן פון אַ גן־עדן און אַ גיהנום, גן־עדן פאַר די גוטע און פרומע, גיהנום — פאַר די שלעכטע און זינדיקע. און וואָס איז דאָס לעבן אין גן־עדן? ליידיק און לאַנגווייליק. עס פּראָוואָצירט צו הומאָריסטישע באַמערקונגען, אַז צדיקים האַלטן און פוצן און ציכטיקן די שטערן פאַר ביינאַכט און אויסשיינען די זון פאַר בייטאָג... גיבן די יונגע כרובים פערמאַנענטע לאָקענס, וואַשן און פּרעסן זייערע פליגלען. און פאַר די וואָס זייער חלק איז גיהנום, האָט מען אַ ספּעציעלע שטראָף, אַ חוץ זיך ברענען און בראָטן אויף אַ העלישן פייער, דאָס איז שאַרן קוילן אין די פלאַמענדיקע אויוונס.

אַן אַנדערע פון די הויפּט גלויבנס האָט אַ פאָרשטעלונג פון גן־עדן, ווי אַ גאָרטן פול מיט געשלעכטלעכע פאַרגעניגנס...

דער ווייטער מזרח האָט מער דורכגעטראַכטע אידייען וועגן יענער וועלט. די לערע פון „גילגול" און „קאַרמאַ" מיט אַלע זייערע פאַרצווייגונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען דורך די לאַנגע צייט־געדויער פון בודיזם. אַ ווייטערדיקער צווייג איז באַקאַנט געוואָרן אַלס ספּיריטואַליזם, מיינענדיק, אַז גייסטער פון פאַרשטאָרבענע מענטשן זיינען נאָך אַלץ אַרום אונז, גרייט צו העלפן אָדער אָנטאָן שאָדן. איר האָט זיכער געהערט וועגן טישן וואָס קלאַפּן, אויטאָמאַטישן שרייבן, פּאַראויסזאָגן, צייכנס, און אַנדערע זאַכן. טעאַטערס און סינעמאַס האָבן די דאָזיקע גייסטער אַריינגענומען אין זייערע רעפּערטואַרן. פריילעכע, שטיפערישע גייסטער, אַבסורדע... זיי קלאַפּן מיט די טירן, פּאַטשן זייערע שוועסטער אין פּנים, לעשן אויס דעם לאָמפּ, רייסן אַרונטער בילדער פון וואַנט, לעכערן דורך גומענע רעדער פון מאַשינען און ענלעכע אומזינס.

עס ווערט אויך דערציילט וועגן טרויעריקע גייסטער, אַזעלכע וואָס בענקען נאָך אימיצן, קענען נישט איינרוען אין זייערע קברים און טרעטן אַריין אַלס דיבוק אין אַ „ליבע־קראַנקן" מענטשן... אַ גלגול, אַ בייזער גייסט און נאָך, און נאָך...

אָט די אַלע גרעסערע און קלענערע פּראָיעקטן און אידייען וועגן לעבן נאָכן טויט, זיינען ערנסט נאָר דערמיט, וואָס זיי ווייזן דעם אייביקן באַגער צו לעבן ווייטער. זיי זיינען אויך גוט פאַר מעשיות, אַמאָל אויך גוטער מאַטעריאַל פאַר דראַמאַס און דיכטונגען, קענען אָבער נישט גענומען ווערן ערנסט פון דעם מאָדערנעם, סקעפּטיש געשטימטן מענטשן. ס'איז דאָ אַ גרויסע נויט פאַר אַ פּראָיעקט, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט און געגנוג לאָגיש באַגרינדעט, אַזוי אַז עס זאָל קענען האַרמאָנירן מיטן טיף־ליגנדיקן באַגער פאַר אַ ווייטערן לעבן און זאָל קענען אויפגענומען ווערן פון אַזעלכע מענער און פרויען, ווי די, וואָס זיינען פאַרזאַמלט היינט דאָ אין קאַרנעגי־האָל.

**
*

דאָס וואָלט איך גריילעך געוואָלט דורכפירן. כ׳וואָלט וועלן פאַרלייגן פאַר אייך אַ בילד פון אַ וויטערדיקער עקזיסטענץ, וואָס זאָל זיין דענק־באַר, ווינשנסווערט און זאָל קענען אָנגענומען ווערן פון אייך. ווען דאָס געשעט, ווען איר נעמט עס אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון מעגלעכ־קייטן, וואָלט דאָס געמיינט אַז ס׳איז דורכגעגאַנגען דערפאָלגרייך דעם אַזויגערופענעם „עסיד טעסט״.

**
*

איך וואָלט געקענט נוצן פאַר דעם אַ מעטאָד, אַן אַלטן אויסגעפּרואווטן, צו מאַכן אייך גלויבן, אַ גרינגן מעטאָד, דאָס איז צו באַווייזן אייך וואונדער־נסים. אויפטאָן זיי גלייך דאָ, פאַר אייערע אויגן. אַנשטאָט צו אַרגומענטירן — נעמען און ווייזן עס אייך. איך וואָלט געקענט, למשל, אייך זאָגן, אַז מיסטער טאָמאַס עדיסאָן איז נאָרוואָס אַריין געגאַנגען אין זאַל. אָט איז ער, די הויכע, ווירדיקע פיגור פון דעם ווייסהאָריקן דזשענטלמען. ער גייט דורך די רייען בענק אויפן וועג צו דער פּלאַטפאָרמע. אָט איז ער אָנגעקומען, ער קערט זיך אום מיטן פּנים צו אייך אַלעמען... איר זעט אים, אָן צווייפל״...

עטלעכע שטימען האָבן זיך דערהערט, הויך, שאַרף, פון מענער און פרויען.

„אָבער, איך בעט אייך, זייט רואיק. איך האָב עס בלויז געזאָגט, כדי צו אילוסטרירן פאַר אייך אַ שטייגער פון באַווייזן. מיסטער עדיסאָן פאַרלאָזט דעם זאַל, ער איז דאָ מער ניטאָ. איך בעט אייך, זייט ניט אויפגערעגט.״

דער פאָרזיצער האָט זיך אויפגעהויבן צו העלפן מיר צוריק־ברענגען אָרדענונג... און ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט ער געזאָגט: „רעדט ווייטער, זייט אַזוי גוט״.

איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז איך בין ניט גערן אָנצוואווענדן דעם גרינגן מעטאָד, כדי אייך צו געווינען און מאַכן אייך אָננעמען מיין אידייע, אַ מעטאָד וואָס ווערט פּראַקטיצירט ביי די גרינדערס פון גלויבנס, דעם מעטאָד פון באַווייזן נסים. איך וויל זיך פון דעם צוריק־האַלטן ווייל ווען איך זאָל אפילו געווינען אַ נצחון איבער די וואָס זיינען

איצט דאָ אין זאָל און אפשר אויך איבער די וואָס שטייען נאָענט צו זיי, צו אייך, וואָלט איך פאַרלוירן אַנדערשוואו. איך וואָלט פאַרלוירן ביי די וואָס האָבן די נסים ניט געזען מיט זייערע אייגענע אויגן. דורות שפּעטער, אָדער ווייטע קרייזן, באַטראַכטן די מעשות וועגן נסים ווי לעגענדעס באַשאַפן פון אימיצן, אָדער חלומות פון צווייפלהאַפטן ווערט. דערפאַר וועל איך בעסער פאַר אייך פאַרלייגן אַרגומענטן מיט לאָגיק און שכל, ווי איר האָט עס שוין זיכער באַמערקט אין מיין ביז־איצטיקן ריידן. אויב איך וועל געווינען אייך אויף דעם אופן, וועט דער זיג מוזן זיין אַ באַשטענדיקער און ווייטגרייכנדיקער.

און דערפאַר וועל איך אויך אויסמיידן צו באַנוצן זיך מיט אַן אַנ־דער אינסטרומענט וואָס איך פאַרמאָג, מיין אויטאָביאָגראַפיע. איך וואָלט אייך געקענט דערציילן וועגן מיין לעבן, טויט און ווידערלעבן. מיין שליחות אַהער צוריק. איך וואָלט זייער געוואָלט איך דערציילן ווי אַזוי דאָס אַלץ געשעט. איך הער דאָך שטענדיק מענטשן זאָגן, אַז קיינער איז נאָך פון „דאָרטן” ניט צוריקגעקומען צו דערציילן ... דאָס איז אייגנט־לעך ניט ריכטיק, ווייל ניט אַלע וואָס זיינען צוריקגעקומען ווייסן אַליין וועגן דעם ... און ניט אַלע וואָס ווייסן, קענעןריידן קלאָרע רייד ... און ניט אַלע, וואָס קענען ריידן קלאָרע רייד, ווערן געהאַלטן פאַר קלאָר און באַגלויבט.

אָבער אפילו ווען איך דערצייל עס אייך, און איר גלייבט מיר, האָט עס נאָך אַלץ ניט דעם כוח פון אַן אָביעקטיוון באַוויז, ס׳איז נאָך אַלץ אַן ענין וואָס מען קען אָפּלייקענען. דערפאַר וועל איך נוצן אַרגומענטן אַנשטאָט פערזענלעכע איבערלעבונגען.

***

„די נאַטור גייט פאָראויס, אויף איין וועג,” — הער איך אייך זאָגן. „מסכים”.

אָבער וואָס איז דער איינציקער וועג אויף וועלכן זי גייט?

הער איך אייך ווידער זאָגן: „זי גייט דעם וועג פון טויט”. די זון שעפּט אויס איר היץ, שטערן רייסן אויף און פאַלן, וועלטן גייען אונטער, פעלקער, ציוויליזאַציעס פאַרגייען, מענטשן שטאַרבן פונם ערשטן טאָג, ווי זיי ווערן געבוירן. ווען אַ קינד ווערט געבוירן, הער איך אימיצן פון אייך זאָגן, איז עס שוין אַלט גענוג צו שטאַרבן. מיט איין וואָרט, זאָגט איר, די לעבעדיקע, אַז דער וועג פון דער נאַטור איז טויט.

און גאָר פאַרקערט, מיר, די טויטע, האַלטן, אַז דער וועג פון נאַטור איז לעבן. פונקט ווי שלאָף איז ניט אַ טראַט צוריק פון לעבן, אַזוי איז אויך ניט דער טויט.

וואָס־זשע פאַרט איז טויט, וועלכן מיר זעען אַרום אונז, און מיר וואַרטן צו טרעפן זיך מיט אים פנים־אל־פנים ?

קער איך זיך ווידער אום צו אייער וויסנשאַפט — ביאָלאָגיע.

די צעל שטאַרבט אָפּ ווען זי נוצט אויס איר כוח צו באַנייען זיך, און גיט איבער צו אַ נייעם צעל דורך איר ז כ ר ו ן איר אייגענע פאָרם און פונקציע. ווען אַ סך צעלן שטאַרבן, די ניצלעכסטע און וויכ־טיקסטע, און קיין נייער דור צעלן איז ניט געשאַפן געוואָרן צוליב אַ סך סיבות — שטאַרבט דער גאַנצער גוף פון אַ מענטשן. די לויז און פריי־געוואָרענע זכרון־טיילכעלעך פון אַלע צעלן קומען זיך צונויף דורך אַ צענטראַלן דירעקטיוו און די פּערזענלעכקייט ווערט ווידער געשאַפן און עקזיסטירט ווייטער. מיט אַנדערע ווערטער — די נשמה לעבט ווייטער נאָכן טויט פונם גוף.

קענט איר מיך דאָ אָפּשטעלן און אַ פרעג טאָן: „וואָס עפּעס האָב איך געגומען אַזאַ איינפאַכע זאַך, ווי זכרון און אַוועקגעזעצט עס אויף אַזאַ הויכן פּיעדעסטאַל, געקרוינט עס מיטן נאָמען נשמה, אפשר גאָר גאָט אַליין, בכבודו ובעצמו?

מיין ענטפער אויף דעם איז: נעמט אַוועק דעם זכרון פון וועלט און מענטש און אַלץ פאַלט פאַנאַנדער, אַלץ און אַלעס.

פאַרלירט אַ מענטש זיין זכרון — וויים ער ניט ווער ער איז, ווער ער איז געווען און וועט זיין. אויס, אַלץ ווערט אויס! זכרון איז ניט נאָר אַ פונקציע פון דעם מאַרך; מיט זכרון איז דורכגעוועפּט די גאַנצע וועלט־באַשאַפונג. בוים, בלאַט, שטיין און ים, זון און שטערן און יעדער אַטאָם, באַרג און וואָלקן. זכרון איז דער צעמענט וואָס האַלט די וועלט צוזאַמען, ס׳היט אָפּ די געשטאַלט און פאָרם פון יעדע זאַך, יעדע גרע־זעלע, יעדן שטיין, קרישטאל און קאָסמאָס.

יעדע צעל האָט זיך איר טיילעכל כוח־הזכרון, וואָס מיט איר כוח פאַרמערן זיי זיך... יעדע צעל האָט זיך איר חלק זכרון, אַ קליין טיילכל, אָבער די צעל פון געשלעכט, די אָוואום פון דער פרוי, און דער ספּערם פון דעם מאַן, טראָגן אין זיך דעם זכרון פון דעם גאַנצן פאַר־שוין, און גיבן עס איבער בירושה צום נעכסטן דור, מיט די צוגעקראָ־גענע פאַרבעסערונגען. דאָס איז וואָס מאַכט ענלעכקייט, אַנטוויקלונג און

פראָגרעס. זכרון איז ניט נאָר פּסיכאָלאָגיע, זכרון איז אויך פיזיאָלאָגיע, ביאָלאָגיע, קאָסמאָלאָגיע, פיזיק און מעטאַפיזיק. אַלץ, אַלץ איז זכרון.

**
*

צונויפגעשטעלט פון אַלע טיילכעלעך צעל־זכרון, — דערשיינען מיר נאָכן טויט, אין אונזער פּערזענלעכקייט מיט אַלע ניואַנסן, אַלע חלומות, געדאַנקען, אידייען, אידעאַלן, מיט אַלץ וואָס מאַכט אויס אונזער נשמה־לעבן אויףביידע זייטן עקזיסטענץ. די דאָזיקע צעלן גוויטיקן זיך ניט אין שפּייז, אין צוקער, פעטס, פּראָטעאין, אָקסידזשען, היידראָדזשען... ס'איז אַ ליכטיקע, דורכזיכטיקע דערשיינונג פון אַזאַ מין, וואָס איז נאָך ניט צוגענגלעך צו די באַגרעניצטע צאָל חושים וואָס איר פאַרמאָגט, אָבער וואָס טראָגן די גאַנצע נשמה פון דעם אינדיווידואום אין אַ געלייטערטע פאָרם.

מערקט אייך, איך זאָג פאָרם, ווייל זכרון איז גישט פאָרמלאָז, זכרון איז געשטאַלטיקייט, און געשטאַלטיקייט איז זכרון.

אָט דער געלייטערטער און דאָך פּערזענלעכער, נאָכן טויט לעבנדי־קער מענטש, בלייבט ווייטער אַ ס אָ צ י אַ ל ע ר מ ע נ ט ש, קומט זיך צונויף מיט זיינע נייע מיטמענטשן, זיי האָבן פאַרזאַמלונגען, פּראָבלעמען... ער געדענקט זיינע מיטמענטשן פון אַמאָל, ווייסט, אַז מיליאָנען, ביליאָנען, זיינען שוין געקומען אַהער, קומען איצטער און וועלן ווייטער קומען... ער ווייסט אַלץ און וויל... וויל... וויל!

דער ווילן, דער אייביקער רצון, אַ נייער מין וויטאַליטעט איז מיט אים ווייטער, ווי עס איז אין דעם גאַנצן וועלט באַשאַף. ניטאָ קיין טייל און טיילכל אין דער וועלט, וואָס האָט עס ניט... די וועלט איז פ ו ל מ י ט ז י י ן כ ב ו ד, כבודו מלא עולם, און מיט ז י י ן ר צ ו ן, מ י ט ז י י ן ו ו י ל ן... ו ו י ל ן...

איך בעט אייך איר זאָלט ניט דערוואַרטן פון מיר, איך זאָל פאַר אייך אַנטוויקלען מיין געדאַנק אין אַלע דעטאַלן. איך קען עס אייך איבערגעבן בלויז אין אַלגעמיינע קאָנטורן.

די נייי־פאָרמירטע פּערזאָן בלייבט נאָך צווישן די לעבעדיקע, האַלט אָן די פריערדיקע אינטערעסן, צוגעהעריקייטן צו מענטשלעכע פּירוג־גען. ער פאָלגט זיי נאָך, אָבער פון אַ נייעם שטאַנדפּונקט, און אַ נייעם פאַרשטאַנד, נייע לויטערקייט. אין אים ווערט געבוירן אַ גרויס באַגער

צו קומען אין באַציאונג און באַרירונג מיט די וואָס לעבן, דער באַגער איז אַזוי גרויס, ווי ביי די וואָס לעבן, צו די פאַרשטאָרבענע. אָבער פּונקט ווי די וואָס לעבן ווילן ניט שטאַרבן, אַזוי ווילן אויך ניט די וואָס זיינען געשטאָרבן צוריק צו קומען אויף דער ערד און לעבן, סיידן עס איז דאָ אַ ספּעציעלע סיבה פאַר דעם, אַ מיסיע, אַן אַרבעט.

ניין, ס'איז מיט זיי ווי מיט אַלץ וואָס עקזיסטירט. זיי ווילן פאַר־בלייבן דאָס וואָס זיי זיינען, נאָר גייען ווייטער פאָראויס און בעסער. דערציילט דאָך אימיצער אין שפּאַס, אַז ווען אַ קינד ווערט אויף דער וועלט געבוירן, איז עס אויף יענער וועלט אַ לויה.

וואָס זיי ווילן דאָרטן איז, צו דערגרייכן אַ נאָענטע פאַרבינדונג, פאַרשטענדיקונג, אַ פאַראייניקטן שטרעבן, אַ פאַראייניקטן פראָנט, אַזוי צו זאָגן, כדי אויסצואווירקן אַ גרעסערן איינפלוס, און אַ דעה אויף דעם גאַנג פון דער וועלט.

זיי האַלטן עס פאַר מעגלעך, פאַר אונז אַלעמען, ווען מיר זיינען אין איין גרויסער מענשהייט, פון דער איינער, גאַנצער, גרויסער וועלט, אַז מיר אַלע וואָלטן געקענט קערעווען דעם גאַנג פון מענטשלעכער וועלט און דרכים, וואָס וואָלטן פאַרמידן קאַטאַסטראָפעס, און דערפירט צו יענער ליכטיקייט און גוטסקייט וועגן וועלכע מיר אַלע טרוימען.

זיי מיינען דאָרט, אַז מיר אַלע אינאיינעם וואָלטן געקענט דער־גרייכן די צענטראַלע פון דער וועלטס־פאַרוואַלטונג און דערלאַנגט דאָרטן אונזערע פאָדערונגען פאַר אַ שטימע אין דער וועלטס־פירונג, די שטימע פון אומצייליקע נשמות, פון די וואָס האָבן געלעבט, וואָס לעבן איצט און וואָס וועלן לעבן... לעבן, שטאַרבן און לעבן.

דאָס איז מיין פּראָיעקט.

**
*

דאָס בין איך געשיקט געוואָרן פאַרצולייגן פאַר אייך און פאַר די אַלע וואָס איך קען דערגרייכן. איך פיל מיך זייער גליקלעך מיט דעם וואָס איך האָב דאָ געקראָגן די געלעגנהייט צו ריידן צו אייך. איך האָב די זיכערקייט, אַז איר וועט עס ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט און פאַרוואַרפן עס ווי עפּעס בטלנישע רייד. וואָס איר קענט אפשר זאָגן איז, אַז אייערע לאַבאָראַטאָריעס זיינען נאָך נישט צוגעפּאַסט, נישט אויסגעשטאַטעט, פאַר אַזעלכע אונטערזוכונגען. דאָס קען איך איינזען.

אָבער איך גלויב, אַז איר וועט צוגעבן אַז דער פּראָיעקט איז ווערט איר זאָלט אים ווידמען אַ טייל פון אייער צייט, געהירן און געלט־מיטלען צו אונטערזוכן די פּראָבלעם פון טויט, לעבן נאָכן טויט, ווי איר אונ־טערזוכט די פּראָבלעם פון לעבן פאַרן טויט. ווי איר טוט עס מיט אַנדערע פּראָבלעמען ווייניקער וויכטיקע, ווי די דאָזיקע.

און זייט מיר מוחל מיין דרייסטקייט און אַנדייטן פאַר אייך די הויפּט־ליניען פאַר אַזוינע אונטערזוכונגען: ערשטנס — וואָס זיינען די כוחות וואָס האַלטן צוזאַמען גוף און נשמה. קיינער, קיינער קען ניט און זאָל ניט צווייפלען, אַז דאָס זיינען צוויי עלעמענטן, וואָס האַלטן אָן אַ צוזאַמענלעבן, אַ צייטווייליקן. צוויי עלעמענטן, ניט איינס, ניט אַז ביידע זיינען איינס, אַבסאָלוט איינס. ניין, דאָס זיינען צוויי.

איז דאַרף מען קלאָר ווערן — ווי לויז איז זייער אַנהאַלט?

ווי רעגולירט זיך זייער מיט־עקזיסטענץ? זייער מיטלעבן, מיט־אַרבעט, אָפּהענגיקייט, און זייער שיידן זיך, ווען עס קומט דערצו?

איך ווייס, אַז אַ גוטער טייל פון דער אונטערזוכונג באַלאַנגט צו דער מאָדערנער וויסנשאַפט — פּסיכאָלאָגיע. אָבער אַ טייל פון דעם, וואָס מען קען אַנרופן מעטאַ־פּסיכיק, און לויפט פּאַראַלעל מיט מעטאַ־פיזיק, האָט גאָר־גאָר טיפע וואָרצלען און אַ גאָר געהויבענעם אָפּשטאַם.

קוקט זיך צו, איך בעט אייך, צו אַ גאָר קליין באַשעפעניש, אַן איג־סעקט, אַ גאָר קליין פליגעלע, נאָר וואָס געבוירן און שוין ביים ערשטן מאָמענט פון איר קורץ־לעבן ווייסט זי שוין ווי זי דאַרף זיך אויפ־פירן, וואוהין צו לויפן, פליען, זיך צו ראַטעווען, באַשיצן, זיך שפּייזן, ווי זיך צו פאַרהאַלטן אין איר קורצן לעבן.

און מערקווירדיק איז דער פאַקט, אַז וואָס קירצער איר לעבן איז, אַלץ מער און בעסער איז זי אויסגעשטאַטעט מיט לעבנס־קענטעניש און לעבנס־חכמה. די פאַקטן ווייסט איר מסתמא אליין. אייך זיינען אפשר ניט צום האַרצן די ווערטער „לעבנס־חכמה", לעבנס־קענטעניש, „וויסן"... האָט איר די פּריווילעגיע צו פאַרבייטן די ווערטער מיט אַנדערע. די פראַגע בלייבט די זעלבע: פון וואַנעט קומט צו איר די פּסיכיק? ווייסט דען זייער מין, אַז זייער לעבן איז קורץ? און אַז זיי וועלן קיין צייט ניט האָבן צו זאַמלען דערפאַרונגען? ניט די עלטערן זייערע, און די געזעלשאַפט זייערע, ווייסן דאָס, אָדער האָבן געוואוסט ווי קורץ זייער לעבן איז און אַז מען מוז די קינדער מיטגעבן בירושה, דורך אַ ביאָלאָגישן וועג די נויטיקע לעבנס־דערפאַרונגען. ניט אַנדערש,

אַז דאָס האָט געמוזט קומען צו זיי פון אַ דרויסנדיקן, קאָסמישן אינטעלעקט.

קלייניקע פישעלעך פון אַ געוויסן מין ווערן געבוירן, וואָס זייער מוטער האָט צו זיי אָנשטאָט ליבע, אַן אַפּעטיט זיי אויפצועסן. ווייסן דאָס די פּיצינקע, ערשט־געבוירענע פישעלעך, ביים ערשטן שימער פון זייער לעבן, און אַנטלויפן געשווינט פון זייער מוטער׳ס נאָענטקייט. דאָס ווייסן, אָדער פילן די קליינע פישעלעך. פרעגט זיך: פון וואַנעט קומט אָט דאָס ווייסן צו זיי? די מוטער האָט זיי דאָך ניט מיטגעגעבן אַזאַ וויסן! זי האָט דאָך זיי פיינט! פאַרקערט, זייענדיק אין מוטערס טראַכט, האָבן זיי דאָך געלעבט מיט דער מוטערס גנאָד און זאַפט. ווי זשע קומט עס, וואָס מיטאַמאָל אַנטלויפן זיי פון איר... און ווייסן, אַז מען דאַרף אַנט־לויפן?

פאַרטראַכט זיך וועגן דעם, זייט מוחל.

**
*

און נאָך אַ זאַך:

אַז איר וועט האַלטן אין אונטערזוכן די פּראָבלעמען פון גייסט, נשמה, פסיכיק, וועט איר דאָך מוזן אַריינקוקן אין זיך אַליין. קיין בעסערן שטאָף פאַר אָבסערוואַציעס, קיין בעסערן פונקט פון וועלכן צו זען און באַטראַכטן דעם מאַטעריאַל וועט איר ניט געפינען. אַליין די אָבסערוואַציע און אַליין דער אָבסערוואַטאָר! גיט אַ טראַכט און אַ קוק ווי אַזוי איר באַציט זיך צו אַנדערע מענטשן, כ׳מיין די אַלע מדרגות פון אַזאַ באַציאונג? עס הויבט זיך אָן מיט אַ באַציאונג צו פאָטער און מוטער, אַביסל שפּעטער ווערט דאָס ברייטער, מיט אַ באַציאונג צו משפּחה, פאַמיליע. דערנאָך צום קלאַס, צו וועלכן מען באַלאַנגט, ווייטער — צום פאָלק, אייגענע נאַציע, דערנאָך ווערט עס ברייטער — מיט אַ ליבעראַלע באַציאונג צו אַלע פעלקער — אינטערנאַציאָנאַליזם, נאָך ברייטער — איז קאָסמאָפּאָליטיזם... צו דער גאַנצער מענטשהייט, הייסט עס.

ווייטער פון דעם איז עס נאָך דערוויייל נישט אַוועק. אָבער עס קען דאָך גיין ווייטער. אין מיין געפיל און גלויבן איז דאָ די מעגלעכקייט, די צייט זאָל קומען פאַר דער העכסטער מדרגה פון מענטשלעכע צו־געהעריקייטס־געפיל, לאָמיר עס אָנרופן: — אַ ל ־ ק אָ ס מ י ש ן.

אַ געפיל פון צוגעהעריקייט צו אַלע מענטשן, וואָס האָבן ווען עקזיסטירט, עקזיסטירן איצט און וואָס וועלן עקזיסטירן שפּעטער.

פון אַ וואָרעם צו אַ וועלט־גייסט!

אַ וואָרעם, — ווייל אַזוי לאַנג ווי אַ מענטש האַלט, אַז זיין לעבן ענדיקט זיך מיט זיין קבר איז ער בלויז אַ וואָרעם... האַלט ער זיך אומ־שטערבלעך — איז ער אַ וועלט־גייסט, דער צווייטער צו דעם בורא העולם אַליין.

געטהע האָט געזאָגט אַ טרייסט־וואָרט ביים קבר פון זיין איינ־ציקן זון:

„פאָרווערטס איבער די גרעבער".

דערלויב איך מיר צו זאָגן: ניט בלויז פאָרווערטס איבער די גרעבער, נאָר העכער איבער די גרעבער, אומענדלעך העכער און ליכטיקער!

טראַכט זיך אַריין אין דעם.

איך דאַנק אייך!

***

ווען איך האָב פאַרלאָזן דעם זאַל האָב איך ניט געהערט קיין אַפּלאָדיסמענטן. ס'איז געווען אַ טיפע שטילקייט, וואָס האָט געהאַלטן אַלע מענטשן אין שוויגן.

איך האָב עס געהאַלטן פאַר גוט. אַפּלאָדיסמענטן וואָלטן עס גע־מאַכט אויבערפלעכלעך, ענלעך צו דעם, ווי מען באַגלייט אַ שפּילער.

איך האָב געפילט, אַז דער בעסטער טייל פון מיין שליחות איז פאַרפילט און אַז איך בין גרייט זיך אומצוקערן.

די לעצטע ווערטער

ביי דער טיר, פירנדיק דרויסן איז געשטאַנען נאָראַ. זי האָט גע־וואַרט אויף מיר. אַזוי גיך ווי זי האָט מיך דערזען איז זי צוגעלאָפן צו מיר, האָט מיך אָנגענומען אונטער מיין אָרעם און מיר שטיל, אָבער אינטענסיוו אַ זאָג געטאָן:

„לעאָן, אָ, לעאָן, אייער זיג איבער זיי איז געווען אַ הערלעכס. לעאָן, וואַרט, זאָגט ניט קיין וואָרט... טוט, איך בעט אייך, וואָס איך וויל פון אייך, איר מוזט עס טאָן, פאָלגט וואָס איך זאָג... מיר וועלן באַלד נעמען אַ טעקסי, אָט איז איינע אָנגעקומען".

זי האָט געגעבן אַ צייכן צו דער טעקסי און מיך אַהין אַריינגע־פירט, און דעם אַדרעס אָנגעגעבן. אין אַ פופצן מינוט אַרום זיינען מיר געווען ביי איר הויז. זי האָט אין אַ נערוועזן שטייגער באַצאָלט דעם מאַן און האָט מיך מיטגעפירט, באַצווינגנדיק מיין אומווילקייט, דורך טרעפ און קאָרידאָר צו איר צימער. זי האָט געעפנט די טיר מיט אַ שליסל אָטעמענדיק קורץ מיט עפּעס אַ מין פאַרצווייפלטן באַשלוס. זי האָט אויך גיך אויסגעטאָן איר מאַנטל און הוט. גענומען מיין הוט פון מיר און מיין מאַנטל פון מיינע אַקסלען. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דעם האָט זי מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און אָנגעוויזן אויף אַ וואַנט:

„זעט, לעאָן, זעט"!

זי האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ בילד, וואָס איז געהאָנגען איבער דער סאָפע. אירע אויגן גרויס און פיבעריש, אָנגעשטעלט אויף מיר.

איך האָב באַלד דערקענט איינע פון מיינע בילדער פון דער גאַ־לעריי אויף דער זיבן־און־פופציקסטער גאַס.

„ווי אַזוי האָט איר עס געקראָגן, נאָראַ?", האָב איך זי געפרעגט, טיף גערירט.

„כ'האָב עס געקויפט. ס'איז מיר געפעלן געוואָרן. אויב איך קען אייך ניט האָבן, וויל איך כאָטש אייערס אַ ווערק".

„אָבער, קינד, ס׳איז געווען אָנגעמערקט מיט אַ גאַנץ היפּשן פּרייז.“

„דאָס האָט מיך ניט געקענט אָפּהאַלטן, איך האָב עס געוואָלט האָבן“.

„איך דאַנק איך, נאָראַ“.

האָט זי אויסגערעדט: „לעאָן, קושט מיך“.

און נישט וואַרטנדיק האָט זי מיך אַרומגענומען מיט אירע אָרעמס און מיך אָנגעהויבן קושן... ניט נאָר מיט אירע ליפּן נאָר מיט איר גאַנצן קערפּער צוגעטאָן ענג צו מיר. מיינע אָרעמס זיינען אויך געווען אַרום איר. די דינע זיידענע בלוזע האָט ניט אויסבאַהאַלטן איר גוף. איך האָב געקענט פילן די ליניען פון איר רוקן, די דעליקאַטע קאָנסטרוקציע פון איר רוקן־ביין. איך האָב זיך ניט געקענט באַהערשן און האָב גע־ענטפערט אירע קושן. מיין האַרץ האָט שטאַרק געשלאָגן און דער קאָפּ — פאַרוואָלקנט. פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ מין טעלעפאָן גע־קלאַנג, אָדער איז עס געווען אַ טיר קלאַנג, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ רוף.

מיין קאָפּ איז מיר קלאָר געוואָרן. איך בין צוריק געקומען צו מיינע חושים און האָב זיך פאַרזיכטיק באַפרייט פון איר.

„נאָראַ, טייערע, מען טאָר ניט. אויב איך טו עס, וועל איך קיינמאָל ניט קענען צוריקקומען. איך וועל קיינמאָל נישט געפינען מיין רו, נישט דאָ און נישט דאָרטן... נישט קיין רו און נישט קיין אָרט... איך מוז זיך צוריקקערן נאָראַ, איך מוז“.

***

אויף מיין וועג צוריק בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַ קליין שולעכל. האָב איך דערהערט דורך דער אָפענער טיר דעם געזאַנג פון אַ שחרית דאַווענען. איך בין אַריינגעטראָטן און פאַרנומען די ווערטער פון אַ מאָרגן־תפילה:

„אלהי, נשמה שנתת בי, טהורה היא...“

„אָ, מיין גאָט, די נשמה, וואָס דו האָסט מיר געגעבן איז ריין. דו האָסט זי אין מיר באַשאַפן, זי אין מיר געפאָרמט, זי אין מיר אַריינ־געאָטעמט. דו היטסט זי אָפּ אין מיר, וועסט זי אָפּנעמען פון מיר און זי מיר צוריקגעבן פאַר וויטער אייביקייט. אַזוי לאַנג ווי די נשמה איז אין

מיר, וועל איך דאַנקען דיר, אָ גאָט, מיין האַר, גאָט פון מיינע עלטערן, מייסטער פון אַלע מעשים, האַר פון אַלע נשמות..."

דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט אויף מיין וועג צוריק.